STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01667

IN MAME-LOSHN

Mordecai ben Hillel Hacohen

Permanent preservation of this book was made possible
by Fred Cohen
in memory of
Leon & Esther Cohen

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי בן הלל הכהן

אין מאַמע-לשון

(געקליבענע שריפטן)

ווילנע / 1935

Mordechaj ben Hillel Hakohen

„IN MAME-ŁOSZN"

(Pisma wybrane)

Wilno 1935

Printed in Poland

דרוק׳ פון די פראָד׳- און האַנדלס-קאָאָפּ׳, ווילנע, טראָקער 7

דאָס פּעקל געדרוקטע בלעטלעך — אַ פּאַפּירענע
מצבה צום אָנדענק פון מײַן טײַערער מוטער

רבקה בת רבי יעקב
וואַרהאַפטיג־לובלינער

געבאָרן תקפ״ז אין בריסק־דליטע
געשטאָרבן ב׳ אדר תרס״ט אין האָמעל.

תנצב״ה

אַ מתנה

פון

ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייִוואָ

ניו־יאָרק, [illegible]

מאַמע טײַערע,

אָט דאָס ביכל דרוק איך ניט צוליב כּבוד, ניט צוליב פּרנסה. קיין פּרנסה זוך איך ניט, און כּבוד איז בײַ מיר אַ גרויסער ספק, אויב דאָס וועט מיר געבן. איך דרוק דאָס ביסל יידישע שריפטן נאָר צוליב אַ זכּרון — דיר, מײַן טײַערע מאַמע. דאָס איז דאָך אויף דײַן לשון, אויף דעם לשון, וועלכן דו האָסט מיך געלערנט.

איך האָב דאָס לאַנג געדאַרפט טאָן, נאָר איצט איז שוין די לעצטע צײַט. איך בין שוין אַליין, איך, דײַן קלענסטער זון, האַלט בײַ „ערב יום־טוב“, ווען איך וועל קומען צו דיר...

אַ ליכטיקן גן־עדן זאָלסטו האָבן, מאַמע טײַערע!

ירושלים, דעם טאָג פון דײַן יאָרצײַט, תּרצ״ה

*

אין דעם איצטיקן באַנד שריפטן ווערן פאַרעפנטלעכט אין בוכפאָרם אַ טייל פון די פיל אַרטיקלען, פעליעטאָנען אד"גל וואָס דער מחבר האָט געדרוקט אין דער ייִדישער פרעסע („דער יוד", „דער פריינד", „דאָס לעבן", „די צוקונפט") במשך פון די יאָרן 1901—1927. אין אינהאַלט, וואָס איז צוגעגעבן צום סוף פון בוך, איז ביי יעדער זאַך געגעבן אָנגעגעבן ווי זי איז געווען געדרוקט פריִער.

ביים צונויפשטעלן די איצטיקע זאַמלונג האָט דער מחבר אויסגענוצט דעם פרעסע-אַרכיוו פון דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע.

מעשהלעך פון מײַנע אַמאָליקע יאָרן

א

„באַרימען זיך איז ניטאָ וואָס, — אַ מאָהליווער".

אַזוי האָט געענטפערט אַ סאָלדאַט, אַ מאָהליווער פויער, ווען אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אים געפרעגט פון וואַנען ער איז. אויך איך מוז אײַך זאָגן: באַרימען זיך איז ניטאָ מיט וואָס — איך בין אַ מאָהליוועד. אונדזער מאָהליוו־דניעפּער האָט זיך מיט גאָרניט אויסגעצייכנט. מען שמועסט שוין ניט: ווילנע, באַרדיטשעוו, ביאַליסטאָק — אַפילו גראָדנע, מינסק, בריסק זענען מער באַוווּסט אין דער וועלט ווי מײַן מאָהליוו. און ווען איר וועט טרעפן אַן אַלטן ספר, וואָס איז געדרוקט אין מײַן געבורט־שטאָט, שטייט דאָרטן געשריבן: מאָהליוו הסמוכה לשקלאָוו. שקלאָוו איז מער מפורסם ווי די גובערניע מאָהליוו. איז טאַקע גערעכט געווען מײַן עלטער־מומע עטקע, אַ ייִדענע ניט קיין גרויסע חכמה און ניט קיין קליינע טפּשה — אָט די, וועלכע האָט געשאָלטן דעם שדכן, ווען איר מאַן איז געשטאָרבן עטלעכע און זעכציק יאָר נאָך דער חתונה: — „מען האָט געמורמלט, האָט זי געזאָגט, דאָס דער חתן איז אַ שוואַכער אין געזונט. נאָר בערל דער ווײַסער, דער שדכן, קיין גוטער ייִד זאָל אים ניט קענען, האָט געשוואָרן בײַ באָרד און פּאות, אַז דער בחור איז אַ געזונטער. נו, נו, — מען שמײַסט אים, דעם ליגנער, גוט אין גיהנום". איז אָט די עלטער־מומע עטקע פלעגט

1) אין מאַמע־לשון.

שטענדיק מיט אונדז אַזוי טענהן און זאָגן, דאָס מאָהליוו איז ניט קיין שטאָט. „איר האָט דאָ — פלעגט זי זאָגן — אַ גובערנאַטאָר מיט מויערן; אָבער וואָס פאַר אַ בית־עולם איז דאָ בײַ אײַך? — קומט ער דען צום שקלאָוער, ווו עס ליגן גדולים: רבי הירש צייטעס, וכדומה...״

און אַ ביסל איז דאָס אמת. מאָהליוו איז ניט ליטע, אויך ניט אוקראַיִנע. — ווײַסרוסלאַנד. ווײַס? וואָס איז ווײַס? אויף ווײַסע פּאַפּיר קענט איר שרײַבן אַ ספר, אויך, להבדיל, אַ צעטל פון שמוציקע וועש. קיינע גרויסע לומדים זענען אין מאָהליוו ניט געווען. טאָמער וועט איר זאָגן: און רבי יחזקאל ראַטנער? וועל איך אײַך זאָגן, דאָס די בעסטע שאלת־תשובה זײַנע וועגן דעם אויב מען מעג מקדש זײַן דורך אַ שליח אַ אשה „בדרך השלישי״, האָט דער ווילנער צענזאָר אַרויסגעוואָרפן. ווילנע מיט אירע אַפּיקורסים האָבן ניט געוואָלט די תשובה דורכלאָזן אין דרוק. און די איבעריקע לומדים, חיים־יעקב לאַנדע אָדער שײַקע הירשקעס, זענען דאָך געווען איידעמס, דאָס הייסט, גענומענע פון אַנדערע מקומות. בײַ אונדז אין מאָהליוו זענען קיין מיוחסים אויך ניט געווען. ווען חיים שעפּע איז אויף אַ ווײַלע געוואָרן אַ נגיד, האָט ער געקויפט יחוס פון רבי חיים וואָלאָזשינערס משפחה. אים האָט נאָכגע־טאָן רפאל דער אײַזן־קרעמער, גענומען אויך אַן אייניקל — אַ לימענע, נאָר אַ ביסעלע אַ געפּוילטע... אייגענע מיוחסים זענען בײַ אונדז אין שטאָט ניט געווען.

גבירים זענען אין שטאָט יאָ געווען. נאָך דער קרימער מלחמה האָבן עטלעכע מאָהליווער באַקומען אַ שיין קאַפּיטאַל. הונדערטער טויזנטער רובלס. עס האָט אַפּילו אַ ביסל געשמעקט, שיר־שיר ניט געקומען צו „חד גדיא״, נאָר עס האָט געקאָסט אַ ביסל געלט, די רעדער האָט מען גוט געשמירט, און עס האָט זיך געענדיקט, דאָס זיי האָבן באַקומען מעדאַלן, געוואָרן ערן־בירגער, ווי אין פּסוק שטייט: הכסף יענה את הכל... קורץ, געלט איז געווען בײַ זיי, אויך בײַ אַנדערע אין שטאָט; נאָר לומדות, יחוס, גרויסע רבנים — זוכט דאָס אין אַנדערע שטעט. טאָמער ווילט איר השכלה, בילדונג, נײַמאָדישע זאַכן, — וועגן דעם וועל איך אײַך, אם ירצה השם, דערציילן שפּעטער, ווען דער רעדאַקטאָר

וועט וועלן דרוקן און איר וועט זיך ניט פוילן לעזן. אַלץ מיט אַ מאָל קען חלילה פאַרשאַטן. האָט צײַט.

ואַני הגבר, און איך אַליין, איז ווידער אַזוי: ניטאָ זיך מיט וואָס צו באַרימען. מײַן פאָטער — אַ ייִד אַ סוחר, געזעסן אַ יאָר דרײַסיק אין פעטערבורג, מיט וווינרעכט — אָן וווינרעכט, עס הענגט אָפּ, וואָס פאַר אַ דוואָרניק, אַ הויף-דינער, ס'איז געווען, געהאַנדלט מיט וואָס גאָט האָט געשיקט; געלערנט אַ בלאַט גמרא. אָבער — פעטערבורגער בערזע קומט אויס אָן אים, און קיין נײַעם מהרש"א האָט ער ניט געמאַכט. אַ גאַנץ שיינער ייִד. מײַן זיידע: אַ געוועזענער מאָסקווער סוחר, אַ בעל-טובה. געהערט עין-יעקב, מדרש, און פלעגט זאָגן אין אלול תיקוני זוהר. אויב ער האָט פאַרשטאַנען דעם זוהר-לשון — ווייס איך ניט, קיין גאַראַנטיע וועל איך אײַך ניט געבן. מײַן עלטער-זיידע, טאַקע דער, נאָך וועלכן איך בין אַ נאָמען, איז געשטאָרבן אַ יאָר פופציק אַלט, און וואָס ער איז געווען קען איך אײַך ניט זאָגן. ער איז געווען אַ בן-יחיד בײַ אַ נגיד אַ טאַטן, ליב געהאַט קלײַבן ספרים, און ווען עס איז געוואָרן חסידות אויף דער וועלט, איז ער געוואָרן אַ חסיד.

קורץ, מײַן משפחה און מײַן יחוס זענען אײַך שוין אַ ביסל באַקאַנט. ווילט איר דאָך אוודאי וויסן מײַן יחוס עצמי, וועגן מיר אַליין, איז דאָס ניט גאָר פויגלדיק. מען האָט מיך גערופן ייִנגלווײַז „מאָטקע שייגעץ". דעם צונעמעניש „שייגעץ" האָב איך געהאַט אויך שפּעטער, ווען איך בין געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה פון טרפה ביכלעך און צײַטונגען. אמת, איך האָב טאַקע ליב אַ קונדס-מעשה, אַ גלײַכווערטל, אַפילו שפּיציקע, אַ ביסעלע מיט פעפער און מיט זאַלץ. נאָר דאָך בין איך קיין שייגעץ ניט געווען. דאָס איז געווען מײַן עלטערער ברודער. דאָס פלעגט ער אויסברעכן אַלע שויבן אין די גאַסן-לאַמטערנעס צולהכעיס דעם פּאָליציייסקן, מיט וועלכן ער האָט שטענדיק געהאַט עפּעס חשבונות; דאָס פלעגט ער, מײַן ברודער לייבע, ציִען די גלעקלעך בײַ די טירן בײַ די דאָקטוירים אָדער סתם בײַ פּריצים, און ווען דער דינער מאַכט אויף די טיר, איז ער שוין אויף יענער זײַט גאַס; אָנקאָרמענען דעם הונט, טווירדי דעם גלחס הונט, מיט ברויט, אין וועלכן

עס איז געווען אָנגעקנאָטן קליינע שטיקלעך גלאָז, און דער הונט האָט אויסגעצויגן די פיס — דאָס איז אויך געווען מײַן לייבעס אַרבעט. און ווער פלעגט שבת פאַרטרײַבן די חזירים פון די מעל־קראָמען צו אונדז אין הויף, דערנאָך פאַרשפּאַרן דעם טויער און נאָכיאָגן זיך נאָך די חזירים, אויך ברענגען די פּײַערלעשער זיי זאָלן כאַפּן די חזירים — אויב ניט לייבע? און ווינטער, ווען אויף דעם דניעפּער איז געווען אַ פלאַץ צו גליטשן זיך, אַרומגערינגלט מיט בערגלעך פון שניי, אין וועלכע עס זענען געווען קליינע ביימלעך אַרײַנגעשטעלט און זונטאָג פלעגט דאָרטן מיליטער־מוזיק שפּילן, און מיר, יידישע יינגלעך, קוקן פון ווײַטן, אָבער אַהינצו, אינעווייניק אויף דעם גליטש פלעגן מיר ניט זוכה זײַן אַרײַנצוגיין. אַי וואָס, דיר ווילט זיך אויך גליטשן, — גיי זוך עפּעס אַ פאַרפאָרענע בלאָטקע, אָדער פּשוט, גיס אויס אַ פּאָמאָיניצע, און צומאָרגן וועסטו האָבן אַ גליטש. איז געווען דער מנהג בײַ מײַן לייבען צונויפצוקלײַבן שבת תּלמוד־תּורה־יינגלעך, צוזאָגן זיי פּאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס געקאָכטן באָב, אָדער אַ קוואַס־עפּל, און מיט דער כאַליאַסטרע פלעגט ער שטורעמען דעם גליטש אויף דעם דניעפּער. די בערגלעך שניי צעטרעטן, די ביימעלעך אײַנוואָרפן, — און וואָס קען מאַכן דער איינציקער פּאָליציאַנט מיט אַן עולם פון טעלעכע צענדלינג תּלמוד־תּורה־יינגלעך? מײַן לייבע שטייט זיך פון ווײַטן. ער קען ניט קומען אַהיים אָן אַ היטל. אָבער דאָס תּלמוד־תּורה־יינגל הערט ניט די וועלט. סײַ ווי סײַ שמײַסט דער משגיח זונטאָג אַלע יינגלעך: מסתּמא האָבן זיי דעם פּאָריקן שבת געזינדיקט.

קורץ, דער אמתער שייגעץ איז געווען מײַן ברודער. נאָר — „אַן עולם איז דאָך ניט קיין גולם“ און, ווי מען זאָגט, אַז מען קלינגט איז אַ חגא, און אויך איך האָב געהאַט אַ שם פאַר אַ שייגעץ. דאָס איז מיר געקומען פאַר מײַנע המצאהלעך, אויך אַ מין שקאָצערײַ. למשל, מיר יינגלעך, האָבן געהאַט אַ „חברה־ספרים“, קויפן ספרים פאַר אונדזער בית־המדרש. קיין גרויסע הכנסות האָבן מיר ניט געהאַט. קיין שליחים נאָך אַמעריקע האָבן מיר אויך ניט געשיקט, אַדרעסן־ביכער האָבן מיר ניט געקויפט, די גאַנצע הויפּט־הכנסה איז געווען פון וואָך־געלט,

יעדער יינגל האָט געצאָלט אַ קאָפּיקע אַ וואָך. גייט זײַט אַ בריה און קויפט דערפון אַ ש״ס מיט נאָך גרויסע ספרים. וואָס טוט מען? האָבן מיר אַרויפגעלייגט שטײַער אויף יאָרצײַטן. ווען בײַ איינעם איז יאָרצײַט — באַצאָלט אויך אין חברה־ספרים פינף אָדער צען קאָפּיקעס. אָבער פאַראַן דאָך אַזעלכע, וואָס פוילן זיך צו צאָלן, אָדער לייגן אָפּ אויף מנחה־צײַט, — מיט אַזעלכע פלעג איך, דער ראש החברה, שוין וויסן וואָס צו טאָן. בײַ דעם יידן ווערט פלוצלונג נעלם דער „של ראש“ פון זײַנע תפילין... פון אונטערן שטענדער, ווו דער יאָרצײַט האָט באַהאַלטן זײַנע בײדע קאַלאָשן, האָט מען איינעם צוגענומען... און ווען עס ווערט די מטבע, געפינט זיך אויך דער קאַלאָש, אויך דער צווייטער תפילין. איך פלעג נאָר אַ ווונק געבן מײַנע חברה־לײַט, און דער עסק פלעגט אַרויסגיין חד וחלק, קײַלעכדיק און שפּיציק. — אָדער ערב יום־כפור: עס איז דאָך טאַקע אַ האַרץ-ווייטאָג צו זען, ווי אין אַלע צדקה־טעלער אין בית־המדרש פאַר מנחה זענען דאָ זילבערנע מטבעות. עפּעס אַ ביקור־חולים, מתיר־אסורים און נאָך צעטלען קלײַבן רעכטע, זילבערנע מטבעות און אונדזער חברה־ספרים־טעלער קלײַבט עפּעס קופּערנע, אַלטע פּיאַטאַקעס, אָדער גאָר איינציקע קאָפּיקעס. בײַ די טעלער האָב איך געשטעלט מײַנע חברה־לײַט, יינגלעך ווי איך, סײַ בײַ די מאַנסביל, סײַ בײַ די ווײַבער; איך אַליין אינספּעקטיר, ווי די מלאָכה גייט. נו, פאַר־שטייען מײַנע יינגלעך וואָס דער פּסוק מיינט, און עס טרעפט, דאָס איינציקע זילבערנע מטבעות קריכן אַריבער פון אַנדערע, פרעמדע טעלער, אין דעם טעלער פון חברה־ספרים...

אָדער, כדומה למשל, אַזאַ מעשה.

תשעה־באב איז אויסגעקומען שבת. איז דאָך דער תענית אַ נדחה און די קינות זענען שבת־צו־נאַכטס. צו קינות, ווי באַוווּסט, באַדאַרף מען האָבן בערעלעך, שפּיציקע שישקעס, צו וואַרפן אין די בערד. ס׳איז שבת פאַר מנחה. בײַ דעם זיידן אין בית־המדרש לערנען יידן מדרש איכה. דער טאַטע מײַנער זיצט אויבן-אָן, אַרום טיש זיצט דער עולם און הערט מדרש. איך בין אין הויף, צוגערוקט זיך צום פאַרקאַן פון דעם גאָרטן. דער גאָרטן געהערט צו אונדזער שכן, אַ גוי, אַ שטיקל

פריץ. אין גאָרטן וואַקסט כּל־טוב, און כּדי מיר, יינגלעך־שקצים, זאָלן ניט קריכן אין גאָרטן, איז בײַ דעם פּאַרקאַן גאַנצע קוסטעס מיט שטעכעדיקע בערעלעך. איצט, פאַר תּשעה־באב, איז דווקא אָט דער מין סחורה, די בערעלעך, מיר נייטיק. איך האָב זיך אין גאַנצן אַרײַנגעטאָ אין די גערדיכטע קוסטעס. איך רײַס די בערעלעך און שפּאַר אָן די קעשענעס. און די סחורה איז פאַראַן אויף די קוסטעס נאָך און נאָך; אַ שנה טובה ומבורכת איז געווען אויף דעם סאָרט פּירות. און איך ליג, קריך נאָך טיפער און רײַס... מיט אַ מאָל — אײַ־אײַ־אײַ, מען רײַסט מיך פאַרן אויער... אַ שטאַרקע האַנט האָט מיך דערטאַפּט, געכאַפּט מײַן אויער — און רײַסט... מײַן עלטערער ברודער, שוין באַלד אַ בר־מצווה־בחור, האָט מיך אַפּנים נאָכגעשפּירט, געכאַפּט מיך טאַקע אויפן אָרט בשעת־מעשה, און מיט קולות: גוי, שבת־גוי! האָט ער מיך גענומען שלאָגן און רײַסן דעם אויער. וואָס טוט מען? וואָס זאָל איך טאָן בײַ אַזאַ געלעגנהייט? — איך האָב געשריִען, גענומען וואָיען. די קולות האָט דערהערט מײַן פאָטער אין בית־המדרש, — ס'איז זומער, די פענצטער זענען אָפן און מײַן געוויין איז געווען הילכיק. דער טאַטע איז צו צום פענצטער, געזאָגט דעם ברודער ער זאָל מיך אָפּלאָזן און געהייסן אונדז ביידן אַרויף אין בית־המדרש.

בתּופים ובמחולות בין איך אַרײַן אין בית־המדרש. מײַן פּראָקוראָר, דער ברודער, האָט דערציילט די מעשה, ווי ער האָט מיך געכאַפּט טאַקע אויפן אָרט. די ביידע קעשענעס זענען פול אָנגעשטאָפּט מיט דער סחורה — שוואַרץ אויף ווײַס די עבירה פאַרשריבן.

— נו? — האָט זיך ווער פון עולם אַ קער געטאָן צו מיר — אַ חומש־יינגל, ביסט מחלל שבת.

— איך האָב ניט מחלל שבת געווען — האָב איך שטאַרק געזאָגט.

מײַן פאָטער האָט פײַנט געהאַט ליגנס. ער האָט גערעכנט, דאָס איך וועל אָפּלייקענען די מעשה. האָט ער מיך געפרעגט: וואָס, דו האָסט ניט געריסן

— איך האָב געריסן, נאָר איך מעג — האָב איך געזאָגט.

— דו מעגסט? — האָט אַ זאָג געטאָן מײַן פעטער סענדער־

חיים, אַ ייִד אַ כּעסן, מײַנער אַ שטענדיקער קעגנער; אייביק געבייזערט זיך, געוואָרפן אויף אונדז אַ מרה־שחורה, כאָטש קיינמאָל קיין גוט וואָרט ניט געזאָגט, — דו מעגסט? וואָס איז, דו ביסט אַ גוי?

— איך האָב געזאָגט „אַתּה חוננתּנו"... — מעג איך.

דער עולם אַרום טיש האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. אַפילו דער בייזער פעטער סענדער־חיים האָט אויך אַ שמייכל געטאָן.

—דו האָסט געזאָגט „אַתּה חוננתּנו"?— פרעגט דער טאַטע גאַנץ ערנסט.

— יאָ, צו מוסף, הײַנט אין דער פרי.

דער געלעכטער אַרום טיש איז געוואָרן נאָך הילכיקער. נאָר איך האָב רויִק דערקלערט, דאָס צום דאַוונען, ווען מיר האָבן, ווי דער שטייגער איז, געשפילט צום לייענען, האָב איך אָנגעזאָגט אַלע ייִנגלעך מען זאָל זאָגן אין מוסף „אַתּה חוננתּנו", כּדי מיר זאָלן קענען בײַטאָג רײַסן בערעלעך. די געניטקייט, דאָס „אַתּה חוננתּנו" איז אַ סגולה, האָב איך באַקומען פון אונדזער שמש, זלמן דעם יון. ווען בײַ דעם זיידנס טיש זיצט מען שפעט און מען זאָגט תּורה, פלעגט זלמן דער יון דער־לאַנגען ליכט. און ווען מיר ייִנגלעך, פלעגן אים רופן דערפאַר: שבת־גוי, דאַן האָט ער אונדז אָפּגעשטופּט און געזאָגט: אַוועק, איך האָב געזאָגט „אַתּה חוננתּנו". נו, האָב איך זיך אויסגענוצט מיט דער סגולה. און מײַן טאַטע האָט מיר געגעבן גערעכט!...

המצאהלעך, שפּיצלעך, היטערפיסלעך — אויף די זאַכן בין איך געווען אַ בעלן. איך האָב דאָס ליב געהאַט אויך שפּעטער, אַז איך בין עלטער געוואָרן אַפילו, אַפילו ווען אין דער באָרד האָבן זיך פאַרפּירט ווײַסע האָר. לאָז זיך נאָר מאַכן, בין איך אויך היום הזה מוכן ומזומן אויף אַ רעכטן שפּיצל. נו, רופט מען מיך טאַקע: שייגעץ, נאָר — דאָס איז אומזיסט. איך בין אַ כּשר וישר, גאָט די נשמה שולדיק. גלייבט ניט וואָס מע רופט מיך. „מע איז אַ ציג", פלעגט זאָגן מײַן מומע פערע, און זי איז דאָך געווען אַ ייִדענע אַ חכמה.

ב

ווי איך פאַרשטיי, זענען מײַנע מעשהלעך אײַך ניט שטאַרק געפעלן. אײַך וואָלט זיך וועלן וויסן ניט דאָס בית-המדרש־לעבן, פון וועלכן מיר זענען דאָך זייער ווײַט און וועלכער איז אײַך שוין גאַנץ פרעמד. אײַך אינטערעסירט געוויס די באַוועגונג פון „השכלה", ווי אַזוי האָבן זיך ייִדן אָנגעהויבן בילדן, לערנען גויִיש, לייענען טרפה־פסול, אַפּיקורסישע ביכלעך, און אויך אין די גימנאַזיעס אַוועקגעגעבן זייערע קינדער. באמת געזאָגט, אַקוראַט די מעשיות געדענק איך ניט. ניט איך, ניט עלטערע פון מיר זענען אין די שקאָלעס־גימנאַזיעס געגאַנגען. פון סאָלדאַטן זענען מיר געווען פטור — דער זיידע האָט געצאָלט גילדיע פאַר דער גאַנצער פאַמיליע און ביז 1874 זענען מיר געווען פרײַ; — הײַנט ווען ניט סאָלדאַטן, צו וואָס באַדאַרף מען די בילדונג מיט די גימנאַזיעס? אײַ וואָס, מעניע אידלסאָן האָט זײַנע ייִנגלעך אַוועקגעגעבן אין גימנאַזיע, — איז ער דאָך דערויף מעניע אידלסאָן.— ער האָט זײַן מויער אין שקלאָוער גאַס געבויט אום שבתים אויך, און מען האָט אים טאַקע פאַרשריבן אין „קבורת חמור", און חיים־זלמן האָט געכאַפּט, זאָגט מען, אַ גראָבע מטבע, כדי אויסצומעקן דאָס פון פנקס. טאָמער וועט איר זאָגן: האַרקאַווי, אַהרן האַרקאַווי, וואָס האָט זײַנע בנים אָנגעטאָן מונדירן, געשיקט זיי אין גימנאַזיע? איז, ראשית, איז דאָך דאָס האַרקאַווי, ניט אַ מאָהליוּוער; געקומען פון אַרום ווילנע, אַפילו געווען אַ שייכות צו דעם אמתן ווילנער האַרקאַווי, אַ פאָטער פון דער אַלמנה ראָם, ווו עס האָבן זיך געדרוקט די שיינע ביכלעך מיט די ראָמאַנען. דאָס איז אײַך — ראשית. והשנית, האָט דאָך האַרקאַווי געהאַט אַ ווײַן-קעלער, פאַרקויפט טרפהן ווײַן, געהאַנדלט מיט פריצים, אַליין געלייענט צײַטונגען, דאַוונען געגאַנגען נאָר שבת, — אויך מיר אַ ייִד!... מיר אמתע ייִדן האָבן פון בילדונג ניט געוווּסט, ביכלעך ניט געלייענט, צו שקאָלעס מיט גימנאַזיעס קיין שייכות ניט געהאַט.

ייִדישע גימנאַזיסטן זענען געווען עטלעכע, נאָר דאָס זענען ניט געווען קיין בעלי־בתּישע קינדער. אַקסעלראָד*,— אויך מיר אַ מענטש. דער טאַטע איז געווען ערגעץ אין אַ קראָם,— נו, וואָס זאָל ער טאָן מיט זײַן זונדל? אָדער — די צוויי ברידער לעווגטאַל. זייער פאָטער איז געווען אַ לערער אין דער רעגירונגס־שול, געקומען זיך צו שלעפּן צו אונדז פון דער ליטע. אַליין איז ער געגאַנגען מיט אַ געשוירן בערדל, כמעט ווי געגאָלט, — איז דאָס אַ מהות, מיט וועלכן מען קען זיך רעכענען? אָדער — ניימאַרק. דער טאַטע אַ שענקער, די שטיף־מאַמע האָט אים אַרויסגעטריבן פון שטוב, איז ער אַרײַן אין שקאָלע. און עס איז געווען אַ סברא, אַז דער שיינער בחור האָט זיך פלייסיק געמאַכט בײַ דעם סמאָטריטל, פשוט בײַ אַ גוי, און דער תכשיט איז דערנאָך אויך געוואָרן אַ גימנאַזיסט. ניט איך, ניט מײַן גלײַכן האָבן געהאַט צו טאָן מיט די חברה־לייט, און ניט נאָר ייִנגלעך, נאָר אַפילו די מיידלעך. פלעגט מען בעסער נעמען גויִשע שיקסעס, גוווערנאַנטקעס, פאַר לערערינס, אַבי ניט אַ גימנאַזיסט אַ ייִדישן.

בכלל באַדאַרפט איר וויסן, דאָס די שטאָט, די אמתע שטאָט מאָהליוו, דאָס הייסט די גאַנצע שול־הויף־געגנט, די אַלע גאַסן, ניט געברוקירטע, קליינע און קרומע, וועלכע זענען געלעגן בײַ דעם קליינעם טײַכל דובראָווענקאָ, — די שטאָט איז ניט שייך געווען לחלוטין צו „השכלה", צו די אַלע נײַיִקייטן, צו שקאָלעס. „תנ"ך" „בית־המדרש"' „תהלים־בית־המדרש", „זריזין" און „ותיקין" — אָט די אַלע אַלטע גרויסע בתּי־מדרשים האָבן אַפילו ניט געוווּסט פון די נײַע מאָדעס, און זיי האָבן זיך געפירט דעם אַלטן לעבן. „השכלה" האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן אין די הויכע פענצטער, אין די מויערן, וועלכע שטייען און פאַר־רײַסן זייערע דעכער אין די שיינע, ברייטע, געפלאַסטערטע גאַסן, וואָס ציִען זיך פון דעם גובערנאַטאָרס הויז און פאַרקריכן העט ווײַט ביז נאָך דעם נײַעם מאַרק. איינע הייסט שקלאָווער גאַס, — דאָס הייסט דעמאָלט, מיט זעכציק יאָר צוריק, האָט זי אַזוי געהייסן — און די צווייטע

* פּאַוועל אַקסעלראָד.

איז געווען „וועטרעני גאַס“. איז די שקלאָווער גאַס געווען „כּלו זכּאי“ כמעט דורך אַ כשרע. מיין זיידנס בית-המדרש איז אויך געווען אין דער גאַס. אמת טאַקע, אויף דער גאַס איז געווען זימל חפצס בית-המדרש. זימל חפץ, דאָס איז דער זיידע פון יעקב מזא״ה, דער מאָסקווער ראַבינער. אין דעם בית-המדרש זענען געווען אַזעלכע, ס׳איז אפשר ניט כּדאַי וועגן זיי צו ריידן. מען האָט געמורמלט אויף רבי זימלען אַליין, דאָס ער איז געווען געכאַפּט אין „דעות נפסדות“, צופיל גוט-פריינד געווען מיטן „מורה נבוכים“, „בחינת עולם“ און כּדומה חקירה-ספרים. צווישן אונדז געזאָגט, איז אפילו מיט רבי חיימקע דעם מורה-הוראהס, וועלכער האָט אויך דאָרטן געדאַוונט, ניט געווען גאָר גלאַט, זי אַליין, דאָס הייסט, זיין פלונית, די קומענדיקע רביצין, האָט געטראָגן אַ שיניאָן אין די האָר, און אירע טעכטער — שאַ, קיינער זאָל ניט וויסן — אַפילו טורניורן. איר, לעזער, ווייסט אַפילו ניט, וואָס איז דאָס אַ שיניאָן אָדער אַ טורניור, אָבער דעמאָלט, אין די זעכציקסטע יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט, איז דאָס געווען פיש-פיש... שפּיץ מאָדערן. — ביי זימל חפץ אין בית-המדרש האָט מען זיך דערלויבט אַפילו נייסן אַריינצופירן. צו דער תורה האָט מען ניט אויפגערופן כהן דעם בעל-עגלה אָדער מענדל דעם שניידער, נאָר רבי חיימקען — כלומרשט: אין כאן כהן; און איך געדענק, דאָס צו ברכת-כהנים האָט דער בעל-עגלה מיט דעם שניידער געמאַכט אַ שטריַיק, ניט געגאַנגען דוכנען, און דער עולם דאָרטן איז נעבעך געקומען צו אונדז הערן ברכת-כהנים. קורץ, ביי זימל חפץ איז געווען חקירה, שוואַרצע פילאָסאָפיע, — אָבער פון השכלה, בילדונג-שמילדונג מיט גוייִשע ביכלעך, גאַנץ וויַיט.

גאַנץ אַנדערש איז געווען אויף דער צווייטער, אויף „וועטרעני גאַס“: דאָרטן איז געווען פריילעך. מען רעדט שוין ניט וועגן צוקערמאַנס גרויסער שול, איבערגעבויט פון אַ יעזויִטישער קירכע כמעט ווי אַ כאָר-שול. איך רייד וועגן דעם גייסט, וועגן די נייַע ווינטן, וועלכע האָבן דאָרטן געבלאָזן. אָט נעמט למשל לוריעס בית-המדרש, מען האָט דאָך דעם קעלמער מגיד ניט געלאָזן דרשענען דאָרט צום צווייטן מאָל. אין אַ קליין ווינקעלע, אַרום דער פאָסט-געביידע, האָט איר דאָרטן געהאַט

אי באַדאַנע הורעוויטש, אי האַרקאַווי, אי הירשע באַרוכינס טעכטער.. איַך איז ווייניק? ביַי באַדאַנען אין שטוב עסט מען אָן געוואַשן, דאָרט איז אַ מאָל צו מיטאָג אויך מאַנדעלשטאַם דער דאָקטאָר, אַ משומד; וועגן האַרקאַווין ווייסט איר דאָך שוין אַ ביסל; און באַרוכינס טעכטער — אַ רחמנות אויף זייער זיידן — האָבן חתונה געהאַט מיט דאָקטוירים. און טאָמער איז דאָס איַך ניט גענוג, קען איך איַך דערציילן, דאָס וועגן אונדזערע בחורים זענען אַנטלאָפן שטודירן האָט מען זיי צוגעגרייט וועש און קליידער ביַי הירשע באַרוכין אין שטוב, דורך די טעכטערלעך, וועלכע האָבן אַריַנגעכאַפּט די מצווה...

יאָ, וועגן די אַנטלאָפענע בחורים איז כּדאַי איַך צו דערציילן אַ ביסעלע בפּרטיות.

די מעשה איז געווען „נעכטן" — עפּעס אַ יאָר זעכציק צוריק. איך האָב דאָס געהערט ביַי אונדז אין בית־המדרש. מען האָט דערציילט, אַז ביַינאַכט זענען פיר בחורים אַנטלאָפן קיין זשיטאָמיר שטודירן אין ראַבינער־שול. פיר בחורים, — און וועלכע! — פון סאַמע עפּל־קוואַס, שפּיץ יחוס. לייזער צוקערמאַן — און דאָס ניט נאָר שמערל צוקערמאַנס אַ פּלימעניק, נאָר אויך, פאַרשטייט איר מיך, דעם גרויסן שמערל לוריעס אַן אייניקל. און דאָס איז לייזער צוקערמאַן, לייזער די מומע פייגעס — ניט לייזער לוריע, די מומע מירעס. לייזער לוריע איז אַ געוויינטלעכער בחור, מיט געפּוצטע שטיוול, מיט אַ וויַסער מאַנישקע, — גאָרניט. אָבער לייזער צוקערמאַן איז געווען אַ שם־דבר, געקענט שריַבן מליצה, אַפילו אויף פּראָסט יידיש ווען ער פלעגט עפּעס אויפשריַבן, איז געווען וואָס צו לייענען. לייזער צוקערמאַן איז געווען אַ בחור, וועלכער איז ניט געלעגן אין נאַרישקייט, אין פּראַנטעוועז, נאָר אַ בחור, וואָס האָט טאַקע געלערנט אין תּוך אַריין. דער צווייטער איז געווען משה־אַהרן, הירש עזריאלס בן־יחיד. משה־אַרקע איז געווען דער בעסטער, דער גע־ראָטנסטער בחור אין שטאָט. הירש עזריאלס האָט גענומען פּאַר אַן איידעם שיַיקע דעם בטלנס. אָט דער שיַיקע איז געווען כּמעט דער גרעסטער למדן אין שטאָט. דער מלבי"ם האָט אים מצרף געווען צו זיַן בית־דין. בסוף ימיו איז ער געווען רב אין כאַרקאָוו. דאָך פלעגט הירש עזריאלס

זיך מער באַרימען מיט זײַן בן-יחיד, מיט משה-אַרקען, ווי מיט דעם איידעם. און איך זאָג אײַך, ס'איז געווען מיט וועמען צו באַרימען זיך. מיר דוכט זיך, אַז דער משה-אַרקע איז דערנאָך ערגעץ אַ דאָקטאָר געוואָרן, און שטעקט אָדער האָט געשטעקט ערגעץ-ווו אין אַמעריקע. אַ דריטער בחור איז געווען לייבעצקע ווילענקין. אים האָט מען ווייניק געקענט אין שטאָט. די באָבע זײַנע, אָדל האָלאָוטשינער, איז געווען באַוווּסט פאַר אַ יידענע אַ שטיקל גבירטע, וועלכע האָט געטראָגן די הויזן. דאָס הייסט, אַ בחור פון שיינעם שטאָט, אָבער זײַן יחוס עצמו איז געווען שוואַך. צו די דרײַ איז צוגעשטאַנען נאָך איינער, וועלכער איז געווען אַפּנים דער גאַנצער אויפפירער פון דער געשיכטע, אַ פּשוטער בשר-ודם, איך געדענק אַפילו זיין כשרן נאָמען ניט.

און — ויברח! בײַנאַכט איז מען אַנטלאָפן און אויף מאָרגן האָט מען זיך געכאַפּט, דאָס הילד איננו — ניטאָ די בחורים. די עלטערן האָבן גענומען שיקן טעלעגראַמעס אין די נאָענטע שטעט. מען האָט זיך געשעמט אויפצוהייבן די אויגן, גלײַך לײַטן אין פּנים אַרײַן קוקן. אין די בתי-מדרשים האָט מען געשלײַפט גוט די צינגער:

— מסתמא זענען זיי אַנטלאָפן מיט מיידלעך.

— מען זאָגט, דאָס בײַ הירש עזריאלס איז נעלם געוואָרן אַ רעכטע סומע.

— בײַ פייגע חנהקעס, לייזערס מאַמע, איז תשעה-באב אין שטוב.

— עס וועלן זײַן שטילע חתונות.

— בריתן צו זעקס חדשים.

— מיט מזל און מיט גליק.

— פּאָליציי זוכט זיי. מען וועט זיי כאַפּן.

און מען האָט זיי געכאַפּט אין האָמלע. דאָרט האָט געוווינט אַ קרוב פון די לוריעס, אַן איידעם, און ער האָט דאָס פּעקל דערטאַפּט און האָט אים אויפגעהאַלטן. לייזער צוקערמאַן און משה-אַרקען האָט מען געבראַכט צוריק, וועגן די אַנדערע צוויי בחורימלעך האָט מען זיך ווייניקער געקימערט — אַפילו זייערע עלטערן אויך ניט.

קענט איר דאָך אפשר מיינען, דאָס די בחורים אונדזערע האָבן זיך געשעמט, — האָט איר אַ גרויסן טעות. ממש פאַרקערט: זיי, אָט דער לייזער צוקערמאַן, און משה-אַרקע אַהרנזאָן (איך האָב פאַרגעסן אײַך אָנצורופן זײַן פאַמיליע-נאָמען) זענען זיך אַרומגעגאַנגען קוממיותדיק, גלײַך ווי זיי האָבן עפּעס גוט געדרשנט. און זייערע עלטערן,—די האָבן זיך גענומען שטאַרקער פאַר שידוכים פאַר זייער שלעכט-אויסגעבראַכטער סחורה. די שדכנים האָבן באַקומען עטלעכע רובל אַוואַנסן, כלומרשט אויף פּאָסט-מאַרקעס, כּדי מען זאָל די חברה-לײַט פּאַרקנסן. — איז נאָך אַ ביסל נדן, איז מיט עטלעכע מדרגות אַרונטער, לאָז זײַן ווייניקער יחוס, — נאָר אַבי חתונה מאַכן זיי. אויך אונדזערע העלדן האָבן זיך געלאָזט אײַנשמועסן. אַ בעל-הביתל נאָך דער חתונה באַקומט געוויסע רעכט, פרײַהייט, ניט אַזוי אָפּהענגיק פון טאַטע-מאַמע. אויך אין געלט-זאַכן האָט אַ יונגערמאַנטשיק אַנדערע רעכט. דער נדן ליגט דאָך אײַנגע-לייגט אויף זײַן נאָמען, און אין אַ נויט ווערט געלט ווען מען דאַרף. אונדזער לייזער צוקערמאַן האָט חתונה געהאַט פון פּעטערבורג. ער האָט נעבעך טרויעריק געענדיקט זײַן לעבן. אַלס סאָציאַליסט האָט ער גע-אַרבעט אין אַ געהיימער דרוקערײַ, פאַרשיקט געוואָרן אויף קאַטאָרגע און דאָרטן זיך דערטרונקען. משה-אַהרן אַהרנזאָן, ווי געזאָגט, איז אַ דאָקטאָר געוואָרן און לעבט נאָך אפשר עד היום הזה אין אַמעריקע. אַך, אַ טײַערער יונגערמאַן געווען!..

און איר זאָלט ניט מיינען, דאָס מיט די בחורים האָט זיך די סדרה ויברח געענדיקט. עס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. עס האָבן גע-נומען אַנטלויפן מיידלעך, בחורטעס. עס איז אַנטלאָפן מלכּה כּהנס טאָכטער. ווער איז די מלכּה כּהן? אַז איך וועל אײַך זאָגן אַברהמ-דודס פרוי, אַ באַוווּסטע שניט-קרעמערין, איז דאָס ווייניק פאַר אײַך. מלכּה איז געווען רבי דוד ביכעווערס אַ טאָכטער. דאַכט זיך גענוג,— און איר מיידל האָט געמאַכט די פליטה גלײַך קיין פּעטערבורג. איר קענט זיך פאָרשטעלן, וועלכע לײַטישע רייד ס'איז געווען, ווען אַ יונג מיידל ווערט מיטאַמאָל נעלם... וועגן שידוכים מיט אַזאַ מין סחורה איז שוין ניטאָ וואָס צו שמועסן... נאָר גאָט האָט געטאָן אַ נס.

און פּאָליציי האָט זי פון פּעטערבורג באַלד אַרויסגעשיקט אַלס אַ יידישקע, און אירער אַ קוזין האָט מיט איר חתונה געהאַט.

די בחורים מיט דעם מיידל האָבן דורכגעבראָכן אַ וועג. נאָך זיי, אַ ביסל שפּעטער, אין אָנהייב פון די זיבעציקער יאָרן, האָט מען אויפגעהערט צו אַנטלויפן שטודירן. מען איז געפאָרן לערנען זיך. ניט ביי הירש באַרוכין אין שטוב, נאָר די אייגענע מוטער פלעגט צוגרייטן וועש אויפן וועג דעם זון אָדער דער טאָכטער; דער פאָטער פלעגט שוין אַליין כאַפּן אַ שמועס מיטן „ראַווין" וועגן מעטריקעס מאַכן, — אמתע מעטריקעס, פאַרשריבענע אין די ביכער, האָט כמעט קיינער ניט געהאַט, — ס'איז געוואָרן אַ נייע וועלט... און אַזוי וויי‏טער, און אַזוי וויי‏טער. און בעלי-בתּים, גאַנץ פיינע יידן, האָבן אָנגעהויבן געבן זייערע קינדער אין דער היימישער גימנאַזיע. פון אָנהייב נאָר די טעכטער, די מיידלעך — ס'אַ דאַגה, זאָלן זיי זיך לערנען, — אָבער באַלד טאַקע זיינען די יינגלעך, זייערע ברידער, אויך אַוועק. און אַ מונדיר פון אַ גימנאַזיסט מיט זילבערנע קנעפּלעך איז געוואָרן אַ שטיקל פריץ, עפּעס אַ יחוס צווישן אונדז בחורים.

און דאָס איז געוואָרן נאָך איידער די „נייע סיסטעם", די אַלגעמיינע מיליטער־פליכט, איז געוואָרן. ווי געזאָגט, עס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן נייע ווינטן...

ג

איך האָב אייך דערציילט מעשהלעך וועגן השכלה, וועגן גבירים און מיוחסים פון מיין שטאָט מאָהליוו; נאָר אייגנטלעך איז די שטאָט מיינע ווי אייערע, וואָרעם איך האָב די שטאָט גאַנץ ווייניק געקענט. איך בין כמעט אין דער זעלבער לאַגע, ווי דער ווילנער „בעל־עצה". איר האָט אפשר געהערט דעם אַנעקדאָט מיט אים, און טאָמער ניט, איז כדאַי אייך צו הערן. אַ ווילנער איז געבאָרן אויפן שול־הויף; אַ צוזייגערין (די מאַמע האָט נעבעך קיין מילך ניט געהאַט) — אויפן שול־הויף; אויפגעוואַקסן—אויפן שול־הויף; אין חדר, אין תּלמוד־תּורה — אויפן

שול-הויף; דערנאָך געלערנט אין דער ישיבה, אין קלויז — אויפן שול-הויף; חתונה געהאַט מיט דעם אונטער-שמשס טאָכטער — אויפן שול-הויף; געמאַכט אַ קרעמל — אויפן שול-הויף, און טאַקע באַלד פאַרלאָרן דאָרטן דעם נדן, די עטלעכע צענדליקער רובל; געוואָרן אַ מלמד אויפן שול-הויף און אָפּגעקנעלט אַזוי דאָרטן דרײַסיק-פערציק יאָר, און ווען ער איז געוואָרן אַלט, און צו אים איז געקומען פון שניפּישאָק אָדער פון קעלי-שאָק אַ קרוב פרעגן אַן עצה וועגן אַ שידוך, אָדער וועגן אַ פּריזיוו, אָדער ווי פאָרט מען קיין אַמעריקע, — זאָגט ער צו אים: רבי קרוב, איר זײַט דאָך אַ ווילנער, אַ גרויס-שטאָטיקער, דאָך געזען אַ וועלט, טאָ גיט מיר אַן עצה, איר זײַט דאָך דער אמתער בעל-עצה. אָט דאָס זעלבע איז דאָ בײַ מיר אין מאָהליוו. געבאָרן בין איך בײַ מײַן זיידן אין הויף, דאָרטן זענען געווען אַלע מײַנע חדרים, פון הויף כמעט ניט אַרויסגעגאַנגען; אין הויף איז געווען דער בית-המדרש, אויפן הויף האָבן מיר געשפּילט זומער אין פערדלעך און ווינטער זיך געגליטשט; אויפן הויף האָט געוווינט ביינוש דער מוכר-ספרים, בײַ וועמען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען דעם „המגיד“, אַ לשון-קודשדיק בּיכל, — און באמת האָב איך די גאַנצע „פּני“ פון מאָהליוו ניט געזען, ניט געקענט. על כּן, אויב איר ווילט יאָ הערן מעשהלעך פון אַמאָליקע יאָרן — איז נאָר פון דעם זיידנס הויף.

און דעם זיידנס הויף איז געווען ניט קיין קליינער. אין שבת-ראש-חודש, ווען מען מאַכט צוויי קוגלען: איינעם אַ לאָקשענעם צוליב שבת און איינעם אַ זיסן לכבוד ראש-חודש, פלעגט זײַן אין הויף אַ צוואַנציק-דרײַסיק קוגלען, און צײַטנווײַז כמעט אַ דוחק אין טשאָרלעס, אָט די טעפּלעך, וועלכע זענען אונטן שמאָל און אויבן ברייט. מײַן זיידנס סוכה האָט געהאַט אַ שם, און ס'איז אַ וווּנדער וואָס איר האָט ניט געהערט פון איר. מען פלעגט צו יעדער סעודה בענטשן מיט אַ מנין. אין הויף האָבן געוווינט, אויסער דעם זיידנס קינדער מיט באַווײַבטע אייניקלעך, אַ סך שכנים פון כּל-המינים. געווען בעלי-בתּים, אויך געווען קבצנים, וואָס ווען מען כאַפּט זיך ניט, בלײַבן זיי אָן חלה אויף שבת; האָט צײַט און געדולד, וועל איך אײַך, אם ירצה השם, באַקאַנט מאַכן

מיט אַלעמען. און ס'איז פֿאַראַן מיט וועמען זיך צו באַקענען. נאָר דערווײַל, ווי אין פּסוק שטייט: בגדול החל, הייב איך אָן פֿון די גרויסע, די גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין הויף בײַ אונדז זענען געווען, צווישן די שכנים, ביינוש דער מוכר-ספרים און משה סקאָראָכאָד. פֿאַרשפּילעט זיך די קנעפּלעך און מאַכט צורעכט אײַער האַלדזטוך — איך וועל זיי אײַך פֿאָרשטעלן.

וועגן ביינוש דעם מוכר-ספרים האָב איך אַ סך ניט צו ריידן. גענוג פֿאַר אײַך צו וויסן, אַז ער איז געווען דער איינציקער מתנגד דאָ בײַ אונדז אין חסידישן הויף, און נאָך וואָס פֿאַר אַ חסידישן! — צו מײַן זיידן פֿלעגן פֿאַרפֿאָרן גוטע-ייִדן, רביים הייסט עס, און בײַ דעם זעלבן זיידן פֿלעגט מען יעדן שבת „פּראַווען אַ טיש“, דאָס הייסט: זאָגן חסידות, זינגען זמירות, עסן שלוש-סעודות — ווינטערדיקע שבתים עפּעס צובײַסן, און זומערדיקע אַ גאַנץ היפּשע מילכיקע סעודה; לחם משנה, צוויי קליינע חלות, האָט יעדער געהאַט, און ווייניקער ווי אַ מנין זענען קיין מאָל צום טיש ניט געגאַנגען. איז אָט אין אַזאַ חסידישן הויף זײַן איין-איינציקער מתנגד אין פֿאַרלויף פֿון „צענדליקער יאָרן איז ניט קיין קלייניקייט. מען האָט געדאַרפֿט זײַן אַ גוטער עקשן, אַ בן עם קשה-עורף, אַ טרוקענער מתנגד, גיין אין אַזאַ הויף שלאָפֿן אין סוכּה, אָט אַלעמען אויף צו להכעיס. מען פֿלעגט מורמלען, דאָס ר' ביינוש פֿלעגט פּסח צום סדר לייגן נאָר צוויי מצות, ניט דרײַ, ווײַל דער ווילנער גאון הייסט אַזוי. מיר קונדסים פֿלעגן אין סוכּה בײַנאַכט אַרײַנלאָזן די ציג, גיסן דורך דעם סכך אומריינע וואַסער, — נאָר דער האַרטער מתנגד ליגט און שלאָפֿט ווײַטער. זײַן מסחר איז געווען ספרים און זײַנע קונדן זענען געווען איבערהויפּט קליינשטעטלדיקע רבנים און יונגעלײַטלעך, בעלי-ביתלעך, וועלכע עסן קעסט און האָבן אַ יצר-הרע צו קלײַבן ספרים. בײַ אַ קליינשטעטלדיקן רבֿ איז דאָס געלט אויף אַ ספֿר, צווישן אונדז גערעדט, אַביסל ווי געגנבעט, פֿאַרלייקנט פֿון דער רביצין פֿון פּסק-געלט אָדער פֿון רגל-געלט, וואָס אַ בעל-הבית שיקט דעם רבֿ אויף יום-טובֿ, מען טאָר אפֿילו ניט זאָגן, דאָס אַ רבֿ גנבֿעט, נאָר איר דאַרפֿט וויסן, אַז דער ערלעכסטער רבֿ קען גנבֿענען

אַ פּשטל פון אַ ספר, אָט אַזוי ווי אַ גאַנץ ערלעכער בעל־עגלה איז חשוד אויף אַ פּרעמדן בײַטש־שטעקל, אָדער ווי אַן ערלעכע בעל־הביתטע אויף אַ פישעלע אין מאַרק ערב יום־טוב, ווען די גזלנים, די פישער, מאַכן יד־אחת און הייבן אויף דעם פּרײַז. די צווייטע קונים אויף ספרים זענען געווען, ווי געזאָגט, איידימס, יונגע בעלי־ביתלעך. מען זיצט אויף קעסט, גרויסע דאגות איז נאָך ניטאָ, און ס'איז פאַראַן אַ תאווה צום מלבימס תנ"ך, צו אַ נײַער שאלות־תשובה, צו אַ חקירה־ספר. רעדט מען זיך דורך מיט ר' ביינושן און מען גיט אַ צעטל צו דעם שליש, בײַ וועמען עס איז אײַנגעלייגט דער נדן; נישקשה, ער וועט באַצאָלן פון דעם פּראָצענט וואָס עס וואַקסט.

רבי ביינוש איז געווען אַ ייד אַ בעל־הבית, געצאָלט גאַנץ אָרנטלעך דעם זיידן דירה־געלט; ניט מיט מזומן ממש, נאָר מיט ספרים, וועלכע מיר אייניקלעך פלעגן נעמען פאַר זיך, אָדער מיט דעם חשבון פון אונדזער „חברה־ספרים". ר' ביינוש האָט געהאַט אַן אייגענע ציג, וועגן וועלכער איך וועל אײַך אפשר באַזונדער דערציילן. ער אָדער זי— ניט די ציג, נאָר איך מיין שרהקע זײַן ווײַב — פלעגן שטענדיק געבן אַ נדבה אַן אָרעמאַן, אַרויסנעמען אַ גראָשן אָדער אַ גאַנצע קאָפּיקע פון דעם קופּערנעם טשײַניק, ווו עס איז געלעגן דאָס געלט פון פדיון. געווען איז ר' ביינוש אַ ייד אַ למדן, געמאַכט אַפילו אַמאָל אַ סיום אויף ש"ס, און דוכט מיר, אַ שטיק משכיל. בײַ אים איז געווען אויך אָט יענע סחורה פון ווילנער דרוק, אדם הכהן און קלמן שולמאַנס ביכלעך. הײַנט פלעגט מיכאַלעווסקי, דער ווילנער, שיקן אים דעם „המגיד" — וואָס ווילט איר נאָך?... זײַן יחוס ווייס איך ניט גאָר גענוי; זײַן טאַטע איז געווען אַ גאַנטשאַר, אַן איוון־מאַכער, ניט קיין קלענערער מאַן; נאָר ער אַליין, ר' ביינוש הייסט דאָס, איז שוין געווען אין דער יוגנט אַ מלמד, און הײַנט אַ סוחר, אַ מוכר־ספרים, און מיט איינעם פון זיינע בנים האָט ער זיך משדך געווען העט־העט, מיט אַ שוחט־ובודק, — דאָס איז ניט קיין קלייניקייט.

דער צווייטער שכן איז אויך געווען, ווי געזאָגט, אַ פּערזענלעכ־קייט. משה סקאָראָכאָד האָט ער זיך גערופן. די צונעמעניש האָט ער

נאָך באַקומען פון זײַן טאַטן, בערל סקאָראָכאָד. משה אַלײן איז געװען באמת אַ ייִד אַ שיכּור, אַ פּיאַניצע זיבן טעג אין װאָך, נאָר דאָך איז דאָס געװען ניט קײן פּראָסטע זאַך. געװען איז ער שרײַבער אין דער שטאָט־דומע, דאָס איז אַ שטיקל טשינאָװניק, הײסט דאָס, כּמעט אַ קרוב למלכות. און שמואלקע דער מאַרשעליק, װען ער פֿלעגט אױף חתונות אױסרופן דרשה־געשאַנק, פֿלעגט אױף אַזעלכע מענטשן זאָגן אין דעם טיטול: יושב כּסאות למשפּט, װאָרעם דאָס זענען דאָך פּאָרט ייִדן, װעלכע זיצן זיך אין מלוכה־אָפּיסעס פּראַנק און פרײַ, מיט װעלכע מען שפּילט זיך ניט. ער זיצט דעם גאַנצן טאָג אָן אַ היטל, און װען איר קומט צו אים אין דומע אַרײַן מוזט איר שטײן בגלוי הראש, װי פאַר אַ פּריץ. „ער איז געװען אַ שרײַבער אין דומע", האָב איך אײַך געזאָגט. נאָר — דאָס רעדט זיך אַזױ, װאָרעם באמת געזאָגט, איז ער געװען, לא עליכם, גאָר אַ קלײנער יכול אין רוסיש. מען רעדט שױן ניט װעגן גראַמאַטיק: דקדוק־שמיקדיק בלע״ז, — װער האָט עס געװוּסט מיט זעכציק־זיבעציק יאָר צוריק! משה סקאָראָכאָד האָט געשװיצט אַפילו אױף אױפשרײַבן אַ פּאַספּאָרט. זײַן אַמט אין דומע איז געװען דאָס װאָס ער איז געװען אַ בר־כּח פון שקלאָװער קהל. היות װי אין שקלאָװ איז דאָך קײן דומע ניט געװען און פּאַספּאָרטן פֿלעגן שקלאָװער ייִדן נעמען אין מאָהליװ, אין דומע דאָרטן, איז אָט דער משה געװען דער קאָנסול פון שקלאָװער קהל. און אַזױ װי שקלאָװער ייִדן זענען געװען, קײן עין הרע ניט, ניט װײניק, און צוליב פּרנסה זוכן דאַרף מען פאָרן, און אַ פּאַספּאָרט מוז מען אין װעג האָבן װי אַ טלית־תּפילין, — נו, האָט משה סקאָראָכאָד געהאַט אַרבעט, און „די מלאָכה האָט ליב דעם טרונק" — און רבי משה פֿלעגט טאָג־טעגלעך קומען אַהײם ניט נאָר בגילופין, נאָר אײפנאַך שיכּור װי לוט... דער חילוק איז נאָר געװען, װאָס לוט פֿלעגט אפשר שילטן די טעכטער, און משה פֿלעגט שיטן מיט קללות — און װאָס פאַר אַ קללות! — אױף זײַנע װײבער, צװײ שװעסטער, אײנע באַגראָבן און מיט דער צװײטער חתונה געהאַט.

און װען איך האָב שױן דערמאָנט דעם נאָמען לוט, מוז איך דעם פּאַראַלעל עטװאָס װײַטער ציִען. לוט איז געװען אברהם אבינוס אַ קרוב,

און משה סקאָראָכאָד האָט געהאַט אַ דירה בײַ אונדז אין הויף צוליב דעם, וואָס זײַנע ווײַבער זענען געווען ווײַטע קרובות מיט אונדז. ווען ניט דאָס, וואָלט מען אַזאַ שכן אין הויף ניט געהאַלטן. אָט די קרובהשאַפט מיט אונדז איז געווען איינע פון זײַנע טעמעס צו שטעכן און צו וויצלען זיך איבער אונדז, אויף די קינדער און אייניקלעך דעם ייִדנס, וועלכע ער פלעגט רופן „פּרינצן", זרע המלוכה, און דערבײַ צוגעבן אַ פּעקל קללות און זידלערײַ. — „אָ, איך קען גוט די גילדערנע פּאַן — פלעגט ער זאָגן — איך האָב שוין דאָס גליק צום צווייטן מאָל צו פאַרזוכן פון דעם פלוימען־יויך..."

און איר וועט אפשר ניט גלייבן, ווען איך וועל אײַך זאָגן, דאָס צווישן די ביידע שכנים, רבי ביינוש מוכר־ספרים און משה סקאָראָכאָד, איז שטענדיק געווען אַ התקרבות, עפּעס אַ מין פרײַנדשאַפט. איר וועט אפשר מיינען, דאָס די ידידות איז געווען ווײַל ר׳ ביינוש איז אויך געווען אַ נכתב אַ שקלאָווער, דאָס הייסט געווען משהס אַן אונטערטאַן, — האָט איר אַ טעות. ביינוש איז געווען אַ ייִד, וואָס זײַנע פּאָדאַטקעס האָט ער געצאָלט פּינקטלעך — „דינא דמלכותא דינא" — און ווען די מלוכה הייסט באַצאָלן קאָראָבקע אָדער סוועטשנאָי סבאָר, באַדאַרף מען זיך ניט אויסדרייען, און ווען מען דאַרף אַ פּאַספּאָרט — ר׳ ביינוש האָט דאָס קיינמאָל ניט באַדאַרפט, וואָרעם ווײַטער ווי קיין שקלאָוו האָט ער קיינע נסיעות ניט געמאַכט — אָדער וואָס אַ ייִד באַדאַרף, מוז מען צאָלן וואָס עס קומט. אויך דעם שרײַבער, משהן, באַדאַרף מען געבן זײַנס. נאָר דאָך, אָן שום פּניות, איז ר׳ ביינוש געווען גוט מיט משהן. ר׳ ביינוש האָט געוווּסט, דאָס משהס פּרנסה איז אַ שווערע: „מאַכן" ייִדן פּאַספּאָרטן, שרײַבן אין זיי דאָס זיי זענען בעלי־מלאָכות, כּדי זיי זאָלן האָבן רעכט צו זיצן אין מאָסקווע אָדער פּעטערבורג, אויסטראַכטן מלאָכות עפּעס פון דער הפטורה — אַזאַ פּרנסה האָט ליב דעם טרונק, און משה קומט יעדן טאָג אַ היים אַ שכּורער. איז דאָך אַ רחמנות אויף אים, אויף זײַן ווײַב, וועלכע באַגיסט זיך מיט טרערן אויף איר ביטערן מזל, אויף זייערע קינדער. און ר׳ ביינוש ווייס, אַז כּל המרחם, ווען דו האָסט מיטלײַד אויף אַ מענטשן, וועט גאָט אויף דיר רחמנות האָבן.

משה סקאָראָכאָד איז געוועזן ניכטערערהייט אַ ציניקער, געשלייפט זײַן צינגעלע אויף אַלעמען. נאָר ביינוש פלעגט ער ניט באַרירן. ער האָט געוווּסט, דאָס ביינוש איז אַ מטופל מיט קינדער, באַדאַרף מאַכן אַ לעבן אָט פון די שמאַטעס און שיר־המעלותן, אויסקוועטשן אַ פרנסה פון די מסחרים מיט קבצנים פאַקן־טרעגער, אָדער מיט די קליינשטעטל־דיקע מורה־הוראות. און דאָך גיט ער שטענדיק אַ נדבה, צאָלט אָפּ אין קהל, און שפּעט בײַנאַכט זיצט ער און לערנט. ער לאַכט פון אים, וואָס ער קוועטשט די באַנק. ער זאָגט אים: ר׳ ביינוש, ווען איר וועט אויס־לערנען אַלע גמרות, טאָ וואָס וועט איר פאַרקויפן לײַטן? — נאָר דאָך אין האַרצן פילט ער, דאָס ר׳ ביינוש איז אַ שיינער ייִד, און בעט ער אַ טובה, באַדאַרף מען אים ניט אָפּזאָגן.

אָט איך וועל אײַך באַשרײַבן אַזאַ סצענע:

ס׳איז אַ ווינטער־נאַכט, שפּעט, אַרום האַלבער נאַכט. בײַ דעם טויער פון אונדזער הויז זיצט זלמן דער יון, וועלכער איז אי אַ שמש אין מנין, אי אַ דינער אין הויף, אַ דוואָרניק הייסט דאָס, אויך אַ נאַכט־שומר. זלמן דער יון זיצט אין ווינקל, אײַנגעטוליעט אין זײַן פעלצעלע. עס ווילט זיך דרעמלען, אָבער — מען טאָר ניט: עס קען נאָך דורכגיין דער פּאָליצייסקער, און מאָרגן בײַ דעם פּריסטאַוו וועט מען כאַפּן קלעפּ. אוי, קאָנאָפּקעס העגט, זאָלן זיי אים אָפּדאַרן! ס׳איז צו אים, צו זלמנען, צוגעגאַנגען משה סקאָראָכאָד. שיכורערהייט האָט ער זיך געלייגט פאַר־נאַכט שלאָפן, איצט זיך אויסגעשלאָפן און אַרויס צום טויער כאַפּן פרישע לופט. ס׳איז אים פּאַסקודנע אין מויל, ס׳ווילט זיך כאָטש אַ ביסעלע בראָנפן אויף פּאָכמעליע, דורכשווענקען דעם האַלדז. ער כאַפּט אַ שמועס מיט זלמנען, ער לייגט אים פאָר, דאָס ער זאָל גיין אין שענק, ברענגען אים אַ ביסל משקה. נאָר זלמן רוקט זיך ניט. ער האָט זיך, נעבעך, קוים אַ ביסל אָנגעוואַרעמט אין פעלצעלע, ער וואַרט נאָר אויף דעם פײַף פון פּאָליצייסקן און ענטפערן אים: „סלושאַ—אַיו!״ כּדי צונויפצופירן מיט די אויגן. „רבי משה — זאָגט ער — די שענקען זענען שוין צו. נאָך עלף מוז מען דאָך צומאַכן״.

— ביזט אַ נבֿלה, — זאָגט משה און בורטשעט.

ס'עפנט זיך אויף אַ טיר הינטערן טויער, און עס גייט אַרויס ר' ביינוש. איצט, שפּעט ביינאַכט, לערנט ער זיין שיעור גמרא און איז אַרויס אויפן דרויסן. אויך ער איז צוגעגאַנגען צו זלמנען פרעגן. וויפל האָט געשלאָגן דער שטאָט-זייגער און געטראָפן דאָרט משהן. זיי באַגריסן זיך פריינדלעך.

— רבי ביינוש — זאָגט משה — אין מויל, ווי אַ ציגיינער וואָלט אָנשפּייען. עס ווילט זיך אַ טרונק בראַנפן, כאָטש אַ קליין קעלישיק. די אַרורה מיינע האָט באַגראָבן, באַהאַלטן — באַהאַלטן זאָל מען זי כאָטש מאָרגן — ווו ס'איז געווען אַ בוטל. אָט דער סאָלדאַט, זלמן, האָט מורא צו גיין. טאָמער, רבי ביינוש, איז ביי אייך פאַראַן אַ ביסעלע, אפשר געבליבן פון שבת? זייט זיך מרחם אויף אַ יידישער נשמה.

— קומט אַריין, ר' משה — זאָגט ביינוש — ס'דאַרף זיין. ווער טרינקט ביי מיר? קומט, מיר וועלן זען!

זיי גייען ביידע אַריין אין שטוב. די לאַנגע קיך איז פינצטער נאָר מען זעט אַ ליכט אויפן טיש ביי אַ גרויסער גמרא. אויף די אַלטע, צעריסענע קאַנאַפּעס שלאָפן בחורים, רבי ביינושעס זין. משה איז אַריין אין גרויסן צימער, און ביז ר' ביינוש האָט אַרויסגענומען דעם גראַ-פינטשיק מיט אַ גלעזעלע האָט זיך משה אַרומגעקוקט אין צימער. — משה האָט געזאָגט „לחיים" און האָט געזאָגט ר' ביינושן, דאָס ער האָט ליב שיריים און האָט דעם גראַפינטשיק ליידיק געמאַכט.

— בייטאָג עסן זיי, און ביינאַכט אין שלאָף וואַקסן זיי, האָט משה געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף די שלאָפעדיקע בחורים, — וואָס וועט זיין, רבי ביינוש, דער תכלית פון זיי?

— רבי משה, — האָט געזאָגט ביינוש — איך האָב טאַקע געוואָלט מיט אייך זיך דורכשמועסן וועגן עפּעס.

— דהיינו?

— אָט פאַר מאָניען מיינעם רעדט מען אַ גוטן שידוך. מיט אברהם-יאָסל דעם שוחט. איר פאַרשטייט, נדן צי ניט נדן, אָבער שחיטה וועט ער אים אויסלערנען. נו, איז דאָך דאָס אַ תכלית. אַברהם-יאָסלס אַן איידעם, אַ שוחט-ובודק, איז בטוח מיט פרנסה מיט גאָטס

הילף. נאָר וואָס דען? — די נײַע סיסטעם! מען מורמלט, דאָס אַלע דאַרפֿן גיין אין סאָלדאַטן... פֿרעג איך בײַ אײַך, רבי משה, ווי מאַכט מען עפּעס אַזוי?...

— אײַער מאָניע איז נכתּב? — פֿרעגט משה.

— על־פּי שטייגער... בײַ אײַך, אין שקלאָווער דיוויזיע...

— אויב אַזוי — זאָגט משה — איז ניט גוט.

רבי ביינוש האָט אַביסל געשוויגן, און האָט געזאָגט: —

— זאָגט מיר, רבי משה, פֿון וואַנען ווייס דער קיסר אין פּע־טערבורג, דאָס בײַ מיר איז פֿאַראַן אַ זון מאָניע?

— ווײַל בײַ אונדז — ענטפֿערט משה — איז פֿאַרשריבן אין די ביכער און מיר שטעלן צו רשימות יעדעס יאָר.

— ווער מאַכט די רשימות? — פֿרעגט ביינוש.

— מיר, דומע — ענטפֿערט משה.

— אם כּן — זאָגט רבי ביינוש — האָב איך טאַקע צו אײַך אַ גרויסע בקשה. אַ מענטש איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, און קען דאָך אויך אַ טעות מאַכן. לכן, בעט איך אײַך, דאָס ווען איר מאַכט די רשימה, זאָלט איר האָבן אַ טעות, און מײַן מאָניען דורכלאָזן.

— רבי ביינוש — האָט געזאָגט משה — אַ חכם זײַט איר טאַ־קע, נאָר דער קיסר איז קליגער פֿאַר אײַך. איז ער געפֿאַלן אויף אַ המצאה, און האָט געהייסן, דאָס אויך די קאַזיאָנע פּאַלאַטע זאָל מאַכן רשימות. און אויב אַזוי, וואָס איז די פּעולה, ווען איר וועט מאַכן אַ טעות, ווען אין די רשימות פֿון דער פּאַלאַטע וועט ער שטיין שוואַרץ אויף ווײַס? פֿאַרשטייט איר שוין?...

— און ווער מאַכט די רשימות אין פּאַלאַטע? — פֿרעגט ביינוש.

— ווער? פּעטראָוו, אַפֿאַנאַסי איוואַנאָוויטש.

— איר, רבי משה, קענט אים?

— אויב איך קען אים? אַזוי פֿיל מכּות זאָלן זיך אים זעצן, וויפֿל רובל ער האָט ביי מיר איבערגענומען. אַ קשיא, אויב איך קען אַפֿאַנאַסי איוואַנאָוויטשן! אַ גוטער שיכּור! איך מעג בײַ אים די הרובע הייצן, לערנען זיך טרינקען.

— אויב אַזוי — זאָגט ביינוש — זאָל ער, אַט דער שרײַבער פון פּאָלאַטע, אויך האָבן אַ טעות און אין זײַן רשימה זאָל אויך מאָניעס נאָמען פעלן. איז וואָס, עטלעכע רובל, — פאַרלאָז איך זיך שוין אויף אײַך, רבי משה; מאַכט דאָס, איך בעט אײַך, און איך וועל אײַך בעטן אויף תּנאים.

— אָבער אַ פּאַספּאָרט, אויב אײַער מאָניע וועט דאַרפן, וועלן מיר דאָך אים ניט קענען געבן — זאָגט משה.

— אויף וואָס באַדאַרף ער פּאַספּאָרטן? וווהין וועט ער פאָרן, אַז ער ווערט אַברהם־יאָסלס איידעם? און בעת צורך גדול, ווען ס'מאַכט זיך אַ נייטיקע נסיעה, וועט ער נעמען פּנחסעס אָדער יאָסלס פּאַספּאָרט. קורץ, דאָס איז ניט קיין מניעה.

*

און איך געדענק, דאָס משה סקאָראָכאָד פּלעגט זאָגן גאַנץ הויך ביינושעס שנור, מאָניעס ווײַבל, אַז זי זאָל זאָגן איר טאַטן דעם שוחט, ער זאָל אים שיקן אַ קישקע אויף שבת, און דווקא אַ גוטע און אַ גראָבע. — זאָג אים, ווײַבעלע, זאָג אים, דאָס איך האָב געהייסן שיקן מיר; נישקשה, ער ווייס דאָס איך בין ווערט... און דײַן מאַן ווייס אויך...

ד

דער גוטער יאָר ווייס, ווער זענען דאָרטן מײַנע לעזער. אפשר זענען זיי גרויסאַרטיקע דאַמען, וועלכע האָבן ליב אונטערהאַלטן זיך בײַ אַ געשפּרעך וועגן מאָדעס, טעאַטער וכדומה, בעת אַז איך וויל אײַך באַשרײַבן וועגן גאַנץ קליינע מענטשעלעך: וועגן קעכינס, דינסטמיידלעך, משרתים. און — פאַרקערט געזאָגט — ווייסן מיר דאָך גאַנץ גוט, דאָס דווקא אַט די גרויסע פּריצטעס אונדזערע, די אָנגעזעענסטע באַלעבאָסטעס, האָבן זייער און זייער ליב צו רעדן אויף דער טעמע — וועגן די שטובמיידלעך, אויסגיסן דאָס האַרץ אויף די צרות, וועלכע זיי די ווירטינס, קומט אויס צו לײַדן פון די הײַנטיקע מענטשן. בײַ ווײַבער,

דערציילט מען אַפילו אַזאַ אַנעקדאָט: אַ ווײַב האָט געפרעגט איר מאַן, וואָס איז געווען דער נס פון פסח. האָט איר דער מאַן געענטפערט: הער נאָר, דו ווייסט ווי געשמאַק דיר איז, ווען דו האָסט נאָר איין דינסטמיידל; הײַנט שטעל זיך פאָר, וויפל איז אויסגעשטאַנען פרעה מלך מצרים, אַז ער האָט געהאַט זעקס הונדערט טויזנט יידישע קנעכט? האָט גאָט געטאָן אַ נס, און האָט אַרויסגעפירט די יידן פון מצרים, און פרעה איז לויז געוואָרן פון זיי. קורץ, אײַך איז ניחא אָדער ניט, — איך וויל אײַך דערציילן וועגן אָט די פּראָסטע יידענעס און יידן בײַ מײַן זיידן אין הויף.

לאה דעם זיידנס איז געווען אַ קעכין בײַ דעם זיידן, הערט זיך נאָר צו, עטלעכע און פערציק יאָר. מײַן פעטער חיים־שמעון, אָט דער וואָס האָט דערנאָך געשמט אין דער וועלט, ווען ער איז געווען אַ פּאָדריאַדטשיק, געצאָלט ערשטע גילדיע, געקויפט אין וואַרשע אַ הויז פאַר הונדערט טויזנט רובל, פאַרזאָרגט דעם קאָפּוסטער רבינס זון מיט אַ קוויטאַנציע פון סאָלדאַטן, און, ווי די מאָדע איז, געשטאָרבן גאַנץ ווײַט פון אַ גביר, כמעט להיפוך, — אָט דער פעטער חיים־שמעון איז געווען אַ קליין יינגעלע, ווען לאה איז אָנגעקומען צום זיידן פאַר אַ קעכין. פאַרשטייט איר דאָך, דאָס זי, די לאה, האָט דעם פעטער חיים־שמעון געדוצט, אַפילו ווען גרויסע יידן, לומדים, חסידים, סוחרים, האָבן אים כבוד געגעבן און געאירצט אים. מײַן באָבע עליה השלום איז געווען די לעצטע צוועלף־פופצן יאָר קראַנק, שטענדיק צו בעט, שלעכט געזען, און לאה איז געווען די גאַנצע בעל-הביתטע. זי אַליין פלעגט נעמען ישיבה-יינגלעך אויף אַ טאָג, שטעלן פסחדיקע בוריקעס, האַנדלען מיט דער קצבטע, אַליין קויפן אייער און הינער. לאה פלעגט אַפילו צוטראָגן צו דער באָבעס בעט די הון, די באָבע פלעגט כלומרשט נעמען די הון אויפן האַנט אָפּוועגן זי, נאָר דאָס איז געווען מער פון יוצא־וועגן, כדי זי זאָל ניט פאַרגעסן, דאָס ס'איז דאָ אַ בעל־הביתטע. בלאָזן צווישן די פוך, אויב עס איז ווײַס, שמאַלציק די הון, אָדער בלאָ, ניט פעט, — דאָס האָט די באָבע מיט אירע קראַנקע אויגן ניט געקענט זען. מיט וואָס פילן דעם פלאָדן צו שלש־סעודות, אויב מיט

גרינע ציבעלע מיט אייער אָדער מיט ווײַסן קעז, — דאָס האָט לאה אַליין באַשלאָסן, בײַ קיינעם ניט געפרעגט. בײַ מײַן זיידן אין הויז איז געווען אַ סך קראָמען, און לאה איז געגאַנגען און גענומען מעל, האָניק, צוקער, גרויפּן. אַלע קרעמער האָט לאה גערוצט און זיי האָבן איר גע- אירצט. די קרעמער זענען געזעסן אין די געשעפטן צענדלינגער יאָרן, דער זיידע האָט די שכירות קיין מאָל ניט געהעכערט. און די אַלע קרעמער זענען געווען נאָך יונגעלײַטלעך ווען זיי האָבן די קראָמען געדונגען, און אָפטמאָל מיט לאהס הילף, מיט איר רעקאָמענדאַציע. און די קרעמער פלעגן אײַנלאַדן לאהן אויף זייערע שמחות, בריתן, חתונות, מכבד זײַן זי מיט אַן ערשטן טאַנץ.

לאה דעם זיידנס האָבן אַלע אָפּגעגעבן כבוד. אַפילו דער פעטער סענדער-חיים, אַ ייִד מיט מעדאַלן, וואָס זאָגט אָפּ דעם גאַנצן תהילים טאָג-טעגלעך, אַ ייִד אַ בייזער, פאַר וועלכן מיר, אַלע ייִנגלעך, האָבן געהאַט פחד, אַפילו איך אויך, — איז אָט דער פעטער סענדער-חיים פלעגט זאָגן לאהן גוט-שבת, גוט-יום-טוב. ער האָט דאָך געדענקט דעם טעם פון אירע, לאהס, געריכטן, ווען ער האָט נאָך קעסט געגעסן בײַ דעם זיידן, זײַן שווער. שבת בײַ דעם טיש האָט לאה געגעסן גלײַך מיט אַלעמען, מיט די איבעריקע דעם זיידנס אורחים אויף שבת: ישיבה-בחורים, דעם סאָלדאַט אויף שבת; געהערט זמירות, תורה-ווערטלעך, געשפּרעכן וועגן מלחמות. און צו הבדלה פלעגט מען עפענען די טיר פון גרויסן חדר, און מען וואַרט ביז לאה וועט קומען, שטעלן זיך אין טיר און הערן הבדלה. פּורים פלעגט מען ניט עסן די סעודה, ביז לאה קומט ניט צוריק פון די שליחות אירע מיט שלח-מנות. איר מעגט זיך דאָס ווינטשן פאַרדינען, וויפל לאה פלעגט אָנקלײַבן אַ פּורים-טאָג. דעם זיידן פלעגט שיקן שלח-מנות די גאַנצע משפחה: קינדער, אייניקלעך, קרובים, גלאַט גוטע באַקאַנטע. אַלע פריִער אים, דעם זיידן, דעם עלטערן, — און דערנאָך איז געווען אַ סדרה אָפּשיקעניש. דאָס איז אַלץ געווען אין לאהס רשות. מלמדים און שיינע ייִדן פלעגן באַקומען גלײַך פון זיידן צעטלעך אויף מצה, אויף ווײַן לפּסח, מיטן געלט, — אָט ניט געהערט צו קיינעם. אָבער דאָרטן ווו מען באַדאַרף

קאָמבינירן, אָפשיקן שלח-מנות גוטע זאַכן: טאָרטן, טייגלעך, אַ פלאַש ווייַן, אַפעלסינען וכדומה, — אויף דעם איז לאה אַליין געווען די גאַנצע ווירטין. וואָס געהערט צו אונדז, קליינוואַרג, זענען מיר געווען מיט לאהן „כל-ולך”. אירע געפּרעגלטע מאָנדלעך, פון אויבן באַשאָטן מיט מאַנדלען, — אַ כפרה זאָג איך אייַך, היינטיקע קאָנפעטן מיט די שאָקאָלאַדקעס אַלע. און אַז לאה שטייט איבער דעם לאָקשן-ברעט און שנייַדט די טייגלעך, איז אייַך מייַן עצה, איר זאָלט דערבייַ שטיין. זי זאָגט אייַך צו אָברעזקעס, דעם זייַטיקן אָפפאַל, נאָר מייַן פּראַקטיק האָט מיר באַוויזן, דאָס נאָך דעם קליינעם אָברעזעק שלעפּט זיך אַ גאַנץ שטיקל. און אין הלכות נאַשערייַ קענט איר זיך אויף מיר פאַרלאָזן!

און אַז לאה איז געווען אין חשיבות איז שוין ממילא אויך איר משפחה געווען ביי אונדז אין הויף ניט פּראָסט. איר זון, איטשע לאהס, איז געווען אַ שטיקל דאַמסקער שנייַדער. און בייַ אונדז אין מאָהליוו, ווו עס איז געווען לייבע באָבריק, וועלכן מען פלעגט רופן מאַנדלשטאַם דער צווייטער: בייַ דעם דאָקטאָר מאַנדלשטאַם האָבן זיך אַלע דאַמען געקורירט, און בייַ לייבע באָבריק האָבן זיך אַלע דאַמען געקליידט. איז ווו ס'איז געווען אַזאַ מאָדישער שנייַדער, האָט איטשע לאהס ניט געהאַט קיין אַרבעט. פלעגט לאה זען, דאָס אונדז קינדער, אַפילו יינגלעך, זאָלן אונדזערע מאַמעס געבן נייען קליידער פאַר אונדז בייַ אָט דעם פאַרטאַטש, און מיר פלעגן שוין גיין געקליידט ווי פּורים-שפּילער. — דער איידעם לאהס איז געווען אַ פישער, און ס'פאַרשטייט זיך, דאָס די גאַנצע משפחה האָט געקויפט פיש נאָר בייַ אים, כאָטש אַ ביסעלע אַ מאָל ניט גאָר פרישע פיש, אָבער אַ מקח האָט מען געצאָלט אַ גוטן. אויסערדעם פלעגט אָט דער פישער, לאהס איידעם, האָבן בייַ אונדז אין בית-המדרש אַ חזקה אויף שחריתים. — לאהס אייניקלעך האָט מען אין סאָלדאַטן ניט גענומען; דער „הויף” האָט שוין דערויף אַכטונג געגעבן. יאָשקע פאַסטעך, דער שטאָט-כאַפּער, האָט אַמאָל יאָ גענומען אירן אַן אייניקל, האָט באַלד אָבער דער זיידע געשיקט זלמן דעם יון נאָך אים, האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט, געזאָגט, ער זאָל ניט זייַן קיין שוטה, און דעם בחור האָט מען פרייַגעלאָזן. פאַר דעם

זיידן האָט מען געהאַט דרך־ארץ. איר געדענקט די מעשה מיט משה פרודס, אַברהמל דעם שנײַדערס זון, וועלכער האָט געלערנט אַלס חבר מיט מײַן עלטערן ברודער. — ער האָט זיך בײַ אונדז אין שטוב באַהאַלטן. זענען געקומען חברה־לייט בײַנאַכט צו אונדז אין שטוב נעמען אים. אין דער פינסטער האָבן זיי אַ טעות געהאַט און גענומען מײַן ברודער, וועלכער האָט בכיוון געמאַכט זיך, דאָס ער וויל אַנטלויפן. איר פאַרשטייט, מײַן ברודער, אַ קופּיעצקי סין, רבי הירשס אַן אייניקל! נו־נו, האָבן די כאַפּער אויף מאָרגן געכאַפּט פּעטש פון פּריסטאַוו און ס'איז געווען ליהודים. והילד איננו — משה דעם שנײַדערס האָט אויסגערונען, און דער פּריסטאַוו האָט צוגעזאָגט: לא יעלה ולא יבוא, מען זאָל זיך ניט דערוועגן גיין צו דעם אַלטן אין הויף אַרײַן. קורץ, לאהס אייניקלעך זענען פאַר סאָלדאַטן ניט געגאַנגען.

און כּדי איר זאָלט גרינדלעך פאַרשטיין וואָס איז לאה, — וועל איך אײַך דערציילן אַ מעשה, אַן אמתע, ניט קיין אויסגעטראַכטע, ווי הײַנטיקע שרײַבער, וועלכע קלערן אויס בוידעם מיט לאָקשן פון זייערע אייגענע קעפּ.

ס'איז געווען מײַן עלטערן ברודערס חתונה. איך זאָל אײַך באַשרײַבן די גאַנצע חתונה איז דאָס, ווי תּנחום דער בעל־עגלה פּלעגט זאָגן, אַ ראָמאַן אויף אַ גאַנצע נאַכט. אין קורצן קען איך אײַך זאָגן, דאָס מײַנע עלטערן האָבן אויף זיך גענומען מאַכן די חתונה, אויף זייערע הוצאות, כאָטש דער מנהג איז, אַז דער כּלהס צד מאַכט די חתונה. די כּלה האָט געהאַט, ניט פאַר אײַך געדאַכט, אַ שטיפמוטער, און די חתונה האָט מען פון ביאַליסטאָק געבראַכט צו אונדז קיין מאָהליוו. בײַ אונדז אין שטאָט האָט די כּלה געהאַט אַ פעטער, אַן עלטער-מומע, קרובים — דורכויס פון סאַמע צימעס, גילדערנע פּאָן. אויף דער חופּה זענען זיך אָנגעפּאָרן פון שפּיץ יחוס, „ראָזינקעס מיט מאַנדלען", און פון האַלבן טאָג האָט שוין מײַן מאַמע אַרויפגעזעצט אויף דעם טאַטנס קאָפּ זײַן צילינדער. די מאַמע אַליין, שטאַרק פאַרסאָפּעט, אין גאַנצן צעפלאָכטן. מען באַדאַרף שוין באַלד אָנהייבן די ערשטע טענץ. וואָס טוט מען, וועמען גיט מען דעם ערשטן טאַנץ? גבאים אין די שולן

שמחת־תורה, וועלכע קענען ניט אויסטיילן זיך מיט חתן־תורה און חתן־בראשית, באַקומען שטענדיק אין דעם טאָג פּעטש ווי האָלץ. מײַן מאַמע אַ יונגע מחותנתטע, איז נעבעך גאַנץ פאַרצווייפלט: וועמען זאָל מען געבן דעם ערשטן טאַנץ מיט דער כלה? אין גרויסן זאַל, בײַ דער טיר, לעבן די כלי־זמר, שטייט אַ גרופּע ווײַבער, דאָס זענען ייִדענעס פון הויף, אָרעמע שכנות, אויך קעכינס, וועלכע די מאַמע מײַנע האָט אײַנגעלאַדן אויף חופּה. וועמען געשענקט אַ נײַעם טשעפּיק מיט סטענגעס, וועמען אַ פאַרטעך מיט פּאָסן. צווישן דער גרופּע איז אויך לאה דעם זיידנס, וועלכע האָט באַקומען פון מײַן מאַמען לכבוד דער חתונה אַ נײַע קלייד. די אַלטיטשקע רוקט זיך ניט אין מזרח־וואַנט, ווו עס זיצט די כלה און לעבן איר די נאָענטע און רייכע מחותנתטעס. די מאַמע מײַנע זיצט ניט אײַן, שטענדיק לויפט זי צום טיר מקבל־פּנים זײַן נאָך אַ גאַסט און ווידער אַ גאַסט. שטעלט זי אָפּ לאה, און זאָגט איר: געדענקסט, רבקה, דאָס דו ביסט מיר שולדיק אַ חוב דעם ערשטן טאַנץ... ס'איז אַזאַ געשיכטע: ווען מײַן ברודער, דער חתן, איז געווען אַ זייג־קינד, איז ער זיך שטאַרק פאַרגאַנגען און געוויינט. די מאַמע, זײַן יונגע מוטער, איז געוואָרן אומרויִק, וואָס דאָס קינד וויינט שטאַרק. דאַן האָט לאה אים אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע און דאָס קינד איז אײַנגעשלאָפן; און לאה האָט אָפּגערעדט, און די מאַמע האָט צוגעזאָגט, דאָס אויף זײַן חתונה באַקומט לאה דעם ערשטן טאַנץ.

די גליקלעכע מוטער איז זייער צופרידן געוואָרן. מיט גרויס פאַרגעניגן האָט זי צוגעשטימט גלײַך צו באַצאָלן דעם אַלטן חוב און אויך די „פּראַגע״ פון דעם ערשטן טאַנץ איז ערליידיקט געוואָרן. באַלד האָט שמואלקע דער מאַרשעליק באַקומען אַ באַפעל אויסצורופן לאהן צום ערשטן טאַנץ, און ער האָט שוין צוגעגרייט באַזונדערע נײַ־געבאַרענע גראַמען, פון וועלכע איך געדענק:

מיטן ערשטן טאַנץ די אַלטע לאה,
הויבט דעם פאַרטעך און גיט די מטבע.

פון דעם חדר, ווו עס זענען געזעסן די מחותנים אַרום דעם חתן, זענען די יונגעלײַטלעך אויסגערונען, אַלע געגאַנגען צו די ווײַבער

זען ווי לאה טאַנצט מיט דער כלה, און האָבן צוגעפּליעסקעט מיט די הענט. און דער פעטער חיים-שמעון האָט אַרויסגענומען אַ דרײַערל, אַ גרינעם בילעטל, און אַוועקגעגעבן די כלי-זמר, שוין באַצאָלט פאַר לאהס ערשטן טאַנץ.

און אַז מײַן באָבע איז געשטאָרבן, עטלעכע און זעכציק יאָר נאָך איר חתונה, און דערנאָך איז דער זיידע אויך נפטר געוואָרן, — לאה איז זיך געבליבן אין דעם זיידנס הויז, און האָט פאָרגעזעצט צו פירן די ווירטשאַפט ווי געווען. ישיבה-יינגלעך האָבן געגעסן טעג, קליינשטעטל-דיקע רבנים פלעגן האָבן זייער אַכסניה בײַ דעם זיידן אין שטוב. און צו שלש-סעודות איז געווען לחם משנה פאַר דעם גאַנצן מנין. און די נײַ-אויפגעוואַקסענע קינדער פון די אייניקלעך האָבן בײַ לאהן באַקומען מאַנדלעך מיט טייגלעך, אַקוראַט ווי זייערע עלטערן האָבן באַקומען פון איר, ווען זיי זענען געווען קליינינקע קינדער. די קרעמער האָבן איר פאָרגעזעצט צו געבן מעל, צוקער, האָניק, אויך אַ מזומנעם רובל, — הכל כמו שהיה, ווען די אַלטע בעלי-בתים אירע האָבן געלעבט.

דאָס איז אײַך פרשת לאה.

נאָר דעם זיידנס הויף איז געווען געגנוג גרויס, און איך קען ניט אויסמײַדן אַנדערע שטוב-מענטשן פון דער משפחה. בײַ דער מומע שרה-ריווען איז געווען מייטע — ניט אַ דינסט, נאָר אַ שירות. דאָס הייסט: זי מיט איר מאַן מיט זייער זון האָבן געוווינט בײַ זיי אין אַ צימער, און פאַר שירות, פאַר קאָכן, האָט זי באַקומען עפּעס געהאַלט, אָבער עסן פלעגן זיי מוזן אייגענע. מייטעס מאַן, ר׳ יאָסעלע, איז געווען אַ בעל-עגלה, און אַזוי ווי דער פעטער האָט געהאַט אַן אייגענעם פערד, איז ר׳ יאָסעלע געווען מחויב אַכטונג צו געבן אויך אויף דעם פערד. צום סוף האָט ר׳ יאָסעלעס פערד געפּייגערט, און ער איז געבליבן קוטשער אויף דעם פעטערס פערד. און ער פלעגט פונאַנדערפירן צו די שענקערס די זיסע בראַנפנס, וואָס מײַן פעטער האָט פאַבריצירט. מייטע פלעגט קאָכן פאַר איר געזינדל באַזונדער, און אַפילו מײַן מומע שרה-ריווע, אַ יידענע ווײַט פון אַ דימענט, פלעגט זאָגן, דאָס מייטע

באַנוצט ניט פון אירע אַפילו אַ ביסל זאַלץ, אַפילו אַ קאַפּעטשקע פעפער. ר׳ יאָסעלע פלעגט בײַנאַכט אַרײַנקוקן אין אַ ספר, נאָר אויף עברי־טײַטש. מיט מיר איז ער געווען זייער גוט און שבת, ווען ער פלעגט פירן דאָס פערד צום דניעפּער אָנטרינקען, פלעגט ער מיך אויך נעמען, אַפילו געבן האַלטן די צוים. נאָר אונדזער פרײַנדשאַפט האָט זיך גע־ענדיקט איבער זייער זון. דער בחור איז געווען אַ שטיקל פעלדשער, אַ שטיקל אַפּטייקער, געווען אַ שרײַבערל אין וואָראַטשעבנע אופּראַווע. איך האָב דעמאָלט געלערנט בײַ יאַנקעלע קרוטשער. דער רבי פלעגט מיך שיקן אין אַפּטייק קויפן פאַר אים ברוסט־שפּעציעס, און ער האָט מיך געלערנט ריידן מיט דעם אַפּטייקער דײַטש. יאַנקעלע קרוטשער איז געווען, לא עליכם, אַ זאַיִקע, און ווען ער פלעגט מיך לערנען ריידן מיט דעם „געזעלן" דײַטש, פלעגט ער זיך נאָך מער פאַרשטאַמלען. יקותיאל, ר׳ יאָסעלעס בחור, האָט ליב געהאַט צו הערן ווי איך מאַך איבער מײַן רבינס „דײַטש" און פאַראיקען זיך, און ער פלעגט יעדעס מאָל זיך קאַטשען פון געלעכטער. ויהי היום, ווערט יקותיאל אַ חתן, און די חופּה איז בײַ אונדז אין הויף, און איך בין אַ הויפּט־מחותן און האַלט צו איינעם פון די חופּה־שטעקנס. מײַן חתן שטייט אונטער דער חופּה און די כלי־זמר זענען געגאַנגען נאָך דער כלה. איך האַלט דעם שטעקן און קוק דעם חתן גלײַך אין פּנים אַרײַן. פאַרווילט זיך מיר — אַ שקאָצעריי האָב איך ליב — און מאַך איבער, ווי מײַן רבי לערנט מיך ריידן דײַטש, און דער חתן קען זיך ניט אײַנהאַלטן און לאַכט זיך פונאַנדער אונטער דער חופּה. מיך האָט מען אָוועקגעטריבן און מייטע האָט זיך געקלאָגט אויף מיר פאַר דער מאַמען, און רבי יאָסעלע האָט געזאָגט, דאָס איך בין אַ שייגעץ און אויס חדר מיט זײַן פערד. נאָר יקותיאל, זייער זון, פלעגט מיר ברענגען פון אַפּטייק שיינע קעסטעלעך, אַבי איך זאָל איבערמאַכן ווי דער רבי רעדט דײַטש.

שרה מיט ר׳ יונהן זענען אויך געווען שירות בײַ דעם פעטער סענדער־חיימען. זײַן ווײַב, די מומע שיינע, האָט געפירט אַ פײַנעם, רײַכן לעבן. צו טיי שטענדיק וואַרעניעס, אין אַלמער צו יעדער צײַט פרוכטן—עפּל, באַרן, פלוימען, און שרה די שירות האָט געוווסט, דאָס

די מומע שיינע האָט ליב מכבד זײַן; איז פלעג איך באַקומען גוטע זאַכן אויך פון שרהס כשרער האַנט. רבי יונה איז געווען בײַ דעם פעטער סענדער־חיימען אַ כּמו משרת. פאַרטאָג, ווינטער־צייט, ווען דער פעטער גייט אין שול — גייט ר׳ יונה אויך מיט אים, טראָגט פריִער אַ לאַמטערנע, ער זאָל זיך חלילה ניט אַ גליטש טאָן. דער פעטער שיקט אים אויפן פאָסט, שרײַט און בייזערט זיך אויף אים. נאָר טרעפט, אַז רבי יונה ווערט אין כּעס, דאַן באַצאָלט ער דעם בייזן בעל־הבית אַ חלק, אַזש אים ווערט פינסטער און ביטער, און דער פעטער פאַר־בײַסט די ליפּן... ר׳ יונה האָט ליב געהאַט דעם עמוד און צו אָפט פלעגט ער האָבן יאָרצײַט. אויף מעריב שמחת־תּורה האָט ער געהאַט אַ חזקה, נאָר מיר האָבן אויך געהאַט אַ חזקה צו ברכו אים איבערקוליען. שרה מיט ר׳ יונהן האָבן קיין קינדער ניט געהאַט. שטענדיק פלעגן זיי זיצן צוזאַמען. ער שווײַגט און זי הערט, אָדער זי שווײַגט און ער הערט.

מײַטע מיט ר׳ יאָסעלען און שרה מיט ר׳ יונהן זענען געזעסן אין שירות בײַ מײַנע מומעס צענדליגער יאָרן, געווען פאַררעכנט ווי מיטגלידער אין דער פאַמיליע, — דאָס הייסט בײַ דער גאַנצער פאַמיליע,— און אַ משפּחה־שמחה, בריתן אָדער חתונות, איז אָן זיי ניט געווען. און אַז בײַ מיין פעטער מאָטל האָבן זיך פאַרפירט אייניקלעך, איז צוגע־קומען אַ גויע, אַוודאָטיע, וועלכע פלעגט אַראָפּנעמען שבת די לײַכטער בײַ אונדז אַלעמען און האָט זיך אויסגעלערנט האַלב „מודה אני״, אָבער נאָר דעם אָנהייב — אין גאַנצן זיך ניט געקענט אויסלערנען: אַ גויִשער קאָפּ... ס׳אַ דאגה, מיט דער צײַט האָבן זיך די קינדער אויסגעלערנט אויך דאָס איבעריקע, און איינער פון אַוודאָטיעס תּלמידים, פּאַוועל כּהן, איז געווען אַ דירעקטאָר פון דער רוסיש־ייִדישער גימנאַזיע אין ווילנע און איז הײַנט, דוכט זיך, אַן אינספּעקטאָר אויף די ייִדישע שולן אין סאָוויעט־רוסלאַנד.

און בײַ דער מומע פערען איז געווען אַ מיידל אין שטוב מיט דעם נאָמען אסתּר־חנה. אַ היפּש ביסל יאָרן געווען, ביז מען האָט איר חתונה געמאַכט. מיט מיין מומע פערען זאָלט איר זיך ניט שפּילן. אויב אײַך ווערט באַשערט זײַן, וועל איך אײַך מיט איר באַקאַנט מאַכן; ס׳איז

דאָ מיט וועמען. איר מאַן, דער פעטער הילליע איז געווען אַ בטלן, אַ לא־יוצלח, מורא געהאַט פאַר אַ גוי, אַפילו אויפן פּאָסט ניט געגאַנגען קויפן אַ מאַרקע, כדי ניט אויסצוטאָן דאָס היטל. אָבער זי, פערע הייסט דאָס, איז געווען, ווי לייזער דער עסיק־מאַכער פלעגט אויף איר זאָגן— אַ חצי־מאַנצביל. און דאָס מיידל אסתּר־חנה איז בײַ איר געווען ממש ווי אַן אייגן קינד. אין הויף בײַ אונדז פלעגט מען לאַכן, דאָס בײַ פערע כּהן איז אַן איידעם אויף קעסט — דאָס איז געווען ז. ד. לעוואָנטין, דער גרינדער פון ראשון־לציון און דער דירעקטאָר פון פּאַלעסטינער באַנק,— און אַ טאָכטער אויף קעסט, — די אסתּר־חנה, מיט וועלכער זי האָט אויך געטאָן אַ שידוך, געגעבן קליידער און געשפּילט די חתונה און געווען צו אירע קימפּעטן שטענדיק. אסתּר־חנה אין הויף מיידלוויַיז האָט געשפּילט בײַ די בחורים אַ גאַנצע ראָלע. נאָר — אַ בהמה האָט אַ לאַנגע צונג און קען קיין שופר ניט בלאָזן, און אויך איך באַדאַרף מײַן צינגעלע אַ ביסל אײַנהאַלטן: מען קען זיך אויסריידן נאַרישקייטן. מאַלע וואָס עס איז אַמאָל אַ מעשה געווען... בעסער שוויַיגן. אויף ניין האָט מען קיין חרטה ניט.

און ווען איך שרײַב וועגן אָט די קליינע מענטשעלעך, וועגן שטוב־מיידלעך און דינסט־יידענעס בײַ מײַן זיידן אין הויף, מוז איך אָפּלייגן און מאַכן אַ באַזונדער אָרט פאַר איינער, אַ ייִדענע, אַ דאַרינקע און אַ קורצינקע, אָבער וועלכע איז בײַ מיר זייער וויכטיק. דאָס איז „מײַן פייגעלע”, די ייִדענע, וועלכע האָט בײַ אונדז אין שטוב געדינט. „מײַן פייגעלע” — זי איז געווען מײַן אַם, מיך האָט זי געזויגן. און די ערשטע צוואַנציק יאָר פון מײַן לעבן זענען אויסגעקניפּט מיט פייגעלען. דעריבער קען איך אָט די ייִדענע ניט אַרײַנוואַרפן אין איין און דער זעלבער קופּע מיט אַנדערע דינסט־מיידלעך. דאָס קען בײַ מיר ניט גיין „עם כּל הנערים”, איך מוז זאָגן „להבדיל” צווישן פייגעלען מיט אַנדערע. און איך וועל אײַך אפשר אויפשרײַבן ווען־ניט־ווען אַ באַזונדער קאַפּיטל וועגן איר. זי איז ווערט.

ה

מיט די הויפּט=שכנים פון הויף, די פּערזענלעכקייטן, ווי איך האָב זיי גערופן, בײַנוש דעם מוכר-ספרים און משה סקאַראַכאַד דעם דומע=שרײַבער — זײַט איר שוין באַקאַנט פון מײַן קאַפּיטל ג. לאָמיר האָפן, דאָס עס וועט קומען אַ צײַט און איר וועט זיך באַקענען אויך מיט מײַנע פעטערס און מײַנע מומעס, און אפשר אַפילו אויך דעם זיידן און די באָבען וועט איר קענען. גאָר דערווײַל, ביז גאָט וועט העלפן און געבן מיר צײַט צו שרײַבן און אײַך געדולד צו לייענען, וויל איך זאָגן אײַך עטלעכע ווערטער וועגן אונדזערע איבעריקע שכנים, די בירגער, אַלט=געזעסענע (אַזוי פלעגט דער רבי פאַרטײַטשן „תושבים") פון אונדזער הויף. דאָס זענען געווען ניט קײַן גרויסע גדולים, אָבער אײַך וועט דאָס ניט שאָדן צו קענען זיי און ווי מען זאָגט: האָסטו ליב סמעטענע, טאָ פאַרזוך אויך אַ ביסל זויערמילך. ניט אייביק איז יום-טוב, און ניט אַלע טאָג עסט מען קאַשע מיט אַ גרויסער בלאָטע פון פוטער מיט סמעטענע. פאַרזוכט אַמאָל עפּעס פּראָסטערע געריכטן. באַקענט זיך מיט די אָרעמע שכנים.

בײַ אונדז אין קעלער-וווינונג איז געזעסן יאָרן=לאַנג בערל טריהוב. אין דעם קעלער זענען געווען דרײַ חדרים: אַ קיך, אַ גרויסער צימער און אַ קליינינקער. אין גרויסן איז שטענדיק געווען אַ חדר, ווו ס'האָט געקנעלט מײַנע ברידערס מלמד. אויך איך האָב דאָרטן גע-לערנט. בערל טריהוב האָט אַפילו זיך געפּוילט צאָלן דעם זיידן דירה-געלט, נאָר עטלעכע רובל אַ יאָר פון דעם מלמד פאַר דעם חדר זענען אים צו ניץ געקומען. בערל טריהוב — אַפילו אַן אַלטער ייִד געווען, נאָר דאָך פלעגט מען אים, אונטער די אויגן, רופן בערל, ניט רבי בערל — האָט געהאַנדלט מיט דזשעגעכץ, מיט וואָרווײַן (אַ שטינקעדיקע סחורה), מיט כּל מיני שטריקלעך און לייצעס פּראָסטע, וועלכע אָרימע ייִדישע בעלי=עגלות באַדאַרפן. פון אַזעלכע סחורות איז ניט לײַכט אַרויסצוציִען

חיונה, בפרט אַז דער ייִד האָט אייניקלעך־יתומים בײַ זיך, וועלכע מען מוז געבן אין חדר. אַ קראָם האָט ער אויך געהאַט טאַקע בײַ אונדז, אין די הילצערנע קראָמען, און דער חשבון איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דירה־געלט, — אַ שלעכטער חשבון... נאָר דאָך איז בערל טריהוב געווען אַ ייִד אַ בעל־הבית, — געגעסן בײַ אים אַ תּלמוד־תּורה־ייִנגל אַ טאָג; זעליק דער וועגל־פירער, אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ בלוט־אָרעמאַן, פלעגט פראַנק און פרײַ אָנשמירן די רעדלעך פון זײַן וועגעלע בײַ בערלען מיט דזשעגעכץ אָן געצאָלט, און ערב שבת פלעגט בערל אַפילו אַ בעל־עגלה, דאָס הייסט, אַ ייִד וואָס האָט זײַן אייגנס אַ פערד, דערלויבן אויסשמירן די שטיוול מיט וואָרווײַן אָן אַ גראָשן: „מיר וועלן זיך שוין אַמאָל אויסרעכענען".

ווי אַזוי האָט געקענט אַזאַ ייִד ווי בערל טריהוב אויספירן די הוצאה זײַנע — דאָס האָט נאָר געוווסט פריידע, זײַן ווײַב, וועלכע האָט נאָך בערלס טויט חופה געהאַט מיט יאָשע וכרות, יאָשע דעם בעל־לוח. פריידע האָט קיין אייגענע קינדער קיין מאָל ניט געהאַט און גיין אויף פרעמדע יתומים האָט זי גערעכנט פאַר אַ מצווה. און זי איז געווען אַ בריה ניט נאָר קאָכן אַ וואַרעמעס פון גאָרנישט, אונטעררײַבן געזאָדענע וואַסער מיט אַ שטיקל טרוקענעם ברויט און פאַרווײַסן מיט אַ ביסל זויערמילך אָדער מיט אַ ווײַסל פון אַן איי, און אָט איז אײַך אַ וואַרעמעס,— נאָר אויך שבת פלעגט זי אויסדרייען, אָפּקויפן בײַ ראָשע דער קצבטע עפּעס אַזעלכע שטיקלעך, וואָס זיי האָבן אין זיך גאָרנישט, נאָר דאָך איז דאָס פליישיק, און זעקס שעה נאָך דעם קענט איר קיין מילכיקס ניט עסן. און פריידעס קונצן בײַ אויסלאַטעווען די קינדער, די יתומים־אייניקלעך,— זייערע העמדער, זייערע פלודערקעס, זיי זאָלן קענען גיין אין חדר און ניט צאָלן דעם רבין אומזיסטע געלט! בײַ פריידען האָט איר זיך אַלע געמעגט לערנען עקאָנאָמיע אַפילו אין הייצן דעם אויוון. מען באַדאַרף וויסן, וועלכע שײַט האָלץ טויג אויף חלה, וועלכע אויף טשאָלנט, וועלכע גלאַט אין אַ מיטן וואָך. און בערלען אירן זאָגט זי אָן, דאָס פרײַטאָג פון באָה זאָל ער ברענגען דעם בעזים אַהיים, וואָרעם פאַר דעם בעזים באַצאָלט מען, און אין שטוב איז דאָס

בייטיק, — ניט פריידע, אויך ניט איַרע קינדער, די יתומים, וועלן חלילה גיין גנבענען אַ מיאָטלע ביַי זלמן דעם יון, וועלכער הוסט נעבעך דעם גאַנצן פרימאָרגן, ווען ער, זלמן, אויך אַ דוואָרניק אין הויף, קערט דעם שטויב פון דער גאַס. זאָלן דאָס טאָן אָט די פוילע דינסט־ יידענעס, אָבער זי, פריידע, באַדאַרף רחמנות האָבן אויף זלמנען, וועלכער שנייַדט אייגנהענטיק די בעזימס אויס די בעראָזקעס אויסן שטאָט.

פריידע האָט פיַינט געהאַט יענעמס, אָבער אויך זי האָט ניט גע־ קענט דורכלאָזן אַן עוולה, עפּעס אַ ניט גלאַטע זאַך. אָט שבת נאָכמיטאָג און נאָכן שלאָף גייט זי הערן ווי די מומע פערע לייענט טייַטש־חומש. פריידע אַליין קען נעבעך גאָרניט, אויסער מודה־אַני און, פאַרשטייט זיך, אשר־יצר. גייט זי, און נאָך עטלעכע הויפישע וויַיבער הערן ווי פערע לייענט פון איר גרויסן „צאינה־וראינה". ס'איז פרשת בראשית, און די מומע פערע לייענט: „והאדם ידע את חוה אשתו", און אדם האָט געוווסט חוהן זיַין וויַיב. פערע נעצט איַין די פינגער און קערט איבער דעם בלאַט אין ספר, און בטעות האָט זי איבערגעקערט צוויי בלעטער און זי לייענט וויַיטער, פאַרקראָכן, הייסט דאָס, אין פרשת נח: „און האָט זי אויסגעשמירט פון אינעווייניק און פון דרויסן מיט דזשעגעכץ". אַלע וויַיבער הערן און שוויַיגן, אָבער פריידע קען דאָס ניט דורכלאָזן און באַמערקט: „אוי־אוי, אַ גאַרניזאָנער יון וואָלט דאָך דאָס ניט טאָן"... אָדער די מעשה מיט יוספן, ווי זיַינע ברידער האָבן אים פאַרקויפט. די וויַיבער הערן זיך צו און כליפּען אונטער: ס'אַ רחמנות אויף אים. און פריידע זאָגט, דאָס ער, יוסף, איז אַליין שולדיק. פון פאַראַיאָרן, אויך שבת־חנוכה, האָט ער דאָך געמעגט געדענקען, ווי זיַינע ברידער זענען זיך מיט אים באַגאַנגען, — הייַנט וואָס איז ער דאָס יאָר ווידער צו זיי געגאַנגען אין פעלד? זיַי ניט קיין נאַר, און אויף אַ נאַר איז ניטאָ וואָס רחמנות צו האָבן... און ווען פריידע גייט אַרויס, מורמלען די איבעריקע וויַיבער: דאָס רעדט אין איר אַ קינדערלאָזע, אַ בעזדעטיכע; ווען זי וואָלט האָבן אייגענע קינדער, וואָלט זי אַנדערש ריידן.

פריידע איז געבליבן אין דירה ביַי אונדז אַפילו ווען איר מאַן, דער אַלטער בערל טריהוב, האָט זיך אַריבערגעפּעקלט אויף יענער

וועלט. בערל איז געווען בײַ איר ניט דער ערשטער מאַן, און זי האָט חופּה געהאַט מיט, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, יאָשע דעם וכּרות, דעם בעל-לוח, געגומען אים מיט זײַנע צוויי יינגלעך צו זיך אין דירה. יאָשע איז געווען אַ ייִד אַ מומחה גדול אויף לוחות מאַכן. ער האָט געזאָגט, דאָס ווען ער האָט חשק מאַכט ער אײַך אַ לוח אויף הונדערטער יאָרן. ער פלעגט ריידן וועגן „קידוש החודש" להרמב"ם. אין בית-המדרש האָט ער זיך אַמאָל פונאַנדערגעקאָכט און האָט געזאָגט, דאָס ער ווייס ווען די לבנה איז צום ערשטן מאָל געבאָרן געוואָרן, און דאָס רופט זיך אויף לוח-לשון „מולד בהרב". באַלד האָט אים דער הויף-לץ, אונדזער באַקאַנטער משה סקאָראָכאָד, דער דומע-שרײַבער, געפרעגט, אויב מען האָט אים, יאָשען, גערופן אויפן מזל-טוב צו דער לבנהס געבורט, וואָס ער ווייס אַזוי גענוי; און וואָס ער זאָגט בהרד, איז דאָס אַ פאַמיליע „בײַ אונדז" אין דער רעוויזיע. יאָשעס צונעמעניש „וכּרות" איז געקומען דערפון, וואָס ער האָט אויסגעמאָלט בײַ אונדז אין בית-המדרש אַ מזרח מיט אַלע 12 מזלות, און דאָס איז געווען אין יאָר תרל"ב, האָט יאָשע צוגעטראַכט אַ לפּ"ק „וכּרות" וועלכער באַטרעפט 632 — איז אים געבליבן דער נאָמען וכּרות, וואָס באַדײַט אַזוינס, וואָס מען שרײַבט דאָס ניט...

איך גיי אַריבער צו אַן אַנדער שכן, לייזער דער עסיק-מאַכער. ס'קען זייער זײַן, אַז ער וועט מיך רופן צום בית-דין של מעלה פּאַרוואָס איך האָב ניט אָנגעהויבן פון אים, פון לייזערן, און שרײַב וועגן אים נאָך בערל טריהוב. לייזער עסיק-מאַכער האָט בײַ אונדז אין הויף אויך אין בית-המדרש געשפּילט אַ גאַנצע ראָלע. עסיק פלעגט ער מאַכן פון ליידיקע פעסער, אין וועלכע ס'איז געווען בראַנפן. אָט אין די פעסער גיסט מען אַרײַן וואַסער, און עס ווערט עסיק. דאָס אַליין איז שוין אַ גאַנצע מומחות, און לייזער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שכל-זאַך, אַ מין כעמיע. וואָס איז דאָס כעמיע האָט ער אונדז ניט געקענט פאַרטייטשן, נאָר ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ער רעכנט, דאָס מיט מאַלץ צוזאַמען קען מען פון אָט די ליידיקע פעסער אַפילו ביר אַרויס-קריגן. והאָ-ראָיה: ביר האָט אויך אַ זויערקייט. נאָר לאָמיר לאָזן די-

חכמת הכעמיע, דאָס איז ניט אונדזער מהות. לייזער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ באַזונדער מבין אויף חזנות, וואָרעם ברוך־דוד איז געווען זײַנער אַ קרוב. ווי איז די קרובהשאַפט האָט ער ניט געוווסט, אָבער ער פלעגט ברענגען צוויי ראַיות: ערשטנס, זענען זיי ביידע נכתבים אין רעוויזיע פון קראַסנאָפּאָליע, און צווייטנס — בײַביידן, אי בײַ אים, אי בײַ ברוך-דודן, הייסן די זין יאָשקע, ביידע נעמען נאָך ר׳ יוסף בעל־שחרית זכרונו לברכה. און ברוך־דוד איז דאָך עפּעס ניט קיין קליייניקייט. געדאַוונט מוסף אין ווילנע, און שיר-שיר ניט געוואָרן חזן אין פּעטערבורג. לייזער האָט מיר געזאָגט, אַז ברוך־דוד האָט אים געזאָגט, דאָס קיין נאָטן קען ער ניט, אָבער דעם שכל פון נאָטן, ווי מען זאָל אַ ניגון קענען פאַרשרײַבן — פאַרשטייט ער. פון אונדזער בית־המדרש פלעגט לייזער אַוועקגיין אין מיטן דאַווענען הערן ניסן דעם חזן אין צוקערמאַנס שול, און לייזער פלעגט דערנאָך אונדז דאָקלאַדעווען וועגן דעם „כבקרת“, אָדער וועגן דעם מאַרש פון „היום תאמצנו“. מיט זיך פלעגט ער נעמען זײַן יאָשקען און שפּעטער, בעת מיר זיצן אין סוכה און מען רעדט זיך וועגן חזנים, פלעגט לייזער הייסן זײַן יינגל איבער־זינגען אַ שטיקל פון „זכרונות“ אָדער פון קדושה. ווען איך קען נאָטן וואָלט איך אײַך גלײַך געקענט אויפשרײַבן דעם ניגון מיט אַלע קרעכצן פון „בהגלותך מלכנו“. אָבער ניט איך קען נאָטן, ניט ווער פון אונדז „פאַרשטייט דעם שכל פון זיי“, ווי לייזער פלעגט זאָגן.

לייזער איז געווען אַ ייִד אַ חקרן, אַ שטיקל פילאָסאָף. און ער פלעגט אַנדערע זאַכן אָפּלייקענען, ניט מורא האָבן פאַר דעם האַרבן וואָרט „אַפּיקורס“. צום בײַשפּיל: דעם שכל פון לוח האָט ער פאַרשטאַנען, אָבער — האָט ער געזאָגט — דאָס וואָס יאָשע וכרות באַרימט זיך, אַז מען קען מאַכן אַ לוח אויף הונדערט יאָר — איז דאָס ניט אמת. אויף אַ יאָר פריִער — איז מעגלעך, און מען באַדאַרף דערצו ניט זײַן דווקא אַ ווילנער, ווו ס׳דרוקן זיך די לוחות; אָבער אויף הונדערט יאָר — דאָס איז, זאָגט ער, למעלה מן השכל, און דערין גלייבט ער ניט. אָדער נאָך אַ משל. לייזער עסיק-מאַכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן מבין אויף אתרוגים, לולבים, הדסים, איבערהויפּט אתרוגים. ער האָט געהאַלטן נאָר פו

קאַראַפּירער אתרוגים; ווען אים איז געפעלן די מומע פערעס איידעם, האָט ער געזאָגט: אַ קאַראַפּירער אתרוג. און ווען מען האָט אָנגעהויבן צו שמועסן וועגן ארץ־ישראל־אתרוגים, האָט לייזער געזאָגט, אַז דאָס קען ניט זײַן, וואָרעם אויף זיי וועט קיינמאָל קיין פּטום ניט וואַקסן. דער שכל פון פּטום ליגט, פלעגט לייזער זאָגן, אין לאַנד און ארץ־ישראל קען ניט געבן מיט פּטומס. אַט, למשל, פאַרוואָס קויפן מיר אוגערקעס אין אָרשע? ווײַל אָרשער ערד איז מסוגל דערצו. אויך „קאָראַפּירע" (אינדזל קאָרפו) איז אַזאַ ערד, וואָס אויף איר וואַקסן אתרוגים מיט פּטומס.

מיר, יונגע בחורים, פלעגן זיך אָפּט צוזאַמענקלײַבן צו לייזערן טרינקען אַ גלעזל לעבלעכן טיי, הערן זײַנע חקירות און פילאָסאָפיע. ער איז שוין געווען אַביסעלע געכאַפּט אין השכלה, זײַן לייבקען האָט ער אַוועקגעגעבן אין קלאַס, אין אוטשילישטשע, הייסט דאָס, און ווען מאַנדל־שטאַם דער דאָקטאָר האָט געמאַכט אַקושערסקע קורסן, איז אויך זײַן מיידל קריינע אַוועק אויף די קורסן. אָט טאַקע צוליב דער קריינען פלעגן זיך די בחורים קלײַבן צו לייזערן, זיצן דאָרטן שפּעט בײַנאַכט... איך שטעל פֿינטעלעך, און איר באַדאַרפט זיך אָנשטויסן וואָס איך מיין דערמיט. אין הויף האָט לייזערס דירה געקרופן זיך „דער קלוב". און גאַנץ אָפּט פלעגן די מאַמעס זאָגן: גענוג שוין אײַך זיצן אין קלוב. צײַט אַהיים צו גיין, צײַט שלאָפן. און ניט ווילנדיק פלעגט מען זיך צעגיין און לייזער נעמט זיך פאַר דער אַרבעט איבערצוגיסן די גרויסע פעסער און מאַכן דעם עסיק. חקירה און פילאָסאָפיע איז טאַקע גוט, נאָר פּרנסה באַדאַרף מען אויך האָבן.

אַנטקעגן ביינוש דעם מוכר־ספרים, ממש אַ טיר אַנטקעגן אַ טיר, האָט געוווינט ישראלקע דער קורצער. וועגן אים קען איך אײַך כמעט ניט שרײַבן, היות ער איז געווען שטענדיק כמעט ניט אין דער היים, געווען אַ משולח בײַ מײַן פעטער חיים־שמעון אויף דעם שאָסיי־פּאָדריאַד. זײַן פּרנסה, ווי ס׳ווייזט אויס, איז געווען ווייניק צום לעבן, און דאָס ווײַב זײַנס, ליבע, האָט זיך געמאַכט אַ שטוביקע פּרנסה. זי פלעגט מאַכן קוואַס. וואָרעם אַ לעדניק, אַן אײַז־צימער, איז געווען אין הויף,

און אין די זומערדיקע היצן איז קוואַס אַ סחורה. פאַר אַ האַלבער קאָפּיקע טרינקט איר אַ גאַנץ קווערטעלע. אויף ווינטער שטעלט מען עפּל־קוואַס, איז דאָס אַ דאָפּלטער אַרטיקל: די עפּל קויפן נאַשער און עפּל־קוואַס איז גוט מיט ברויט. ליבע האָט קיין דירה־געלט ניט געצאָלט, ווארעם זי איז געווען עפּעס אַ קרובה דעם זיידנס; איר טאַטע איז געווען אַ צייטלין, אַ קרוב מיט מײַן זיידן פון זײַן מאַמעס צד. נאָר דאָס ניט צאָלן דירה־געלט האָט צו ליבעס פּרעסטיזש ווייניק געשאַדט, און אין הויף איז זי געווען פון די מיוחסים. ליבע האָט בײַ זיך געהאַלטן אירע עלטערן. דער טאַטע אירער פלעגט אונדז דערציילן מעשיות פון פּעטערבורג, פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, פון דעם גרויסן געוויסער פון דעם טײַך ניעווע. מיר האָבן די מעשיות גערעכנט פאַר אויסגעטראַכטע. זײַן ווײַב, ליבעס מאַמע, איז געווען באַשקע די רביצין. זי פלעגט לערנען מיידלעך עברי און מײַנע שוועסטער פלעגן מאַכן פּליטה, ווען נאָר באַשקע פלעגט קומען.

געווען בײַ אונדז שכנים אויך רײַכערע, בעלי־בתּישע. אָט, למשל, שרה יונהס אָדער, ווי איר צונעמעניש איז געווען, שרה־דבריא, ווײַל פון די נײַן מאָס רייד וואָס ווײַבער האָבן, האָט די שרה אַליין גענומען זיך צען מאָס. זי איז געווען אַ הויף־שפּרעכערין, אַ דעה־זאָגערין אין אַלץ אין הויף, אַפילו אויף אַ מלמד מבינות איז זי אויך געווען אַ בעלן צו זאָגן. און אויב איך בין אַ שטיפער איז אויך איר עסק. און טאָמער רעדט איר אַ וואָרט — קומט זי באַלד מיט איר פעטער דן, וועלכער איז דער שפּיגל אין איר משפּחה. איך האָב אײַנגעשמועסט איר ייִנגל, כמעט אין מײַנע יאָרן, דאָס הײַנטיקן שבת גייען צוויי סדרות: תּולדות און תּזריע, און איר קדיש דער חכם האָט דאָס געזאָגט אַזוי פאַר פרעמדע מענטשן, — איז זי געוואָרן אויף מיר מלא חימה און מסרט אויף מיר דער מאַמען. זאָגט צו איר מײַן מאַמע, דאָס אַ זעקס־יאָריקער בחור האָט שוין געמעגט וויסן, דאָס תּולדות און תּזריע קענען ניט גיין אין פּאָר. זאָגט שרה־דבריא, דאָס איר פעטער דן, ווען זי איז בײַ אים געווען אין ראָגאַטשאָוו, האָט פאַרהערט איר ייִנגל און האָט אים געלויבט. און ווי זי הייבט נאָר אָן מיט דעם פעטער דן, איז דאָס

אַ מעשה אָן אַן עק און עס וועלן אַוועקגיין מעשיות וועגן זײַן הויז, וועגן די רביים, וואָס ער איז מיט זיי בכל־מכל־כל, און וועגן זײַנע ארץ־ישראל־פּושקעס, און ס׳איז גלײַכער פון איר פּטור ווערן.

און שכנים און שכנות זענען בײַ אונדז געגוג און ניט מיט איין מאָל קען איך אויסשרײַבן. איך וועל נאָך מיט אײַך זיך דורכשמועסן אַמאָל אויך וועגן דער אייגענער משפּחה, וועגן די מומעס און די פעטערס, וועגן די שוועסטער־קינדער. נאָר לאָזט צו רו, אַלץ מיט אַ מאָל קען נאָך חלילה פאַרשאָדן אײַך און מיר אויך, אויף אַן אַנדערש מאָל.

דעם זיידנס סוכּה

מיין זיידנס הויף איז געווען זייער אַ גרויסער, דאָס הייסט, ער איז אפשר גאָר ניט אַזוי גרויס געווען, נאָר מיר האָט זיך געדוכט, אַז דער הויף איז עפּעס משונה גרויס. שטעלט אײַך פֿאָר: אַ הויף מיט כּלי־טוב: פֿעסער מיט הערינג און פֿעסער אָן הערינג; צעבראָכענע, אַלטע קאַרעטעלעך און קליינע האַנטוועגעלעך, וועלכע אָרימע טרעגער פֿלעגן אָפּשטעלן אין הויף; שפּײַכלערלעך פֿון אַלע מינים סחורות, און ייִדן מיט ייִדענעס מיט, להבדיל, פּויערים דעם גאַנצן טאָג; אַ מנין גאָט צו דאַנקען אַ יאָריקער אויפֿן הויף, טאַקע בײַ דעם זיידן אין זאַל; מײַן רבּיס חדר, און נאָך אַ חדר פֿון איינעם עפּעס גלאַט אַ דרדקי־מלמד, וואָס איז געווען בײַ אַ שכן פֿאַרדונגען; זומער — בלאָטקעס מיט גערטעלעך, און ווינטער — אַ גליטש טאַקע אויף די בלאָטקעס; אַ מוכר־ספֿרים האָט געוווינט אין הויף, און אויך אַ קוואַסניק מיט אַ הילצערנעם פּוס, און אַ עסיק־מאַכער — אַ האַלבער פֿילאָסאָף; היינט גלאַט שכנים, עפּעס גאָר אָן אַ צאָל. אַקוראַט וויפֿל שכנים עס האָבן בײַ דעם זיידן אין הויף געוווינט, קען איך אײַך ניט זאָגן; איך ווייס נאָר, דאָס ווען שבת־חנוכּה פֿלעגט פֿאַלן ראש־חודש, און מען פֿלעגט דעמאָלט באַדאַרפֿן מאַכן דרײַ קוגלען: פֿאַר גלאַט שבת, פֿאַר שבת־ראש־חודש און לכּבוד שבת־חנוכּה, — פֿלעגן זײַן אין הויף לערך אַ הונדערט קוגלען, און עס פֿלעגט זײַן אַ דוחק אין טשאָלעטשקעס. עס איז דאָך אוממעגלעך בײַ

יעדער בעל־הביתטע זאָל זײַן אין בעלי־בתּישקייט צו דרײַ קוגל־טעפּלעך און נאָך אַלע פלײשיקע!...

איך בין אײַך, פאַרשטײט איר מיך, מקצר און רייד מיט אײַך וועגן מײַן זיידנס הויף אין דרײַ ווערטער. ווען איך וואָלט אײַך קומען דערציילן, און עפּעס אַזוי אַרומריידן וועגן די שכנים, יעדערן באַזונדער, וואָלט איר האָבן וואָס צו הערן. די שכנים האָבן זיך געוווינט צענדליקער יאָרן בײַ אונדז אין הויף. העכערן דירה־געלט פלעגט דער זיידע קיין מאָל ניט: און טאָמער האָט אַ שכן זיך אונטערגעפּוילט צאָלן אַלע וואָך, האָט אַ פּאָר סדרות דורכגעלאָזן, האָט מען אים אויך אין פּאָליציע ניט גע־שלעפּט חלילה. נאָך מער: אַז צו אַ מאַרק־טאָג, ווען בעניע פּוטערניק פלעגט מוזן האָבן עטלעכע קערבלעך, אָדער בערל טריהובן פלעגט זיך מאַכן קויפן אַ פעסל דזשעגעכץ, — פלעגט דער זיידע זאָגן דער באָבען:

— דו, האַ דו, — רבי בערל בעט אַ גמילות־חסד, נו גיב אים ווען דו האָסט.

אָדער:

— דו הערסט, וואָס בעניע זאָגט? דער שוטה האָט ניט געקענט צוגרייטן עטלעכע רובל צום מאַרק. אַ פּתי,— דאַכט זיך, ער ווייס אַז עס וועט זײַן אַ מאַרק. גיב אים דײַנע, — איך וועל אָפּזאָגן „תּיקוני זוהר״ וועל איך דיר שוין אָפּגעבן.

און בעניע פּוטערניק און בערל טריהוב האָבן שוין געהאַט דעם גמילות־חסד, כאָטש פון זיי האָט געקומט פאַר גוטע, עטלעכע וואָכן דירה־געלט.

הקיצור, איך דערצייל אײַך ניט וועגן די חובות, וואָס עס קומט מײַן זיידן פון די שכנים, — איך קאָן אײַך שענקען דעם חלק ירושה דערפון — נאָר איך מוז אײַך דאָס דערציילן, כּדי איר זאָלט פאַרשטיין, אַז אַ סוכּה האָט מען געדאַרפט בויען בײַ אונדז אין הויף ניט קיין קליינע, וואָרעם אַלע שכנים האָבן געדאַרפט עסן אין איין סוכּה.

דעם ערשטן פלעקל, ווי דער סדר איז, פלעגט מען אַרײַנשלאָגן מוצאי־יום־כּפּור, באַלד נאָך הבדלה. דאָס איז געווען רבי וואָלף דעם בטלנס מצווה, און קיינער האָט אים דאָס ניט געדאַרפט דערמאָנען. נאָר

דער אמתער געביי, דער רעכטער בנין פון דער סוכּה, האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אויף מאָרגן, צו „גאָטס נאָמען". און דאָס איז געווען גאָר אַ היפּשער עסק, אַ גאַנצער פּאָדריאַד און טאַקע איך בין געווען כּמעט אַ האַלבער פּאָדריאַדטשיק. איך מוז אײַך זאָגן, אַז די קאָפּדרייעניש מיט די הינטערשטיקלעך בײַ הײַנטיקע פּאָדריאַדן זענען גענומען געוואָרן, לכל הפּחות בײַ מיר, אָט פון מײַנע סוכּה-פּאָדריאַדן. דאָרטן איז געווען, זײַט רויק, גוטע לומדות, אָט דאָס בויען די גרויסע סוכּה מיט פינף פינגער, אָן מאַטעריאַל און אָן געלט, ווי דער סדר איז פון פּאָדריאַדן.

ראשית דאַרפט איר וויסן, אַז קיין געלט האָבן מיר ניט געוואָלט פּאַרדינען; ווען מיר וואָלטן האָבן אייגנס, וואָלטן מיר נאָך צוצאָלן, מען זאָל נאָר אונדז, דאָס הייסט מיר מיט דעם ברודער מיט די איבעריקע יינגלעך פון הויף, איבערגעבן דעם פּאָדריאַד. עפּעס אַ קלייניקײַט בין הזמנים, — דער רבי איז גאָר אין שטאָט ניטאָ, אַוועקגעפאָרן אַהיים אויף יום-טוב, און אַ האָפענונג צו גאָט, אַז העט-ווײַט ביז נאָך אסרו-חג וועט מען פון אים ניט וויסן און ניט הערן; ווײַטער האָט מען ברוך-השם אָפּגעפּטערט די מוראדיקע טעג, מיט די קרעכצעניש מיט דעם געוויין, מיט דעם טרייסלען זיך פאַר דעם יום-הדין. עפּעס אַ גלײַכווערטל צו זאָגן, — עס איז געלעגן אַ באַרג, אַ וואָלקן אַ שווערער פון אָנהייב אלול אָן; גאַנצע פערציק טעג נאָר זײַן אין איינע שרעק, אָט-אָט-אָט, ער גייט דער בחור, דער גזר-דין!... הײַנט אָבער — אויס, פּטור געוואָרן, אַראָפּ יום-כּפּור, גרינגער אויפן האַרצן! פאַראַן נאָך אַפילו עפּעס הושענא-רבא, גמר-חתימה כּלומרשט, נאָר דאָס איז שוין עפּעס אַ היימלעכער טאָג, עפּעס ניט אַזוי מוראדיק, אייגענע מענטשן, ווי מען זאָגט, מחרת-יום-כּפּור איז שוין קיין עוולה ניט עפּעס אַ שטיף טאָן, נישקשה נעמען זיך ווידער צו די הינטעלעך, וועלכע מיר האָדעווען בשותּפות מיט שקצים פון דעם שכנס הויף, אפשר אַפילו קיין נאַרישקייט אַראָפּלאָזן אין געוועלב דורכן פענצטער אַ שטעקל מיט אַ טשוואָק צום רײַסן פון דאָרטן עפּל מיט באַרנעס... הײַנט ווער שמועסט, אַז עס מאַכט זיך בויען אַ סוכּה אין הויף!

הכּלל מיר נעמען זיך פאַר דער סוכּה.

באַדאַרף מען דאָך האָבן אויסשלאָג, עפּעס געלט, און מיר זענען לאַ־עליכם, ניט געווען קיין קאַפּיטאַליסטן, און אַז מען גייט ניט אין חדר איז אַפילו קיין טאַשן־געלט אויך ניטאָ. די שכנים פלעגן זאָגן:

— בויט אויס די סוכה — וועלן מיר אייך געבן געלט.

— אָבער ווו זאָלן מיר נעמען אויף אויסלייגן? — פלעגן מיר טענהן.

— אייך לוינט ניט — דאַרף מען ניט; מען וועט בויען אָן אייך; גייט, גייט אייך שפּילן; ניט טומלט ערב יום-טוב אַ קאָפּ.

וואָס זאָלן מיר טאָן? פלעגן מיר שוין קריגן מאַטעריאַל, און מיר נעמען זיך צו דער אַרבעט. די גריבער אויף שטעלן די סלופּעס פלעגן מיר אויסגראָבן אַליין, טאַקע בכבודו ובעצמו, האַלב מיט אַ גראָבאייזן, האַלב מיט די הענט, אַלע צו דער מצווה. נאָר שטעלן דעם סלופּ, דאָס איז געווען ניט נאָך אונדזערע כּוחות. מיר פלעגן גיין רופן די עלטערע ברידער, בעטן זלמן דעם יון, וועלכער פלעגט נאָר בורטשען און זאָגן אויף אונדז: „שנעקעס!“ — און די מלאָכה פלעגט זיך ניט רירן. מען זעט באַשײַמפּערלעך, אַז מען מוז האָבן אַ גוי, און טאַקע מיט אַ האַק, אָט טאַקע ווי עס באַדאַרף צו זײַן. און מיר גייען אויפן גאַס, און בערל טריהוב ווערט פאַר אונדז אַ טאָלמאַטש און רעדט זיך דורך מיט אַ גוי. וואָס־ווען פאַרשטייען מיר ניט אַקוראַט, נאָר מיר ווייסן, אַז מען דאַרף דעם ערל באַצאָלן פּערציק קאָפּיקעס אַחר המעשה, ווען די סוכה וועט זײַן פאַרטיק ביז דעם סכך. ששון ושמחה — מיר גייען אַלע מיט דעם ערל אין הויף אַרײַן.

די סוכה בויט זיך; זי וואַקסט פון שעה צו שעה; אַ פערט־חלק הויף איז אויסגעצאַמט. איין יינגל, רחע די אײַזנקרעמערינס, שלעפּט אונדז טשוועקעס וויפל דאָס האַרץ גלוסט, און מען גיט דעם ערל און אַלע בשותּפות פאַרשטייען מיר, וואָס ער רעדט צו אונדז עס האַלט שוין בײַ די פענצטער. מיר שלעפּן אַראָפּ פון דעם בוידעם די דובלט-פענצטער, מען היט זיך חלילה ניט פאַלן פון דער קרומער טרעפּ און חלילה וחס ניט צעברעכן די פענצטער. טראַך! עס האָט זיך צעבראָכן אַ שויב...

— דײַנע מלאָכות! שרײַט לײבע, װעלכער איז דװקא שולדיק.

— ניט איך, װי איך בין אַ ייִד — ניט איך!

— „ניט איך, ניט איך" — קרימט זיך לײבע — אָבער װאָס זאָל מען טאָן?

— װײסט איר װאָס — זאָגט מאָטקע פּײשעס, װעמען אַ ליגן איז געװען לײַכט צו קריגן — מיר װעלן זאָגן, אַז די שויב איז געװען אַ צעבראָכענע.

— אָבער װעט דאָך בלאָזן אין סוכּה!] זאָגן עטלעכע ייִנגלעך.

— מיר װעלן פאַרקלעפּן מיט פּאַפּיר — זאָגט לײבע רויִק — נו, נעמט, קינדער, און אַלע פענצטער זענען שוין אויפן הויף, און דער ערל נעמט זיך שטעלן די פענצטער אין װאַנט. קומט אָבער אויס, אַז די פענצטער זענען צו הויך; פאַלט דער גוי אויף אַ שכל און שטעלט די פענצטער אין דער לענג; זענען דאָך די פענצטער צו לאַנג, — שטעקט אַרויס פון װאַנט אַ שטיק פענצטער. נישקשה, קײַן חיות ניט. איי װאָס, דער װאַסער-פירער װעט אַרויספאָרן אויפן הויף און הענדום־פּענדום װעט ער פאַרטשעפּען די שטיק פענצטער, — נו, האָט ער דאָך אויגן, זאָל ער זיך היטן. װאָס זענען מיר שולדיק? מיר האָבן געבויט די סוכּה, װי עס דאַרף צו זײַן...

די סוכּה איז פאַרטיק. דער זײדע האָט אונדז געגעבן אַ רובל, מיר האָבן זיך פונאַנדערגעזעגנט מיט דעם ערל, געשענקט אים פינף קאָפּיקעס איבעריקע, װאָרעם ער האָט אונדז דערלויבט אַלײן אויך האַקן מיט זײַן האַק. געקויפט קלײַמקעס צום טירל, און אַז מען איז געװאָרן בגילופין, פרײלעך, געהויבן, איז געבליבן אַרײַנצושטעלן די צעבראָכענע שויב. קורץ, די סוכּה װעט זײַן אַ פײַנע, מען דאַרף קויפן אַ װאָגן זאַמד, געלינקן זאַמד, אויסשיטן אין סוכּה, און מען דאַרף זען װעגן סכך. נאָר מיט די בײדע זאַכן האָט מען צײַט ביז ערב סוכּות.

ערב סוכּות באַלד נאָך דעם דאַװנען האָבן מיר זיך צוזאַמענגע־קליבן אויפן זאַװאַלינקע, אונטערן שפּײַכלער, דאָרטן װו עס האָט זיך אונדזערע דרײַ הינטלעך, און בײַ אונדז איז געבליבן, אַז מען זאָל

צוזאַמענקלײַבן אויף דער סוכּה נאָך צוויי רובל, כּדי עס זאָל געווג זײַן אויף סכך, זאַמד און עס זאָל נאָך עפּעס בלײַבן. איך מוז אײַך זאָגן, אַז קיין חשבון צדק, גאָר אַן אמתע רעכענונג, האָבן מיר ניט גע־קענט דעם עולם, דאָס הייסט די שכנים, באַווײַזן, מחמת צוויי טעמים. ערשטנס, זענען געווען זײַטיקע הוצאות אַ סך. בשעת מען האָט גע־בויט די סוכּה, זענען מיר אַלע געווען אין הויף, מיר פלעגן אַפילו ניט וועלן גיין עסן אין שטוב; הונגעריק קען מען דאָך אויך ניט זײַן, כאַפּט מען פאַר עטלעכע קאָפּיקעס אייערבייגל, פּוטערקיכלעך, אַ פּי־ראָזשנע. אויסער דעם איז מען דאָך זינדיק: די מלאָכה, זאָגט מען, האָט האָלט דעם טרונק, און יִינגלעך האָבן ליב עפּל מיט פלוימען. נו, מיר בויען אַ סוכּה, פאַרוואָס זאָלן מיר ניט אַ נאַש טאָן? אַבי נאָר מאַכן אַ ברכה, איז דאָס ניט קיין עבירה. — דאָס איז אײַך איין טעם.

ווײַטער איז געווען נאָך אַ מעשה. איר דאַרפט וויסן, אַז דער חשבון פון דער סוכּה איז בײַ אונדז געגאַנגען צוזאַמען מיט נאָך אַ געשעפט. מיר יִינגלעך פלעגן דאַרפן אילומינירן דעם מנין צו שמחת-תּורה. ניט מיינט חלילה, אַז מען האָט אונדז געהייסן אילומי־נירן, געוויט פון קהל, מיר זאָלן דאָס טאָן; אומגעקערט, עס פלעגט טרעפן, אַז מיר מאַטערן זיך אָפּ צוצוקלײַבן דעם בית־מדרש, הענגען אויף לאַמטערנעס און אַז מיר דערהערן שוין די גוטע שעה, שמחת-תּורה, און מיר צינדן אַלעס אָן, אַז עס לויכט דער גאַנצער בית־המדרש און עס קוועלט אונדז דאָס האַרץ, — קומט זיך פלוצים מײַן פעטער חיים-סענדער, אַ ייִד אַ בייזער, אַן אַלטער פאָדריאַדטשיק מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, און הייסט דעם שמש, זלמן דעם יון, אַלץ אויס־לעשן! עס טשאַדעט, זאָגט ער, אין בית-המדרש. — דו, שגץ — זאָגט ער צו מיר — האָסט דאָס אַרומגעהאַנגען די גאַנצע שול? זיי וועלן נאָך רחמנא ליצלן, אָנמאַכן אַ שרפה.

נאָר מיר פלעגן זיך טאָן אונדזערס און לאָזן זיך קאָסטן געלט אויף רויטע פאַפּיר, מאַכן לאַמטערנעס, גלאַטע און געקנייטשטע, פון אַלערליי קאָלירן, שטעלן אין די פענצטער פלאַשקעס און מאַכן טראַנספּאַראַנטן מיט גרויסע ליכטיקע אותיות „שישו ושמחו בשמחת תּורה“,

וועלכע צוויי מוראדיקע לייבן האָבן געהאַלטן אין די מײַלער. דער עסק האָט אונדז געקאָסט געלט, רעכט געלט, וואָרעם קאָלירטע פּאַפּיר, פּאַרשטייט איר מיך, קאָסט צוויי קאָפּיקעס אַ בויגן, און פון אַ בויגן קומען קוים-קוים אַרויס פיר לאַמטערנעס; הײַנט ווו איז דראָט אויף הענטעלעך און קאַרדאָן אויף דעקעלעך. אָט די אַלע הוצאות פלעגן גיין פון דעם חשבון פון סוכה, און דער עולם, דאָס הייסט די שכנים, האָבן דערפון ניט געטאָרט וויסן.

ובכן, מיר גייען קלײַבן סוכה - געלט בײַ די שכנים. מיט מײַן מאַמען איז דער עסק געוואָרן גיך: מיר האָבן אָנגעהויבן וויינען, האָט זי אונדז באַלד געגעבן פופציק קאָפּיקעס, אַבי מיר זאָלן ערב יום-טוב ניט דרייען זיך אין קראָם און ניט קלאָגן אויף איר קאָפּ. „נאָר וואַרט, וואַרט, — דער רבי וועט אם ירצה השם נאָך יום-טוב פון אַלצדינג וויסן!" האָט זי מוסיף געווען. — ביינוש דער מוכר-ספרים, אַ טרוקענער מתנגד, וועלכער שלאָפט אַפילו אויך אין סוכה, האָט אונדז אַפילו אַ וואָרט ניט איבערגערעדט, געגאַנגען אין שופלאָד, אַרויסגענומען דעם קופערנעם טשײַניק און האָט אונדז אָפּגעצאָלט פינף און צוואַנציק קאָפּיקעס האַרטע געלט. דערנאָך זענען מיר געגאַנגען צום פעטער הילליען, ער זיצט אין שניטקראָם, וואָרעם דאָס ווײַב, די מומע פערע, איז געגאַנגען לכבוד ערב יום-טוב פרעגלען טייגלעך. מיר קומען אַרײַן, עפּעס אַ זאַלבעזעקסט, מיט אַ לשון בקשה:

— סוכה - געלט...

דער פעטער הילליע איז אַפילו צופרידן, וואָס דאָס זענען מיר, ניט אַ סוחרטע אָדער גאָר אַ פריצטע; ניט ער וויים מקחים אויף סחורה, ניט ער קען רעדן רוסיש. נאָר אַ ייִד איז ער געווען אַ קאַלטבלוטיקער, דאָס האַרץ זיך קיינמאָל ניט אָפּגעגעסן, סיידן, אַז עס איז ניט געווען צו וועטשערע קיין גריקענע קאַשע. זיצט זיך דער פעטער און לערנט „הלכות סוכה" אין דעם „שולחן - ערוך", און הערט אונדז ווי דעם קאָטער.

— סוכה - געלט!

ער גיט עפּעס ווי אַ ברום אויף אונדז, און לערנט זיך ווייטער...

מיר קוקן זיך איבער איינע מיט די אַנערע, און איך נעם זיך שפּילן מיט דיביינדעלעך פון שטשאַט. נעמט דער פעטער קאַלטבלוטיק דעם שטשאַט בײַ מיר אָפּ, און — לערנט ווײַטער. שלעפּט אַ ייִנגל פון אַ שטיקל ציץ אַ קאַרדאָן: דאָס וועט צוניץ קומען צו שמחת־תורהדיקע לאַמטערנעס. גיט זיך דער פעטער אַ פּאַטש דעם ייִנגל איבערן הענטל, און — לערנט ווײַטער...

— סוכּה־געלט גיט אונדז, פעטער, סוכּה־געלט! שרײַען מיר. נאָר גיי שרײַ צו דער וואַנט, טענה מיט דעם לאָמפּ: ער לערנט און לערנט, און אַ מעשה אָן אַן עק.

מען גייט צו דער מומען, — שיקט זי אָפּ צום פעטער: „זאָגט אים, ער זאָל אײַך געבן; איך האָב, זאָגט אים, געהייסן געבן אײַך פון טישקעסטל אַ פּערטעלע". מיר פוילן זיך ניט, און גייען ווידער, — נאָר דער אייגענער תּירוץ: אַ ברום, און געלערנט; כאַטש לייג זיך און לאַך. נו, ווײַטער צו דער מומען, טאַקע אַלע זאַלבעזעקסט, מיט אַ שטיקל אימפּעט, אַז מיר האָבן שיר־שיר ניט איבערגעקערט דאָס לאָקשן־ברעט מיט די טייגלעך.

— מומע, ער גיט ניט! —

— דער שוטה — ענטפערט די מומע — נו, וועל איך אייך געבן. וויפל געבן אײַך, אַ זלאָטקע?

— אַ פּערטעלע, מומע...

— מער ווי אַ זלאָטקע וועל איך ניט געבן, און פינף קאָפּיקעס שענק איך אײַך אויף ניס, — א ײַ ך, ניט אויף דער סוכּה...

מיר זענען צופרידן אויך דערפון, וואָרעם די חשבונות איז שוין אונדזער זאַך. די אָרעמע שכנים זענען אין מאַרק, יעדערער אין זײַן קרעמל אָדער ווו די פּרנסה זײַנע איז. צום פעטער מאָטען גייען מיר ניט בעטן געלט. ער איז אַ שוואַכער און קאַלטע זופּ אין סוכּה פאַר־שאַדט אים; האָט פּײַנט די קריג אין סוכּה צווישן חסידים און מתנגדים, לאַכט פון געבראָטענע מתנגדים און שמייכלט, אַז מיר לאָזן ביינושן, אַרײַן בײַנאַכט אַ ציג אין סוכּה; אויך האָט ער פּײַנט די חסידישע, זאַבאַבאָנעס און האַלט פון די פאַרגלאָצטע אויגן דרײַ ציבעלעס. ער

גייט נאָר אין סוכּה קידוש מאַכן, אויף עפּל גיט ער אונדז מיט דער פולער האַנט אַלע מאָל, און געלט בעטן מיר ביי אים ניט. דאָס איז ניט קיין פעטער, פאַר וועלכן דו דאַרפסט מורא האָבן, נאָר אַ גוטער ברודער, וועלכער וועט דאָך דיר אַליין העלפן אונטערלאָזן אַ זמיי.

קורץ, ווו נאָך נעמען געלט איז ניטאָ. זיצן מיר און טראַכטן, ווי גייט מען אין מאַרק קויפן סכך. מיטאַמאָל הערן זיך קולות איבער דעם גאַנצן הויף, מען שרייַט, מען רופט מיך, מייַן כשרן נאָמען.

— דאָ בין איך, דאָ בין איך, וואָס איז?

— מען זוכט דיך פון דרייַ שעה. וווּהין גייסטו? פרעגט דער עלטערער ברודער, וועלכער פירט מיט מיר ברמה. —

— די סוכּה, סכך...

— וואַרט, וואַרט, איך וועל דיר דערלאַנגען סוכּה מיט סכך... אין באָד קום!

די סוכּה ווערט צוגעדעקט אָן מיר. און מיך פירט מען, האָט קיין פאַראיבל ניט, אין באָד...

חנוכה-מעשיות

איר ווילט וועגן חנוכה — איך וועל אײַך דערציילן פון מײַנע קינדערשע יאָרן. ניט עפּעס אַ מעשה, נאָר גלאַט אַזוי...

...הערט נאָר, אַז ווען מיר זענען קינדער געווען, פלעגן מיר ניט נאָר חנוכה-געלט נעמען, נאָר אויך געבן. און איך קען אײַך זאָגן, אַז אויך געבן חנוכה-געלט פלעגן מיר מיט גרויס שמחה, און מיר, קינדער, האָבן הנאה געהאַט פון געבן אפשר ניט ווייניקער, און צײַטנווײַז נאָך מער, ווי פון נעמען. — און ניט מיינט, דאָס מיר זענען געווען נאַראָנים, ניט געוווּסט ווי געלט איז טײַער; פע, זייער גוט טאַקע פאַרשטאַנען וואָס איז געלט, און מטבעות זענען טאַקע בײַ אונדז געווען די בעסטע צאַצקעס. נאָר דאָך האָבן מיר בשמחה רבה ניט נאָר גענומען, נאָר אויך געגעבן און געטיילט חנוכה-געלט.

דאָס ערשטע חנוכה-געלט פלעג איך געבן דעם באַהעלפער, געטשע דעם יתום. בײַ אונדז פלעגט ער עסן שבת, און ער איז געווען מײַן באַהעלפער שטענדיק, בײַ וועלכן רבי איך האָב ניט געלערנט. זײַן מוטער האָט זיך אויפגעהאַלטן פון אייביק אָן עפּעס בײַ אונדז אין הויף, און איר בן-יחיד, געטשע הייסט דאָס, איז געווען אַ פרי-דוואָרנער באַהעלפער. ער איז געווען אַ שעפעליאַווער, מיט אויסגעבויגענע פּלייצעס, אויף וועלכע עס איז געזעסן אַ קליינער קאָפּ מיט זייער אַ מאָגערן פּנים. ווי איך דערצייל אײַך, האָט געטשע קוים-קוים גערעדט,

שטאַרק געשעפעליאווערט, נאָר ס'אַ דאגה, אַבי ער האָט געקענט זאָגן מיט אונדז מודה-אני אַלע פרימאָרגן, פאַרשפּילען די קנעפּלעך אין די הויזעלעך, בענטשן ציצית, איז שוין די מאַמע געווען צופרידן. נו, און איך בין געווען נאָך מער צופרידן פון מײַן באַהעלפער. איר וואָלט נאָר זען, וואָס פאַראַ קונצן געטשע האָט געקענט. ניט מיינט, חלילה, אַז ער האָט געקענט מאַכן אַ קשר פון תפילין, אָדער אויסדרייען אַ בעזרת השם מיט אַ פייגעלע, — ניין, דאָס איז געווען ניט זײַן מהות; און ווען ער וואָלט דאָס אַפילו גע- קענט, וואָלט דאָס אויך בײַ מיר דאַמאָלסט אַ קליינעם ווערט האָבן. געטשע האָט געקענט אמתע קונצן. למשל, ער פלעגט צוזאַמענבויגן צוויי פינגער און פלעגט מיט זיי פײַפן ווי מיט אַן אמת פײַפל, וועלכע עס איז נאָר פאַראַן בײַ אַ וועכטער. ער האָט געקענט שופר בלאָזן אין אַ ציגאַרניצע אָדער אין אַ ציבאָק. ער פלעגט אויסרײַבן אַ שווע- בעלע, אויסלעשן זי און נעמען מיט די רויטע אין מויל אַרײַן. ער פלעגט אַזוי קונציק מאַכן מיט די הענט, אַז בײַנאַכט אויפן וואַנט פלעגט אַרויסקומען אַ שאָטן ווי אַ ציגעלע, וואָס מאַכט מיט דעם מײַלכעלע. ער פלעגט קענען אויסקערן די אויגן, ווי בײַ דעם מלאך- המות. און די אַלע קונצן פלעגט ער מיר באַווײַזן, און פלעגט מיר געבן הבטחות דאָס אויסלערנען, אויב איך וועל נאָר זײַן אַ גוט יינגל און איך וועל זיך לאָזן גיך אָנטאָן און לאָזן זיך אײַנוואַשן אפילו דאָס פנים אויך.

פאַרשטייט איר דאָך שוין, ווי גוט איך בין געווען מיט אַזאַ מין באַהעלפער. נאָר זומער איז בײַ אונדז געווען אַ האַלבע פריינדשאַפט: משטיינס געזאָגט געוואָרן, אויף וואָס האָב איך אים זומער באַדאַרפט, אַז אין דרויסן איז וואַרעם און ליכטיק און מען קען שפּילן אויף דעם הויף אָן דעם באַהעלפער. און צוריק געזאָגט, האָט געטשע זומער די תלמידים אויך געדאַרפט אויף כפרות: טעג האָט ער כמעט אַלע, און ווען עס פעלט זומער אַ טאָג, איז אַן אוגערקע מיט אַ שטיקל ברויט קריגט מען; קליידער און שטיוול זענען דאָך זומער גאָר איבעריק. אָבער ווינטער איז געטשע געווען נויטיק פאַר מיר און מיר — פאַר

אים. עס איז קאַלט און די מאַמע בייזערט זיך, אַז מען לויפט אויפן גאַס; די גרויסע, לאַנגע נאַכט מוז מען דאָך געוויס זיצן אין שטוב. איז דאָך טאַקע דאַמאָלסט געטשע זייער ליב מיט זײַנע מעשיות מיט די צוועלף גזלנים און מיט די רעטעניש: „וואָס איז דאָס — זיצט אויפן דאַך און רויכערט אַ פּיפּקע"? אָדער: „אַ פּאַניע דרייט זיך איבערן שטוב און שטעלט זיך אין ווינקל"? — און איך נעבעך מאַטער זיך טרעפן, און ווייס ניט; און געטשע טאַקע ווייס, אַלץ ווייס ער, אָט דער געטשע... און אים איז נעבעך ווינטער קאַלט, ער באַדאַרף קויפן אַ טולופּל, אַ פּאָר וואָליקעס פאַר זעכציק קאָפּיקעס, וואָרום ווער האָט דאָס אויף שטיוול, פאַר וועלכע דער שוסטער פּרובירט זיך בעטן דריי קאַרבן נאָך מיט אַ פערטעלע; און ווינטער מוז מען דאָך אויך די אויערן אַרומבינדן מיט אַ פאַטשיילע. אמת, די פאַטשיילע קאָן געטשע נעמען בײַ זײַן מאַמען, בײַ שוליען דער אלמנה, — איז דאָך אויף איר אַ רחמנות... לכן דאַרף געטשע ווינטער בעפרײַנדעט זײַן מיט די קינדער, וועלכע לאָזן איבער פון מיטאָג די קאַלטע קאַרטאָפל און עסן ניט פאַרברענטע בלינטשיקעס, און עסן אויף די פלייש מיט נישט, נאָר לאָזן אינגאַנצן איבער דאָס ברויט. און וועמען בלייבט דאָס אַלץ? ניט אײַך, נאָר געטשען, דעם באַהעלפער.

אָבער די מאַמע טאָר דערפון ניט וויסן, וואָרעם זי וועט זיך בייזערן אויף מיר, פאַרוואָס איך עס ניט. באַדאַרף מען ווײַטער זײַן גוט טאַקע מיט געטשען, ער זאָל ניט אויסזאָגן.

צו געטשעס לאַסקע האָב איך ווינטער באַדאַרפט אָנקומען צוליב נאָך אַ געשעפט. איך געדענקט דאָך מסתמא, אַז ווינטערצײַט פלעגט דער באַהעלפער פירן אונדז אין חדר אין אַ שליטעלע, אַ קליינעם האַנט־שליטעלע; מיר זיצן, און געטשע איז, במחילה, דאָס פערדעלע... אָט דאָס דאָזיקע שליטעלע פלעגן מיר אַלע יינגלעך שטאַרק געטשען מקנא זײַן, און איך פלעג טאַקע האָבן דאָס גליק, און פלעג געפינען לײַטזעליקײַט בײַ געטשען אין די אויגן. און ווען דאָס שליטעלע איז נאָר געווען ליידיק, באַזונדערס פרײַטאָג, איז עס כמעט געווען יאָן

מײַן גאַנצן רשות, און איך פֿלעג זיך אויף אים גליטשן אַראָפּ בערגל און דערנאָך געשלעפּט עס מיט אַלע כּוחות אַרויף באַרג...

אָט פֿאַר די אַלע חסדים און גרויס פֿרײַנדשאַפֿט איז חנוכּה געווען די צײַט צו רעכענען מיט געטשען, און טאַקע די ערשטע צען קאָפּיקעס, וואָס איך פֿלעג באַקומען דעם ערשטן טאָג חנוכּה פֿלעג איך אָוועקגעבן געטשען, די צען קאָפּיקעס זענען בײַ מיר סײַ־ווי־סײַ אין רעכענונג פֿון חנוכּה־געלט ניט געווען. איך פֿלעג זיי קריגן גאַנץ לײַכט, גאָר אָן האָרעוואַניע. למשל, דעם ערשטן טאָג נאָכן דאַווענען, זאָג איך, ווי דער שטייגער איז, דער באָבען „גוט מאָרגן".

— ווער איז דאָס — דו? — פֿרעגט די באָבע, וועלכע איז געווען כּמעט ווי בלינד.

— יאָ, איך. גוט מאָרגן! — חזר איך איבער נאָך אַמאָל, כּדי זי זאָל פֿאַרשטיין, וואָס דער פּסוק מיינט.

— גוט יאָר. על הניסים געזאָגט?

— געזאָגט!

— און הלל?

— געזאָגט.

— גאַנץ הלל?

— גאַנץ.

און איך בלײַב וואַרטן.

דער באָבעס רעכטע האַנט קריכט אונטערן קישן, זוכט־זוכט פֿאַרקעט זיך עפּעס דאָרטן, נעמט אַרויס אַ זילבערנע מטבע און פֿרעגט: ווי ביסטו? און גיט מיר אין האַנט און זאָגט: נאַ, דאָס איז ניט חנוכּה־געלט. און איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דאָס איז ניט חנוכּה־געלט, וועלכע מען וועט טײלן אונדז ערשט די פֿינפֿטע ליכטלעך, בעת עס וועלן זיך צונויפֿקלײַבן אַלע אייניקלעך, און די טאַטעס מיט די מאַמעס וועלן אויך קומען, און מען וועט עסן לאַטקעס פֿון גריקענע מעל, אי פֿלייש מיט געגנדזענע שמאַלץ, אי מילכיקע מיט צעלאָזענע פּוטער. לאה דעם זיידנס אַ קעכן, וועלכע איז געווען בײַ דעם זיידן עפּעס אַ יאָר פֿערציק אין שטוב, פֿלעגט זיך אונטערבייזערן, מען זאָל איר ניט

אָנמאַכן טרפה, פליישיקס מיט מילכיקס; נאָר אַ פּעולה, גיי שרײַ צו גאָט, אַז עס איז דאָס פינפטע ליכטל און די קינדער מיט די קינדס-קינדערלעך זענען אַלע דאָ, און די אייגענע לאה, ווייס אויך, אַז הײַנטיקע נאַכט וועט זי גאָרניט צולייגן. „גיב רבונו-של-עולם, עטלעכע מאָל אין יאָר חנוכּה, וואָלט איך שוין אויך זיך געמאַכט אייביקע קליידער פון האָלנדער לײַוונט, אָט ווי פייגעלע משקה פרושעס"! — אָט דאַמאָלסט, צום פינפטן ליכטל איז געוועזן דאָס רעכטע חנוכּה-געלט, וואָס געלט הייסט; נאָר צו דער באָבעס גוטמאָרגן געהערט דאָס ניט. איך פלעג באַדאַרפן קומען נאָכן דאַוונען מיט דעם סידור אונטערן אָרים, זאָגן: גוט מאָרגן און די באָבע פלעגט באַדאַרפן האָבן איר איידלקייט און קריכן אונטערן קישן נאָך די קליינגעלט.

הכּלל, מיט געטשען האָב איך זיך צו רעכענען.

איך האָב געפּרוּווט געבן חנוכּה-געלט אויך דעם רבין. איר וועט מיר ניט גלויבן, איר וועט זיך נאָך אפשר אָנלאַכן און זאָגן, אַז טאָמער איז געוועזן די מעשה פאַרקערט, און דער רבי האָט מיר געגעבן חנוכּה-געלט מיט די לאָקשן אין יענעם אָרט... נאָר, גלויבט אײַך אָדער ניט, — איך דערצייל אײַך אַ געוויסע זאַך, אַז איך האָב אַליין מיט מײַנע הענט געגעבן דעם רבין חנוכּה-געלט. אַ סימן קאָן איך אײַך געבן. — מען האָט דעם דאָזיקן רבין גערופן יענקעלע קרוטשער; פון שטעדטל קרוטשע איז ער געוועזן. כאָטש ער האָט געוווינט מיט דער פאַמיליע אין קניזשיץ. נו, הײַנט גלויבט איר?

איך זאָל אײַך זאָגן, אַז בײַ אונדז איז געוועזן מיט דעם רבין אַ גרויסע פרײַנדשאַפט, — וועט דאָס זײַן ניט אמת; דאָס וואָס הייסט חברלעך זענען מיר מיט אים ניט געוועזן; דאָך איז ער דאָך אַ רבי און מיר זענען יינגלעך, און אין חד-גדיא שטייט נאָך געשריבן, אַז אַ הונט מיט אַ שטעקן האָבן ניט געלעבט אין גרויסן שלום... נאָר כאָטש-כאָטש אַ רבי, פאָרט-פאָרט בין איך געוועזן מיט אים, מיט יענקעלע קרוטשער, ניט שלעכט. אַז אים פלעגט ווײ טאָן דאָס האַרץ, פלעגט ער מיך שיקן אין אַפּטייק, און פלעגט מיך לערנען ריידן דײַטש, איך זאָל זאָגן: „הערר געזעללין, ביטע פאַר דרײַ קאָפּיקעס אָט די ברוסטע-

שפּעציעס״, און ער פלעגט זיך, ווי דער שטייגער זײַנער איז געווען, אַ ביסל פּאַרהיקען און צוקנאַקן מיט דער צונג. און איך פלעג קומען אין אַפּטייק און פלעג דאָס איבערמאַכן פּונקט, מיטן קנאַק. ניט איין מאָל פלעגן מיר מײַנע מומעס געבן גוטע זאַכן, איך זאָל זיי איבערמאַכן, ווי דער רבי שיקט מיך אין אַפּטייק, און קושע, אַ הויכער בחור, אַ פעלדשער פון שפּיטאָל, מיט אַ לאַנגער נאָז, פלעגט מיר ברענגען אַלע מינים קעסטעלעך נאָך דערפאַר, איך זאָל דערציילן ווי דער רבי הייסט ריידן מיט „דעם געזעלין״, און דער פעלדשער פלעגט זיך דאַמאָלסט קײַקלען פאַר געלעכטער. איך געדענק אַפילו, אַז איך האָב איינמאָל שיער־שיער ניט געכאַפּט אַ פּסק. בײַ קושען, אָט בײַ דעם פעלדשער איז געווען חתונה, און די חופּה איז געווען מסתּמא בײַ אונדז אויפן הויף, דער חתן שטייט אונטער דער חופּה, און איך האַלט איינעם פון די שטענגלעך און קוק גלײַך אים אין פּנים אַרײַן. דאַרף זיך מיר פאַרוועלן אַ קנאַק טאָן מיט דער צונג און זאָגן: „אָ־אָט די ברוסטע־שפּעציעס״; און מײַן חתן האָט זיך נעבעך געמוזט פונאַנדער־לאַכן אונטער דער חופּה, און בײַ מיר האָט מען דערפאַר אָפּגענומען דאָס שטענגל, — אויס חופּה־האַלטער...

נאָר לאָמיר לאָזן די בת־מלכּה און נעמען צוריק דעם פלעק־הונט, דערציילן אײַך וועגן יענקעלע קרוטשער, דעם רבין מײַנעם.

דער רבי האָט זיך געלעבט ווי אַ קייזער. שבתים איז ער געווען בײַ אונדז, און די גאַנצע וואָך פלעגט ער עסן פאַר זיך, — איין מאכל: שאַמאַיקע, אַ פּראָסטן, געזאַלצענעם הערינג, מיט ברויט; זונטאָג פלעגט ער קויפן זיך דאָס לעבל ברויט פאַר 15 קאָפּיקעס און דעם הערינג פאַר דרײַ קאָפּ. און פלעגט דאָס עסן אַ גאַנצע וואָך, ביז פרײַטאָג, ווען אונדזער קעכין פלעגט אים שוין דערלאַנגען אַ וואַרימע בולעטשקע מיט פליישיקס. נאָר ווען־ניט־ווען פלעגט זיך דער רבי דערלויבן אַ שאַרלאַטאַנעווע טאָן, און שיקן, אין אַ יומא דפּגרא, עפּעס ראש־חודש — פאַר אַ קאָפּיקע ברינדזע, אָדער ציבעלעס פון גריבענעס אָדער נאָך געשטויסענע קאָנאָפּלעס. טיי פלעגט דער רבי טרינקען שטענדיק אַוודאַי דרײַ מאָל אַ טאָג. נאָר ניט מיינט אַז אמתן טיי.

דאַמאָלסט איז נאָך ניט געווען וויסאָצקע מיט הבטחות אויף ענציקלאָ־פעדיעס, און דער רבי פלעגט אויסטריקענען פראָסטע פײַגן, און טרינקען זיי: דאָס ציט אָן שטאַרק, און קיין צוקער באַדאַרף מען ניט. נאָר איין יצר־הרע האָט דער רבי געהאַט — שמעקן טאַבאַק. און דאָס האָט געקאָסט געלט. פרײַטאָג, נאָכן מרחץ געקויפט פאַר פינף קאָפּיקעס פרישן טאַבאַק לכּבוד שבת, און צו איבעראַכטאָג — שוין גיי ווידער און גיב אויס געלט. דער רבי פלעגט זאָגן, אַז עס איז אַ חיוּת דעם טאָג וואָס מען קנעלט: עס גייט קיין געלט ניט אַוועק; אָבער פרײַטאָג ווען מען קנעלט שוין ווייניקער, גייט שוין דאָס געלט ווי וואַסער, געווען אין מרחץ — געפּטרט פינף קאָפּיקעס: דרײַ קאָפּיקעס באָד־געלט, אַ קאָפּיקע אַ בעזימל, און אַ קאָפּיקע מוז מען געבן דעם שומר — נעבעך אַ ייִד אַן אָרימאַן... הײַנט גיי און וואַרף אויס געלט אויף טאַבאַק. נאָר — אַ זינדיקער מענטש — עס ווילט זיך... און מילא וואָס עס ווילט זיך, דער יצר־הרע שמועסט אײַן, מען זאָל קויפן אויך אַ פּושקע צום טאַבאַק, וואָרעם עס איז נמאס געוואָרן האַלטן דעם טאַבאַק אין אַ פּאַ־פּירעלע; עס פאַרשיט זיך און עס איז אפילו ניט שיין צו אַ בעל־הבית אַרײַנצוגיין. און דער רבי האָט עטלעכע מאָל דערמאָנט, אַז ער האָט שטאַרק חשק צו אַ פּושקעלע.

און אַזוי ווי דער חנוכּה איז בײַ מיר געווען זייער אַ געראָטע־נער, און חנוכּה־געלט איז געווען לרוב, און די שוועסטער האָט גע־שפּילט אין קאָרטן אויף מײַן מזל, און האָט מיר אָפּגעגעבן דעם געווינס אויף מײַן חלק גאַנצע פופצן קאָפּיקעס, איז בײַ מיר געבליבן קויפן דעם רבין אַ פּושקעלע — חנוכּה־געלט. טאַקע באַלד נאָכן שול בין איך געגאַנגען אַנטקעגן צו בערע סאָסטעלע, אַ גאַלאַנטעריי־קרע־מער, בײַ וועמען איך פלעג אַלע חול־המועד־פּסח קויפן זיך אַ שטע־קעלע מיט אַ גאַלקע, און איך האָב געקויפט אַ פּושקע, אויף וועלכער עס איז געווען אויסגעמאָלט דעם קייזערס פּאָרטרעט, און האָב דאָס געבראַכט דעם רבין, צוגעטראָגן אים מיט אַ ביסל אַ פאַרשעמטן פּנים... און דער רבי האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס איז אַ מתּנה פון אַ ריין הער־צעלע, און האָט זייער אַ ברייטן שמייכל געגעבן.

— זעסטו — האָט ער געזאָגט צו מיר — דאָס איז גאַנץ גוט. טאַקע אַ גוטע פּושקע. גוט, גוט, אַ ישר־כּח דיר.

און איך בין געווען אויפן זיבעטן הימל, אַ סך מער הנאה געהאַט ווי פון די זילבערנע מטבעות, וועלכע ליגן בײַ מיר אין דעם צעראַטענעם בײַטעלע און רײַסן מיר אָפּ די קעשענע.

און הערט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, רבותי, אַז עס טרעפט נאָך אויך הײַנט אי בײַ מיר אי בײַ אײַך, אַז דאָס פאַרגעניגן, וואָס מיר האָבן פון אַ נדבה, וועלכע מיר גיבן, אָדער פון אַ מתנה, וועלכע מיר שענקען פון גוטן האַרצן, איז אַ סך גרעסער און בעסער פון דעם נחת, וואָס עס שאַפט אונדז דאָס געלט וואָס איז געבליבן בײַ אונדז אין קעשענע. וואָס, ניט אַזוי?...

און פאַראַן בײַ מיר נאָך מעשיות וועגן חנוכּה, אַלץ טאַקע פון די טײַערע קינדערשע יאָרן; ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע, פון וועלכע איר וואָלט האָבן וואָס צו לאַכן, און פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס קענען ברענגען צו טרערן... נאָר זאָל זײַן גענוג, — מען דאַרף לאָזן אויף איבער אַ יאָר, אַז מיר וועלן לעבן.

קאַרטיאָזשניקעס

איך האָב ליב אַ קערטל...

דאָס איז אַפילו ניט קיין גרויסע מעלה, נאָר מען מוז דאָך זאָגן דעם אמת.

וואָס טויגן די הינטערשטיקלעך די מליצה־ווערטלעך, אַז דער ריינער אמת איז פּאָרט אַזוי.

אָט קום איך אַריין אין אָוונט אין אַ שטוב, אין איין צימער זיצט איינער און קוקט אַריין אין אַ ספר.

אין עס - צימער זיצן „דאַמען" און קלערן די וועלט, רעדן וועגן בלוזקעס און באַקלאָגן זיך אויף זייערע דינסטן.

דאָרטן, אין זאַל אָדער אין קאַבינעט, זיצט „דער עולם", דער בעל־הבית מיט עטלעכע געסט, און מען שפּילט אין ש"ס קטן. דריי איך זיך און דריי זיך, און צום סוף בלייב איך פּאָרט זיצן לעבן דעם גרינעם טישעלע...

עס ציט עפּעס...

איך מאַך דאַכט זיך אַ שמועס מיט דעם, וואָס קוקט אין ספר; איך בין אָסור ניט פון די, וועלכע אַנטלויפן פון דאַמען; צום קאָרטן־טישל גיי איך צו ווי מיט אַ בייזער:

— אַ, חברה שפּילט שוין אַ קערטעלע!

און דאָך בלייב איך זיצן לעבן דער חברה: עפּעס ווי פון אַ זייט.

פלומרשט עס אינטערעסירט מיך ניט, און הייב זיך אָן צו מישן מיט אַן עצה. און ביסלעכווײַז גיט מען מיר „אַ האַנט“, מען נעמט מיך גאָט צו דאַנקען, צו פּאַר אַ פינפטן, — און איך שפיל שוין גלײַך מיט אַלעמען...

אַפּנים, אַ טבע אַזאַ!

איך האָב מורא, אויב דאָס איז ניט בײַ מיר עפּעס אַ געבאָרענע מעשה, אַן „אב מלאָכה“ הייסט דאָס אין לשון-קודש. ווען איך האָב ניט מורא, דאָס זאָל ניט שאַדן מײַנע קינדער צו שידוכים, וואָלט איך געזאָגט: דאָס איז בײַ מיר עפּעס אַ פעלער, אויף וועלכן עס האָט גע-ליטן אונדזער גאַנצע משפחה.

אָט נעמט למשל מײַן זיידן. ווען איך מיט אײַך צוזאַמען וואָלטן געהאַט כאָטש צען פּראָצענט פון זײַן פרומקייט, דאַן זענען מיר שוין גרויסע ירא-שמימס. געפאַסט מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, אַן אָרעמאַן ליב געהאַט, אָפּגעגעבן דאָס לעצטע; „תקוני זוהר“ געזאָגט שטיקערווײַז; צדקה און פרומקייט אויף יעדן שריט און טריט. דאָך געדענק איך, אַז איין מאָל, ווען איך בין עפּעס ניט אין גאַנצן געווען האָט דער זיידע אַליין גענומען און מיר געגעבן שפּילן מיט אַ טעשל קאָרטן. עס פאַרשטייט זיך, דאָס די פיגורעס און די טרעפעס האָט ער פריער אַרויסגענומען פון טעשל: ער וועט דאָך ניט געבן אַ יידישן יינגל שפּילן מיט געמאָלטע צורות, עפּעס געטשקעס, און מיט צלמימלעך. נאָר דאָך זענען עס געווען קאָרטן... און איך האָב מיט זיי געשפּילט, און אַפילו מיט גרויס פאַרגעניגן.

דאָס איז אײַך דער זיידע מײַנער.

און מײַן פאָטער איז אויך געווען געכאַפּט אין דער מעשה קאָרטן.

דאָס איז געווען אַ ייד אַ פרומער, וואָס פרום הייסט. ווען די גמרא פּסקנט אַזוי, איז פאַרפאַלן, מען מוז פאָלגן. עפּעס עטלעכע און דרײַסיק יאָר האָט ער זיך געלערנט אין פּעטערבורג, און אַ טאָג אָן אַ בלאַט גמרא איז בײַ אים ניט געווען. נאָך אַ תענית, וועלכע זענען בײַ אים געווען גאַנץ אָפט, האָט ער ליב געהאַט נעמען אַ קליין

קעלישיקל. נאָר ווען דער משומד אוטין האָט געהאַלטן דעם אָטקופּ פון אַקציז אין פּעטערבורג, האָט ער די עטלעכע יאָר זיך אָפּגעזאָגט פון בראַנפן. על־פּי־דין איז אַ משומד אַ פאַלנער ייִד, און אוטין האָט דאָך זײַנע סקלאַדן מיט בראַנפן אין „חמץ שעבר עליו הפסח", און מען טאָר זיי ניט ניצן.

זייער „רויִק" איז ער געזעסן זיך אין פּעטערבורג. צרות און עסקים פון פּראַוואָזשיטעלסטווע האָט ער געהאַט נאָר אַ יאָר צען, ווען ער איז געווען אַ צוגעשריבענער, אַ געמעלדעטער אין דער פּאָליציי. דאַמאָלסט זענען געווען פאַר יעדן נײַ־יאָר, עסקים און מעשים מיט גרויסע הוצאות. די איבעריקע עטלעכע און צוואַנציק יאָר איז מײַן פאָטער געזעסן אין פּעטערבורג „פּראַנק און פרײַ", ברשיון הרשות, מיט דער באַוויליקונג פון דעם „סטאַרשן דוואָרניק" און מיט אַ פּאָר־טיקער תשובה:

— יעשטשאָ ניע פּריִיעכאַל...

איז דאַכט זיך אַט אַזאַ ייִד ווײַט פון קאָרטן? — ניין.

איך געדענק, ווי בײַנאַכט אַזייגער צען, ער זיצט און לערנט, און די מוטער זיצט בײַ דעם עק טיש און טוט עפּעס אַן אַרבעט. דעם פאָטערס שוואַכע אויגן זענען מיד געוואָרן פון עטלעכע שעה אַרבעט איבער די קליינע אותיות פון רש"י און תוספות, פון די טונקעלע אותיות פון מהרש"א, בפרט נאָך דער מהר"ם, אפשר איז דער קאָפּ אויך עטוואָס מיד געוואָרן... דעם גאַנצן טאָג האָט דער קאָפּ אויך ניט געשפּילט, — געאַרבעט אויף דעם פּעטערבורגער „רויִקן" לעבן, אויף פּעטערבורגער „גרינגע" ייִדישע פּרנסות... איז אַזייגער צען, ווינטער־נאַכט, פלעגט דער פאָטער צומאַכן די גמרא, און זאָגן דער מוטער:

— ווײַז, לאָמיר שפּילן אַ דערדע, אָדער אַ „זעקס־און־זעכציק".

— בעסער אַ בעזאַק — ענטפערט די מוטער.

— גלײַכער אַ „זעקס־און־זעכציק": קירצער דער אינטערעס.

— מיט רחמנות אָדער אָן רחמנות? פרעגט די מאַמע.

— דאָס שפּיל זאָל זײַן ראַיעל, נאָר — נו, מיט רחמנות.

„רחמנות״ האָט געהייסן אין „זעקס־און־זעכציק״ דאַן, ווען איינער „דעקט דאָס טישל״, און גראָד מאַכט זיך, אַז ער האָט באַקומען ניט זעקס און זעכציק, נאָר פינף און זעכציק... איר פאַרשטייט דאָך, וואָס פאַרא האַרצווייטאָג דאָס איז: געמאַטערט זיך, געהאַט אַ גוטע קאָרט, געשטעלט זיך אין סכנה, און... ניט אויסגערעכנט זיך אויף איין איינציק אויג! און גיי און באַצאָל, זײַ מוחל, דערפאַר שטראָף כּפֿשר זמם, צוויי אָדער דרײַ אויגן. איז דאָס ניט רציחות? נו, און אַזוי ווי מײַן פאָטער איז געווען אַ ייִד מיט יושר, האָט ער זיך געלאָזן דינגען און פלעגט „רחמנות״ האָבן אויף דער מאַמען, און פלעגט פּסקנען, דאָס דער קאָן זאָל זיך ניט רעכענען — גלײַך ווי גאָרנישט. מען טאָר ניט אויסנוצן יענעמס אַן אומגליק און מען דאַרף שפּילן „מיט רחמנות״.

קורץ, איר זעט דאָך, אַז מײַנע עלטערן האָבן אויך ניט פּײַנט געהאַט אַ קערטל. איך וואָלט אײַך קענען דערציילן פון זיי, פון זייערע יונגע יאָרן, גאָר אַ מיאוסע מעשה מיט קאָרטן.

די געשיכטע איז געווען עפּעס מיט אַ יאָר זעכציק צוריק. מײַנע עלטערן זענען געווען יונגע לײַט, ערשט נאָך דער חתונה כּמעט, בײַ מײַן זיידן האָבן געגעסן קעסט ניט מער און ניט ווייניקער פיר פּאָרע פּאָלק. דער מומע שיינען האָט נאָך געקומט צוויי יאָר; מײַן פאָטער, ווי געזאָגט, האָט ערשט ניט לאַנג אָנגעהויבן עסן; די מומע שרה־ריווע איז געקומען פון שקלאָוו און האָט זיך אַנידערגעזעצט זען און היטן, מען זאָל דאָס גוטס, די טערקישע טיכער מיט די איבעריקע גוטע זאַכן, ניט אַוועקגעבן דער נײַער שנור, מײַן מאַמען הייסט דאָס. נו, און די מומע פּערע איז דאָך אויף קעסט געזעסן משׁשת ימי בראשית, פון אייביק אָן. מען האָט געפּרובירט גאָרניט קאָכן מיטאָג און עס האָט ניט געהאָלפן: זיי זענען געבליבן זיצן אויף קעסט העט ווײַט, ביז זיי האָבן אַליין קינדער אויסגעגעבן.

הקיצור הדבר, עס זיצן זיך פיר פּאָרפאָלק אויף קעסט, אַלע נאָך יונגע לײַט, דער זיידע מיט דער באָבען זענען געווען דאַמאָלסט אין מאָסקווע. דער זיידע האָט אויף ימים־טובים זיך ניט געקענט עפּעס

אַרויסקלײַבן אַהיים, — האָט ער געשריבן, דאָס די באָבע זאָל צו אים קומען.

די מעשה איז געווען הושענא־רבא בײַנאַכט. עס זענען געקומען געסט, באַקאַנטע יונגעלײַט מיט זייערע יונגע ווײַבלעך: הענע־בנימין־זעקעס, אַ ווײַבל אַ „פּוסטאָ־סמיעך", שטענדיק געלאַכט, זוכט ווו עס איז פריילעך; עס איז געקומען אויך פייגע, איר שוועסטער, פייגע חנהקעס, מיט איר יאָסען, און יאָסע איז עפּעס ווי אָנגעבלאָזן שטענדיק, ער מיינט, אַז ווען ער קען לערנען בעסער פון אברהם־דודן, איז שוין צו אים קיינער ניט גלייך. פייגע האָט אַפילו שלעכט געהערט, אַ ביסעלע טויבלעך מער ניט ווי אויף דעם רעכטן און אויף דעם לינקן אויער, — נאָר ווען איר פלעגט טאַשן קאָרטן אין דער דריטער גאַס, פלעגט פייגע באַלד דערהערן.

עס זענען געקומען די געסט און האָבן זיך געזעצט העלפן מאַכן עפּל־צימעס. די מאַנצבילן זענען אויך געזעסן אַרום טיש, און האָבן אויך „געהאָלפן" מאַכן דעם עפּל־צימעס. די הילף איז געווען אַזוי, אַז שאָלעכץ פון די עפּל האָט זיך אָנגעקליבן אויפן טיש פיל, נאָר אויף צימעס איז קיין עפּל ניט געבליבן... דער עולם שיילט די עפּל,— און עסט זיי אויף. אין קיך קלעפּט מען קרעפּלעך. דאָס געזינדל איז גאָט צו דאַנקען — אָן עין הרע און קרעפּלעך באַדאַרף מען האָבן עטלעכע לאָקשן־ברעטער.

געענדיקט דעם עפּל־צימעס, איז עפּעס אויסגעגאַנגען מלאָכה בײַ די ווײַבלעך מיט די יונגעלײַט.

וואָס זאָל מען עפּעס איצט טאָן?

איינער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן:

— טאָמער וואָלט מען גאָר מאַכן אַ קערטל?

פייגע חנהקעס האָט זיך אָנגעכאַפּט, גענומען העלפן אָפּרייניקן דעם טיש, און עס זענען באַלד געוואָרן שותפים, געבילדעט זיך קאָמ־פּאַניעס, צוזאַמענגעלייגט זיך מיט די קאַפּיטאַלן, — און די שפּיל איז אַוועקגעגאַנגען.

ערשט אַזייגער פיר פאַרטאָג איז געקומען כאַצקל דעם שנײַדערס

זויב, לײַען אין קיך אַ פּאַרעוו מולטערל אויף האָקן פּיש. אַז זי האָט דערהערט אין קיך, אַז אין עס־צימער איז עפּעס הו־האַ — האָט זי גערעכנט, דאָס די יונגעלײַט זיצן און זאָגן „תּיקון״, לערנען די גאַנצע נאַכט. זי איז צוגעלאָפֿן צו דער טיר און האָט דערזען, וואָס די גאַנצע קאָמפּאַניע טוט...

זי איז אַרויסגעלאָפֿן און האָט געמאַכט קולות אויף דעם גאַנצן הויף:

— זאָל איך אַזוי געזונט זײַן, — זיי וועלן זיך אויסשמדן! זאָל מען שרײַבן קיין מאָסקווע, זיי זאָלן קומען!

און כאָטש כאַצקל דעם שנײַדערס ווײַב האָט זיך געשוואָרן, דאָך קען איך אײַך עדות זאָגן, דאָס זיי האָבן זיך קיינער ניט געשמדט... הלוואַי אויף אונדזערע קינדער געזאָגט געוואָרן, וואָס פֿאַר אַ ייִדן דאָס זענען געווען.

נאָר מיט מײַנע ברידער און שוועסטער האָט זיך געטראָפֿן מיט קאָרטן זייער אַ טרויעריקע געשיכטע.

געווען איז דאָס טאַקע חנוכּה.

חנוכּה האָט דאָך דאַכט זיך גאָט אַליין געהייסן שפּילן אין קאָרטן, כּמעט אַ מצווה, כּמו לאַטקעס עסן. אַזוי האָט זיך אונדז געדאַכט. אָבער דער זיידע מײַנער האָט אַנדערש געטײַטשט דעם פּסוק. חנוכּה איז דאָך ניט „ניטל״, וואָס לערנען טאָר מען ניט און קאָרטן שפּילן איז אַ שטיקל מצווה; חנוכּה איז דאָך מער ניט אַזוי אַ יום־טוב, וואָס לערנען מעג מען, — טאָ צו וואָס זאָל מען גיין ליידיק? אײַ וואָס מנהג קאָרטן? זענען אויף דערויף גאַנץ גענוג די פֿינפֿטע ליכטלעך. אָבער זיצן גאַנצע אַכט טעג, אַפֿילו אָוונטן, און שפּילן אין קאָרטן, — האָט דער זיידע אַוודאַי ניט ערלויבט. געהיט, מען זאָל דאָס ניט טאָן

נאָר ווי די מאָדע איז בײַ שקצים, צעלאָזענע — דער זיידע היט, גיט אַכטונג, און דער עולם טוט, זינדיקט.

עס איז נאָר געוואָרן חנוכּה, — איז אַ גוטן טאָג דער גמרא מיט די ספֿרים, די שרײַבעניש מיט די האַנטאַרבעט, און מײַנע ברידער מיט די שוועסטער מיט חברה באַקאַנטע קלײַבן זיך צוזאַמען,

און מען האַקט אין קאָרטן אויף וואָס די וועלט שטייט. „אָקע״ איז געוויס גוט, און ווען ניט איז „אונטער-רייך-אויבער-אייכל״, אָדער גאָר „פיקעס״, — אַבי נאָר געשפּילט.

און בײַ אונדז אין שטוב האָט געגעבן לעקציעס איינער אַ ייִדי־שער גימנאַזיסט, ניימאַרק איז געווען זײַן פאַמיליע. ייִדישע גימנאַזיסטן זענען געווען אין שטאָט בײַ אונדז נאָר עטלעכע, איבערהויפּט ניט היגע, נאָר פון פרעמדע שטעדט, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון זייערע עלטערן צו אונדז אין שטאָט שטודירן. אונדזערע זענען זיך אַנטלאָפן אין אַנדערע שטעט שטודירן, — אַזוי האָט זיך דאַמאָלסט געפּאַסירט. דער ניימאַרק וואָס איך זאָג אײַך איז דווקא געווען אַ היימישער, אַ שטאָטיקער ייִנגל. אין גימנאַזיע איז ער אַליין אָנגעקומען, וואָרעם זיין פאָטער האָט געהאַט די צווייטע פרוי, און די שטיפמוטער האָט אים געגעבן די וועלט צו זען. איז ער, דער בחור, זיך געגאַנגען און זיך אָפּגעגעבן אין גימגאַזיע, דעם טאַטן אויף צו להכעיס... איר פאַרשטייט דאָך, וואָס פאַר אַ שיינעם נאָמען דער תּכשיט האָט געהאַט אין שטאָט, בפרט אַז לײַט האָבן געמורמלט, דאָס ער עסט טרפות ביי דעם סמאָטריטל, ווו ער לערנט דאָרט די קינדער.

דאָס איז אײַך געווען דער ניימאַרק. נאָר ער איז געווען אַ גו־טער לערער אויף רוסיש, געהאַט אַ שם. באַדאַרף זיך מײַן ברודער פאַרגלוסטן דינגען אַט דעם ניימאַרקן זיך פאַר אַ לערער. ווי מען האָט אים געדונגען, אויף וועלכע תּנאים האָט מען מיט אים אויסגערעדט, ווי עס איז געגאַנגען דאָס לערנען זיך מיט אים, — דאָס איז זיך אַ חוץ אַ מעשה, ניט הײַנט איז די צײַט דאָס איבערצורײידן. קורץ קען איך אײַך זאָגן, דאָס ערשטנס, האָט דער זיידע ניט געטאָרט וויסן, און עס האָט גאָר אים אין זינען ניט געקאָנט אַרײַן, דאָס מען האָט געדונגען אַ גימנאַזיסטל עפּעס פאַר אַ לערער. און צווייטנס קען איך אײַך זאָגן, דאָס דער גימנאַזיסטל, איז בײַ אונדז געוואָרן אַ בן־בית, אַ שטוב־מענטש, אים איז גאַנץ געפעלן אונדזער הויז מיט יונגעלײַט, מיט מײַנע שוועסטער, מיט אַ גלאָז טיי, מיט אַ פריילעכן אויפנעם. און אַז עס איז געוואָרן חנוכּה, איז ניימאַרק אויך געבליבן אויף די־

אָוונטן, און מען האָט אַלע נאַכט געמאַכט אַ קערטל גאָר פון דער יד הגדולה, מיט דעם קנאַק...

עס איז שוין דורכגעלאָפן אָט אַזוי פאַמעלינקע-ווײַז אַ יאָר פערציק, און איך געדענק ניט אַקוראַט, וועלכעס ליכטל איז דאָס געווען. דאַכט זיך, עפּעס דאָס צוועלפטע אָדער דאָס דרײַצנטע, דאָס הייסט שוין עטלעכע טעג נאָך חנוכה, במחילה... עס איז אַ זייגער זיבן-אַכט אין אָוונט און אונדזער עולם זיצט און שפּילט... דעם זיידנס וווינונג איז געווען צום הויף, נאָר אונדזער דירה האָט געהאַט פענצטער אי צום הויף, אי צו דער גאַס. געשפּילט האָט מען אין דעם גאַס-צימער, דער זיידע זאָל ניט באַמערקן דאָס ליכט אין די פענצטער.

ויהי, אַז דער עולם האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעקאָכט, ערשט מיט אַמאָל עס עפנט זיך די טיר אין קיך און דער זיידע איז געקומען. די קעכין האָט גלײַך געגעבן אַ גרויסן הוסט... נאָר אַנטלויפן איז שוין געווען שפּעט, אוממעגלעך... דער מיטעלער ברודער איז גלײַך געפאַלן אויף אַ המצאה, אַ בלאָז געטאָן אויף דאָס ליכט און עס איז געוואָרן פינצטער אין חדר...

דער זיידע איז צוגעגאַנגען צו דער טיר, געזען אַז עס איז פינצטער, קיינער ניטאָ. אָן רייד האָט ער זיך אומגעקערט אין קיך, גענומען דאָס לעמפּל, געגאַנגען צוריק אין יענעם גאַס-צימער...

דאָס ליכט פון דעם לעמפּל האָט אים באַוויזן אַ שיין בילד. אַרום דעם קײַלעכדיקן טיש מיט איין גראָבן פוס זיצן מײַנע צוויי ברידער, ביידע שוין בר-מצוה-בחורים; נעבן זיי משה דעם שנײַדערס, וועלכן מען האָט גענומען פאַר אַ חבר צו מײַן עלטערן ברודער, — אָט טאַקע דער אייגענער משה, וואָס איבער זײַן גוט לערנען האָט מען אים ניט גענומען אין רעקרוטן; עס זיצט מײַן שוועסטער, אַ מיידל אין שידוכים, מיט אַן אויפגעפריזירטן האָן ביז דעם באַלקן; אַ פינפטער זיצט ניימאַרק, אָט דער גימנאַזיסט, — און זיצט מער ניט ווי אָן אַ היטל, ווי אַ גוי גמור. זיי זיצן אַלע ווי אָפּגעמאָלטע, ניט אַ ריר זיך מיט אַ גליד און האַלטן קאָרטן אין די הענט. נעבן יעדערן ליגט זיך אַ ביסעלע געלט, קופּער-געלט, און בײַ וועם-ניט-וועם עפּעס אַ זילבערנע

מטבע. אויפן טיש שטייט אַ קליין טעצעלע, ווו עס ליגט דאָס קאָן־געלט. אונטער דעם טעצעלע ליגט דאָס טעשל, די קאָרטן פאַר דער זעקסטער האַנט, וועלכע איז ניטאָ. עס שטייט אַן אויסגעלאָשענע ליכט און אונטערן לײַכטער ליגן עטלעכע מטבעות, וועלכע מען האָט גע־קליבן פאַר דער קעכין קאָרטן־געלט.

דער זיידע האָט דאָס דערזען און אויך פאַרשטיינט געוואָרן, עפּעס ניט געגלויבט זיך די אויגן.

— יונגאַטשעס! — האָט ער אויסגעשריען.

די בילדער זענען געבליבן אויף זייערע ערטער, ניט גע־רירט זיך.

— און ווער איז דאָס? — האָט דער זיידע אַ געשריי געטאָן, און באַוויזן אויף ניימאַרקן. ער איז געוואָרן, ווי די טבע זײַנע איז געווען, רויט פון כעס און האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום טישל.

עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ רודערײַ, חברה זענען זיך פונאַנ־דערגעלאָפן ווי פאַרסמטע. מײַן ניימאַרק האָט קיין שהיות ניט געמאַכט, גענומען די פיס אויף די פּלייצעס, אַן אַ היטל, און הײַדאַ...

דער זיידע האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם אויפן טיש, אויסגעלאָזן דעם כעס צו די אומשולדיקע קאָרטן.

— קאַרטיאָזשניקעס! — האָט ער געשריען — אָט דער יונגאַטש ווי קומט אַהער?

נאָר גיי, טענה צו די פיר ווענט. די „קאַרטיאָזשניקעס" האָבן געמאַכט דעם שיינעם ויברח ביז...

ביז אין עטלעכע טעג שפּעטער...

אַ מלחמה-מעשה

די מעשה איז ניט פון הײַנטיקער מלחמה צווישן רוסלאַנד מיט יאַפּאַן, נאָר פון יענער מלחמה וואָס רוסלאַנד האָט געהאַלטן מיט דעם טערק.

דאָס איז אַן אַלטע געשיכטע, און מיר זענען צווישן ייִדן, צווישן ערלעכע ייִדן, און קיינער וועט ניט גיין מסרן... מען קאָן דעריבער איצט שוין אויסזאָגן דעם אמת, דאָס בײַ אונדז אין בית-המדרש האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן מיטן טערק. איבערהויפּט איז געווען אַ טערק, אַ שטאַרקער צד זײַנער, זלמן-ברוך דער שדכן. ער איז געווען אין כעס פאַר דער מלחמה, וועלכע רוסלאַנד האָט אָנגעהויבן און איז דערפאַר צוגעשטאַנען צו איר שונא. די מלחמה האָט אים מעשים אָנגעטאָן אין די שידוכים. אַלע אָפּאָלטשענצעס, — דאָס זענען געווען פאַרטיקע חתנים, וועלכע מען קאָן ריידן שידוכים וויפל דאָס האַרץ געלוסט. און אַז מען רעדט אַ שידוך, כאַפּט מען עטלעכע קערבלעך „אויף מאַרקעס“, און דערווײַל איז טאַקע פאַראַן פון וואָס צו מאַכן שבת... מיט אַמאָל ברענגען שדים צוטראָגן עפּעס בולגאַרן פון יענער זײַט הרי-חושך, עפּעס גלאַט מענטשן, וועלכע זענען אונדז, כ׳וויס זייער, ששי-בפישיס, און מאַך צוליב זיי אַ מלחמה; און בײַ אַלע אָפּאָלטשענצעס טרייסלט זיך דער פּופּיק, אָט-אָט מען

רופט זיי. און ניטאָ מיט וועמען צו ריידן וועגן עפּעס אַן ענין, ניטאָ ביי וועמען צו כאַפּן אַ דרײַערל...

צו וואָסער שוואַרץ יאָר, פרעג איך אײַך, פלעגט דעמאָלט טענהן זלמן־ברוך, באַדאַרף איך די מלחמה, אַז ניט דער טערק טראַכט, ניט אים ליגט אין מוח אָפּנעמען עפּעס בײַ אונדז? אלא וואָס דען, בולגאַריע, סערביע און נאָך דאָרטן די משפּחה, — איז מחויב די וועלט, באַדאַרף איך צוליב זיי בלײַבן אָן פּרנסה, עס זאָל זיך אַוועקשטעלן די וועלט.

און זלמן-ברוך איז געווען שטאַרק פאַר דעם טערק.

נאָר גאָט האָט רחמנות געהאַט אויף רוסלאַנד און האָט אָפּגעגעבן איר, טאַקע בײַ אונדז אין בית-המדרש גופא, רבי בערן, דעם רבין וועלכער פלעגט זאָגן משניות נאָך מײַן באָבן פאַר דעם עולם. רבי בער איז געווען אין גאַנצן אונדזער צד, פאַר רוסלאַנד. רבי בער איז געווען אַליין אַ דריבינער, געבאָרן הייסט דאָס אין דריבין, וועלכע איז באַקאַנט אין אונדזער געגנט מיט אירע טרוקענע קעזעלעך און מיט די סכן-אייער, וואָס זי שיקט יעדן מאַרק-טאָג צו אונדז אין שטאָט, אין גובערניע. דער רבי בער איז געווען אַ ייִד אַ קאַלטער, אַ געלאַסענער, אַן אָפּגעטראַכטער, אַלץ זאָל זײַן מיט אַ שכל, מיט אַ חשבון. ער אַליין האָט פאַר דער מלחמה קיין מורא ניט געהאַט, וואָרעם ער האָט געהאַט אַן איינציקן בן-יחיד, און דער איז אויך געווען, גאָט צו דאַנקען, אַן אודושליוועד, אַ כריפּון. הײַנט האָט ער עפּעס פּחד פאַר סאָלדאַטן, פאַר דער מלחמה? אַ מלחמה זאָל שאַדן צו פּרנסה האָט ער גאָרניט געטראַכט. אַדרבה, ער ווייס, דאָס בײַ אונדז אין שטאָט זענען די אַלע גבירים געוואָרן גבירים נאָר פון דער סעוואַסטאָפּאָלער מלחמה אָן, און אַז נאָך אַ מלחמה ווי נאָך אַ שׂרפה, ווערט מען רײַך. ער, רבי בער, האָט וועגן זיך אַליין גאָר ווייניק געטראַכט. אויף מער ווי 2—3 רובל אַ וואָך האָט ער קיין השגה ניט געהאַט און אַזאַ סומע איז אים, אַ ייִדן אַ למדן, מיט סמיכה אויף הוראה, מיט באַקאַנטשאַפט בײַ עטלעכע גבירים געווען ניט שווער צו פאַרדינען. פאַר משניות זאָגן פאַר דעם עולם נאָך מײַן באָבן האָט ער אויך באַקומען

אַ קערבל יעדע וואָך; צען רובל אַ זמן האָט ער גענומען פאַר „יורה־דעה" לערנען מיט איינעם אַ יונגנמאַנטשיק, וועלכער גרייט זיך צו סמיכה; און אַ חלק אין אתרוגים האָט ער אויך, דאַכט זיך מיר, געהאַט ביי בעשע דעם בלייכן. אַ דרייסיק־פערציק קאָפּיקעס אַ וואָך פלעגט דער ווייבס קרעמל אויך אַרייננטראָגן ווינטערצייט, איידער עס קומט זומער און די יאַגדעס מיט די אויבסן צעקוילע־נען דעם גאַנצן פדיון אין די קרעמלעך. הײַנט וואָס איז אַזאַ ייִדן אַ מלחמה?

פאַרקערט געזאָגט, די מלחמה האָט דעם רבי בערן שטאַרק הנאה געטאָן. ער איז געווען זיכער, גאַנץ בטוח, דאָס רוסלאַנד וועט איינגע־מען, בייקומען דעם טערק. ערשטנס איז מלכות אדום אַ גרויסע זאַך, א מלך אדיר, און די מלוכה ציט זיך פון פעטערבורג ביז דעם ים הקרח, און אַהערצו־צו גייט זי ביז סלוצק, און אַפילו אויף יענער זייט סלוצק איז נאָך אויך זיינס. הײַנט איז דאָך פאַראַן ביי אים קאָזאַקן, וואָס אויף זיי איז אַן אימה ופחד צו קוקן. מיט אַזאַ מלך אדיר שפּילט מען זיך ניט. צווייטנס איז טאָקע ניכר פון דעם מלבימס פירוש אויף דניאל, דאָס דער טערק וועט פאַלן תחת חרב, און דאָס איז איינגע־טייטשט אין פסוק. אמת פשט, גאָר אָן גימטריאות. דריטנס, ווייסן דאָך אַלע, דאָס משיח קאָן אַנדערש ניט קומען, ווי מען זאָל פריער ניט איינברעכן דעם טערק, דער גוי זאָל זיך בעטן ביי ייִדן, מען זאָל ביי אים אָננעמען דעם פקדון, ארץ ישראל, הייסט דאָס; נאָר וואָס דען, אַלע מלכים קענען אים ניט בייקומען, ווייל ער האָט ארץ־ישראל. אָבער ווען מלכות יון שטייט אויף מיט אירע גרויסע חילות, מיט די קאָזאַקן, און וויל זיך יאָ פּרובירן איינגעמען דעם טערק, — ווילט זיך טאָקע, רוסלאַנד זאָל אויספירן, אולי טאָמער ירחם וועט גאָט רחמנות האָבן און וועט פאָרט ברענגען משיחן. דער שוטה, זלמן-ברוך, טראַכט וועגן נאַרישקייט, וועגן הוצאה, וועגן געשעפט מיט שידוכים,— אויך אַן אינטערעס, טאָמער איז אַמאָל ניטאָ אויף שבת, עס עקט זיך אַ וועלט! זלמן-ברוך קען ניט געבן די פופציקער נדן, וואָס ער האָט מבטיח געווען זיין טאָכטער לנו, איז וואָס, — וועט דאָס מיידל

זיצן נאָך אַ יאָר. אויך אַ געשעפט. די מלחמה, זיי פאַרשטייען גאָר ניט, איז נוגע אין עולמות!...

און רבי בער איז געווען שטאַרק פאַרטראָגן אין דער מלחמה.

איך געדענק, דאָס איז געווען זומער, איידער די רוסן זענען נאָך אַריבער דעם דונאַי. אין בית־המדרש נאָכן דאַווגען שטייט רבי בער אין רבינו־תּמס תּפילין, זאָגט שטילערהייט די „דראָבעשקעס", וועלכע עס זענען געבליבן פון דאַוונען, און לייגט דערווײַלע צונויף די רשיס תּפילין. ביידע זאַכן, אי דאָס זאָגן, אי דאָס צונויפלייגן, זע איך ווי ער טוט מאַשינאַלנע, קוקט אויף דעם אָפענעם פענצטער און איז שטאַרק פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט...

איך קוק זיך צו אים צו.

— עס גייט אַ רעגן זאָגט ער צו מיר מיט אַ זיפץ.

— זייער גוט, רבי, ענטפער איך: די פעלדער באַדאַרפן רעגן.

ער איז אַזש נאָר געוואָרן אין כּעס.

— די פעלדער, די פעלדער—האָט ער מיר גענומען איבערקרימען:

— אַלץ טראַכטן זיי וועגן דער קישקע! פּרא־אדם, דעם דונאַי וועט מען דאָך ניט קאָנען אַריבער אין רעגן!...

נײַס פון דער מלחמה פלעגט ער אונטערהערן פון די יונגע־לײַט, וועלכע האָבן אַליין געהאַלטן דעם „המגיד", געלייענט רוסישע בלעטער ווען־ניט־ווען, און אַז עס איז געווען גאָר וויכטיקע נײַס, האָבן זיי געבראַכט אין בית־המדרש די טעלעגראַמעס, וועלכע פלעגן אָנקומען אין אונדזער שטאָט די גאַנצע מלחמה־צײַט. נאָר דערהויפּט נײַס פלעגט רבי בערן צושטעלן איינער, נאָטע פענעס האָט ער געהייסן. מען האָט אַפילו ניט געוווסט, צי איז נאָטע געווען אין גאַנצן מיט רוסלאַנד; נאָר זלמן-ברוך דער שדכן פלעגט פון אים לאַכן, טרײַבן געשפּעט, און זלמן-ברוכן אויף צו להכעיס פלעגט ער ברענגען רבי בערן גוטע נײַס.

נאָטע פענעס איז געווען אַ שקלאָווער מיוחס, אַ שוטה אַ פּתי פון עטלעכע דורות. ער איז געווען אַ שוחט ובודק, און אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט שחיטה האָט מען אים געזאָגט, דאָס פון יעדער זאַך וואָס

ער קוילעט קומט אים די פּענעס. האָט ער פון אַ קעלבל אויך געבעטן די פּענעס — איז געבליבן ביי אים דאָס צונעמעניש — „פּענעס". ער האָט ליב געהאַט וויסן נייעס, און נאָך מער האָט ער ליב געהאַט דער־ציילן נייעס, איינשמועסן האָט איר אים געקאָנט, וואָס איר האָט גע־וואָלט. אונדז, בחורים־שקצים, פלעגט ער ניט לאָזן לעבן: וואָס שלאָגט מען אין די טעלעגראַמעס? דעמאָלט איז געווען דער קאָנפליקט ביי אונדז מיט ענגלאַנד און נאָטע האָט גערעכנט, דאָס גאַנץ ענגלאַנד איז אַ נקבה, און די קעניגין וויקטאָריע איז כּמו אַ יידיש ווייבל, עפּעס אַן אַלמנה. זשאַמע קלמן־אָרעס, מיינער אַ חבר, אַ גוטער לץ, מאַכט ניט קיין שאלות און קיין מענות און דערציילט נאָטען: אַ טעלעגראַם איז געווען, דאָס וויקטאָריע האָט חתונה געהאַט מיט מאָנטעפיאָרען... נאָטע איז גלייך געלאָפן אין דייטשן בית־המדרש, צוגעלאָפן צום טיש ווו מען זאָגט „עין־יעקב" און האָט אויסגעשאָסן די נייעס...

פון דער מעשה אָן, האָט רבי בער ניט שטאַרק געגלויבט נאָטעס נייעס און זלמן־ברוך דער שדכן איז געוואָרן געהויבענער.

און ווי מיר דערציילן אייך, איז אין שטאָט געווען טעלעגראַמעס פון דער מלחמה. די גאַנצע אינטעליגענציע, אַלע יונגעלייט משכּילים, האָבן אויסגעשריבן די טעלעגראַמעס. „אינטעליגענציע" האָט ביי אונדז געהייסן: די, וועלכע קענען לייענען רוסיש מיט דער גראַמאַטיק. לייענען, פאַרשטייט איר מיך, האָבן פיל געקענט; נאָר דעם פּשט, דאָס הייסט מען זאָל וויסן טאַקע אויפן אָרט, האָבן נאָר געקאָנט די בעלי־גראַמאַטיק. למשל: נאָטקע דער זייגערמאַכער איז געווען אַ נאָ־טאַריוס, אַ שטיקל טשינאָווניק, נאָר מער ווי די חתימה האָט ער ניט געקאָנט אויסדרייען. אָבער דער זון זיינער האָט שוין געלייענט דאָס בלאַט גוט. ווי דער סדר איז, האָט ער אויסגעשריבן טעלעגראַמעס.

און משכּילים יונגעלייט זענען אַפילו געווען אין די נידעריקע גאַסן, ווו ס'איז ניט געווען קיין יידישער גימנאַזיסט כאָטש אויף פאַרסמן אַ מויז, אויף אַ רפואה.

לאָמיר נעמען, כּדומה למשל, תנ"ך־בית־מדרש. ווי קומען אַהינצו יונגעלייט משכּילים? יאָשע האַראַדיצער האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַ סך

געלט צו קריגן אַ גוטן איידעם. איז וואָס? דאַוונט דער איידעם זײַנער גאַנץ פֿײַן אַ שחרית, בענטשט ראש־חודש קיין חיות ניט, — און גענוג, אויס קענטעניש. יחיאל־דוד איז אַפּילו אַליין אַ כאַדאַטײַ, באַקאַנט מיט פּריצים, און שמואלקע דער מאַרשעליק, אַז ער פּלעגט אויסרופן דרשה־געשאַנק פֿון אים, פּלעגט ער זאָגן אין טיטל „יושב כסאות למשפט". דאָך האָט ער ניט געקענט, אָט דער כאַדאַטײַ, זיך התמענען ניט אויף יידיש, ניט אויף גוייִש. זײַנע קינדער זענען געווען פּראַנטן, שטשאָגאָלעס, נאָר קאָנען האָבן זיי ניט געקענט. קיווע־חיים דער שנײַדער, אַז ער האָט געקראָגן געלט, האָט זיך אַפּילו גענומען, ווי מען זאָגט דאָס, אין פּעדערן, צוגעדעקט מיט שינדלען די שטוב, געלייגט זיך אין שלייף און געקויפט אַ שטאָט כמעט אין מזרח, און פּאָר זײַן מיזינקע גענומען בײַ אַברהמל דעם שנײַדער זײַן בחור דעם למדן, ניט קיין בעל־מלאָכה. דער יונגערמאַן קאָן לערנען, טאָקע גאַנץ היפש, — נאָר קיין רוסיש קאָן ער ניט.

און דאָך איז אין תנ"ך־בית־המדרש געווען טעלעגראַמעס פֿון דער מלחמה. ווי אַזוי? — גאָר פּראָסט.

בײַ אונדז פּלעגט מען פֿרעגן בײַ אַ ייִנגל:

— ביזט קלאָר אין תנ"ך?

— קלאָר.

— נו, זאָג ווו שטייט אין תנ"ך בערע ברוידאָ?

דאָס ייִנגל פּלעגט טראַכטן און טראַכטן, ברעכן זיך דעם מח. אָבער ווען דאָס ייִנגל איז אַ כוואַט, פּלעגט ער גלײַך ענטפֿערן:

— אין מזרח־וואַנט.

און בערע ברוידאָ איז געווען אַ ייִד אַ נגיד, אַ גרויסער מעל־קרעמער, געשטאַנען אין תנ"ך־בית־מדרש אין רעכטן סאַמע מזרח־וואַנט, און פּאָר זײַן ייִנגסטער טאָכטער האָט ער גענומען אַן איידעם אַ יונגנמאַן אַ משכיל, וועלכער האָט רוסיש געקענט מיטן קנאַק, מיט אַלע גראַ־מאַטיקעס; און אַ קאַרב אויף טעלעגראַמעס איז בײַ אַ קעסט־ייִנגל בלאָטע, און תנ"ך האָט געוווּסט אַלע נײַס גלײַך מיט די גרויסע גע־מויערטע שולן.

און דער יונגערמאַן האָט נאָך שענער געטאָן: זײַן שווער, ווי דער שטייגער איז מיט אַ יינגסטן איידעם, דערצו נאָך אַ משכיל אַ פּײַנס, און אַז גאָט העלפט, מען איז אַ נגיד, — האָט זיך זײַן שווער מיט אים געצאַנקעט, נאָכגעגעבן אים מיט אַלדאָס גוטס, און אָפּגע־געטיילט אים אין זײַן הויף גאַר אַ באַזונדער שטיבעלע מיט עטלעכע פענצטער צום גאָס; דאָס הייסט, ניט צו דער גרויסער, ווילנער גאַס, נאָר צו אַ קרום געסעלע, אַ זײַטיקס. דאָס געסעלע איז געווען אַן אָרעמס, גיכער אַ צורה געהאַט פון אַ קאַנאַווע, אַ ברייטע ווי אַ געסעלע, ווו עס זענען פאַראַן הײַזער. און די הײַזלעך זענען דאָרט געווען פינצטערע, פאַרחושכטע. נאָר צוויי־דרײַ פענצטער האָבן דאָרטן געלעבט, געווען פריילעך, ליכטיק, מיט ווײַסינקע, קלאָרע פיראַנקעס, מיט בלומענטעפּלעך מיט לעבעדיקע, ניט פאַרזאָרגטע פּנימער קוקנדיק אַרויס פון זיי, דאָס איז געווען דעם יונגן פאַרפאָלקס פענצטער...

און אין די פענצטער פלעגט דער יונגערמאַנטשיק אַרויסשטעלן אַלע טאָג די טעלעגראַמעס פון דער מלחמה. לאָז דער עולם לייענען, ווער עס גייט פאַרבײַ, און הנאה האָבן!

פון די שטענדיקע אָבאָנענטן אויף לייענען אין פענצטער די טעלעגראַמעס איז געווען אויך זלמן־ברוך דער שדכן, וועלכער האָט גע־וווינט ערגעץ אין יענער געגנט. מיט כּוחות עטלעכע ווערטער אַליין דורכגעקראָכן און אַנדערע ווערטער געגנאַשט פון אַן אַנדער ייִדן וואָס לייענט אויך די טעלעגראַמע, פלעגט זלמן־ברוך עפּעס טשאָמקען נײַס, עפּעס צולייגן אייגענע, גאָר אַ קלייניקייט, — און פלעגט ברענגען אין בית־המדרש צו אונדז אַ שטיקל נײַס. קיין גוטע נײַס פון דער מלחמה, ווען רוסישער חיל האָט גוט געמאַכט, פלעגט זלמן־ברוך ניט דערציילן, מאַכן אַ שווײַג; נאָר ווען עס פלעגט זײַן עפּעס ניט מהודרדיק, אין פלעווגער צײַטן, איז זלמן־ברוך געווען פול מיט מעשיות.

איין מאָל קומט צוגיין זלמן־ברוך אין שול און לויפט אַרײַן מיט אַן אימפּעט, אָן אַן אָטעם כּמעט. מען האָט ערשט אָנגעהויבן די הויכע שמונה־עשרה און זלמן־ברוך האָט קוים־קוים איבערגעוואַרט קדושה.

— אונדזערע באַטארייעס האָט מען ניטשטאָזשעט, — האָט אויס־געשאָסן זלמן־ברוך.

— וואָס? האָבן אַ סך מענטשן אַ פרעג געטאָן.

קיינער הערט שוין ניט די הויכע שמונה־עשרה, ווי „ברוך הוא וברוך שמו״, ווי „אמן״, און עס קאָכט אַרום זלמן־ברוכן ווי אין אַ קעסל.

אַלע ביז איינער, דערציילט זלמן־ברוך: געמאַכט תחת־חרב; אַליין געלייענט.

— ווו געלייענט?

— אַ טעלעגראַם, — גייט זעט.

— ווי שטייט געשריבן? פרעגן אַנדערע יונגעלייט.

— ווי זאָל שטיין? איך קאָן אײַך זאָגן וואָרט אין וואָרט. עס שטייט בפירוש: אונדזערע באַטארייעס האָט מען ניטשטאָזשעט. גייט לייענט!

פיץ־פּאַץ האָב איך אַראָפּגעוואָרפן דעם „של־ראש״, באַלד אויך דעם „של־יד״, און נאָך מיט אַ הוילער האַנט געלאָזט זיך לויפן, דערקאָ־זשען די טעלעגראַם.

קיין פינף מינוט האָט ניט געדויערט און איך בין געווען צוריק אין בית־המדרש מיט דער טעלעגראַם אין האַנט און מיט אַ גרויסן געלעכטער אויפן צורה. אויך האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט די איבעריקע יונגעלײַט אין בית־מדרש. אין טעלעגראַם איז געשטאַנען: „נאַשאַ פּאָטיעראַ ניטשטאָזשנאַיאַ״.

— נו וואָס? — פרעגט זלמן־ברוך.

די יונגעלײַט שמייכלען.

זלמן־ברוך האָט גענומען די טעלעגראַם און גייט צו רבי בערן און לייענט מיט אים און טײַטשט אים אָפּ יעדעס וואָרט: נאַשאַ — אונדזערע, פּאָטיעראַ — באַטארייעס, ניטשטאָזשנאַיאַ — האָט מען ניטשטאָזשעט. ניט אַזוי? — פרעגט ער.

מיר יונגעלייט, שמייכלען, לאַכן. נאָר דער רבי, רבי־בער, איז אומגעגאַנגען פאַרטראַכט, אומעטיק.

— הער נאָר, האָט ער זיך אָפּגערופן צו מיר אין אַ האַלב שעה אַרום: מיר געפעלט דאָ ניט די טעלעגראַמע... איך האָב עפּעס מורא...

— גאָר ניט, רבי, באַרויִק איך אים.

— דאָך בין איך עפּעס אַ ביסל צערודערט... זלמן - ברוך איז טאַקע „אים” אַ שונא; דער שוטה פאַרשטייט ניט דעם שכל פון דער גאַנצער מלחמה; אויף זלמן־ברוכס ווערטער וואָלט איך ניט בויען. נאָר... מיר געפעלט עפּעס ניט דער לשון פון דער טעלעגראַמע... מען קאָן אַפּנים די ווערטער טײַטשן אַזוי, אַזוי... עפּעס מ — טאַ...

און דער רבי איז געוועזן צעטראָגן...

פעליעטאָנען

געפונענע בריוולעך פון דער אָדעסער אַסיפה

רבי רעדאַקטאָר.

מצאתי מציאה — איך האָב געפונען אַ מציאה, ניט אַ גילדענע ציג אָדער אַן אַנדער זאַך, וואָס מען קען דאָס אויסבײַטן אויף קליינ-געלט, נאָר דאָך אַ מציאה איז דאָס, און איך וויל דאָס בײַ זיך ניט האַלטן. נעמט, זײַט מוחל, דאָס בײַ מיר צו, און האַלט איר זיך מיט דעם. בײַ אײַך, רבי רעדאַקטאָר, איז דאָך סײַ ווי סײַ פאַראַנען כּל-טוב — נו, לאָז בײַ אײַך מײַן מציאה זיך אויך וואַלגערן, און איר וועט מסתּמא מיט איר טאָן ווי עס געהער צו זײַן, כּכּתוב.

נאָר מען דאַרף אײַך דערציילן כּסדר ווי די מעשה איז געווען. מסתּמא ווייסט איר דאָך, אַז איך בין געווען אויף דער גרויסער אַסיפה אין אָדעס; איר האָט דאָך מסתּמא געלייענט אין צײַטונג מײַן נאָמען, וואָרעם איך האָב דאָך שטאַרק געבעטן די אָדעסער יונגעלײַט, מען זאָל מיך למעה"ש פאַרשרײַבן אין צעטל, ניט דורכלאָזן חס ושלום מײַן נאָמען. הכּלל, ווייסט איר דאָך, אַז איך בין געווען אין אָדעס. און דאָס פאַרשטייט איר דאָך אויך, אַז אַזאַ מין ייִד ווי איך האָט פײַנט לייגן הוצאות אויף כּאַפּעניש-לאַפּעניש. איך בין אַ ייִד, וואָס קאַטאָרי, צײַט האָב איך ברוך-השם און בין געקומען אויף דער אַסיפה

אַ פינף טעג איידער זי האָט זיך אָנגעהויבן און אַוועק בין איך פון אָדעס שיינע עטלעכע טעג נאָך דער אַסיפה. בטבע האָב איך פײַנט אײַלן. דעם אמת וועל איך אײַך זאָגן, אַז סטאַנציע האָט מיר ניט געקאָסט; עפּעס האָב איך אָפּגעזוכט אַ קרוב, אַ גואל עפּעס גלײַך ווי פון איין שטאָט מיט מיר, און ער האָט זיך שוין געהאַלטן מיט מיר די גאַנצע צײַט. קורץ, איך בין געווען דאָרטן אי שבת תּרומה אי פּרשת זכור.

נאָר שבת צונאַכט האָב איך זיך אין אַ גוטער שעה אָפּגעזעגנט מיט מײַנע בעלי־בתּים און איך בין געקומען אויפֿן וואָקזאַל. דאָרטן איז געווען אַ שיין ביסל דעלעגאַטן, וועלכע האָבן אַפֿנים אויך געהאַט מײַן שכל און זײַנען אויך געבליבן איבער שבת, האָבן נאָך אַ פּאָר אַסיפות. — איך האָב געמיינט, אַז די אַלע דעלעגאַטן באַגלייטן מיך, און זיי האָבן אפשר געמיינט, אַז איך בין געקומען לכּבוד זיי; נאָר בײַם קירזשנער אויפֿן פּלעקל האָבן זיך געטראָפֿן אַלע היטלען און אין וואַגאָן האָבן מיר געזען, אַז כּלנו מסובים, דאָס הייסט, אַז מיר אַלע פֿאָרן און ווו צו שלאָפֿן וועט איה״ש קיינעם ניט זיין.

אַרויסשרײַבן אײַך וואָס עס האָט זיך געטאָן אין וואַגאָן איז ניט מײַן עסק. איר האָט געקענט שיקן אַ שליח - מיוחד, וואָלט ער אײַך אַלץ באַשריבן און דערציילט; איך בין ניט אײַער טאַטנס משרת און פֿאַר הוצאות וועט איר מיר דאָך מן הסתם ניט אומקערן. איך קען נאָר אײַך זאָגן, אַז אין וואַגאָן איז געווען אַן אמתע אַסיפה מיט אַלע קולות, נאָר קיין גלעקל איז ניט געווען, אַלע האָבן גערעדט מיט אַ מאָל, מיט היץ, ווי עס באַדאַרף צו זיין; און איך, יאַק טאָי דורען, האָב זיך געמאַכט באַקוועם, אויסגעצויגן זיך אויף אַ באַנק און האָב געכאַפּט אַ דרעמל קטן אויף אַ גאַנצע נאַכט.

אין ראַזדעלניע, בירזולאַ, זשמערינקע איז געוואָרן שיטערער; ביסלעכווײַז־ביסלעכווײַז האָט זיך דער עולם אַרויסגעשלעפּט פון וואַגאָן. געזאָרגט האָב איך נאָך זיי ניט: ווייניקער עולם — מער שמחה. אין קאַזאַטין האָבן זיך כּמעט אַלע דעלעגאַטן אַרויסגעקליבן אויפֿן וואָקזאַל, און אין וואַגאָן איז געוואָרן אַ חיות; עס איז געבליבן אונדזערע עפּעס

אַ 3—4 דעלעגאַטן. וליהודים היתה אורה ושמחה, און מיר זענען טאַקע געגאַנגען און פאַרקאָכט טיי, און זאָל מען טאַקע וויסן, אַז די וועלט איז אויך אַ וועלט. איר דאַרפט וויסן, אַז איך בין בטבע אַ ייִד אַ בריה, און אַז איך ווייס, אַז עס איז נאָך אַ האַלבע שעה צום פּאַיעזד, האָב איך קיין מורא ניט אַראָפּגיין אויפן וואָקזאַל, און בין זיך בטוח, אַז דער פּאַיעזד וועט מסתמא נאָך ניט אַוועקגיין און גלאַט מיך אַוועקוואַרפן. ובכן איז מסתמא געפאַלן דער גורל, אַז איך באַדאַרף גיין נאָך טיי דאָס הייסט נאָך הייסע וואַסער. וכן היה.

ויהי כּהרימי קולי, ווי איך האָב נאָר אויפגעהויבן מײַן כּלי גיין נאָך וואַסער — איך טו אַ קוק: עס ליגט אַ פּעקל פּאַפּיר אויפן פּאָדלאָגע. געלט האָב איך געוווסט, איז דאָס ניט; ראשית ניטאָ הײַנט די נאַראָנים וואָס זאָלן פאַרלירן געלט, והשנית איז דאַכט זיך הײַנטיקע צײַטן דער מין גאָר אין גאַנצן אויסגעגאַנגען. דאָך האָב איך זיך מטריח געווען, אויפגעהויבן דאָס פּעקעלע זען וואָס דאָרט איז, ערשט — טאַקע ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט: ניט קיין געלט. פּשוט איז פּשוט — אַ פּעקעלע בריוו האָט פאַרלאָרן אַ דעלעגאַט, וועלכער איז אַפּנים אַראָפּגעקראָכן באַלד פון אָדעס. ניכּר טאַקע, אַז ער ווינט ניט ווײַט פון אָדעס, האָט ער זיך געלאָזט באַקומען עטלעכע בריוו און שיקן אויף זיי תּשובות.

די בריוו זענען געשריבן פון אַ שווער צו אַן איידעם און תּשובות אויף זיי. דער איידעם, ווײַזט אויס, איז געפאָרן אַלס דעלעגאַט, און זײַן שווער האָט אים געשיקט לאָז-געגרוסן, און דער איידעם האָט נעבעך געמאַכט „טשערנאָוואָיעס" וואָס צו ענטפערן דעם שווער. אָט די בריוו מיט די טשערנאָוואָיעס זענען געלעגן צוזאַמען אײַנגעוויקלט אין אַ צײַטונג, און די מציאה האָב איך געפונען. דעם שווערס חתימה איז אַזוי פאַרצוקט, אַז די פאַמיליע קען מען ניט איבערלייענען, און איך ווייס ניט וועמען עס געהערט די קאָרעספּאָנדענץ. האָב איך זיך מישב געווען מיט קלוגע מענטשן, און בײַ אונדז איז געבליבן אָפּשיקן זי צו אײַך, כּדי איר זאָלט מכריז און מודיע זײַן אין אײַערע בלעטער,

טאָמער וועט זיך געפינען דער בעל־הבית פון דער מציאה, און די מצוה פון השבת אבידה וועט זײַן לחצאין. קיינע סמנים זאָלט איר אין אײַער מודעה ניט שרײַבן; דער בעסטער סימן איז, איר זאָלט זיי אָפּדרוקן אין גאַנצן, וועט איר זען, אַז עס וועלן זיך שוין געפינען די, צו וועמען זיי געהערן.

און זײַט אײַך געזונט, און גאָט זאָל אײַך צושיקן עפּעס בעסערע מציאות...

אָט זענען די בריוו.

*

לחתני המשכיל וכו׳.

זאָג מיר נאָר, חכם מײַנער, אַז דו ביסט שוין געפאָרן אויף די גרויסע אַסיפה, געפּטרט צײַט מיט געלט, טאָ פאַרוואָס האָט מען דיך עפּעס גאָרניט געהערט? עפּעס ביסטו געפאָרן — געשלאָפן — און גלײַך ווי גאָרניט! זאָל מען דאָס כאָטש פון דיר הערן אַ וואָרט, עפּעס כאָטש אויף אַ רפואה! אָדער מסתּמא דו זיצט ווי אַ גולם, אָדער דו קומסט שפּעטער, נאָך ביידע קדושות, אָדער עפּעס גלאַט דו שוויצסט, אַבי נאָר אויף דער אַסיפה. מילא מען האָט דיך ניט געזעצט אויבנאָן — אַרט מיך ניט. לאָז יענער קלינגען, מאַכן דזשים־דזשים, און נעמען זיך דעם לעבער פון אַלע וואָס ווילן דווקא ריידן באַלד, אָט שוין. נו, פאַר יענעם דעם כבוד. אָבער איך פרעג דיך, דאָך האָסטו געמעגט עפּעס ריידן, „בעטן אַ וואָרט", למען ידעו, כּדי מען זאָל וויסן, אַז דו, שלימזל, ביסט אויך געוועזן אויף דער אַסיפה; כאָטש עפּעס ווי מען זאָגט אויסשלאָגן הוצאות. איך האָב געהערט, אַז אַנדערע דעלעגאַטן האָבן זיך צעלאָזן אויפן שטאָט זאָגן שבת אין די שולן: מיין איך, אַז דו האָסט אויך געמעגט פּרובירן זאָגן: וואָלט מען דיך ניט געמאַכט פאַר אַ פּאָדראַבינעק (ביסט דו דען אַן אַפּטייקער), דאָך עפּעס וואָלט מען וויסן... קליין, פרעג איך דיך, ביסטו אויף פּסוקים פון גויִשע ביכלעך אָדער אויף משלים פון אַ בער מיט אַ שוואַרצער יאַגעדע? נאָר, בקיצור, לאָז זײַן אין שול ניט; גראָבע יונגען זענען די אָדעסער: אָדער זיי לאָזן ניט זאָגן, אָדער זיי צעלויפן זיך פאַר

שחרית און לאָזן איבער דעם זאָגער דעם שליסל פון שול, ער זאָל מוחל זיין פאַרשליסן די שול, אַז ער וועט אָפּזאָגן... אָבער אויף די אסיפות, גזלן, האָסטו דאָך געמעגט ריידן, אַרײַנמישן זיך אין דעם קהלשן אינטערעס, בעטן אַ וואָרט. אײַ וואָס, מען גיט ניט? טאָ, דורען, איז דאָך פאַראַן דערצו אַ סגולה: זאָג נאָר „צור געשעפטסאָרדענונג, אָדער אינאָרדענונג״ — אַקוראַט ווייס איך ניט — וועט מען דיר געבן „ווערטער״ וויפל דײַן הארץ געלוסט. און בקיצור, טאָמער וואָלט מען דיר ניט געבן, פאַרצייכענען דיך דעם זיבנאונצוואַנציקסטן, אָפּלייגן דיך אויף מאָרגן נאָך האַלבן טאָג — וואָלט אויך קיין בייז ניט געווען; בעטן האָסטו דאָך געמעגט; פאַר בעטן, זאָגט מען, קומט קיין פּאַטש ניט; די אסיפה וואָלט טאַקע אויסגעקומען אָן דײַן חכמה, אָבער דאָך וואָלט מען כאָטש וויסן, אַז דו, הייסט דאָס, ביסט געווען אויף זיצונגען, „געאַרבעט״ אין דעם עסק. אָבער הײַנט אַז דו ביסט געזעסן און געקוקט יענעם אין מויל אַרײַן, און נאָר געוואַרט ביז דו וועסט דאַרפן הויבן די הענט, אי אויף יאָ אי אויף ניין, (איך ווייס דאָך — דו ביסט אַ גוטער), טאָ פרעג איך בײַ דיר: אם כן, אויב דער צער פון טראָגן איז אַזוי שווער, למה וואָרעם, זה דער דאָזיקער, אנכי איך, דאָס מיין איך טאַקע דיך, אויף וועלכע שוואַרץ יאָר האָסטו זיך געשלעפּט אין אַזעלכע ביטערע פרעסט אַזש נאָר צום ים־הגדול און געכאַפּט קאַטער אויף לאַנגע יאָר?

נאָך עפּעס: מילא דאָרטן, אין חדר מיוחד, ווו עס האָבן זיך געסודעט די צונויפגעפאָרענע גענעראַל־גובערנאַטאָרן, אונדזערע בעלי־בתים, האָט מען דיך ניט אַרײַנגעלאָזן. פאַרשטיי איך: די צונג איז בײַ דיר אַביסל צו לאַנג, און פאַרשטייסט ניט ווי מען דאַרף בלאָזן שופר; דו האָסט האָלט אַמאָל אויסזאָגן דעם סוד פון מקוה; מאַלע וואָס, טאָמער פאַרקלײַבן זיי זיך דאָרטן און מען טוט גאָר ניט... איך פאַרשטיי, אַז דו פּאַסט אַהינצו גאָרניט; אָבער איך פרעג דיך, אין אַ קאָמיסיע האָט מען דאָך דיך געמעגט אויסקלײַבן! נו, און וואָס איז מיט אויסלאַנד? לײַט פאָרן – פאַרוואָס שטייסטו ניט אין צעטל? זע נאָר, שרײַב מיר באַלד, דײַן חותנך...

לחותני הרבני הנגיד וכו׳.

איך בעט איַיך, נאָר ניט געבייזערט זיך. כאַפּט ניט, וועל איך איַיך דערציילן די מעשה מיט אַ טאָלק, וועט איר טאַקע פאַרשטיין, אַז איך האָב אַלץ געטאָן, „געאַרבעט״, ווי איר זאָגט. נאָר מען דאַרף איַיך זאָגן דעם תּוך פון דעם גאַנצן עסק. איר ווייסט דאָך, אַז צום ערשטן איז געלט, קול איז געלט און אַפילו ממון איז אויך געלט. הכלל מען דאַרף פאָרן קיין פּאַריז און צונעמען זיי דאָס געלט, מאַכן זיי אויס בעלי־בתים, און אַוועקגעבן דאָס געלט די פּועלים מיט די קאָ־לאָניסטן. אָט דאָ איז געווען גרויסע שברים־תּרועות. דערהויפּט האָט מען זיך דורכגעטענהט, צי מען זאָל בעטן ביַי „זיי״ דאָס געלט מיט אַ בייזער, אָדער בנחתדיק; צי מען זאָל קומען קיין פּאַריז און זאָגן: „אַהערצו דאָס געלט!״ אָדער מען זאָל אַרומרעדן די מעשה עפּעס קיַילעכדיק און שפּיציק. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף מאַכן אַ פּזר מיט אַ שלשלת מיט העזה, מיט חוצפּא; און געווען וואָס האָבן געזאָגט, אַז דוקא אַ פּשטא קטון, ווי עס פּאַסט צו אַ ייִדישן גזלן. אויף דערויף האָט מען געשמועסט אַ היפּשע ציַיט מיט היץ, ווי עס באַדאַרף צו זיַין. נו, ביַי מיר למשל איז גאָר וויכטיק די עברי, דאָס הייסט דער עסק ווי אויסצופירן, ווי אַרויסנעמען ביַי זיי דאָס ביסעלע קופּער; דעם טראָפּ וועל איך שוין מאַכן ווי יענער וועט זינגען. וועט מען דאַרפן מיט רחמנות – וועל איך מאַכן „ומרדכי ידע״, אַז עס זאָל אָננעמען ביַים האַרצן; און אַז עס וועט זיך פאָדערן אַ בייזער, אַ הויכער טאָן — איז פאַראַן אין דער מגילה אַ „בלילה ההוא״, אַז מען וועט מיט אַ שטעקן ניט דערלאַנגען. נאָר דאָס וועט מען אַלץ זען על המקום, אין פּאַריז הייסט דאָס; און אַז מיר אַלע זאָלן זיך דערוויַיל אָפּעסן דאָס האַרץ אין אָדעס נאָך, געפין איך צו פרי: פאַראַן ברוך־השם פון אַנדערע זאַכן דאָס האַרץ אָפּעסן זיך...

וויַיטער האָבן הייזעריקע יונגעליַיט שטאַרק געקאָכט זיך וועגן מיליאָנען—עטלעכע מיליאָנען אויף דערויף, אַ פּאָר מיליאָן אויף דאָס; עס זענען פּראָסט געפלויגן מיליאָנען, אַז שלום־עליכמס מנחם־מענדל וואָלט מקנא זיַין. באמת זאָגן, איז דאָס ניט מיַין מהות. ווי קומען מיר

יידן בעלי־בתים, טראַסקען מיט די גרויסע סומעס. זאָלן וועגן דעם קלערן גדולים. האָט מען טאַקע אַזוי געטאָן, און עס זענען הי געזעסן קאָמיסיעס אַרומצושמועסן דעם אינטערעס. נאָר דאָך איז דאָס אויסגעקומען עפּעס ווי מאָדנע. אַז איינער פון דער קאָמיסיע, למשל אַ שוואַרצער יונגערמאַן, זאָגט בשם האַקאָמיסיע אָט אַזוי און אַזוי, — הויבט זיך באַלד אויף דער אַנדערער פון דער קאָמיסיע, למשל אַ בלאָנדער יונגערמאַנטשיק, און איז מודיע דעם עולם, אַז איפּכא מסתברא, אַז די קאָמיסיע האָט ניט אַזוי געמיינט. עס קומט אויס אַז דער תּנא קמא האָט אַ גאַנצע משפּחה מיט אייניקלעך, וועלכע טענהן כּסדר אַז דער זיידע האָט נאָר אים האַלט. פרעג איך בײַ אײַך: וואָס זאָל איך זיך אַרײַנמישן? וואָס געהערט צו די קאָמיסיעס מיט די סעקציעס — איז גלײַך ווי מען האָט מיך אויסגעקליבן; דאַכט זיך, אַז מען האָט מיך טאַקע ערגעצוווּ אויסגעקליבן; מען קען אַפּנים געדענקען? מען שרײַט אויס אַ האַלבצענדלינג נעמען; איז פאַראַן אַ גוטער ברודער דערבײַ און וויל טאָן אַ טובה — שרײַט ער אויס מײַן נאָמען אויך און פאַרטיק: איך בין שוין בה״ש אין אַ קאָמיסיע. נאָר איז וואָס? — אַלע פון די קאָמיסיעס וועלן פאָרן אַהיים און איך אויך בתוכם, — אײַ וואָס, וועגן אויסערלאַנד, פאָרן קיין פּאַריז? קען איך אײַך זאָגן, אַז איך ווייס דאָס געשעפטל זייער גוט. מענטשן זענען דאָרטן, דאָס הייסט אין פּאַריז, גאַנץ גוטע, נאָר די שפּראַך זייערע, במחילה, הרגעט זיי אַוועק: פאַרשטייען ניט אַ וואָרט וואָס מיר ריידן. נו, איז אַפּנים געבליבן, מען זאָל זיי אָפּטאָן און שיקן צו זיי אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען ניט וואָס זיי וועלן ריידן... חתנו אוהבו...

לחתני המשכיל וכו׳.

מה אומר ומה נדבר — וואָס זאָל איך מיט דיר שמועסן: איר זײַט אַלע, מוז איך אײַך זאָגן, ניט קיין גרויסע חכמים, נאָר ניט קיין קליינע נאַראָנים. זאָג דאָרטן, זײַ מוחל, אַלעמען פון מײַן נאָמען. זיי האָבן נאָך טענות, תּביעות צו ראָטשילדן, צו דעם באַראָן הירשסחברה.

איך פרעג בײַ אײַך: ואתם? און איר, דאָס מײַן איך טאַקע מיר אַלע, זענען קלײַן צו טאָן עפּעס לטובת הפּועלים? פאַראַן עפּעס אַ פּערציק מנינים פּועלים אין ארץ ישראל, זענען מיר אַלע, כל ישראל, חולה עפּעס זען זײַ זאָלן דאָרטן האָבן חיונה? איך פאַרשטײ ניט, אָסור: עם ישראל איז דען טאַקע עפּעס אַ בעטלער, מוז דאָס אומגײן אַלע ערב ראש־חודש איבער די הײַזער? ווי נאָר עפּעס — גלײַך אין פּאַריז, גיט אַ נדבה! וואָס איז – עס וואָלט דען ניט סטײַען בײַ אונדז, אָרימע בעלי־בתּים, אַ ביסעלע קלײנגעלט בײַ יעדערן, פאַרזאָרגן אָט די 30—40 מנינים פּועלים? נאָך אַ ביסעלע אַ קוועטש, אָנגעטאָן זיך אַ ווײַלינקע אַ כּח, קלײַבן אויף שבת, טאַקע בײַ אַלע ייִדן, — און עס וואָלט ווערן די סומע געלט! אײַ וואָס: איר זײַט נאָר בריות אויף שײנע דבורים, מיט אַסיפות, מיט צאַצקעס, מיט שרײַבן מליצה־ברייוועלעך, און ווי עס קומט צו געלט איז אַ גוטן טאָג! — זענען מיר דאָך טאַקע אַלע, גאָר אָן אַ פּאַראיבל, אָט דאָס וואָס מען טאָר ניט אויסזאָגן! אויף פלושענע בגדים סטאַיעט אַלע אָרימע מײדלעך, אויף טעאַטער מיט נאָך אַלע שוואַרצע יאָר געפינט זיך, דער שד נעמט צו בײַ ייִדן געלט אויף אַלע זאַכן, און אויף ארץ־ישראל איז ניטאָ; און מיר זענען נאָך כּלומרשט ציוניסטן הייסט דאָס, מיט טענות צו הערצלען פאַרוואָס דערלאַנגט ער שוין ניט די מלוכה מיט דער גילדענער יויך! איר רעכנט פאָרן קײן פּאַריז מיט אַ בייזער, איר זײַט נאָך שײנע מענטשן, מיט טענות, רופן לײַטן צו אַ דין־תּורה; און קײן חרפּה קײן בושה איז בײַ אײַך ניטאָ! איר וועט זיך דאָך דאַרפן שעמען אין טיפן האַלדז אַרײַן, אַז מען וועט בײַ אײַך געבן אַ פרעג: „אַנו, רבותי, און איר זײַט מוחל מיט אײַערע זעקס־זיבן מיליאָן ייִדן, ווו איז דאָס אָקאָרשט אײַער דרשה־געשאַנק, האַ?.. מע־מע־מע, — ייִדישע לאַגע... נעבעך אין גלות... און וואָס קאָסט אײַך מער: צי ארץ־ישראל, צי זעלצער־וואַסער? הײַנט אם כּן, אַז מיר זענען יאָ אַזעלכע פאַרשוינען, — הײַנט פרעג איך בײַ דיר ווידער, מיט וואָס פאַר אַ פּנים רעכנט איר דאָס צו קומען קײן פּאַריז און שלעפּן זײַ צו בית־דין?

באמת גערעדט, איז בײַ מיר די גאַנצע מעשה פּאַריז כּמעט ווי

איבעריק. נאָר וואָס דען? בכלל שאַדט ניט דורכפאָרן זיך קײַן פּאַריז, אָנדרייען אַ ביסל יענע שיינע בריות אויך דעם אויער. „וואָס מיר זע־נען זענען מיר — שיינע ייִדן זענען מיר דאָך“. די פּאַריזער אונדזערע ברידערלעך, — דאָס איז עפּעס אַ חברה אָסור לרחם, איז טאַקע קיין נאַרישקייט ניט קומען צו זיי לערנען אַ ביסל מיט זיי חומש מיט רש״י. גאָר דול, שונאי ישראל, זענען זיי געוואָרן און מיינען נאָך, אַז זיי זענען די רעכטע, די אמתע ייִדן, און דאָס מיר זענען די פּאַרנאַרישטע. שאַדט טאַקע ניט, אַז מען זאָל וועלן ניט וועלן זיך דורכפאָרן צו זיי און געבן זיי צו פאַרשטיין ווער זיי זענען... לכן, פאָרט געזונט און קומט געזונט, און גיב אָפּ מײַן ברכה אַלעמען. און בינו־לבינו וועט מען די הוצאות אויך אויסשלאָגן, און פּיל־ווייניק, עפּעס וועט מען אויספירן. נאָר מיר דאַרפן אויך ניט פאַרגעסן עפּעס טאָן, וואָרעם עס איז שוין טאַקע צײַט, מיר זאָלן ווערן כאָטש שטיקלעך מענטשן... און שרײַב מיר באַלד וואָס טוט זיך מיט די שולן אין יפו, וועגן וועלכע דו האָסט מיר דעם קאָפּ פאַרקלאָגט, און דערגייז דאָרטן אַ טאָלק מיט די קאָלאָניסטן; איז דען פאַראַנען קאָלאָניעס, אָדער דאָס איז גאָר אַ חלום, דאָס הייסט מען דאַרף ווײַטער רײַסן די ווײַנטרויבן, און ווידער אַ קאָן?

אײַ, זאָלט איר דאָרט קרעפּלעך עסן מיט אײַערע פּאַראַנדקעס!

דײַן חותנך...

לחותני הרבני הנגיד וכו׳

איר רעדט, האָט קיין פאַריבל, מיט הארץ, מיט כעס, אָבער ניט אַלע מאָל צו דער זאַך. געלט, זאָגט מען, איז ניט סמעלט, און אַז מען קאָן נעמען אין פּאַריז עפּעס מעות מזומן — דאַרף מען זיי דערטאַפּן. אײַ וואָס איז, — מיר אַליין, איז ווער רעדט חלילה קעגן אײַך?... פאַראַן נאָך ערגער ווי פּלוש מיט זעלצער־וואַסער: קאַרלסבאַד מיט פראַנצעסבאַד, מיט די אַלע פאַרשלעפּטע קרענק, מיט אונדזערע נערוועזע דאַמען וואָס פּטרן געלט, און אונדזערע אויסלענדישע ברידער

זעען דאָך און וווּנדערן זיך: „ווּ איז דאָס די אָרעמע לאַגע פֿון אונדזערע ייִדן”? הקיצור, איר זײַט גערעכט, מיר וועלן אויך געבן און אַ רייש אלף פֿראַנק וועלן מיר צונויפקלײַבן. נאָר דער עולם זאָגט: יפֿתּח בדודע ושמואל בטרובע, — מיר טאַקע אויך, אָבער דערהויפּט זיי, די פּאַריזער חברה. נישקשה, זיי פּאַסטן אויך קיין תּענתים ניט. און וואָס איר פֿרעגט וועגן די איבעריקע זאַכן, איז ווי געפֿעלט דאָס אײַך, אַז דער אַחד העם איז גאָר אויסגעקומען ווי גערעכט. מיר זענען דאָך אַלע געקומען אַהערצו אויף אים אש להבה, נאָך זומער האָבן מיר דאָך געוואָלט אים אויפֿעסן אין זויערע קרויט; איז גאָר אויסגעקומען, שטעלט אײַך למשל פֿאָר, אַז די מעשה איז טאַקע אַזוי ווי ער, אַחד העם, דערציילט, פֿאַרשטייט איר מיך; אַז די קאָלאָניסטן מיט די פּועלים זאָגן גאָר אויך פּונקט ווי ער. צו וואָס נאָר מען נעמט זיך פֿון די ארץ־ישׂראל געשעפֿטן, — און מיר סקאַליען די ציינער שוין אָפּרעכענען זיך מיט אים פֿאַר זײַנע אמתע מעשׂיות, — און מיר גיבן נאָר כּלומרשט אַ פֿרעג די קאָלאָניסטן: „וואָס קינדער?” — הויבן זיי אָן צו זאָגן אָמן אויף זײַנע, דאָס הייסט אויף דעם אַחד העמס, ווערטער. קורץ און שאַרף — עס איז אַלעס, במחילה, אמת וואָס ער האָט דערציילט. די יפֿוער שולן זענען פּשוטע תּלמוד־תּורות און נאָך מיט ווייניקער תּורה... וואָס מען האָט אויף זיי געוועזן דערציילט שיינע מעשׂיות, אַז זיי זענען אַ מין ייִדישע גימנאַזיע מיט נאָך אַזעלכע זאַכן, איז דאָס פּשוט אַ בילבול; ניטאָ קיין פּריץ, ניטאָ קיין קרעטשמע. אַ תּלמוד־תּורה, אַ פּראָסטע שול ווי אַלע שולן פֿון אַ גאַנץ יאָר. וואָס די יפֿוער יונגעלײַט מיט יונגע ווײַבלעך שרײַבן אויף די צײַטונגען, איז ווערט אַן אויסגעבלאָזענע איי: מיידלווײַז גייט אַזוי דער לשון און נאָך דער חתונה רעדט מען עפּעס אַנדערש... אַוודאי, אַוודאי האָבן מיר געמעגט האָבן אין ארץ־ישׂראל עפּעס אַ רעכטע ייִדישע שול, טאַקע פֿאַרוואָס ניט אַ ייִדישע גימנאַזיע. און ווּ זשע דען זאָלן ייִדן מאַכן אַן אמתע ייִדישע שול אויב ניט אין ארץ־ישׂראל. עס איז טאַקע אַ יושר, מען זאָל זיך דערצו נעמען און ניט זשאַלעווען אויף דעם ענין באַזונדערע עטלעכע קערבלעך אַ יאָר. נאָר דערווײַ

זיך מודה זײַן, אַז דער אחד העם איז ווי גערעכט און לעת-עתּה איז מיט די יפוער שולן, ווי מען זאָגט, נאָך די באָד ניט געהייצט; ניטאָ וואָס צו זען, ניטאָ וואָס צו הערן...

און וועגן די קאָלאָניעס איז אַפילו די מעשה אמת, נאָר דאָך ניט אַזוי. טאָקע דער עסק איז מילביק, די קאָלאָניסטן גייען אַרום מיט פאַרדרייטע קעפּ, נאָר פאַרט ניט מה רעשדיק. דורעט מיר אַ מח ביז מאָרגן, שיט מיר אָן אַ פולע היטל מיט רייד, — און איך וועל טענהן מײַנס: ייִדן זענען זיי, די קאָלאָניסטן, הײַזער האָבן זיי, ערד מיט ווײַנגערטענער מיט שולן מיט ברונעמס איז בײַ זיי אויך ברוך השם פאַראַנען, אין ארץ-ישראל זיצן זיי; בין איך בטוח, אַז לחם לאכול און בגד ללבוש וועט אויך איה״ש זײַן. עס, גאָט איז אַ פאָטער און וואָס עס וועט זיין מיט כל ישראל וועט זיין מיט רבי ישראל. ווי שטייט דאָס אין דער תּורה, אַז עס דאַרף אַלץ גיין גלאַט ווי אַ פּופּיק און עס טאָר זיך גאָרניט פאַרטשעפּען? נו-נו, האָט זיך געמאַכט אַ סיבהלע אַביסל: אַ נייער פריץ אין שטעטל, וואָלול ווײַן, צופיל טרויבן, ווייניק ערד, טאָיע - סאָיע, מאַלע וואָס עס מאַכט זיך? ניטאָ וואָס אַראָפּצופאַלן בײַ זיך; און אַ ייִד האָפט אַלע מאָל, וועט ער האָפן ווײַטער; און אין ארץ-ישראל איז אויך גאָט אַ שטיקל בעל-הבית און אויסקומען אָן זײַן לאַסקע איז שווערלעך...

אײַ וואָס, איר לאַכט פון אונדזערע פּאַראַנדקעס; פרעג איך אײַך און בעט אײַך טאָקע ווי אַן אייגענעם טאָטן: זײַט ניט אין כעס, לאָמיר זיך גוט באַרעכענען. אין גאַנצן, כּדומה למשל, פירן מיר דעם ארץ-ישראל עסק ערשט אַ יאָר אַכצן, אַ בן שמונה-עשר איז אײַך די גאַנצע קאָלאָניזאַציע. גענומען האָבן מיר יונגעלײַטלעך מיט קרעמערלעך מיט סטודענטלעך מיט נאָך אַזעלכע שיינע פּירות און פון זיי האָבן מיר גענומען מאַכן קאָלאָניסטן; מבינים זענען מיר דאָך גרויסע, האָבן מיר געקויפט אַלע זאַמדן מיט אַלע בלאָטעס; געזייט און געפלאַנצט האָבן מיר ווי אין חומש שטייט: געטאַפּט גלאַט די ווענט, אָפּטמאָל געטראָפן ווי דאָס בלינדע פערד; ראָטשילדס פראַנצויזלעך האָבן געדרייט אַ היטל מיטן ספּאָדיק, געלערנט זיך גאָלן אויף פרעמדע בערד; דער טערק מיט

זײַנע פּאַראַנדקעס איז אויך ווערט אַ גוטע פּאָר גראָשן, פּירן מיט דעם חכם געשעפטן דאַרף מען זיך אויך אָנעסן מיט אײַזערנע באָבעס, — הײַנט פרעג איך אײַך: אַז אחר כּל אלה, נאָך די אַלע שלעק האָבן מיר דאָך היום הזה אַ היפּשע ביסל קאָלאָניעס, מיט גאָט צו דאַנקען אַ שײנעם פּלאַץ ערד, מיט פֿײַנע הײַזער, שולן און שפּיטאָלן, מיט קאָלאָניסטן מיט קינדערלעך זאָלן געזונט זײַן און האָדעווען זיך, מיט אַ רעכטער בעלי־בתישקייט, אַ סך מער ווי יעקב אָבינו האָט געהאַט אפילו גייענדיק שוין צוריק פון זײַן שווער, — פרעג איך בײַ אײַך: מה רעש, וואָס איז דאָס די קולות וועגן דער קאָלאָניזאַציע?

איר וועט זאָגן: עס האָט געמעגט זײַן עפּעס שענער, פרייליכער?— גערעכט. איך זאָג דאָס אויך, נאָר אָבער קיין טענות צו גאָט, קיין גרויסע טענות קען מען צו אים ניט האָבן. איך פרעג בײַ אײַך: מיט דעם רבי מאיר בעל־הנס׳־פּושקע האָט איר עפּעס מער קאָלאָניסטן געמאַכט, האַ? ווידער אַ חברה תהלים און נאָך אַ צענדלינג קברים אויפן הר הזתים, און די ערד, אונדזערע ארץ־ישראל־ערד, קויפן אָפּ גריכן, אַרמענער מיט דײַטשן האַלב אומזיסט, האַלב אָן געלט. הײַנט אָבער — לאו מיט אַן אלף; אויף ערד זענען ייִדן אויך בעלנים. פאַר די אַכצן יאָר האָבן מיר זיך עפּעס אויסגעלערנט. אײַ וואָס, ראָטשילדן האָט געקאָסט פיל שכר־לימוד און אויך מיר האָבן געצאָלט רבי־געלט. נו—איז וואָס? אַז בעגלא איז אַ וואָגן, איז בזמן קרוב אַ שליטן; אויב ארץ־ישראל איז אַן ענין, איז געלט מיט כּוחות ווערט אַ שמעק טאַבאַק. ניט מיר און ניט ראָטשילד זענען קיין קבצנים ניט געוואָרן און טאַקע אַ ביסל קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל האָבן מיר, און מיר וועלן איה״ש האָבן!

די איבעריקע בריוועלעך זענען געווען צעמעקט און צעקלעקט, און איך קען זיי ניט לייענען. אויף מער האָט קיין פּאַראיבל.

אַ פעקל מעשיות

אַלטע און שפּאָגל נײַע, אייגענע און נאָכגעמאַכטע

פון

אַ נײַעם סאָרט מחבר

מיט אַ הקדמה

הקדמה

ווייסט איר, וואָס איך וועל אײַך דערציילן, רבותי, — בײַ מיר איז געבליבן, איך זאָל אָנהויבן שרײַבן מעשיות, ראָמאַנען, סקיצן, נאָוועלן און ווי זיי רופן זיך דאָרטן מיט זייערע נעמען. אַזוי איז בײַ מיר געבליבן. און איך האָב אויף דערויף טאַקע כמה וכמה טעמים.

אייניקע פון די טעמים זענען בײַ מיר ניט קיין סוד, איך קאָן זיי אײַך אויסזאָגן.

ערשטנס איז דאָס, ווי מען זאָגט, אַ גרינג שטיקל ברויט, אָט די בעלעטריסטיק.

פּרובירט נאָר, זײַט מוחל, שרײַבן וועגן עפּעס אַן ערנסטן ענין, לאָזט זיך נאָר אַרײַן אין אַ שמועס וועגן אַ קעגנשטאַנד, ווי מען רופט דאָס, פון עפּעס אַ כמו-וויסנשאַפט, אַפילו גאָר עפּעס פּובליציסטיק, — דאַן מוזט איר, במחילה, פריער לייענען און לערנען. ניט געלייענט און ניט געלערנט וועט איר אַפילו איבער ציוניזם גאָר ניט אויפשרײַבן

בקיצור, דאַרף מען דערצו ניט זײַן מיט אַ דיפּלאָם און חתמענען דווקא „הקטן" אָדער „ד"ר", — נאָר עטוואָס מוז מען וויסן; לכל-הפּחות מוז מען פריער לייענען און דערנאָך שרײַבן.

גאַנץ אַנדערש איז עס מיט בעלעטריסטיק. שרײַבן מעשׂיות מיט ראָמאַנען קאָן שרײַבן יעדער, ווער עס האָט נאָר גאָט אין האַרצן. איר מעגט זײַן אַ בור דאורייתא, גאַנץ ווייניק געלערנט, און האָבן וויסנשאַפטן אויפן שפּיץ מעסער, און דאָך שרײַבן לאַנגע און גרויסע מעשׂיות, ראָמאַנען אויף אַ גאַנצע נאַכט. גאָט זאָל נאָר געבן אַ שטיקל שׂכל. פאַרשטיין ווי מאַכן אָט דעם עסק, וואַקסן אויס ראָמאַנען בײַ אונדזערע מאַכערס, ווי שוועמלעך נאָכן רעגן. חכמה, — וועלכע חכמה? אַדרבה, זאָגט מיר, איר האָט זיך עפּעס אַ סך חכמה אָנגענומען אָט פון די אַלע מעשׂיות, וועלכע האָבן זיך געדרוקט און וועלכע וועלן זיך דרוקן אם ירצה השם אין די סך בלעטער מיט די פעליטאָנען? אויף צען כּפּרות באַדאַרף מען חכמה, אַפילו קונסט מיט שיינע בילדער מיט פּאָעזיע, אַז עס איז די-והותר עפּעס אַן אויסגעטראַכטע מעשׂה, וועלכע קאָן זיין ניט געשטויגן און ניט געפלויגן, מיט עטלעכע פּאָר גוטע גלײַכווערטלעך, מיט אַ ביסעלע זאַלץ, גוט געפעפערט,—און שוין, אָט פאַרטיק!.. איצטער פאַרשטייט איר שוין, וואָס פאַר אַ לחם-הקלוקל, אַ גרינג שטיקל אַרבעט דאָס איז די מעשׂהלעך שרײַבן?

דאָס איז אײַך ראשית, איין טעם. והשנית, ווידער מוז איך אײַך זאָגן, אַז שרײַבן מעשׂיות מיט ראָמאַנען איז טאַקע אַ גוטער עסק, פּראָסט גערעדט אויף ייִדיש — אַ גוט געשעפט, עס לוינט בעסער ווי די אַנדערע שרײַבערײַ.

לאָמיר שמועסן כּסדר. לאָז זיין, איר זײַט שוין ברוך-השם יאָ אַ חכם, אַ געלערנטער, און איר ווייסט שוין וועגן וואָס איר דאַרפט שרײַבן. נו, האָט איר אָנגעשריבן וועגן אײַער זאַך, אָפּגערעדט וואָס איר האָט געוואָלט זאָגן, און — אַ גוטן טאָג, אַראָפּ פון עמוד. מיט די מעשׂיות-שרײַבער אָבער איז דאָך אַ מעשׂה אָן אַן עק, עס שיט זיך ווי פון אַ פּוסטער היטל: אי הײַנט, אי מאָרגן, אי איבערמאָרגן, עס וועט נאָך סטײַען די קינדער אויף בײַטאָג, אונדז און אײַך און גוטע פרײַנד,

אַבי איר זאָלט נאָר צאָלן געלט. עס איז גאָרניט, מען דאַרף נאָר צוגעוווינען דעם עולם, עס זאָל זיך אים ניט גלוסטן קיין פּעטס, קיין וויסנשאַפט, אמתע פּאָעזיע אָדער טאַקע שיינע בילדער. און דער עולם איז דאָך, באמת גערעדט, אַ שטיקל גולם — וואָס מען גיט אים, קײַט ער און דערשלינגט. ס'אַ דאגה—אַ מעשה איז געווען, אַ פּאָר גלײַכוווערט־לעך האָט ער געהערט, — נו, וואָס באַדאַרף ער נאָך?

פאַראַן נאָך אַ דריטער טעם. אַפילו אַ נאַרישקייט וועגן דעם צו ריידן, נאָר דאָך איז דאָס אַ טעם. איך מיין יענץ, געלט מיין איך. אָט דאָס קלייִנגעלט, וואָס מען באַצאָלט אונדז, שרײַבערלעך, פאַר אונדזער אַרבעט. דער עולם, די לעזער, ווייסן שוין, דאָס מיר טוען ניט נאָר לשם שמים, אַנצוטאָן זיי נחת־רוח, נאָר טאַקע צוליב די קלינגעדיקע. הקיצור, אַהער־אַהין, געלט איז אַ אינטערעס און אין פּסוק שטייט: למען תספר, זאָלסט טאַקע ציילן, באזני, אַז עס זאָל קלינגען אין די אויערן, בנך ובן בנך, עס זאָל סטײַען אויך פאַר די קינדער. שרײַבן זאָגט מען, איז אַ שטיקל פּרנסה. הײַנט אם כן, פרעג איך אײַך, וואָס בין איך מחויב שרײַבן אײַך עפּעס גלאַט אַרטיקלען, האָרעווען און שוויצן און דערנאָך גיין און בעטן זיך בײַ אײַך רחמים, איר זאָלט דאָס דרוקן, אײַנשמועסן אײַך און די לעזער, אַז מײַנע אַרטיקלען זענען סאַמע וויכטיקע, און סוף־סוף וועט איר מיר טאָן אַ טובה, אַז איר וועט דאָס אָפּדרוקן; ממילא איז דאָך וועגן געלט, וועגן די ביסעלע שכר־בטלה דאָך ניטאָ וואָס צו שמועסן. איז דאָך מיר גלײַכער, אַז איך זאָל ווערן אַ מעשה־שרײַבער, וועט איר דאָך מיר מײַנע שטיקלעך אונטערכאַפּן מיטביידע הענט, און געלט, ברידער, וועט איר מיר צאָלן און צאָלן, מעות ממש, וואָס ממש הייסט?

הײַנט פאַרשטייט איר שוין די מעשה, האַ? — ס'איז פאַראַן נאָך אַ שטיקל טעם.

מען דאַרף שרײַבן מעשיות, ווײַל די אַנדערע זאַכן, עטוואָס פּובליציסטיק, אַפילו גאָר וועגן וויכטיקע לעבנס־פראַגן, ווילט זיך עפּעס ניט לייענען, מען לייגט דאָס אָפּ אויף שפּעטער, אויף נאָכמיטאָג; און אַזוי בלײַבט דאָס ניט געלייענטערהייט. דער שרײַבער האָט זיך אויס־

געגעסן דעם לעבער, געדאַרט האָט אים דער מוח, און האָט אַרומגערעדט לאַנג און ברייט וועגן אַ אינטערעס, וואָס גייט דאַכט זיך עפּעס אין לעבן כּלל ישׂראל, אָדער ווען ניט דעם גאַנצן כּלל, איז לכל הפּחות די לעזער, דאָס געערטע פּובליקום. נו, איז מישטיינס געזאָגט געוואָרן דאָס „געערטע פּובליקום" באַקומט דעם נומער, קוקט איבער מיט אַ האַלבן אויג דעם אינהאַלט און גיט זיך במחילה אַ קרים מיט די ליפּן, און זאָגט: „ע, אויך מיר געפונען וועגן וואָס צו שרייבן! האַ, דאַכט זיך, אַז איך האָב שוין וועגן דעם איינמאָל געלעזן... נו, שפּע־טער וועט מען דאַרפן אַ בליק טאָן, וואָס דרשנט מען דאָ איבער דעם". און אַזוי בלייבט דאָס. און וועגן אַן ערנסטן עסק, וועגן עפּעס אַ וויכ־טיקן ענין, וויל מען ניט לעזן און עס איז פּשוט ניטאָ פאַר וועמען צו שרייבן. אָבער עפּעס אַ מעשׂהלע, אַ געשיכטעלע, ווו עס איז פאַ־ראַן אי אַ ביסעלע רכילות אי אַ ביסעלע לשון-הרע, ווו עס דאַכט זיך אויס, אַז דאָס האָט מען געמיינט יענעם, און מיט דעם האָט מע געוואָלט אויסלאַכן דעם; דאָס איז אַ סאַטירע אויף איינעם אַ באַ־קאַנטן און יענץ איז אַ ספּעציעלע אויף דעם צווייטן, — אויף דערויף איז דער עולם אַ גרויסער בעלן און כאַפּט די שטיקלעך ווי מצה-וואַסער, מען לייענט דאָס אין מיטן עסן און מען שמועסט וועגן דעם ביז אין ווייסן טאָג אַריין.

הײַנט, פרעג איך אײַך, מײַנע ליבהאַרציקע ייִדן, צו וואָס זאָל איך זײַן אַ נאַר און שרײַבן אײַך אַרטיקלען מיט פּובליציסטיק, מיט שאָר-ירקות און איר זאָלט מיך לייענען ווי אין אָדעס די מגילה, דאָס הייסט גאָר ניט כּמעט; איך וועל בעסער שרײַבן מעשׂיות, און איר וועט מיך מיט גאָטס הילף לייענען און לייענען ביז איינעם פון אונדז וועט מיאוס ווערן...

נאָר איך ווייס דאָך, איר, רבותי זענט דאָך אויך פון די ייִדן, וואָס קאַטאָרי, און וועט דאָך מסתמא פרעגן מיך קלאָץ-קשיות: וועגן וואָס וועל איך שרײַבן מײַנע מעשׂיות און צי וועל איך קאָנען דעם עסק; איר וועט געוויס טענהן, אַז איך האָב זיך ניט וואָס צו גלײַכן צו אַן אַנדערן, וועלכער איז ברוך-השם אַ רגיל, גייט ווי אַ פּאַטשטאָ־

ווער פערד אָבי עס זאָל זיך קלינגען... הקיצור־הדבר, אײַך וועט זײַן קשהדיק, ווו וועל איך נעמען מאַטעריאַל אויף מײַנע מעשיות אין מײַן קליין שטעטעלע, און צי וועל איך טרעפן דעם וועג צום פובליקום.

איך בין אָבער גאַנץ רויק. מײַן שטעטעלע הײַדאַמאַק איז אין מײַנע אויגן אַ גאַנץ גרויסע שטאָט. עס איז פאַראַן ברוך־השם כמעט אַ האַלב צענדלינג רבנים, און ייִדן שטאַרבן פון הונגער, און מען האָט צרות פון דינסטמיידלעך, און יונגעלײַט כאַפּן אַ קערטל, און דאַמען האָבן נערוון, און קרעמער מאַכן „גלענצנדע" געשעפטן, — אַלעס אַקוראַט ווי אין די גרויסע שטעט. נו, וועט מיר פעלן מאַטעריאַל צו מעשהלעך? איך וועל קענען שרײַבן אַפילו וועגן אַ רב מיט רביצין אויך, אַפילו מעשיות מיט צוועלף גזלנים! טאָמער וועל איך דאַרפן אַ דרייצעטנן, וועל איך אויך קריגן אַרום זיך, ערגעץ אַנדערש ניט זוכן.

און וואָס מכּח פובליקע, איז גאָט אַ פאָטער און מיט דער צײַט וועט זי ווערן מײַנע. עס דאַרף נאָר געדויערן אַ ביסל. ווי טוען אַנדערע? דאָ אַ נאַש געטאָן אַ שטיקל, בײַ דעם אַ כאַפּ געטאָן אַ תּנועהלע, אויסגעגלעטנט זיך האַלטן דעם גאָרגל מיט דעם פינגער און אויסגעאַרבעט זיך די כּלי. און הײַנט רעכן איך און האָף צו דעם, וואָס איך ווייס ניט ווי עס הייסט, — איך מיין די נאַרישע פובליקע — אַז איך וועל מיט דער צײַט אויך געפינען לײַטזעליקייט אין די אויגן, וכאשר היית עם משה, אַזוי ווי איר זײַט געווען מיט די פאָריקע מעשיות־שרײַבער, אָט אַזוי וועט איר נייגן אײַער חסד אויך צו מיר, און איר וועט מיך אויך ליב באַקומען אָט פונקט ווי איך אײַך, און מיר וועלן אם ירצה השם לעבן צוזאַמען ווי דער טאַטע מיט דער מאַמען, און מיר וועלן נאָך זאָגן גראַמען, אַז די פנימער וועלן אונדז פלאַמען — הלוואַי אין גיכן, רבונו של עולם.

ובכן ויהי בישורון מלך, עס איז געוואָרן אַ נײַער מעשיות־מאַכער וועלכער וועט זיך חתמענען „גוט מאָרגן". אײַך געפעלט דער נאָמען? און טאָמער געפעלט ער אײַך ניט — אַרט דאָס מיך אויך ניט. וואָרעם

ווען אײַך געפעלט עטוואָס, איז דאָס דען אויף לאַנג? — פע! איר מײַנע ליבע לעזער, זײַט דאָך אײגנטלעך ווי קלײנע קינדער: גיב זײ אַלע טאָג נײַע צאַצקעס און נאָר צאַצקעס... מיך רופט מען טאַקע אַנדערש, איך הײס ווי מען האָט מיר אַ נאָמען געגעבן, נאָר פאַר אײַך וועל איך זיך חתמענען „גוט מאָרגן" — און איך האָב דערויף אויך כמה וכמה טעמים. בכלל אַפילו שפילט בײַ אײַך דער נאָמען אַ גרויסע ראָלע; אַ ייִד האָט ליב באַלד אַפילו גראַמען מאַכן פון דעם נאָמען: אַברהמל — מאַכט אַ קרעמל; לײזער — אַ ייִד אַ בײזער, חײַקל — קלאַפּט אויפן פײַקל, איז טאַקע דערפאַר האָב איך לכתחילה אויסגעקליבן אַ נאָמען גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, אין קײן הפטורה ניטאָ. אײַ וואָס, איר וועט זאָגן: „גוט מאָרגן" — ניטאָ נאָך אים צו זאָרגן, נו, אפשר וועט איר יאָ אַמאָל זאָרגן...

הקיצור, עס בלײַבט אַזוי — מײַן חתימה איז:

גוט מאָרגן.

וויפל ערד באַדאַרף אַ מענטש?

(אַן אמתע מעשה)

א

שטענדיק פלעגט מען זי טרעפן בײַ אַדוואָקאַטן, אייביק פלעגט זי פרעגן עצות וועגן משפטים און אַלע טשינאָווניקעס האָבן זי שוין גוט געקענט. זי האָט אַלעמען דערעסן ווי אַ ביטערע ציבעלע. ווער מיט וועמען, — ברײַנדעלע האָט שוין אַ משפט און גאָר וועגן אַ שטיקל ערד מיט איינעם פון אירע שכנים.

און די משפטים האָט זי אַליין געפירט, ניט דער מאַן אירער. ערשטנס איז זי טאַקע געווען די בעל־הביתטע, אויף איר נאָמען זענען אויך געווען אַלע הויפן. דער ערשטער הויף איז איר אָנגעקומען בירושה פון פאָטער, טאַקע בצוואה אויף ברײַנדלס נאָמען. און מען קאָן אַפילו זאָגן, אַז דער משפט איז איר אויך אָנגעקומען בירושה מיט דעם הויף. עס איז געווען נאָך בײַ דעם אַלטן אַ כמו־קריג, דאָס הייסט ניט אַ קריג, נאָר אַ שטיקל ברוגז אויף פנחס האָניקלעקער דערפאַר, וואָס ער האָט געשטעלט זײַן וואַנט האַרט אויפן מצר, אויפן גרעניץ מיט ברײַנדלס פאָטערס הויף. רבי פנחס האָט דעם עסק אָפּגעמאַכט אַביסל ממוריש. צוגעהיט בעת יקותיאל, פראָסט גערעדט — קושע, ברײַנדלס פאָטער, איז ניט געווען אין שטאָט און געשטעלט די וואַנט.

דערנאָך איז שוין געווען אַחר־המעשה, גיי נעם און לאָד זיך מיט אַ שכן. — אַ, ניט כּדאַי!

נאָר אַז דער הויף איז אָנגעקומען צו בריַינדלען אין די הענט, האָט זי זיך גענומען איבערמעסטן די ערד און האָט געפונען, אַז אַ גאַנצער ווערשאָק ערד אירע, אייגענע אירע ערד, איז כּמעט ווי אַריַין אונטער פּנחסעס וואַנט. בריַינדעלע האָט געמאַכט אַ ויצעקו. דער שכן האָט געטענהט, אַז רבי קושע עליו השלום האָט אים מוחל געווען. און ער וויל מיט דעם יונגן וויַיבעלע גאָר קיין מגע ומשא ניט האָבן. האָט אים בריַינדעלע געזאָגט, אַז ער איז אַזוי און אַזוי; האָט ער איר אָנגעשפּיַיט אין צורה; האָט זי געזאָגט, אַז דאָס הערט זיך ניט אין אַ וועלט; האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ העזה. קורץ און שאַרף דער עסק איז אַוועק אין די הויכע פענצטער, און בריַינדעלע האָט געדונגען אַן אַדוואָקאַט.

און כּדי דער אַדוואָקאַט זאָל האָבן נאָך פּראַקטיקע, האָט בריַינדעלע טאַקע געקויפט נאָך אַ הויף און האָט זיך גענומען בויען. דער הויף איז אויך געווען אויף איר נאָמען; זי האָט געקויפט פון אירע געלט. די קראָם, זאָגט בריַינדעלע צו איר מאַן, איז דיַינע, קאָנסטו זיך נעמען און קויפן היַיזער. אָבער דאָס געלט — וואָס איך גיב אויף פּראָצענט — דאָס איז מיַינס, און אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן קויפן אַ הויף, וועל איך דאָס קויפן מסתּמא אויף מיַין נאָמען. און דער מאַן הערט און — שוויַיגט...

נעמט זיך בריַינדעלע בויען, דאַרף זיך איר פאַרגלוסטן פאַרנע־מען אַ שטיקעלע גאַס. — „וואָס הייסט, די גאַס איז דען ווייניק ברייט? אַ טיַיערע זאַך! איך וועל זיך נאָר אַ ביסעלע אַרויסרוקן”. האָבן אָבער אָנגעהויבן עפּעס די שכנים צו מורמלען.

— די רשעים! — האָט געקאָכט בריַינדעלע — אַקוראַט ווי איך וואָלט עפּעס זייערע פאַרנעמען.

נאָר בריַינדעלע האָט געאַרבעט מיט דער גאַל, געשטעלט די

אַרבעטער טאָן בײַנאַכט און פֿאַרטאָג און האָט זיך אַרויסגערוקט אַ גוטן האַלבן אַרשין.

ב

דער האַלבער אַרשין ערד האָט איר געקאָסט צרות מיט געלט. ווער עס גייט פֿאַרבײַ זעט דאָך, אַז ברײַנדעלעס הויז איז עפּעס אַרויסגעשטופּט אין גאַס, עס טרעט עפּעס אַרויס מער ווי די אַרומיקע הײַזער. אין אַ שטאָט איז דאָך פֿאַראַנען ברוך־השם פּאָליציי מיט נאָך אַזעלכע מענטשן וואָס דאַרפֿן אַכטונג געבן, אַז אין שטאָט זאָל אַלעס זײַן אין אָרדענונג. און זיי איז עפּעס קשה די מעשה, וואָס ברײַנדלס הויז שטייט ניט ווי עס באַדאַרף צו זײַן. פֿרעגן זיי דאָך קשיות, מוז מען ענטפֿערן תּירוצים; קאָסט דאָס געלט, אָט די קשיות מיט די תּירוצים... די שטוב ברײַנדלס שטייט און שכנים פֿון בײדע זײַטן זענען איר מקנא: אַ גליק געכאַפּט, אַ שטיקל ערד.

האָט זיך געמאַכט, אַז אַ שכן פֿון דער לינקער זײַט באַדאַרף זיך אויך בויען און ער האָט געוואָלט שטעלן זײַן שטוב גלײַך מיט ברײַנדלס הויז, אַ ווינקל נעבן אַ ווינקל.

— ווי הייסט, איר וועט זיך נעמען און פֿאַרבויען די גאַס — שרײַט ברײַנדעלע — די גאַס איז דאָך אַ קהלשע, ניט אײַערע.

— הײַנט פֿאַרוואָס, איך בעט אײַך, האָט איר עפּעס געבויט?

— איך? מסתּמא האָב איך געמעגט.

— ווי הייסט?

— אָט איר זעט דאָך, אַז איך האָב אויסגעבויט.

— איך וועל אויך אם־ירצה־השם אויסבויען...

— מסתּמא ניט, ווען איך זאָג ניט.

— ווי הייסט? — קאָכט זיך דער שכן און ווערט שוין אַ ביסעלע ווי אין כּעס. נאָר ברײַנדעלע איז שוין אויך אין כּעס און זי זאָגט מיט האַרץ:

— מיר האָט דער עסק, פֿאַרשטייט איר מיך, געקאָסט בלוט; געלד האָב איך זיי, די שרײַבערלעך מיט די אַדוואָקאַטן, געגאָסן אין

האַלדז; אַלט און קראַנק בין איך געוואָרן פון דעם געשעפֿט, ביז איך האָב צוגעדעקט די שטוב. און הײַנט וועט איר, גלאַט אַ ייִד פון דער וועלט, זיך קומען און וועט זיך אויך בויען און פאַרנעמען אַ שטיק גאַס — לאַ, זאָג איך אײַך.

אָבער דער שכן פון דער לינקער זײַט האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק און שטעלט זיך די שטוב אַ ווינקל נעבן אַ ווינקל מיט ברײַנדלס שטוב. שטייט שוין ברײַנדלעס אויף פאַרטאָג, היט אָפּ די בעלי-מלאָכות און מאַכט קולות, אַז עס לייגט זיך די גאַס. פּאָליציי און די איבעריקע, וואָס דאַרפֿן אויפּזען, מאַכן זיך פלוא-ידע, און נעמען אַ מטבע. די לײַט זײַנען בטבע ניט קיין שלעכטע, זיי נעמען אַז מען גיט... עס גיבן ביידע צדדים, נעמט מען בײַביידן...

האָט ברײַנדעלע געשוואָרן, אַז זי וועט הײַנטיקס מאָל אויספירן, און זי וועט מסתמא דעם אַזוינעם און אַזוינעם ניט לאָזן, ער זאָל זיך אָנלאַכן פון איר, און זי האָט גענומען טרײַבן דעם מאַן אירן, ער זאָל גיין בעטן אַ באַקאַנטן פּריץ, ער זאָל זיך אַרײַנמישן אין דעם עסק און ניט לאָזן דעם שכן בויען זיך. דער מאַן האָט נעבעך געמוזט פאָלגן און געגאַנגען און געבעטן. נאָר בײַ אַזעלכע ווײַבער זענען דאָך מאַנען אַלע מאָל גרויסע שלים-מזלס, נו, האָט ער אָנגעמאַכט אַ היפּש געשעפט. דער שכן האָט זיך טאַקע דערווײַל נאָך ניט געבויט, דאָס געהילץ זײַנס פוילט נאָך עד-היום; נאָר עס איז געוואָרן אַ גרויסע רייד וועגן ברײַנדלס שטוב דאָרטן ערגעץ אין די הויכע פענסטער, און מען האָט זי געבעטן מחילה, דאָס זי זאָל די שטוב אירע אַרײַנרוקן צוריק, הייסט דאָס אין הויף אַרײַן...

נו, איז פאַראַן בײַ ברײַנדעלן אַ משפּט, און זי שרײַבט פּראָשע-ניעס און האָפּט שטאַרק אויף מאַניפעסטן מיט סענאַט און כדומה אַזעלכע גליקן...

ג

און דער גאָט, וואָס פאַרלאָזט ניט קיינעם און שיקט צו דעם שפּינער זײַן לײַן און דעם טרינקער זײַן ווײַן, האָט צוגעשיקט ברײַנדעלען עפּעס אַ נײַע פּאָר עסקלעך. עס האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ גאָרנישט, פון אַ סטרעכע האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. איינער אַ שכן פון הינטערהויף האָט געשטעלט עפּעס אַ שטעלכל. געשטעלט האָט ער אויף זײַן ערד,— דאַכט זיך, ניט ברײַנדלס דאגה. נאָר אַז מען איז מיט ברײַנדעלן אַ שכן, דאַמאָלסט איז שוין אַלעס איר דאגה.

די גאַנצע מעשה איז ווערט אַן אויסגעבלאָזענע איי, עס איז גאָר מיאוס, כ׳לעבן מאַכן דערפון אַ וועזן און איבערדערציילן דאָס. נאָר אונדזער ברײַנדעלע האָט פײַנט געהאַט דורכלאָזן דאָס מינדסטע, וויבאַלד דאָס האָט נאָר אָנגערירט עפּעס אַ שטיקל ערד. דער שכן פון הינטערהויף האָט געבויט אַ שטעלכל מיט אַ קרומען דאַך; דאָס הייסט דער דאַך איז געווען משופּע ווי אַלע דעכער פון אַ גאַנץ יאָר. האָט ברײַנדעלע אָבער געטענהט, אַז דאָס רעגן-וואַסער וועט גיין פון אַ האַלבן דאַך אויף איר הויף.

— איר זאָגט אַליין, רבי יודא, — טענהט ברײַנדעלע צום שכן— מעג מען דאָס, מען זאָל נעמען און שטעלן אַ דאַך, די רעגן - וואַסער זאָל גיין צו דעם צווייטן אין הויף. אַדרבה, איך פרעג אייך, איר זײַט דאָך אַ ייִד אַ למדן, איז דאָס אַ יושר, אַז מײַן הויף זאָל צונעמען אײַערע רעגן-וואַסער?

— ברײַנדל, גאָט איז מיט דיר — שרײַט דער שכן — דײַן הויף איז דאָך אויף אַ בערגל, העכער ווי מײַן הויף, איך בין דאָך בײַ דיר פון הינטן, גייט דאָך דײַנע רעגן-וואַסער צו מיר אין הויף, גייט פון אייביק אָן, און איך זאָג דיר גאָר ניט!

— נו, רבי יודא, דאָס איז דאָך אַ גאָט זאַך, וואָס מײַנער איז העכער. אָבער אײַער דעכל איז פּאָרט צו מײַן זײַט... נו, קאָן איך דאָס לאָזן?

— אײַ ברײַנדל, שדים זאָלן מיט דיר זײַן שכנים!...

— ווייסט איר, רבי יודא, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? ערלויבט מיר מיט מײַן שטעלכל אַ ביסעלע אַרײַנרוקן זיך אין אײַער הויף. וואָס איז דאָס אײַך פאַר אַ רעה? באמת געזאָגט דוכט זיך מיר, אַז אײַער גרענעץ איז שוין אַ ביסעלע ווי אָנגעבויגן אויף מײַנער. איז בקיצור, לאָז זײַן אַזוי. נאָר דאָס שטעלכל זאָלט איר מיר לאָזן שטיין. אַזוי בלײַבט דאָס...

און ברײַנדעלע פרעגט שוין ניט נאָך אַ מאָל און שיקט מאָרגן טאָקע בעלי־מלאָכות בויען אַ שטעלכל און הייסט צונעמען רבי יודאס פלויט, איז דאָך געוואָרן אַ האַרמידער, האָט שוין ברײַנדעלע אַ נײַע טענה, אַז דער פלויט איז אירער, פון איר געהילץ. רבי יודא קאָכט זיך און שרײַט, אַז דאָס האָט ער מיט זײַנע אייגענע הענט געקויפט דאָס געהילץ און געבויט דעם פלויט. זאָגט זיך ברײַנדעלע: „וואָס זײַט איר פאַר אַ בויער אַ פלויט אויף פרעמדער ערד, אויף מײַן ערד?” שרײַט רבי יודא: „ווי הייסט דײַנע ערד — דער פלויט שטייט דאָך אויף מײַן ערד!”

— אויף מײַנער! — זאָגט ברײַנדל.

— אויף מײַנער! — זאָגט רבי יודא.

און ברײַנדל האָט אים אָנגעקלאָגט און פאָדערט, אַז מען זאָל איבערמעסטן די ערד. קומען אָפט פאַפירן מיט טשינאָווניקעס מיט אַ קייט אויפן האַלדז, מיט לאַנגע אײַזערנע קייטן, מען שטעלט עדות משני הצדדים, און עס קאָכט די גאַס...

ד

דאָס פאַרשטייט איר דאָך, אַז ברײַנדעלע איז אַ ווײַבערשער נאָמען. אַ בריה איז זי ברײַנדעלע — אַ הויכשפּרעכערין, אַ מײַדים אַ ייִדענע, נאָר דאָך מער ניט ווי אַ ייִדענע... טאָקע זי פירט דאָס רעדל, דער מאַן ציטערט פאַר איר שײַן, אַ גאַנצער קאָזאַק, כמעט אַ גאַנצער מאַנצביל, נאָר דאָך אַ ייִדענע, אַ נקבה הייסט דאָס... טרעפט זיך מיט איר, וואָס עס טרעפט זיך מיט אַלע ווײַבער, און עס קומט די גוטע

צײַט, וואָס מען דאַרף זיך לײגן אין בעט, און עס העלפט ניט די גאַנצע בריהשאַפט, און מען מוז שיקן נאָך דער באָבען...

צווישן אונדז גערעדט, האָט ברײַנדעלע אויף דעם עסק גאָר קײן צײַט ניט געהאַט. מיט עטלעכע טעג פריִער האָט זי געהאַט אַ משפט מיט אַ שכן וועגן אַ שטיקל ערד וואָס איר האָט זיך געוואָלט פאַרנעמען, און זי האָט נעבעך פאַרשפּילט דעם משפט. זי האָט זיך געקאָכט, אויסגעגעסן דאָס האַרץ, געטענהט, אַז דאָס שטיקל ערד מוז זי האָבן אין לעבן, — נאָר גײ טענה, אַז די רשעים, די עדות, זאָגן עפּעס קאַפּויער, ניט ווי עס באַדאַרף זײַן. דערהויפּט האָט זי זיך אָפּגעגעסן דאָס האַרץ פון שמואל-חנהן, איר מאַנס אַ פּריקאַשטשיק, וועלכן זי האָט געשטעלט פאַר עדות פון איר צד. זי האָט מיט אים געלערנט פריִער ווי און וואָס ער זאָל זאָגן, און זי האָט אויף אים געבויט ווי אויף פיר טײַז. נאָר ווי דער שוטה האָט דערהערט וועגן אַ שבועה, האָט ער, וואָס עסט איר זאַלץ און ברויט, גענומען און געזאָגט גלײַך מיט אַלע עדות און זי האָט פאַרשפּילט דעם גאַנצן משפט, נאָך מיט בזיונות. —„האָט קײן פאַריבל, פאַני ברײַנדעלע, האָט זיך אָפּגערופן צו איר דער סודיאַ. בײַ מיר האָט איר ניט געוווּנען, נאָר גײט אַהײם, אײַך איז דאַכט זיך, צײַט דאָרטן צוגעווינען...״ און דער עולם האָט זיך נאָך אָנגעלאַכט...

דעם גאַנצן טאָג און דעם גאַנצן אָוונט איז ברײַנדעלע אַרומגעלאָפן צו די אַדוואָקאַטן מיט פאַרשײדענע פּריצים, געזאָדן ווי אַ קעסל און גענומען זיך לעבער. ווער עסן, ווו טרינקען, וואָס אויסרוען — פּע, גאָר נישט! עפּעס אַ קלײניקײט, זי האָט אָנגעוואָרן דעם משפט!...

און בײַנאַכט איז געקומען די צײַט...

עס איז געקומען די באָבע, האָט זי באַלד באַמערקט, אַז עס איז עפּעס ניט ווי דער סדר איז. די באָבע נעמט בײַ ברײַנדעלן צו שוין אַ זיבעטע קינד, און זי קאָן זי זײער גוט.

צו טאָג האָט זי געבוירן, נאָר ניט מיט מזל... עס איז געוואָרן בײַ איר היץ, און צו דער נאַכט האָט זיך די היץ געהויבן. זי האָט אין היץ געטענהט מיטן שכן, גערעדט אַלץ וועגן די משפטים...

זי איז נעבעך געוואָרן אַ גרויסער חולה. דער מאַן, די שוועסטער אירע האָבן געקערט די וועלט, גערופן דאָקטוירים, וועלכע עס זענען נאָר אין שטאָט, געקלאַפּט דעפּעשן נאָך אַ פּראָפעסאָר... מען האָט געגעבן אַן עצה, מען זאָל פון איר נאָמען מחילה בעטן די מיט וועמען זי האָט זיך געמשפּט, און די שכנים זענען געקומען און האָבן געזאָגט אין בית־המדרש פאַר אַ מנין ייִדן, אַז זיי זענען ברײַנדעלען מוחל. אַ רחמנות אויף אירע יונגע יאָרן, אויף אירע קינדערלעך...

נאָר די היץ פלעגט נאָר אויף אַ פּאָר שעה אָפּטרעטן, און דערנאָך קומען ווידער. ברײַנדעלע האָט פאַרשטאַנען נעבעך, אַז עס איז שלעכט... זי האָט ניט גערעדט אַ וואָרט מיט קיינעם, נאָר זי האָט צוגערופן צו זיך אירע שוועסטער און האָט זיי געבעטן, מען זאָל אויספירן בײַ חברא־קדישא, אַז מען זאָל איר געבן אַן אָרט לעבן איר מוטער...

וכן היה. ווי ברײַנדעלע איז געשטאָרבן, האָבן די שוועסטער געבעטן, מען זאָל נעבן זייער ברײַנדעלען אַן אָרט נעבן זייער מוטער, אויפן אַלטן בית־עולם. פּאָליציי לאָזט אַפילו ניט דאָרטן מקבר זײַן, נאָר מען האָט זיך געשטעלט מיט שטאָלץ און די משפחה האָט אויסגעפירט. עס קאָן זײַן, אַז פּאָליציי האָט געטראַכט: „נו, דאָס לעצטע מאָל האָבן אַ געשעפט מיט ברײַנדעלען!"

אָבער אַז מען איז געקומען אויפן אַלטן בית־עולם אויפזוכן דעם אָרט, האָט מען געפונען אַז לעבן דבורה רבי קושעס, ברײַנדעלעס מוטער, איז גאָר קיין אָרט ניטאָ. רבי קושע האָט דאַמאָלסט דוקא געוואָלט, אַז זײַן פלונית זאָל ליגן לעבן דער רביצין, לעבן דער אַלטער רביצין, און דאָרטן איז אין גאַנצן געווען איין אָרט; ממילא איז הײַנט דאָרטן גאָר ניט געבליבן קיין אָרט פאַר ברײַנדעלען. דער אויבער־שמש איז אומגעלאָפן אַהער און אַהין, און קיין אָרט איז ניטאָ.

אַז מען האָט דאָס געזאָגט ברײַנדעלעס שוועסטער זענען זיי געוואָרן אין כעס, אַליין געקומען צו לויפן צו קדישא אין דער ווײַבערשער שול און האָבן געזאָגט, אַז זיי פאַרשטייען דעם שפּיצל:

מען באַהאַלט דעם אָרט לעבן זייער מוטער צוליב אַן אַנדערע: נאָר דאָס וועט ניט גיין, זיי די שוועסטער וועלן אַליין פאָרן אויפן „פעלד" און וועלן זיך איבערצייַגן, אויב דאָס איז אמת.

געקומען צוריק ששון ושמחה: מען קאָן אָנהויבן אויסריכטן ברייַנדלען, וואָרעם עס איז פאַראַן אַן אָרט. אמת ניט גאָר אַ ברייטער אָרט, אַ ביסעלע ענגלעך וועט אויסקומען, אָבער פאַראַן אַן אָרט לעבן איר מוטער, טאַקע האַרט, אַפילו שטאַרק האַרט, נעבן איר קבר. און קדישא האָט נעבעך געמוזט מסכים זייַן און געשיקט די קברנים צוגרייטן דעם קבר...

נאָר אַזוי ווי דער אויבער-שמש איז דאָך אויך געווען גערעכט און דער אָרט איז דאָך פאָרט געווען ענג, האָט מען דעם קבר גע-גראָבן אַ ביסל שמעלער, אַ היפּשע ביסל שמעלער, און דעם בר-מינן, אונדזער ברייַנדעלען, — אַ גוטע בעטערין זאָל זי דאָרטן זיין — האָט מען אַרייַנגעלייגט אין קבר מיט אַ זייַט...

*

דאָס גאַנצע לעבן איז איר ווייניק געווען ערד און אויך נאָכן טויט...

שבעה נאָך אַ ייִדענע

מיט רבי הירש ציגאַרניצע האָט זיך געטראָפן אַ מיאוסע סיבה — בײַ אים איז די פּלוניתטע זײַנע, ראַשע די קרעמערין, פּלוצים קראַנק געוואָרן און אַוועקגעשטאָרבן. עפּעס אַ יאָר דרײַסיק האָט ער מיט איר אָפּגעלעבט, געלעבט מיט איר ווי עס געהערט צו זײַן, געהאַט קינדער ווי דער סדר איז, און דערנאָך האָט זי גענומען און געמאַכט דעם שטאַרב. ס'אַ מעשה!...

רבי הירש האָט זי מקבר געווען, אָט די ראַשען זײַנע, און האָט זיך געזעצט שבעה, און ישראל דער מלמד — אַז אַ באַקאַנטער, אַז טאַקע אַ שכן — האָט שוין געזען, אַז עס זאָל אַלע טאָג זײַן אַ מנין, אַפילו מנחה ומעריב אויך. די מעשה איז געווען סוף זומער, דאָס הייסט אין אלול, עס איז שוין געווען כּמעט ווי בין־הזמנים, און ישראל דער מלמד פלעגט פונאַנדערלאָזן די תּלמידים זײַנע אַ ביסל פריִער, כּדי ער זאָל קומען צו רבי הירשן צו מנחה. אַז מען האָט געלערנט משניות האָט זיך ישראל אַרײַנגעמישט, און פאַר די שבעה־טעג איז ישראל דער מלמד געוואָרן אַ גאַנצער „כּל־ולך" אין שטוב.

אַמאָל נאָך מעריב איז ישראל געבליבן זיצן בײַ רבי הירשן בכלל פלעגט דער מלמד ניט אַנטלויפן פון שטוב באַלד נאָך עלינו, ווי דער גאַנצער עולם, אים האָט דאָס ניט געפּאַסט. דאָך איז ער עפּעס אַן אייגענער מענטש.

דאָס איז געווען דאָנערשטאָג קעגן פרײַטאָג, און ישראל דעם מלמד האָט זיך עפּעס באַזונדערס ניט געוואָלט גיין אַהיים. גאָט זאָל אויסהיטן דאָנערשטאָג בײַנאַכט קומען אַהיים אָן געלט... האָט זיך ישראל צוגעזעצט און איז געווען פאַרטיק אַרײַנלאָזן זיך אין אַ שמועס מיט רבי הירשן.

רבי הירש איז זיך געזעסן און האָט געגעבן אַ זיפץ און דערנאָך טאַקע נאָך איינעם.

— אַזוי איז דאָס רבי ישראל, האָט געזאָגט רבי הירש עפּעס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַרײַן.

— יאָ, — האָט געענטפערט ישראל, און האָט געגעבן נאָך אַ גרע־סערן זיפץ, — אַ, אַ מעשה!

— המ, אַ שטיקל ראַסטראָיסטווע — זאָגט רבי הירש.

— אַוודאי, אַוודאי. נו, איז וואָס טראַכט איר?

— איך ווייס?

— איר האָט דאָך מסתמא עפּעס אָפּגעקלערט? — פרעגט ישראל.

— מען רעדט נאָך גאָרניט.

— הײַנט וואָס דען האָט דאָ דינסטאָג געטאָן אָרעלע פלוט? הערט, רבי הירש, אַ פלוט איז ער אָרעלע, נאָר אַ קאָפּ האָט ער אַ געמזיקטען.

— ניין, ער איז גלאַט אַזוי געזעסן, געקומען מנחם־אבל זײַן זי עליה־השלום, איז געווען זײַנע עפּעס אַ ווײַטע קרובה.

— אויב אַזוי — ענטפערט ישראל — דאַרף מען מיט אים ריידן; ער איז אַ בריה גדול, דער אָרעלע. יענע וואָך האָט ער אָפּ־געטאָן אַ שפּיצל, אַפילו מעשה־שקץ, אָבער אויסגעפירט האָט ער די זאַך.

— אַזוי? וואָס? — האָט געפרעגט רבי הירש, וועלכן אָרעלע האָט שוין אָנגעהויבן עפּעס צו אינטערעסירן.

— דאָס איז געווען אין אַן אַכסניה לעבן שולהויף. עס זענען זיך צוזאַמענגעפּאָרן ביידע צדדים, פון צוויי קליינע שטעטלעך. מיט חתן־כלה איז אָרעלע געוואָרן פאַרטיק גיך, נאָר מיט די מחותנים איז געווען בלאָ. דער מדובר איז געווען, אַז דער אבי־הכלה זאָל געבן ת״ק

קערבלעך, טאַקע במזומן, קלאַפּ און צייל, קודם התנאים, נאָר אַז עס איז געקומען צו דער מעשה און דער אַבי־הכּלה האָט דערזען, אַז דער בחור איז פאַרקלאַפּט און די מזומן איז דאָך במחילה אויך ניטאָ אין גאַנצן, האָט דער אַבי־הכּלה אָנגעהויבן עפּעס אונטערברומען, ריידן וועגן אַ וועקסעלע. — „מײַן וועקסל — טענהט ער — איז פאַרשטייט איר מיך טײַערער ווי יעדער מזומן; איר קאָנט דאָס, ר׳ אַהרן, זאָגן דעם מחותן“. נאָר דער מחותן האָט אַ דריי געטאָן מיט דער נאָז, און אָרעלע האָט געזען, אַז דער עסק איז שוואַך. וואָס טוט ער, אָרעלע? — גייט ער אַוועק צום רב. יענער זיצט זיך נאָך מעריב און טראַכט עפּעס וועגן איבערבײַסן, קומט אַרײַן אָרעלע און זאָגט: — „רבי דאָ זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן צוויי מחותּנים ניט היגע; בײַ זיי איז הײַנט תּנאים, טאַקע דאָ ניט ווײַט, האָבן זיי אײַך זייער האַרצלעך געלאָזט בעטן, איר זאָלט זיך מוחל ומטריח זײַן, באַשײַנען זייער שמחה. נו טראַכט זיך דער רב, וואָס וועט ער צולייגן. נעמט ער און טוט אָן די שבתדיקע קאַפּאָטע און גייט, קומט אַרײַן אין דער שטוב, אין דער אַכסניא, און זאָגט: „גוטן אָוונט, מזל־טוב, מחותּנים!“ — „נו, מיט מזל זאָלט איר לעבן“. הקיצור־הדבר, מען רעדט עפּעס וועגן אַ דבר־תּורה, אַהער־אַהין, — ווו איז אָרעלע, דער שדכן ווו איז? לאָז מען עפּעס טאָן... נאָר ניטאָ אים דעם שדכן. זאָגט דער רב: „פאַרוואָס שרײַבט מען דערווײַל ניט? עס איז אַ שאָד די צײַט“. עפּעס מען קוועטשט זיך... — „נו, — זאָגט דער רב — דער עסק איז דאָך בײַ אײַך אַ געגמרטער, איר האָט דאָך עפּעס געבעטן עולם, הײַנט צו וואָס דאַרף מען דעם שדכן? ס׳אַדאַגה, מען וועט אויסקומען אָן אים. חתן, זעצט זיך שרײַבן די תּנאים!“ מילא בכן, אַז דער רב הייסט, פאָלגט דאָך דער חתן, בפרט אַז דעם בחור האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער. דער טאַטע פון קינד, דער אַבי־הבן, האָט זיך עפּעס אַפילו ווי אַ קרים געטאָן, נאָר עס האָט ניט געפּאַסט פאַר דעם רב, אַהער־אַהין, געבראָכן זיך, געקוועטשט זיך — די תּנאים האָט מען אויפגעשריבן, דער רב האָט מיט זײַן פאַטשיילע בײַ די צדדים מקבל־קנין געווען, און ווי מען האָט צעבראָכן דעם טאָפּ איז אַרײַן אָרעלע מיט

אַ געשריי: „לחיים, מחותנים, מזל־טוב!" — אָט דאָס איז אָרעלע פּלוט!

רבי הירש האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. דאָס איז, האָט ער גע־זאָגט, אַ גרויסע שקאָצערײַ. רופן דעם רב גלאַט אַזוי כמעט ווי אויס־געלאַכט, הייסט דאָס, נאָר אַ בריהשאַפט איז דאָס. יאָ, אַ בריה איז ער, אָרעלע.

און אַוועקגייענדיק פון רבי הירשן האָט ישראל דער מלמד גע־טראַכט שבת בײַטאָג זען זיך מיט אָרעלען, אַרײַנריידן מיט אים וועגן ר' הירשן, אפשר האָט ער עפּעס אַ רעכטס פאַר אים. נאָר דאָס איז געווען גאָר אומזיסט. מאָרגן, פרײַטאָג אינדערפרי, איז אָרעלע דער שדכן געקומען צום מנין צו ר' הירשן מיט דעם טלית און תפילין, געבליבן הערן משניות, און אַז דער עולם האָט זיך גענומען פונאַנדער־גיין איז אָרעלע אַלץ נאָך געבליבן עפּעס דערזאָגן שטיקלעך פון „חוק־לישראל". ישראל דער מלמד האָט זיך ניט געאײַלט, האָט גענומען עפּעס אַ ספר, גלאַט אַזוי קוקן, נאָר אָרעלע האָט אַפּנים אויך צײַט, ער זוכט אַ חומש און פרעגט זיך אַזוי ווי בײַ דער וועלט, צי איז הײַנט נצבים און וילך צוזאַמען. ישראל דער מלמד האָט פאַרשטאַנען, אַז אָרעלע וויל עפּעס שמועסן מיט רבי הירשן, און וויל טאַקע אים אויסרויכערן, אים איבערוואַרטן. אַוועקגיין האָט זיך ישראלן ניט גע־וואָלט. ערשטנס איז רבי הירש זײַנער אַ מענטש, און ער האָט דאָך שוין מיט אים וועגן דעם גערעדט; צווייטנס, — מאַלע וואָס עס מאַכט זיך: אפשר קאָן זײַן עפּעס אַ באַקאַנטע זאַך, קען מען זיך אַרײַנמישן, צושעפּען זיך, און עפּעס פאַרדינען; עטלעכע קערבלעך גייען ניט באָרוועס, בפרט אַז עס גייט צו יום־טובים. די עטלעכע קערבלעך וואָס ער כאַפּט פאַר זײַנע תקיעות בײַ דעם נגיד אין מנין קלעקן דאָך קוים־קוים אויף ראש־השנה; און צו סוכות איז שוין אַלעמאָל טאַקע זויערלעך. נו, און אַז עס וואָלט צופאַלן עפּעס עטלעכע רובל מן הצד וואָלט גאָרניט שלעכט געווען... נאָר טו מיט אָרעלען! ער איז דאָך אַ ליידיק־גייער, ער האָט צײַט, קנעלן דאַרף ער ניט גיין, אים ווע‌סטו ניט איבערוואַרטן. מען דאַרף מיט אים שמועסן.

— וואָס, רבי אַהרן, — זאָגט ישראל אָן קוקן צו אָרעלע — מען דאַרף טראַכטן עפּעס וועגן רבי הירשן.

— וועגן רבי הירשן? — ענטפערט אָרעלע — שוין, דאָס איז בײַ מיר אַ פאַרטיקע זאַך, אַ געמאַכטער עסק, גלײַך ווי געפּטרט.

— פון וואַנען? ווער איז דאָס? פרעגט ישראל דער מלמד.

— טאַקע פון וואַנען? — פון אַפּצוהע. איר קענט אַפּצוהע? געהערט דאָס שטעטל אַפּצוהע?

— פּטור, צי איך קען אַפּצוהע! מײַן שוויגער האָט דאָך געשטאַמט פון אַפּצוהע. אָ, איך קען אַפּצוהע! ווער איז דאָס, אַן אַלמנה, אַ גרושה, אָדער גאָר אַ...?

— אַן אַלמנה, רבי ישראל, אַן אַלמנה. לײזער דעם שוחט האָט איר געקענט אין אַפּצוהע? איז דאָס זײַנע אַ שוועגערין, אַן אַלמנה אַ ווײַבל. וואָס זאָגט איר, רבי ישראל, גוט?

— נו, — ענטפערט רבי ישראל — און פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע. מען קען נאָכפרעגן. מען קען שרײַבן צו מײַן שוויגערס לײַט, איך קען דאָס דערגײן. איך וועל זאָגן רבי הירשן...

אָרעלע פלוט האָט אַפילו באַלד באַמערקט, אַז עס איז ניט גאָר אַזוי פריילעך, וואָס דער מלמד רוקט זיך דאָ אַרײַן אין עסק, נאָר תיכף האָט ער זיך באַקלערט, אַז אים לוינט, דאָס דער מלמד זאָל אַפילו עפּעס כאַפּן בײַ דעם געשעפט, נאָר עס זאָל זיך אויספירן גרינג.

אַדרבה, אַדרבה — זאָגט אָרעלע, גיך ריידנדיק, פלוטעוואַטע ווי זײַן שטייגער איז — נו־נו, רבי ישראל, טוט, טוט אין דעם עסק. עס וועלן אונטערשפרינגען ימים־נוראים, יום־טובים, אָסיען־צײַט, שלעכטע וועטערן, — וועט זײַן שווער. איצט איז די בעסטע צײַט, טוט־טוט!

אַ ווײַבל, אַ ייִדענע, אַ יאָר פערציק, אפשר עפּעס מער, גוט־גוט, אַ בעל־הביתטע, אַ קרעמערין—אַנגעמאָסטן! רבי ישראל האָט זיך דורכגערעדט מיט רבי הירשן און רבי הירש האָט אים געהייסן עפּעס ווי מיט אַ לשון בקשה שרײַבן קיין אַפּצוהע, פרעגן וועמענס ווײַב זי איז געווען. אָרעלע פלוט האָט געזען, אַז ישראל דער מלמד וועט אים טאַקע שטאַרק צו ניץ קומען בײַ דעם עסק, האָט ער אים אַרײַנגעבראַכט

אין תוך פון דעם גאַנצן ענין און גערעדט נאָר מיט ר׳ ישראלן, גאַנץ אויסגעמײַדט ר׳ הירשן.

כך הווה, אַזוי איז טאַקע געווען, און ישראל דער מלמד האָט באַקומען אַן אַטקריטקע פון אַפּצוהע, אַז דער אַלמנהס מאַן איז טאַקע געווען לייזער דעם שוחטס אַ לײַבלעכער ברודער, איז דאָך לכן ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן דעם שטאַט: עס פּאַסט זייער און זייער פּאַר אַזאַ לײַטישן ייִדן ווי רבי הירש.

און ישראל דער מלמד האָט טאַקע ניט געשלאָפן אין דערינען, באַלד, ווי מען זאָגט דאָס, אָנגעגאַרטלט זײַנע לענדן און געאַרבעט ווי עס דאַרף צו זײַן, כדי מקרב זײַן דעם עסק לידי גמר. צווישן אונדז גערעדט האָט ישראל דער מלמד גאַנץ ווייניק געדאַרפט האָ־רעווען. רבי הירש האָט אַליין פאַרשטאַנען, אַז אָן אַ בעל־הביתטע איז עפּעס ווי ניט גוט, בפרט אַז עס גייען אַזעלכע יום־טובים, וואָס ער איז אין זיי גאָרניט געוווינט געווען צו זײַן אָן אַ ייִדענע אין שטוב, אָן אַ בעל־הביתטע. אין שטוב איז עפּעס ווי אויסגערויכערט—ניט געזאַלצן קיין אוגערקעס, ניט געשטעלט קיין קרויט, ניט אײַנגעקויפט קאַרטאָפל, ניט צוגעגרייט קיין האָלץ אויף ווינטער. קורץ, מצדו, פון ר׳ הירשס וועגן, איז כאָטש שוין נעם און פאָר, און לאָז קומען אָט די ייִדענע און זעצן זיך אין זײַן ראַשעס קרעמל און פירן די בעלי־בתישקייט ווי זי עליה השלום, און לאָז ווערן אַ פאַראָנדעק אין שטוב כאָטש לכל־הפחות צו ראש־השנה.

טאַקע די ערשטע סליחות איז געקומען אָ־עלע פלוט, און האָט באַוויזן רבי הירשן אַן אַטקריטקע פון זײַנעם אַ שותף, אויך אַ שדכן. דער שותף שרײַבט וועגן אַ סך ענינים, און שרײַבט בפירוש דאָרטן בזה הלשון: „און די אַלמנה מאַפּצוהע עם האַלמן רבי הירש דמחנם איז ביום ד׳ דסליחות וועט זי זײַן אין קופּיאַל על יריד, זאָלט איר קומען עם המדובר ר׳ הירש; ואם מד׳ יצא הדבר וכו׳, וועלן מיר דאָרטן שטעלן חופה״. רבי הירשן איז דאָס זייער געפעלן — דאָך פאָרט ער ניט לכתחילה, נאָר ער פאָרט אויפן יריד. ווי עס מאַכט זיך, יאָ־יאָ, ניט־ניט, מאַלע ווי עס מאַכט זיך, ניט מיאוס פאַר לײַטן.

דאָך, כּדי ער זאָל זײַן רויִקער, האָט ער מיט זיך מיטגענומען אויפן יריד ישראל דעם מלמד אויך, פּאָרט איז ישראל עפּעס ווי כּמו אַ בן-עיר מיט דער ייִדענע, עפּעס אַ שטיקל שײַכות צו אַפּצוהע, וועט דער עסק דורכגיין גרינגער. ישראל דער מלמד האָט זיך געווען ווי געלאָזט בעטן אַפילו, כּלומרשט ער האָט קיין צײַט ניט, נאָר אָרעלע פלוט האָט שוין געפילט, אַז ישראל דער מלמד איז נייטיק אין דעם עסק און האָט געזאָגט, האַלב מיט אַ ברייטקייט, האַלב מיט אַ בקשה-לשון:

— רבי ישראל, רבי ישראל, איר מוזט פאָרן, איר זענט אַ מחויב צו פאָרן, איר זײַט דאָך, ווערט דאָס אָנגערופן, משני הצדדים; איר מוזט, איר מוזט...

און מען איז געקומען אַלע אין קופּיאַל, און טאַקע באַלד איז געקומען אין דער זעלבער קרעטשמע, ווו אונדזערע לײַט זענען פאַר-פאָרן אויך די אַפּצוהער. און צו דער נאַכט האָט מען געשטעלט חופה. ישראל דער מלמד איז טאַקע שטאַרק צו נוטץ געקומען, ער האָט גע-שריבן די כּתובה, אויך האָט ער מסדר-קדושין געווען. אָרעלע האָט צונויפגעקליבן דעם מנין, און אַפּצוהער בעלי-עגלות האָבן געהאַט אַן אומזיסטע וועטשערע און מען האָט געבענטשט אויך מיט אַ מנין.

טאַקע יענע נאַכט איז רבי הירשס נײַע ווײַב אַוועקגעפאָרן צוריק קיין אַפּצוהע מאַכן דאָרטן אַ טאָלק מיט איר קרעמל און מיט איר ביסל חפצים. רבי הירש האָט געבעטן ישראל דעם מלמד, ער זאָל זען צו-ריידן, אַז זי זאָל וואָס גיכער פאָרן, כּדי צו ראש-השנה זאָל זי, די נײַע פלוניתטע, קומען צו אים. עס איז אַפילו געווען סוף חודש, פינצטערע נעכט און אַ רעגנדל האָט אויך ווי צוגעקליבן זיך, נאָר דאָך איז די יונגעטשקע, כּביכול אַ ייִדענע פון עטלעכע און פופציק, (אויף אָרעלע פלוטס יאָרן קאָנט איר אַלע מאָל אַ צענדלינג צולייגן) געלאָזן זיך אין וועג, געפאָרן, ווי מען זאָגט, אויפן יצר-הרע, קיין אַפּצוהע.

נאָר איר ווייסט דאָך, אַז ניט ווי עס רעדט זיך אַזוי טוט זיך. אין צוויי-דרײַ טעג קען מען אַ קרעמל אין אַפּצוהע ניט איבערגעבן:

עס איז פאַראַן עטלעכע רובל חובות, און דאָ גייט ראש־השנה, און מעשה־קרעמל מיט חובות קריכן קיינעם אין קאָפּ ניט. די ייִדענע לויפט נעבעך אום אַהער־אַהין, נאָר — אַ נעכטיקער טאָג! צו ראש־השנה קען זי בשום־אופן ניט פאַרטיק ווערן. אָן כוחות איז זי נעבעך געבליבן, בפרט עס איז עגמת־נפש מיט האַרצווייטיק, און צוגעקילט האָט זי זיך אַ ביסל נאָך פון וועג, וואָרעם דאָס רעגנדל דאָס קליינס האָט זיך אין וועג מישב געווען און געוואָרן אַגרויסער רעגן, און האָט אונדזער כלה במחילה געמאַכט פּיטש־נאַס.

מילא בקיצור — גאָרנישט. ראש־השנה איז דאָך ראש־השנה און אונדזער ייִדענע איז זיך געגאַנגען אין שול, געשטאַנען דאָס לעצטע מאָל אויף איר אָרט. נאָר צווישן אונדז גערעדט, מער געזעסן ווי געשטאַנען: עס שטעכט עפּעס, ניט פאַר אײַך גערעדט, אין זײַט, עס זענען שווער אַלע אברים, און זי האָט זיך קיין אָרט ניט; קוים־קוים, שטייט זי אויס די תפילות, און איר דרייט עפּעס אין דרײַען. קורץ, עס איז ניט גוט... דעם צווייטן טאָג נאָך די תקיעות איז דער ייִדענע אויף אַן אמת ניט גוט געוואָרן, און מען האָט זי אַוועקגעפירט צו איר אַהיים, און אַברהמל דער רופא איז געקומען צוריק אין שול ערשט נאָך דער שטילער שמונה־עשרה דער מוספדיקער; און ניט געזונט, און ניט געזונט, איר איז נעבעך מלאָשנע, שווער, גיסט זיך מיט קאַלטן וואַסער, עס טריקענען די ליפּן, זייער ניט גוט!...

פאַר נעילה האָט עטע, אַברהמל דעם רופאס ווײַב, דערציילט אין שול, אַז הײַנט איז בײַ דער קראַנקער דער דופק עפּעס אַברהמלען ניט גאָר געפעלן, — און חול־המועד סוכות איז געווען די לוויה...

נאָך שבת־בראשית האָט ישראל דער מלמד אָפּגעשיקט מיט אַ שיקסע אַן אַטקריטקע פון אַפּצוהע רבי הירשן, און אונדזער רבי הירש האָט זיך ועבעך ווידער געזעצט שבעה. ישראל דער מלמד איז געקומען צו מנחה און האָט געזען קלײַבן אַ מנין כאָטש די ערשטע דרײַ טעג. אַפּנים אים זענען שטאַרק געפעלן די עטלעכע רובל פון דעם שדכנות־געלט. נאָך סוכות, אין אָסיען, זענען מענטשן פאַרנומען,

און קלײַבן אַ מנין, בפֿרט צו מנחה, איז אָנגעקומען ניט גאָר גרינג; מיט צרות פֿלעגט מען דאַרפֿן אַרײַנשלעפּן אַ ייִדן צו מנחה.

אַמאָל נעמט אַ ייִד און גיט אַ פֿרעג רבי הירשן:

— נאָך װעמען זיצט איר דאָס שבעה?

— נאָך װעמען? — ענטפֿערט רבי הירש — איך װײס? נאָך... נאָך אַן אַפּצוהער ייִדענע...

די גרויסע מחלוקת

א

אַז מען האָט געדאַרפט מיט פיל יאָרן צוריק דעם איצטיקן אַלטן רב אונדזערן קריגן פאַר אַ רב בײַ אונדז אין שטעטל, האָט זיך דאַמאָלס געקערט די וועלט ממש. אָט דאָס וואָס איר זעט אַמאָל נאָך אַפילו הײַנטיקע יאָרן, אַז איין צד, די ראַבינאָוויטשעס, זענען ניט גאָר שוה בשוה מיט דעם אַנדער צד, די וועליטיאַנקעס; אָט דאָס וואָס עס איז צו באַמערקן, אַז אַ וועליטיאַנאַק וועט אומישנע קויפן זיך אַ בילעט אין דער ערשטער ריי אין טעאַטער, כדי דער ראַבינאָוויטש, וועלכער זיצט אין דער פינפטער, זאָל האָבן אַ ביסל פלאַצעניש; אָט דאָס וואָס דער ראַבינאָוויטש קוועלט, ווען דער וועליטיאַנאַק שטעלט אַ רעמיז און בלײַבט נעבעך בלא־שנים, ווען עס איז, ניט פאַר אונדז געדאַכט, פול אויפן טיש, — דאָס נעמט זיך אַלץ נאָך פון די אַמאָליקע יאָרן, פון די יאָרן, ווען מען האָט זיך געקריגט פאַר די רבנים. געקריגט, — עפעס גלאַט, מיינט איר, רעדט זיך דאָס אַזוי, — געקוילעט האָט מען זיך, געגאַנגען אויף מעסערס! וועגן אַזעטיקע נאַרישקייטן, ווי אויסדינגען אַ חזקה פון חתן־תורה, אָדער אַרײַנשמײַסן יענעם אור־זרוע, אַז אים אָל זײַן פינצטער און ביטער, — וועגן דעם רעדט מען גאָרניט. עס זענען נאָך הײַנט פאַראַן ייִדן פון ביידע צדדים, וועלכע זענען אויף

אײביק, עד היום הזה, געבליבן אָרימעלײַט פֿון יענער, פֿון דער גרויסער מלחמה.

פּײַװע אָרעס, אַהרן דעם פּוילשינס זון, װאָס האַנדלט שוין אַ יאָר 20 מיט „בלינדע" פערד — מען רופט זיי בלינדע, װײַל ניט אין אַלע זײַטן קאָן מען מיט זיי פאָרן: דאָרטן זענען זיי לא-עליכם גע־גנבעט, — אָט דער פּײַװע איז געװוען אַ גאַנץ אָרנטלעכער בעל־עגלה, געהאַט זיך אַ פּאָר אָדלערס, און זיך געצויגן זײַנע עטלעכע רובל אַ װאָך, װי לײַטן גלײַך. און אַז אים האָט געטראָפן אַ גליק, און אַז ער האָט געװוּנען אין אַ פלעט אײַנגעבונדענע חומשים מיט עשרה פּירושים, מיט פײַנע רויטע רוקנס, האָט ער טאַקע געקויפט אויף ימים-נוראים אַ באַ־זונדער מחזור, ניט בעטן זיך בײַ קולקען, בײַ דעם שכן זײַנעם אין דרום-זײַט, זאָגן מיט אים אין זײַן מחזור. ער האָט אַפילו געזאָגט רישען, דער װײַב זײַנער:

— נו, נאַרעלע, אָבער װען דו קאָנסט עברי, מײנסטו װאָלט איך דיר אויך ניט קויפן אַ מחזור, און אַפילו מיט עברי-טײַטש? נישקשה, געהאַט אַ גוטע יאָזדע האָב איך געהאַט, גאָט צו דאַנקען. אויף פּאָקראָװע רעכן איך אַפילו דעם װוראָנינקן אויסבײַטן גאָר אויף אַ גוטן: זאָל זײַן צו װוינטער אַ פּאָר און גאָר גוטע. ע!...

נאָר באַלד נאָך סוכּות איז געשטאָרבן דער אַלטער רב זכרונו־לברכה און עס איז געװאָרן די מלחמה; און פּײַװע האָט דאָך שוין אײגענע חומשים מיט רויטע רוקנס מיט אַ סך פּירושים און האָט זיך געפילט פּאַר אַ שטיקל מענטש אין דרום-זײַט, האָט ער זיך אויך אויס־גערעדט: יאָשקע אַ רב? װאָס הײסט יאָשקע װעט װערן רב? נו, אַז ער איז אַ זון?...

פּײַװע אָרעס איז געװאָרן אַ מענטש מיט אַ דעה, און די װעלי־טיאַנקעס האָבן געשיקט קלמן דעם מלמד טאַקע אויף פּײַװע-אָרעס פערד נאָך דעם כאַלאָפּעניצער, און אויף פּײַװע-אָרעס פערד איז ער, דער כאַלאָפּעניצער, טאַקע צוגעפאָרן דעם דאַנערשטאָג װאָס פּאַר שבת־חנוכּה צו נחומען, דעם נגיד פֿון די װעליטיאַנקעס.

פון דעמאָלט אָן, איז געוואָרן פּיַוועץ אַ דם-שונא דער צד שכנגד. שפרה ברכהס האָט גענזאָגט דעם מאַן אירן מיט דעם האַרבן וואָרט, אַז ער זאָל זיך חלילה ניט דערוועגן מער געבן פּיַוועץ פירן דזשעגעכץ, דעם פאַרך... און אַז פּיַוועץ איז געקומען זונטאָג צו בנימין־יאָנקל דעם קרעמער נאָך דער רשימה סחורה אײַנקויפן אים אין גובערניע, האָט ער באַקומען אַ תשובה:

— גיי, גיי קויף אײַן רבנים אין כאַלאָפּעניץ.

און ערגער ווי אַלץ איז וואָס דער בולאַנער, וועלכן ער האָט געקויפט אויף פּאָקראָווע, האָט פאַרהינקען; דער שליטן איז אַ שווערער, צוגעסטראָיעט אויף אַ דישל, איז דאָך מיט איין פערד גלײַך ווי אָן אַ פערד. בלײַבט דאָך טאַקע די קשיא: מה נאכל?... ניטאָ קײַן יאַזדעס, פלעגט ער שטיין בײַ נחום דעם נגיד נעבן טויער, שמועסן מיט דעם נײַעם רבס צד, פלעגט כאַפּן עפּעס אַ גמילות־חסד אויף האָבער, און טאַקע יענעם ווינטער, זוכנדיק רפואות פאַר דעם בולאַנעם, איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט אַ ציגײַנער, בײַ וועמען ער האָט געקויפט די ערשטע „כשרע” מציאה...

ב

און זעליקן, — דער זעליק, וועלכער איז הײַנט אַ בלוט־אָרעמאַן און שטייט אויפן מאַרק דאָס היטל פאַרריסן און טוליעט זיך אין פוטערל, וואָס איז אונטערגעשלאָגן מיט שתי שערות, — דעם זעליקן געדענק איך נאָך פאַר אַ יונגנמאַן אַ שטיקל נגיד. אני הגבר, איך אַליין געדענק נאָך, אַז דאָס פוטערל זײַנס, וואָס איז איצטער אונטערגעשלאָגן, ווי געזאָגט, מיט פאַרמעט, כאָטש שרײַב אויף אים מזוזות, איז געווען טאַקע אַ טכוירענער, פעטע געלע טכוירן מיט שוואַרצע הערעלעך. געהאַט האָט ער, זעליק הייסט דאָס, אַ קראָם, אין וועלכער עס זענען געלעגן אייגענע דריטהאַלבן הונדערט קאַרבן — פּשוט מזומן ממש, אָן שום קונצן! קרעדיט האָט ער געהאַט, וויפיל ער האָט געוואָלט

און ווי ער האָט געוואָלט. געשיקט אין סקלאַד נאָך מעל, האָט מען געגעבן מיט אַ מאָל 3 זעק — אַבי נעם; דאַרפסטו צוקער — שיק, זעליק, און נעם כאָטש אַ היטל מיט אַ מאָל; קעראָסין — אַ גאַנצע פעסל פלעגט בײַ אים שטיין אין קראָם. אַלע האָבן אים געבאָרגט געלט כאָטש ביז נאָך שבת. קורץ, זעליקן איז געווען, ווי מען זאָגט דאָס, אָפן די וועלט. געלעבט האָט ער ווי אַ גראַף, אַפילו בין מנחה למעריב געהערט דעם שיעור בײַ דעם אַלטן זכר צדיק לברכה.

נאָר ווי עס איז געוואָרן די מעשה מיט די רבנים, האָט זיך פון זעליקן רחמנא ליצלן אויסגעלאָזן אַ תּל. אויב איר ווילט וויסן, איז אַ ביסל די סיבה געווען טאַקע דער שיעור. זעליק האָט געקענט לערנען און זײַן שווער האָט אים טאַקע גענומען פאַר אַ גוטן יינגל. דאָס ביסעלע נגידות האָט אים צוגעגעבן מוט, און ער האָט זיך גע־רעכנט אין לערנען פאַר אַ שטיקל יאַ־טיעביע־דאָם. האָט ער זיך עטלעכע מאָל בײַ דעם שיעור פאַרטשעפּעט מיט יאָשקע דעם רבס. יאָשקע איז בײַ זיך געווען אַ גאַנצער האָן: עפּעס אַ קלייניקייט — תורה וגדולה במקום אחד: אַ רבס אַ זון איז ער, אַפילו אַן אייניקל אויך, אַ סוחר איז ער אויך און גאָר אַ גרויסער — ער האַנדלט מיט פלאַקס, לייענט אַ צײַטונג, ווייס דעם קורס, און האָט געפּרוווט נעמען טויזנט רובל מיט אַ מאָל פאַרשוס. אמת טאַקע, ער און זײַן שווער און נאָך 2 נגידים האָבן געגעבן וועקסלען און נאָך פּאַפּירן עפּעס בלאָע, אָבער דאָך איז ער, יאָשקע, אַ סוחר וואָס אַ סוחר הייסט; דעם סוד, וואָס ער ווייס ניט דעם חילוק פון פלאַקס ביז פענקע, און מוז זיך נעבעך פאַר־לאָזן אויף זײַן שותף דעם מחצית שכרניק, וועלכער פירט יאָשקען צײַטנווײַז אין באָד במחילה — אָט דעם סוד ווייס דאָך ניט קיינער. קורץ, יאָשקע דעם רבס מיט זעליק־הירשל־ציפּעס, האָבן צווישן זיך בײַ דעם שיעור קיין מאָל ניט געלאַדיעט. און בשעת די ראַביניאַנקעס האָבן געוואָלט מאַכן יאָשקען רב, איז זעליק דער ערשטער אַרויס־געשפּרונגען:

— יאָשקע? וואָס? צי משוגע מײַנע שונאים? אַ שיינער רב, כ'לעבן! — און ער איז צוגעשטאַנען צו די וועליטיאָנקעס.

נו—נו, האָט מען זיך גענומען פאַר זעליקן מיט זײַן קרעמל! ראשית האָט מען אויף אים געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, און מען האָט אים געהייסן אַרײַנטראָגן גילדיע. איר פאַרשטייט וואָס דאָס איז? נעם צאָל אָפּ מיט רח"ש און כל"ז, מיט אַלע הוצאות, מיט שרײַבן פּראָשעניעס — נעם לאָז אַרויס כּמעט ווי אַ הונדערטער. נו, און ווו נעמט מען זיי, אָט די מזומנע? וועט איר דאָך זײַן אַ קלוגער און געבן אַן עצה, מען זאָל באָרגן טיי, טאַבאַק און צוקער, פאַרקויפן דאָס אונטערן קרן און מאַכן געלט. אויף דער המצאה איז זעליק אויך געפאַלן. אָבער ווי איז דער דין, אַז דער צד שכּנגד, אָט טאַקע פון די ראַביניאָנקעס משפּחה, לויפט און רעדט אָן מיאוסע מעשיות, און ווהין מען קומט בעטן קרעדיט ענטפערט מען: האָט קיין פאַריבל ניט?...

און ביסלעכווײַז, גראַדוסנווײַז, — אונדזער זעליק איז געוואָרן אַ יורד, אַראָפּ און אַראָפּ, עד היום הזה.

ג

אין די גרויסע פענצטער, בײַ די נגידים אין שטעטל, איז דאָס געווען אויך די אייגענע מעשיות, נאָר מיט גרעסערן פּאַראַד, אין אַ גרעסערער מאָס.

מען האָט כּלל פאַרלאָזן די געשעפטן, — די ביסעלעך געשעפטן, פון וועלכע מען לעבט, מען ציט אַ הוצאה און מען קלײַבט נאָך אַ קערבל, — און זיך גענומען צו איין עסק — מעשה רב. געטראַסקעט פּאָטשט, געלאָפן קאָפּ־אַראָפּ, געקלאַפּט דעפּעשן, — האַ, וואָס, ווער, ווען? — מעשה רב! דער מקח אויפן „קאַנטאָר" אין שטאָט, דאָס הייסט די אַרענדע פון די בראָנפן, איז אויסגעוואַקסן אין צווייען: מען איז שוין ברוך־השם בטוח, אַז ראובן, אָט דער פאַרך ראובן, וואָס איז אַזאַ חנפושניק און האָט געגעבן דעם עולם משקה, און האָט געזאָגט צו יאָשקען: „לחיים רבי!" — דער ראובקע וועט שוין מכּות פאַרדינען

אין קאַנטאָר; אָנשטאָט צוועלף הונדערט, לאָז ער טאַקע צאָלן ח״י מאות, אויסער שטילע דאָרטן אין הויף.

איז טאַקע באַלד געפאָרן דעם רבס צד גלײַך אין הויף אַרײַן, און האָט דערציילט עפּעס מעשיות וועגן דעם ווי מען דאַרף. און דער גאַנג פון אָגולנע אַרענדע איז געוואָרן אויס מאָדע – מען דאַרף צאָלן פון שטיק, און דאָס האָט געקאָסט די וועליטיאָנקעס עפּעס עטלעכע טויזנטער אין איין שמע ישראל.

זענען אַוודאי געלאָפן דעם כאַלאָפּעניצערס צד און האָבן געמאַכט אַ סקלאַד פון מעל און מען האָט געשטעלט אַ מקח — אַ האַלבן קערבל אין זאַק אונטערן קרן. האָט באַלד איינער פון יאָשקע דעם רבס צד עפּעס דערציילט אַ מעשה, זיך גלאַט אַזוי, וועגן די וועליטיאָנקעס אַ פּריזיוו. האָט דאָס דער עסק ווײַטער געקאָסט בלוט מיט אײַטער.

איז אַוודאי אַ וועליטיאָנאָק דערגאַנגען, אַז מען רעדט נאָטע דעם גרויסן, אַ נגיד פון דעם רבס צד, אַ שידוך פאַר זײַן זון, ערגעץ פון בעסאַראַביע, מיט אַ גרויסן נגיד. דאַרף מען דאָך אָנזאַלצן דעם שידוך. פּאָרט מען זיך, מען מאַכט לכתחילה אַ נסיעה אַהינצו, אַזש גאָר קיין בעסאַראַביע, מען גייט אַרײַן גלײַך צום מחותן, דינגען בײַ אים ראָזינקעס אויף פּסחדיקן ווײַן.

– פון וואַנען איז אַ ייִד?

– פון דער ליטע. אַ שטעטל. איר וועט ניט וויסן.

– ווי רופט זיך אָט דאָס שטעטל?

– אַ שטעטל. הײַדאַמאַק הייסט זי.

– הײַדאַמאַק? – רופט זיך אָפּ דער סוחר און גיט אַ קוק אויף דער פלוניתטע זײַנער – זײַט איר, הייסט דאָס, אַ הײַדאַמאַקער?

– יאָ, וואָס איז, איר האָט דען געהערט וועגן אונדזער שטאָט?

– ניין, יאָ, גלאַט אַזוי – און דער בעסאַראַבער ייִד רײַבט זיך אונטערן היטל און בעט דעם סוחר זיצן, און די פלוניתטע דערלאַנגט צום טיש עפּעס צובײַסן.

הערט רבי ייִד – גיט אַ זאָג דער בעסאַראַבער — אם כן, אויב

איר זײַט שוין טאָקע אַ הײַדאַמאַקער, פרעג איך אײַך: קאָנט איר אפשר דאָרטן אײנעם אַ נאָטע פּאָליאַק?

— נאָטע פּאָליאַק — זאָגט: רבי נאָטע פּאָליאַק — אויב איך קאָן? געוויס. וואָס איז, וואָס געהערט אײַך אָן רבי נאָטע אונדזערער?

— קאָנט איר אויך זײַן זון?

— דעם חתן?

— ער איז שוין אַ חתן?

— ניין. נאָר ער איז אַ חתן, שטייט אין שידוכים.

— נו, וואָס איז דאָס?

— איר מעגט מיר גלויבן: זייער אַ וווילער בחור. מען וועט אײַך אָנריידן, יעדער מענטש האָט שונאים; רבי נאָטע איז באַקאַנט מיט פּריצים, זאָגט מען אויף אים, ער איז אַ מסור, נאָר דאָס איז ליגן. איר זאָלט קיינעם ניט גלויבן. און דער חתן איז אַ געזונטער, מאָלע וואָס לײַט וועלן בילן; מיר זענען ניט ווײַטע שכנים, ווייס איך געוויס, אַז ער, דער בחור, דער מדובר, האָט קיינמאָל קיין חולי־נופל ניט געהאַט; דאָס האָט זיך נאָר געטראָפן אין פּריזיאָם, — און ווײַטער קיין מאָל. ער הוסט אַביסל אונטער, — דאָס איז גראָד אמת; זעט איר — אָן אמת זאָג איך אײַך. אָבער חולי־נופל איז כמעט ווי געוויס אַ ליגן; איר מעגט זיך אויף מיר פאַרלאָזן. איז וואָס זאָגט איר וועגן די ראָזינקעס, האַ?

נאָר דער מחותן האָט שוין ניט געהערט וועגן די ראָזינקעס און האָט געטראַכט: אײַ, וואָס אַ גאָט מיר האָבן, וואָס ער האָט מיר צוגע־שיקט דעם ליטוואַק. איך האָב דאָך טאָקע אויסגעטאַפּט בײַ אים וועגן שידוך. און דער מלמד, דער ליטוואַק, וואָס האָט אים פאָרגע־לייגט דעם שידוך, וועט בײַ אים קריגן מאָרגן אין קאַרק: לאָז ער דאָס צווייטע מאָל וויסן, ווי צו ריידן אים, אַ ייִדן אַ גביר קיין עין־הרע, אַ שידוך פון דער הונגעריקער ליטע מיט אַ מסור און מיט אַ חולי־נופלדיקן חתן...

האָט דאָס געקאָסט די וועליטיאַנקעס עטלעכע צענדלינג רובל הוצאות. אָבער אָפּגעמאַכט אַ שפּיצל, און דאָס בחורל זיצט דערווײַלע

אָן אַ כּלה. זײַט רויִק, דער צד שכּנגד איז חלילה קיין בעל־חוב ניט געבליבן און מען האָט אויך ניט געזשאַלעוועט עטלעכע צענדליגג רובל הוצאות, און מען האָט אויסגעטראַכט עפּעס זייער שיינע מעשׂיות אויף אַ מיידל, און עס איז געווען גוטלעך, מען האָט זיך אָנגעלאַכט אַ פולן בויך. זאָלן זיי אויך געדענקען „פּאַטשאָם פּונט ליכאַ“...

ד

איך קאָן אײַך זאָגן בתּורת עדות, אַז יאָשקע וואָלט קיין רב ניט בלײַבן, און דער כּאַלאָפּניצער וואָלט בלײַבן טאַקע רב, ווען עס וואָלט ניט זײַן איין קליינע סיבּה. יאָשקע איז טאַקע געווען אַ גאַנץ פײַנער יונגערמאַן, געקענט גאַנץ גוט לערנען, נאָר דאָך עפּעס ווייניק רבּניש איז אין אים געווען. אַ סוחר אַ למדן — יאָ, דאָס איז יאָשקע געווען, אָבער עפּעס צו רב האָט אין אים געפעלט מאַטעריאַל. ער האָט בטבע האָלט געהאַט אַ שטיפערײַ, אַ שפּיציק גלײַכװערטל, אַפילו מיט אַ ביסעלע פעפער... אָט דאָס וואָס איר זעט הײַנט דעם אַלטן רב אונדזערן מיט דעם שטרײַמל אין אַ סאַמעטענע דעליע מיט פאַרפרומטע אויגן, מיט אַ טיפן קרעכץ ווען עס פאָדערט זיך, — דאָס איז אַלץ געוואָרן מיט דער צײַט, דאָס האָט אַלץ אָנגעמאַכט ביסלעכווײַז די ביטערע פּרנסה, דאָס האָט זיך אויסגעאַרבעט אין צענדליגער יאָרן צײַט. אָבער דעמאָלסט איז דאָס געווען, ווי מען זאָגט, טאַקע אַ פריי־לעכער יאָשקע, אַ לעבעדיקער יונגערמאַן, צו וועלכן אַ שטרײַמל מיט אַ רבּנישן קלאַפּער־געצײַג האָבן געקליידט ווי ציצית צו אַ קאָזאַק. אָבער דער כּאַלאָפּעניצער איז געווען אַ רב כּמה שנאמר, מיט אַ געבאָרענעם קרומען רוקן, אַן אויסגעטאָקטע פרומע צורה, מערידן טאַקע בירושה מדור דור, אויסגעוויקט אויף אתרוגים מיט מכירת חמץ... יאָשקע איז דעמאָלסט געווען אַ יונגערמאַנטשיק וואָס האָט גאָר באמת פײַנט געהאַט די רבנות, און דער עולם האָט עפּעס געפילט, אַז ער קאָן נאָר אויף צו להכעיס, אויף צולאָפּעניש די וועליטיאָנקעס, זײַן אַ רב; אָבער דער

כאַלאָפּעניצער וואָלט וואָס ווײַטער און ווײַטער אַרײַנקריכן אין די ביינער, און די מלוכה וואָלט בלײַבן בײַ אים, ווען ניט די סיבה...

די סיבה איז געווען, וואָס דער כאַלאָפּעניצער האָט געהאַט אַפּעטיט, געוואָלט אַלע טאָג עסן; און ניט נאָר ער אַליין, נאָר אויך די רביצין זײַנע, און אויך די זעקס־זיבן־אַכט־נײַן קינדערלעך זייערע. זיי זענען אַפּילו געווען אַלע גערינקע, אַלעמאָל פאַרשמוצטע, — נאָר קײַען האָבן זיי אַלע געוואָלט, און דווקא טאָג־טעגלעך, נאָך אַפּילו אַ פּאָר מאָל אין טאָג. און אַזוי ווי דער בעקער האָט נאָר די ערשטע צוויי־דרײַ וואָכן געגעבן ברויט אויף באָרג, און אַזוי ווי די קרעמלעך זענען דאָך אַליין קבצנישע, לכן האָט מען דאָך געמוזט צאָלן מזומן, הײַנט איז דאָך די קשיא: ווו נעמט מען די קליינגעלט?

צום אָנהייב האָט מען זיך געקאָכט: געלט דעם רב, — מיר וועלן צאָלן! ווער זענען די „מיר" און ווי אַזוי וועט דאָס זײַן — איז אין הו־האַ האָט מען ניט געטראַכט. נאָר אַז דער קריג איז אַוועקגעגאַנגען אין די הויכע דרכים, מיט די מסירות, מיט די קאָנקורענציעס, — „דו מיר אין די לײַן און איך דיר אין דעם ווײַן"; אַז עס האָט יעדערן פאַר־נומען פאַר דעם זיבעטן ריפּ אין די אייגענע געשעפטן: בײַ דעם פאַר־דרייט דעם קאָפּ מיט אַ פּריזיוו, וואָרעם מען האָט אים געפּסלט די לגאָטע; און דאָ האָט מען אים אויסגעדונגען פון קראָם, ווו ער זיצט אַ יאָר פערציק פון דור־דורות; און בײַ דעם האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן צו שאָקלען דער טאָכטערס שידוך, — קורץ, אַז דעם עולם האָט פאַרדרייט דער מוח וועגן זיך, האָט מען פאַרגעסן, אַז בײַ גוטע־חנה די אַלמנה וווינט אין שכנות אַ ייִד מיט אַ ווײַב מיט אַ סך קינדער, אַ ייִד מיט אַ כּתב־רבנות אַפּילו, וועלכער געשווען פון הונגער...

און דווקא פּערעלע די גראָבע, איינע פון די דרײַ פּערעלעך, וועלכע האָבן געפירט דאָס גאַנצע רעדל אין שטאָט און האָבן אונטער־געהיצט די גאַנצע מחלוקת, — אָט די סאַמע פּערעלע האָט אויפגעעפנט איר מײַלכעלע אויף אַן אַרשין, בעת די רביצין, דעם כאַלאָפּעניצערס ווײַב, איז געקומען בעטן אויף שבת. פריִער האָט פּערעלע געשריען:

— אַט טײַכן בלוט מאָג געגאָסן ווערן און יאָשקע וועט מסתּמא קיין רב ניט זײַן. ניט דערהאָרען וועט נאָך שפּרהצקע, זי זאָל זײַן רביצין. און דערנאָך איז געוואָרן אַן אַנדער מזמור:

— איך פֿאַרשטיי דאָס ניט, וואָס עפּעס מיר זענען אַ חטאת־הקהל?

— נו, פּערעלע, איר פֿאַרשטייט דאָך — זאָגט די רביצין — מען דאַרף דאָך געבן דעם רב שכירות. די שטאָט דאַרף דאָך צאָלן...

— די שטאָט... אָבער איר ווייסט דאָך, אַז עס איז דאָך נאָך ניט מיט אַלעמען. וואָס עפּעס מיט אונדז, — טענהט מיט דער שטאָט.

און די אייגענע פּערעלע, וואָס האָט פֿריִער געטענהט מיט איר מאַן, וועלגערנדיק דאָס בלאָט לאָקשן, און ריידן האַלב מיט כּעס, האַלב מיט חן:

— און איך זאָג דיר, נאָר דו, אַז יאָשקע וועט קיין רב ניט זײַן. דיך בולען וועט מען דאָך אײַנריידן; פּערעלע די דײַטשקע וועט דיך נעמען מיט אירע חנדעלעך, מיט איר שיין צורהקעלע. זאָג איך דיר, אַז דו ביסט געוועזן אַ פֿערד און דו וועסט בלײַבן אַ פֿערד. נאָר יאָשקע — אַ זעסטו, ווי דאָס איז אַ קאַטשעלקע פֿון גאָט — וועט מסתּמא בײַ מיר קיין רב ניט זײַן...

און הײַנט, אַז עס איז געוואָרן אַ ביסעלע ענג אין ספּאָדיק, אין קראָם לייזט זיך האַלב פּדיון און מען דאַרף מאַכן הוצאות אויף פּראָשעניעס אין וואָנסקע פּריסוטסטוויִע, און מען האָט זיך אַ היפּש ביסל אײַנגעמאַטערט און פּערעלע זעט, אַז דער מאַן לויפֿט אום און יאָזדעט שטענדיק און קרעכצעט בײַנאַכט — טענהט זי:

— אַז איך זאָג: דו ביסט אַ שלימזל, דו האָרעוועסט ניט פֿאַר אייגענע ווײַב און קינדער, נאָר פֿרעמדע האָסטו האָלט. רב, רב — וואָס רב, ווען רב? אויך דײַן עסק! וואָס אַרט דיך אַז יאָשקע? מײַנע שאלות וועט ער אויך קאָנען פּסקנען. כּדאַי, כ׳לעבן, אַרומלויפֿן טאָג און נאַכט און נעמען זיך לעבער צוליב קהלשע געשעפֿטן; אַ גילדערנע מצבה וועט מען דיר שטעלן אַוודאי! לאָז זיך דער ייִד פֿאָרן צוריק קיין כּאַלאָפּעניץ!..

וכן היה. און דער אַלטער רבי יוזפא, וואָס איז הײַנט רב בײַ אונדז און האָט זיך צרות פון די ארץ־ישראל־אתרוגים און פון דעם מתנגדישן רבל און פון די שוחטים די אַלטע, וועלכע געדענקען נאָך אָט דאָס דאַמאָלסדיקע קריג; און פון דער דריטער ווײַב; און קריגט זיך שטענדיק מיטן בעל־קאַראָבקע, וועלכער האָט זיך עפּעס אַן אייגענעם רב, — אָט דער רבי יוזפא, אַן אַלטער ייִד מיט חולי־מעים לא־עליכם, מיט אַ זײַדענער קאַפּאָטע, וואָס קלײַבט זיך צו און שרעקט די שטאָט, אַז ער פאָרט אַוועק קיין ארץ־ישראל, — דאָס איז דער אַמאָליקער יאָשקע דעם רבס.

אַזוי ווערט פון אַ ציגעלע, פון אַ קליינינקער ווײַסינקער ציגעלע, אַ גרויסער באָק...

שלעכט און גוט

I

אַז איר וואָלט אָבער זײַן געלערנטע, איר וואָלט קאָנען גוט געאָגראַפּיע, וויסן אויפֿן לאַנדקאַרט, וואָלט איר דאַמאָלסט וויסן, ווו איז איזעניץ און פּיזעניץ. הײַנט אָבער אַז קיין געאָגראַפּיע קענט איר ניט, און אין די קלאַסן זענט איר ניט געגאַנגען, דאַן מוז איך אײַך דערציילן וועגן איזעניץ און וועגן פּיזעניץ.

דאָס זענען צוויי גרויסע קהלות עפּעס ערגעץ ווו אין דער ליטע; זייער גרויס זענען די קהלות ניט — אַפּילו קיין קלויסטער ניטאָ אין ביידע; קיין אוריאַדניק אויך ניטאָ; נאָר ימים-נוראים איז דאָרטן גראָד אַ מנין אַ מאָל איבער אַ מאָל: איין יאָר אין כּרך איזעניץ און דעם צווייטן יאָר אין קהל פּיזעניץ. דאָס איז אײַך ימים-נוראים, — און אַ גאַנץ יאָר זענען דאָס פּראָסט צוויי גרויסע קרעטשמעס אויפֿן אַלטן שליאַך.

און דער אַלטער שליאַך איז, זאָג איך אײַך, אַ מחיה נפש, אַ חיות אויף אים סײַ פֿאָרן, סײַ גיין. אַ באַרג אַראָפּ, אַ באַרג אַרויף; אָט גייט, דאַכט זיך, דער וועג ווי דער סדר איז, און פּלוצלונג פֿאַרדרייט ער זיך אָדער אין צפון אָדער אין דרום; טאָמער איז אין מיטן דער וועג אויסגעריסן און עס איז אַ קאַנאַווע, טאָ זײַט זיך מטריח און

פאָרט גלײַך אין קאַנאַװע; װעט איר אַרױס בשלום, איז אײַער גליק און איר מעגט אױך בענטשן גומל. נאָר טאָמער איז אױפן װעג אַ בריקעלע, פאָלגט מיר און פאָרט ניט איבער אים: ער איז געװיס אַ צעפױלטער, און איך קאָן אײַך מבטיח זײַן, אַז אָדער איר אָדער אײַער פערד װעלן צעברעכן אַ פוס, און אײַער װאָגן װעט געװיס אַרױס אַ געניזוקטער פון דער נסיעה.

און די אַלע מעלות טובות װאָס צו זײ האָט זוכה געװען דער װעג װאָס איז צװישן איזעניץ מיט פיזעניץ, װערן באַלד נאָך סוכּות נאָך שטאַרקער און גרעסער. גאַטס רעגנדלעך גײען זיך פונאַנדער איבער דער ערד, גיסן און גיסן עפּעס אַזױ צו עטלעכע שעה בײַטאָג און צו דרײַ פיר שעה בײַנאַכט, און פון די קלײנע בלאָטעס װערן גרױסע טיפע בלאָטעס. איר פאָרט במחילה מיט די פערד גלײַך אין װאַסער, נאָר אונטערן װאַסער איז קױט, פּעטע, קלײאיקע קױט, אַז קױם די רעדער דרײען זיך; און פלוצים קריכט איר אַרײַן אין אַ שמאַלץ־גרוב: די פאָדערשטע רעדער אין דער הײך און די הינ־טערשטע מיט אײַער כּבוד צוזאַמען זענען אַרײַנגעקראָכן טאַקע גאַנץ טיף. די פערד װערן עפּעס דול, און איר זידלט דעם קוטשער און שרײַט אױף די פערד איר װײסט אַלײן ניט װאָס, אָדער „טפּרו!“ אָדער „נו, אין אַל די קאַדיקי!“ און אױף אײַך איז בכּלל אַ גרױס רחמנות...

נאָר אַז גאָט װיל אױף אײַך זיך דערבאַרעמען, שיקט ער נאָך צו דאַמאָלסט אַ רעגן, עפּעס אַ קלײן געדיכט רעגנדל, װאָס די מאָדע זײַנע איז, אַז אָנהײבן הײבט ער זיך אָן, נאָר פון אױפהערן אַמאָל װײס ער גאָרניט, און אױב דאָס טרעפט אײַך בײַנאַכט, טאַקע סוף חשון, אַז עס איז פינצטער אױף דרױסן עפּעס װי אין אַ ייִדיש האַרץ, איז דאָס טאַקע, װי איך האָב אײַך געזאָגט, אַ חיות אין דער נשמה, כאָטש לײג זיך און לאַך מיטן גאַנצן האַלדז, װאָרעם װאָס איז די פּעולה אַז דו װעסט װײנען?

איז טאַקע אין חשון, אין רעכטן אָסיען און טאַקע אױפן שליאַך צװישן איזעניץ און פיזעניץ, איז זיך געפאָרן קוליע נגיד, מען רופט

אים קוליע, ווײַל ער הייסט יעקב, און נגיד איז זײַן פֿאַמיליע; נאָר ער איז טאַקע באמת אויך אַ נגיד, זײַנע געשעפֿטן גייען גאַנץ גוט, און אויב מען וועט אײַך ברענגען זײַנעם אַ וועקסל מאָגט איר אים נעמען. דאָס ווײַב זײַנס האָט געמאָגט זײַן קליגער, — דאָס וואָלט איר ניט שאָדן און אים וואָלט דאָס אויך הנאה טאָן. און אפשר איז אים גוט אַזוי — ווי זי איז, ער איז בײַ זיך אַ גאַנצער האָן, מיט אַ פֿאַר־דרייטער וואָנצע, און זי קוקט און קוועלט און רעכנט, אַז קליגער און געראָטענער ווי איר קוליע איז ניטאָ אין דער וועלט.

הקיצור קוליע איז אַ נגיד. ער האַנדלט מיט וואַלד. ער איז געווען אויף אַ פּריסטאַן, דאָס הייסט בײַ זיך אין וואַלד, און פֿאָרט דאָס אויף שבת אַהיים. ער איז די גאַנצע וואָך געזעסן אין וואַלד בײַ זיך אין קאַנטאָר און איז געווען די גאַנצע וואָך אין כּעס. אייגנטלעך איז ער אין כּעס אויף גאָט, וועלכער האָט אָנגעהויבן גיסן רעגן און האָט זיך אַפּנים פֿאַרגעסן, אַז מען דאַרף אַמאָל אויפֿהערן.

אַ גאַנצע וואָך זיצט ער אין קאַנטאָר און טוט איין זאַך — בלאָזט זיך אויף די מענטשן, אויף די משולחים, אַקוראַט ווי זיי זענען שולדיק, וואָס גאָט האָט פֿאַרגעסן דעם צאַפּן צוריק אַרײַנשטעלן. און פֿון הימל גיסט און גיסט. קוליע איז אַלץ אין כּעס, פֿאַרוואָס ניט?.. אויף דערויף איז ער דאָך אַ בעל־הבית, אַ פּרינציפּאַל...

מיטן עסן איז אויך אין קאַנטאָר ניט גאָר מהודרדיק. ווען דער בעל־הבית איז ניטאָ עסט מען ניט שלעכט. עס איז פֿאַראַן אַ קעכן, ניט קיין גרויסע יפהפיה אָבער אויך ניט קיין קליינע מיאוסקייט, נאָר די משולחים זענען קאָנטעט פֿון איר קאָכן. קאַרטאָפֿל מיט פֿלייש קאָן זי קאָכן. און פֿלייש איז פֿאַראַן אין דאָרף, און געענדזענע שמאַלץ איז אויך דאָ, און רעטעך איז אויך צו קריגן, און אַפֿילו פֿלוימען מיט ראָ־זינקעס קאָכט אויך די ייִדענע די קעכין. די פֿלוימען מיט די ראָזינקעס זענען טאַקע ניט איבערגעוואַשענע, און די יויך איז טאַקע שוואַרץ און געדיכט, נאָר די משולחים איז דאָס געפֿעלן. בײַ זיי אין דער היים קאָכן זייערע ווײַבער נאָך ערגער און בייזערן זיך דערבײַ, און בעטלען

אויף דערויף געלט. דאָ אין קאַנטאָר איז דאָס אַלץ בחינם, און זיי בייזערן זיך נאָך אויף דער קעכין.

נאָר היינט, אַז דער בעל-הבית איז אין קאַנטאָר, און ער בלאָזט פון זיך עפּעס און קרימט זיך אויף די הוצאות און קוקט אַלץ אין די ביכער, זענען די מיטאָגן זייער מאָגערע. מען עסט אַ שטיקל רעטעך און אַ ביסל קרויט, כלומרשט מיט פלייש נאָר באמת אָן פלייש. די ייִדענע די קעכין קאָכט דעם בעל-הבית באַזונדער און האָט אָן געווירץ מיט לאָרבער-בלעטער וויפל זי האָט, און האָט איינגעבראָטן דאָס שטיקל פלייש האַרט רויט. מיין קוליע קרימט זיך נעבעך... זייןביילקע אין דער היים גיט אים בעסערע מיטאָגן. די דינסט צו הויז איז אויך אַ ביסעל אַ שענערע...

דאָנערשטאָג, אָפּגעוואַלגערט זיך אין קאַנטאָר אַ גאַנצע וואָך, איז זיך מישב קוליע און זאָגט:

— תנא, שפּאַן די פערד!

און ער פאָרט אַהיים.

און מען פאָרט אַהיים... נאָר דאָס רעדט זיך אַזוי. עס איז נאָר אַזוי די מליצה, נאָר טאָן איז דאָס ניט אַזוי גרינג.

קוליע האָט גערעכנט קומען צו דער נאַכט אַהיים. עס איז פּופּציק וויאָרסט, און די פערד זענען גוטע. דער וואָגן איז אַפילו אַ ביסל שווערלעך, קוליע האָט דאָס געקויפט ביי אַ פּריץ, האַלב אַ יקרות, האַלב אַ מציאה. נאָך דעם געלט וואָס ער האָט דעם פּריץ פאַררעכנט פאַר דעם וואָגן, איז דאָס געווען טייער; נאָר, צוריק גערעדט, און אַז דער פּריץ וואָלט אַזוי, גלאַט אין גוטן מוט, וועלן נאָך אַ וועל-כן הונדערטער אַרויפציען אויפן השבון, וואָלט ער זיך דאָך אויך מיט אים ניט וועלן אַמפּערן, — קומט דאָך אויס, אַז כמו ווי אָן געלט... אָט אַזוי איז דער שטייגער פון ייִדישע חשבונות... קורץ, קוליע פאָרט אַרויס מיט אַ קאַרעטע, אין וועלכע מען האָט געמאָגט שפּאַנען דריי פערד, נאָר כאָטש ער איז אַ נגיד, דאָך איז גאַנץ געגוג פאַר אים אַ פּאָר סוסים, אי פאַר אים אי פאַר תנאן, פאַר דעם קוטשער זיינעם.

תּנא, תּנחום הייסט דאָס, איז אַפילו אַ קוטשער, צאָלט וואָכער אין חברה „תּהילים", זײַנע אַ שוועסטער איז אַ שנור אַפילו בײַ דעם אונטער-שמש, דאָך איז פאַר אים גענוג כּבוד צו קיניגן אויף צוויי פערד, ניט דווקא אויף דרײַ. ער וועט גאָר ניט וויסן, במחילה, ווי מען שפּאַנט אײַן דרײַ פערד.

און מען פאָרט.

דער וועג פון וואַלד גייט איבער דערפער מיט וועלדער, דורך די וועלדער איז נאָך נישקשה צו פאָרן, נאָר אין די דערפער איז די קויט מוראדיק. שוואַרצע געדיכטע קויט, טיף, אַז קוים די טרײַבלעך פון די רעדער זעען זיך. נאָר אָט באַלד וועט מען פּטור ווערן פון די קליינע וועגעלעך מיט די וואַלד-שטעגעלעך, און מען וועט אַרויסכאַפּן זיך אויפן אַלטן שליאַך...

עס איז געוואָרן אָוונט, און דעם שליאַך זעט מען נאָך ניט.

ווי די מאָדע איז, האָט עס אָנגעהויבן קאַפּען אַ רעגנדל... קוליע נגיד האָט זיך באַקוועמער אײַנגעקוויקלט אין בורקע, האָט אויפגע-שטעלט דעם באַשליק און דרעמלט. עס איז אים ניט שלעכט צו זיצן, כאָטש איין פּרוזשינע איז עפּעס פון קישעלע אַרויסגעקראָכן מיט אַ זײַט. דעם קאַרעט האָט דער פּריץ געקויפט פאַר שווערדן און די פּרוזשינעס געדענקען סאָביעסקיס-יאָרן, און קוליע ווייס ניט ווי מען פאַרריכט די פּרוזשינע. נאָר אים איז אַזוי אויך גוט, און ער דרעמלט.

תּנא זיצט אויפן קעלניע, די פערד גייען זיך שטיל, קוים זיי שלעפּן דעם וואָגן אין קויט. טרײַבן די פערד אין אַזאַ וועג, בפרט אַז מען זעט גאָרניט, איז ניט קיין שכל. ער האַלט דעם בײַטש גלאַט אַזוי און דאַוונט זיך אונטערן נאָז מעריב...

דער וואָגן איז איבערגעפאָרן איבער אַ קלאָץ און האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. די קרומע פּרוזשינע האָט אונדזער קוליען גוט גע-געבן אין זײַט, און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— אַך-אַך, אַך! — בורטשעט קוליע.

תּנא שווײַגט, שעפּטשעט שמונה-עשׂרה.

ווידער אַ קלאָץ — ווידער אַ שטאָך אין זײַט.

— בולאַך, וואָרעם זעסטו ניט ווי דו פאָרסטז
תנא שווייגט.
ווו זענען מיר, האַז — פרעגט קוליע.
תנא שעפּטשעט שטיל.
— ווו זענען מיר איצטער? שוין באַלד דער שליאַך, האַ?
תנא האַלט אין רעכטן שמע־קולנו.
— באַלוואַן — ווערט דער בעל־הבית אין כעס — וואָס שווייגסטו, מען רעדט דאָך צו דיר!
נאָר אַ פעולה! אַז תנא דאַוונט שמונה־עשרה וועט ער אים, כאָטש דעם בעל־הבית, ענטפערן?
—...ועל כל ישראל ואמרו אָמן. מיר זענען באַלד נעבן שליאַך — האָט געזאָגט תנא, כמעט ווי מיט איין אָטעם.
נאָר אויפן שליאַך איז דער וועג נאָך ערגער געווען. דער שליאַך איז שטאַרק אײַנגעפאָרן, די ערד איז אויסגעקנאָטן ווי לויזע טייג, און די רעגנס האָבן דאָס נאָך שיטערער געמאַכט. אַז מען קריכט אַרײַן מיט דעם שווערן וואָגן, איז ניט אַרויסצושלעפּן אים. די פערדלעך שטעלן זיך איטלעכע ווײַלע אָפּ. מען איז דורכגעפאָרן איזעניץ; נעבן קרעטשמע זענען געשטאַנען אַ סך פורן; ניכר אַז קיינער פאָרט איצט ניט. די ליכט פון קרעטשמע־פענצטער בלישטשעט אין בלאָטע.
מען פאָרט ווײַטער, טריט בײַ טריט, דרײַ וויאָרסט אַ שעה.
נאָך אַ שעה, נאָך אַ שעה, די פערד האָבן דערזען פון דער־ווײַטן — עס לײַכט. דאָס איז פיזעניץ, אַ דרײַסיק וויאָרסט פון שטאָט. ניט פרעגנדיק בײַ תנא דעם קוטשער, האָבן די פערד אָפּגעקערט צום קרעטשמע, און נעבן טיר האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט.
די פערד האָבן הארצלעך און פרײַנדלעך געלאָזט בעטן, מען זאָל אַרויסקריכן פון וואָגן.
קוליע נגיד האָט אַרויסגענומען פון קעשענע דעם גילדערנעם זייגער און האָט אַ קוק געטאָן: עס איז נײַן, אויף דער צענטער. אַפילו ניט אַזוי שפּעט, נאָר אַז עס איז דרויסן פינצטער און עס גיסט אַ רעגן, מוז מען בלײַבן דאָ נעכטיקן. דערצו זענען די פערד פאַרמאַטערט,

קוים לעבעדיק. שוין העכער ווי זיבן שעה, פון צוויי נאָך מיטאָג, אַז מען פאָרט. עפּעס האָט זיך אויך געמוזט טרעפן מיט די רעסאָרן: דער וואָגן האָט זיך אַלץ געבויגן אויף דער לינקער זײַט.

— אַזוי בלײַבט דאָס: מען נעכטיקט דאָ.

די קרעטשמע איז ניט זייער פּאַראַדנע. ווי דער שטייגער איז, צעטיילט אַ גרויסע פּאָרהויז די קרעטשמע אויף צוויי העלפטן: רעכטס איז פּאַר די ערלים, וועלכע קלײַבן זיך צונויף און האַלדײַען ביז זיי געלוסט זיך, און לינקס איז פּאַר דעם בעל־הבית מיטן געזינדל. אויף די רעכטע העלפט איז גאָר ניטאָ וואָס צו גיין, דאָרטן איז קאַלט און פּאַר אַ תּוספת־כּתובה האָט מען נאָך הײַנט געקוילעט „אַ שטיקל", און מען האָט דאָרט אויפגעהאַנגען דאָס פעלכל און מען האָט דאָס „שטיקל" דאָרטן „געמאַכט".

קוליע נגיד איז דורכגעגאַנגען גלײַך לינקס, אָנגעטאַפּט ווי עס איז די קליאַמקע און אַרײַן אין שטוב. גאַנץ שמוציק איז דאָ אויך, נאָר וואַרעם איז. עס הייצט זיך דער אויוון, אָט דער גרויסער אויוון, וועלכער פאַרנעמט אַ פערט־חלק צימער. עס ברענט אַ הענגלאָמפּ, אַ ביסל אַ פאַררויכערטער מיט אַ פּוזאַטן גלאָז אויבן צעבראָכן, און דער קאָלפּאַק אָנגעבויגן ווי בײַ אַ שיכּור דאָס היטל. קוליע האָט אויסגעטאָן די בורקע, מיט כּוחות אַראָפּגעשלעפּט פון זיך, אויסגעגלײַכט די ביינער און צוגעגאַנגען צום סאָפּקע, — דעם איינציקן שטיק „מעבל" וואָס איז געווען אין צימער.

— רבי קוליע — זאָגט דער בעל־הבית — נאָט אײַך בעסער אַ שטול, און האָט אים געגעבן אַ בענקל ניט גאָר קיין שיינעם און ניט גאָר קיין ריינעם, דאָרטן ליגט דאָס קעלבל. בײַ אונדז איז אַ שטיקל מזל־טוב: די בהמה האָט זיך געקעלבט.

— נו, מזל־טוב — זאָגט קוליע — וואָס וועגן אַ סאַמאָוואַר?

— מען קאָן.

„מען קאָן", — נאָר דאָס האָט געדויערט מער אַז אַ זייגערנע שעה, ביז מען האָט זוכה געווען מקבל פּנים זײַן דעם סאַמאָוואַר. קוליען האָט אויסגעברענט דאָס האַרץ, אויסגעטריקנט אין מויל.

דעם סאַמאָוואַר איז געווען ניט צו דערקענען, צי ער איז פון מעש צי פון קופּער, אָדער גאָר אַ בלעכענער, אײַנגעשמירט מיט בלאָטע, שוואַרץ פון קויט...

קוליע נגיד האָט גוט אַ דריי געטאָן אינעווייניק, אַז ער האָט דערזען דעם „ריינעם" סאַמאָוואַר.

— אָ, בלישטשעט בײַ אײַך דער סאַמאָוואַר, רבי בערל — זאָגט קוליע איראָניש.

— אויף פּסח געכשרט.

נאָר מען קלײַבט ניט איבער, אַז מען איז אַ דורכגעדראָלעטער, אַז עס איז אין מויל געדיכט ווי נאָך צוויי מאָל טשאָלנט.

— טיי מיט צוקער האָט איר מסתּמא אייגענע, רבי קוליע?

— ווּ! וועלכע שדים האָבן געטראַכט, איך זאָל ניט קומען אַהיים צו דער נאַכט!

— נו — זאָגט בערל — וועט איר דאָ נעכטיקן, זײַן אַ גוטער גאַסט. און ער האָט דערלאַנגט טיי און צוקער.

קוליען האָט זיך געלוסט אויסברעכן, אַז ער האָט דערזען דעם גרינעם טיי און דעם ברודנעם צוקער, וואָס בערל האָט דערלאַנגט, — נאָר וואָס זאָל מען טאָן? ער האָט אויף גיך אויסגעזופּט אַ פּאָר גלעזער טיי. עס איז געוואָרן וואַרעמער.

קוליען ווילט זיך אויך עטוואָס קײַען, ער איז הונגעריקלעך. ער האָט געגעסן אַ זייגער איינס און אויך ניט מיט גרויס אַפּעטיט, און איצט איז צען. עס ווילט זיך, — נאָר וואָס קריגט מען אין קרעטשמע?

— אַ ביס טאָן עפּעס וועט מען בײַ אײַך קריגן, רבי בערל?

— נו, פאַר וואָס ניט? אָבער פליישיקס איז ניטאָ, און מילכיקס — האָט זיך ערשט די בהמה געקעלבט; איז וואָס זאָל איך אײַך געבן? רעטעך מיט ציבעלע — איז דאָס דאָך ניט פּאַר אײַך; סײַדן אַ הערינג — וועט די שוויגער מאַכן... די בעל-הביתטע מײַנע איז ניטאָ; געפאָרן אין שטאָט, עפּעס דאַרף זי, איך ווייס זייער...

און בערל איז שטאַרק פאַרשעמט געוואָרן...

קוליע נגיד האָט זיך געלייגט שלאָפן אָן וועטשערע. מען האָט אים געמאַכט אַ נאַכטלעגער אויף דער סאָפקע. דאָס קאַלב האָט מען צוגענומען, איבערגעטראָגן צו דעם בעל־הבית אין קעמערל, און די סאָפקע האָט מען אָפּגעליידיקט, אויסגעווישט, און בערל האָט געבראַכט לכבוד דעם אורח אַ קישן.

— דאָס איז מײַנע, ניט אַ ווײַבערשע; איר מאָגט אויף איר, רבי קוליע, שלאָפן — האָט געזאָגט בערל, און האָט אַנידערגעלייגט דעם קישן.

— רבונו של עולם, טראַכט זיך קוליע, ווי שלאָפט מען דאָס אויף אַזאַ קישן. אַ ציצענע שמוציקע ציכל מיט גרויסע געלע פלעקן.

קוליע האָט אײַנגעדעקט דעם קישן מיט זײַן בורקע, און האָט זיך געלייגט שלאָפן. און כאָטש ער האָט זיך געלייגט אַ ניט געגעסענער, דאָך האָבן זיך אים סטאַרצעס, ווי מען זאָגט, ניט געחלומט. ווי ער, האָט זיך נאָר געלייגט און מען האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ, זענען געקומען חיות רעות און האָבן גענומען זיך צו רבי קוליע נגיד פון אַלע זײַטן. די הונגעריקע בריות זענען אַ פּנים שטאַרק צופרידן געוואָרן, ווען זיי האָבן דערטאַפּט אַ גוטן פעטן העכט ווי קוליע נגיד, און האָבן זיך צו אים גענומען מיט חשק. בײַ אים צו הויז ווייס ער גאָרניט וואָס דאָס איז. זײַן ביילע — די מעלה האָט זי — וועט היטן, אַז אַפילו בײַ די מענטשן אין קיך טאָר זיך חלילה גאָרניט געפינען. דער בידנער קוליע האָט נעבעך מלחמה געהאַלטן מיט דעם חיל ווי ער האָט געקענט: ער האָט איטלעכע ווײַלע אויסגעריבן שוועבעלעך, געמאַכט יעדע מינוט „אַ! אַ!", — נאָר שלאָפן האָט ער ניט געשלאָפן אַפילו מיט אַן אויג ניט צוגעמאַכט.

ווי עס איז נאָר געוואָרן אַ בלײַאַסק אויף טאָג, האָט ער אויפגעוועקט זײַן קוטשער, אַליין געהאָלפן שפּאַנען די פערד און האָט געמאַכט די פליטה אַהיים.

— נו איז דאָס אַ קרעטשמע די פּיזעניץ, — האָט געטענהט קוליע זיצנדיק אין וואָגן — נו, פּיזעניץ!

— ווי איז געווען, קוליע, דײַן נסיעה? — פרעגט דאָס ווײַב — ווו האָסטו געגעכטיקט?

— יע, „געגעכטיקט"... געשטאַנען אין פּיזעניץ. נו, איז דאָס אַ קרעטשמע די פּיזעניץ, — איך וועל זי האָבן צו געדענקען! — זאָגט קוליע און ציטערט און טרייסלט זיך דערמאָנענדיק די שרעקלעכע נאַכט אין דער קרעטשמע.

II

קלמן דער באָבע שרהס איז זונטאָג גאַנץ פרי אַוועק אין אַ שליחות: מען האָט געדאַרפט „אַרויסטרײַבן" אַרבעטער, דאָס הייסט: מען דאַרף פאָרן אין וואָלאָסטנאָיע פּראַווּלעניע געבן געלט אויף די אַרבעטערס רעכענונג, באַצאָלן וואָס „עס קומט" דעם אָדון פון די ביכער־דאָס מיינט מען דעם וואָלאָסטנאָי שרײַבער — געבן וואָס מען באַדאַרף דעם סטאַרשינאַ, פונאַנדעררעכענען זיך מיט דעם יִדן דעם קרעטשמער ווו דער וואָלאָסט איז; מיטן פּאָסט פירט איר די זאַכן ניט אויס. אַ משולח, אַ רעכטער שאָפער, אַ פריקאַשטשיק זאָל צוליב דעם פאָרן, איז ניט כדאַי. ערשטנס וועט דאָס קאָסטן ניט וואָלוול — פון אַזאַ נסיעה דאַרף אַ משולח פאַרדינען; און דערצו אַז אין וואָלאָסט קומט דער „גאָספּאָדין פריקאַשטשיק" ווערט עפּעס נײַסן מיט טענות, וועלכע לאָזן זיך אויס צו דעם בעל־הביתס קעשענע. און עס איז איצט אָסיען־צײַט און די משולחים זענען שוין באַשעפטיקט אין די וועלדער.

גייט אין די שליחות קלמן דער באָבע שרהס.

נאָך שבת, גייענדיק פון שול, האָט ברוך דער געלער — אַ הויפּט־משולח — אָנגעזאָגט קלמנען, ער זאָל נאָך הבדלה אַרײַנקומען. קלמן האָט געמיינט, אַז דאָס וועט מסתמא זײַן אַ גאַנג עפּעס דאָ נאָענט אויף אַ פּריסטאַן, נו, וועט ער כאַפּן מאָרגן עפּעס אַ האַלב קערבל. נאָר אַז שבת צו נאַכטס איז קלמן כאָדאָק געקומען צו ברוכן און יענער האָט אים געזאָגט, אַז מען דאַרף זען „אַרויסטרײַבן" אַרבעטער, איז

קלמן געוואָרן אויף אַן אמת פריילעך. דאָס איז אַ וויאָרסט אַכציק־ביינציק, דאָס איז אַ שליחות אויף אַ גאַנצער וואָך; און ברוך דער געלער איז אַ גאַנץ גוטער, האָט ליב זיך און ליב יענעם, ער וועט ניט טאָן קיין עולה אַן אָרעמאַן, בפרט מיט דעם בעל־הביתס געלט. ער, קלמן, וועט כאַפּן אַ דרייערל, און אפשר פיר...

ברוך דער געלער האָט אים געהייסן אָנגיסן זיך אַ גלאָז טיי, געגעבן אים אַ בריוול צו דעם ייִדן אין וואָלאָסט, אויסגעציילט אים די עטלעכע הונדערט קערבלעך וואָס מען באַדאַרף שיקן, אָנגעזאָגט אים ער זאָל גוט באַהאַלטן דאָס געלט, און האָט אים פאַרזאָגט, דאָס ער זאָל מאָרגן גאַנץ פרי אַוועקגיין.

— דינסטאָג, פאַרשטייסטו מיך, קלמן, איז פּאָקראָווע — וועסטו אַלעמען דערוויסן אין דאָרף, זע־זשע!

— זייט רואיק, רבי אַהרן, — ענטפערט קלמן — איך רעכן נאָך אויף שבת צוריק, אויב גאָט וועט שענקען געזונט.

און גאָט האָט געשענקט געזונט און קלמן איז דינסטאָג פאַר נאַכט געקומען אין דאָרף אַריין. ביי דעם אַרענדאַר איז קלמן געווען אַן אורח הגון; מען האָט פאַר אים געגרייט צום טיש, אַפילו אַ ביסל בראָנפן אויף קודם־המעשה. פאַר דער נאַכט האָט ער זיך אין וואָלאָסט אָפּגעפטרט; דער שרייבער מיט דעם סטאַרשינאַ האָבן גענומען, ווי דער סדר איז, דאָס געלט, אי וואָס עס קומט זיי, אי פאַר די אַרבעטער, און קלמן האָט צוגענומען די פּאַפּירן, ווי עס באַדאַרף צו זיין. קלמן האָט זיך פיין אויסגעשלאָפן ביי דעם קרעטשמער, אויפגעשטאַנען פאַר טאָג, אָפּגעטרונקען מיט דעם בעל־הבית טיי, דורכגערעדט זיך וועגן היינטיקע יאָרן, אַ דאַוון געטאָן, גענומען אַ קליין שנעפּסעלע, פאַרביסן מיט אַ שטיקל גאָמלקע, און געלאָזן זיך אין וועג צוריק אַהיים.

מיטוואָך און דאָנערשטאָג איז ער געגאַנגען געשמאַק. קיין פּעקל טראָגט ער מיט זיך ניט. קלמן פלעגט אַפילו קיין טלית־ותפילין אויך מיט זיך ניט נעמען. אויף דערויף איז דאָך דאָ קרעטשמעס. מען קומט אַריין און מען בעט אָפּדאַוונען, — ווער וועט דיר זשאַלעווען? מען גיט

דאַוונען און נאָך אָפּעסן אויך. אַ כאַדאָק איז דאָך בכלל אַן אָרעמאַן; דערצו פאָדערט דאָס געשעפט, אַז מען דאַרף זיך ווײַזן ניט ווי אַ כאַדאָק, וועלכער גייט אין אַ שליחות, נאָר גלאַט ווי אַ געווייטלעכער אָרעמאַן, וואָס וואַנדערט איבער דער וועלט. אַ כאַדאָק טראָגט שטענדיק היפּשע סומעס געלט און עס קען שאַדן אַ בייז אויג חלילה... און קלמנען קאָסט דער וועג קיינע הוצאות, און עסן אין דער היים פאַר־שפּאָרט ער אויך; אין זײַן קליינער, אָרעמער בעלי־בתּישקייט איז דאָס אַ גרויסע רעכענונג.

קלמן גייט, און דער רעגן גייט אויך. נאָר קלמנען אַרט דער רעגן גאָרניט. אַדרבה, ער טוט אים נאָך הנאה. ערשטנס, אַז גאָט גיט רעגן, מסתּמא ווייס ער וואָס ער טוט; געוויס באַדאַרף מען עס זאָל זײַן אַ נאַסער אָסיען. צווייטנס, אַז עס רעגנט, מעגט איר אַרײַנ־גיין אין יעדער קרעטשמע, אַפילו צו דער רשעת צו דער אַלמנה, וועלכע האָט אַלץ אייביק מורא, טאָמער וועט מען זי הרגענען; אַפילו אַ גוי וועט אויך אין אַ רעגן אַרײַנלאָזן, ניט אָפּזאָגן, און געבן געבאַקטע קאַרטאָפל צי וואָס עס איז. דריטנס, — דריטנס האָט זיך קלמן גע־טראַכט און גערעדט פאַר זיך:

— „די שליחות האָב איך אויסגעפירט אויפן בעסטן שטייגער. און אויף דרויסן איז אַזאַ וועטער, אַז מען ווערט פיטש־נאַס, — הײַנט וואָס איז פאַר אַן עולה אַז איר, רבי ברוך, וועט מיר געבן מער מיט אַ קערבל פאַר דער שליחות?“

ברוך דער געלער וועט פון אים לאַכן און זאָגן, אַז ער, קלמן, וויל גיך רײַך ווערן. דער זאַטער פאַרשטייט ניט דעם הונגעריקן; גרויסע נגידות קען מען אָנקלײַבן, אַז מען נעמט שוין נאָך אַ קערבל!... ער, ברוך, באַקומט זיך זײַנע פינף און צוואַנציק קערבלעך מדי חודש בחדשו, אויסער דאָס, יענץ, טאָיע סיאָיע: אַז מען רײַבט זיך אַרום אַ פעטן טאָפּ! גאָר אַ קלייניקייט יעדן ראש־חודש־קום און נעם זיך פינף און צוואַנציק רובל זילבער! אָ, אַז ער וואָלט באַקומען אַלע חודש פינף און צוואַנציק רובל, וואָלט ער נישקשה וויסן וואָס צו טאָן!..

און קלמן גייט געשמאַק און האָט זיך פאַרקלערט וואָס ער וואָלט טאָן, ווען ער באַקומט אַזוי פיל יעדן חודש. ערשטנס וואָלט ער יאָשקען אָפּגענומען פון תלמוד-תורה; דאָס איז גאָר אַ ברכה לבטלה אָט די תלמוד-תורה. ער וואָלט אים אַוועקגעבן צו אַ רבין, ניט געזשאַלעוועט, צו גדליה דעם מלמד. „רבי גדליה, אַז איך באַצאָל גלײַך מיט שיינע די דײַטשקע, הײַנט וואָס אַרט אײַך"? יאָשקע איז ווי עס ווײַזט אויס אַ ווילער שייגעץ, אַ גוט קעפּל. דאָ הײַנטיקן שבת-צונאַכט, דאַוון איך מעריב און זאָג מיר אין קריאת-שמע „ובלכתך בדרך בשכבך ובקומך" — ווי דער לשון גייט. זאָגט יאָשקע: „טאַטע, אין סידור שטייט בַּדרך, ניט בַּדרך", — אַ גוטער שייגעץ, ווערט אם-ירצה-השם זײַן אַ כלי!...

— זע, אָט איז פּיזעניץ — האָט קלמן געזאָגט צו זיך. — נעכטיקט מען אַפּנים בײַ בערל פּיזעניצער.

קלמנען דער באָבע שרהס האָט ניט שטאַרק געשמעקט, אַז ער האָט דערוויסט אין קרעטשמע קוליע דעם נגיד. גוט נאָך, האָט ער זיך געטראַכט, וואָס ברוך דער געלער איז ניט זײַנער, קוליעס, אַ משולח, און די שליחות איז ניט אין זײַנע געשעפטן. דער נגיד הייבט אָן פונאַנדערצופרעגן: וואָס = ווער = ווּעמען און מען קאָן זיך נאָך עפּעס אויסרעדן. עפּעס באַזונדערס זענען די משולחים ניט צופרידן, ווען נאַש-בראַט, מיר פּראָסטע מענטשן, פירן מחזקות מיט אַ בעל-הבית. נאָר קוליע נגיד איז ברוך דעם געלן גאָרניט. דאָך איז עפּעס ניט גוט פאַר אַזוי אַ יידן ווי קלמן כאָדאָק, ווען אין קרעטשמע איז אַ נגיד. מען קאָן מיט בערל פּיזעניצער זיך ניט דורכרעדן ווי עס באַדאַרף צו זײַן, אויסרעדן זיך ווי מענטשן גלײַך, ווען דער נגיד זיצט דערבײַ.

נאָר קוליען איז אַזוי געווען שלעכט אויפן האַרצן, ער איז אַזוי געווען אין כעס אויפן רעגן און וואָס ער דאַרף דאָ בלײַבן נעכטיקן, דאָס ער האָט אַפילו אין קלמנס זײַט ניט אַ קוק געטאָן. קלמן האָט זיך אויסגעטאָן דעם כאַלאַט פון סאָלדאַטסקע געוואַנט און האָט אים אויפגעהאַנגען איבערן אויוון. ער איז געווען שווער פון וואַסער.

די היטל זײַנע האָט קלמן גוט אָפּגעשלאָגן אָן בענקל, ווי מען שלאָגט הושענות, און האָט זי צוריק אָנגעטאָן: מען גייט דאָך ניט אָן אַ היטל. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צו מעריב.

— אַזוי שפּעט מעריב, קלמן? — האָט בערל געזאָגט.

— מעריב איז דאָך ניט קיין באַשעפעניש, וואָס קאָן אַנטלויפן — ענטפערט קלמן — מנחה מוז מען דאַווענען אין וועג, אָבער מעריב האָט דאָך צײַט.

נאָך מעריב איז ער אַריבער אין דער צווייטער העלפט קרעטשמע. דאָרטן איז געווען בערל, געפּאָרעט זיך אַרום „דאָס שטיקל" וואָס מען האָט געקוילעט. קלמן האָט געזאָגט מבינות בערלען וויפל עס וועט וועגן דער פרײַדיק, געגעבן אַן עצה צו פאַרקויפן דעם חלב ניט דעם חסידישן שוחט, נאָר הירשלען, וועלכער האַנדלט מיט חלב און אויך מיט פעל, דורכגעשמועסט זיך עפּעס מכּח דער וועלט און עס איז געבליבן, מען זאָל דאָ, אין דער העלפט, עסן וועטשערע: דאָרטן איז קוליע. מען האָט געגרייט צום טיש, געלייגט אַ „טאַראַנקע" אַ אָפּגעקאָכט געזאַלצן פישל, דערנאָך האָט מען אָפּגעבראָטן דעם לעבער פון דער בהמה און מען האָט אויך דערלאַנגט. מען האָט געבענטשט.

— איצט דאַרף מען גיין אויסרוען — זאָגט קלמן,— און איז אַריבער אין דער צווייטער העלפט.

— מען קאָן אפשר, רבי קוליע, נעמען אַ גלעזל וואַרעמס פון אײַער סאַמאָוואַר? פרעגט קלמן.

— נעם, קאָנסט זיך צונעמען דעם גאַנצן סאַמאָוואַר.

און קלמן איז פון די ייִדן וואָס לאָזן זיך ניט בעטן. האָט ער זיך גענומען פאַר דעם סאַמאָוואַר האָט ער אים געצויגן און געצויגן. צוקער פאַרשטייט איר מיך, שטייט אַ גאַנצע בליודקע, און מײַן קלמן שוויצט אויף דעם סאַמאָוואַר, און האָט אים אויסגעדרייט ווי אַ נאַס טיכל.

— איצט דאַרף מען אָפּרוען — זאָגט קלמן — אַ דאַנק, רבי קוליע!

און קלמן איז אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון. ער איז געקראָכן פאַרזיכטיק, ער זאָל ניט איבערקערן די מולטער מיטן פאַרקנאָטענעם געבעק, וואָס שטייט אויף דער לעזשאַנקע, כּדי עס זאָל אויפגיין. דאָרטן

אויפן אויוון האָט זיך קלמן געמאַכט באַקוועם, ווי אַ בעל־הבית. ער האָט זיך אויסגעטאָן, אַלץ אויפגעהאַנגען עס זאָל זיך אויסטריקענען און האָט זיך געלייגט שלאָפן. און אויפן אויוון שלאָפן איז אַ חיות. עס וואַרעמען זיך דורך ממש אַלע גלידער. וואַנצן און פליי איז דאָרטן ניטאָ, נאָר פּרוסן און טאַראַקאַנעס זענען דאָרטן, אַז נאָר שוואַרץ פון זיי די וואַנט. נאָר קלמנען אַרט דאָס גאָר ניט. ער שלאָפט גע־שמאַק. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט פאַר טאָג, אַז קוליע דער נגיד האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער טיר בעת ער איז אַוועקגעפאָרן. דאַן האָט זיך קלמן אויסגעצויגן, געזאָגט „מודה אַני“ און זיך גענומען הייבן פון נאַכטלעגער.

דורך די פענצטער האָט ער געזען, אַז עס איז שוין טאָג און דאָס דער רעגן האָט אויפגעהערט. — זייער גוט! ער איז אַראָפּגעקראָכן פון אויוון, צונויפגעקליבן זײַנע זאַכן — אַלץ איז טרוקן ווי ביין, טרוקן און וואַרעם. עס איז אַ מחיה אָנצוטאָן! ער האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, און האָט גענומען שלעפּן אויף זיך דעם שווערן סאָלדאַטסקן שינעל.

— קלמן, — האָט אים אָנגערופן בערל — און דאַווענען?

— ניין רבי בערל. עס איז ערב־שבת, מען דאַרף גיין. ביזן דאַווענען וועל איך אײַנגיין אַ וויאָרסט צען. אַ גוטן טאָג, רבי בערל, אַ יישר־כּח אײַך! וואָס זאָל איך זאָגן מאַריאַשען, אַז איך וועל זי באַגעגענען?

— זאָג, אַז אַ בייקעלע.

און קלמן איז אַוועק, און רעדט פאַר זיך:

— אַן אמתע אַ גוטע קרעטשמע איז פּיזעניץ! און מיר האָט נאָך אָפּגעגאָלטן. דער לעבער איז דאָך געווען גאָר אַן אַנטיק. נו־נו, האָב איך זיך דאָס נעכטן אָנגעפּײַקלט מיט טיי: איך טרינק, און דער סאַמאָוואַר גיט נאָך; איך צי, — און ער, דער געלער, זײַט זיך. אײַ פּיזעניץ, נו פּיזעניץ!

אַ פערטל שעה פאַר ליכט-בענטשן איז קלמן געקומען אַהיים. דער־אויוון איז לאַנג פאַרחתמעט, און דאָס ווײַב האָט שוין אים אָפּגעוואַרט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים:

— דו ביסט אַוודאי אין גאַנצן נאַס, קלמן?

— דווקא — ענטפערט קלמן — ניט געטראָפן. איך האָב גע־נעבכטיקט אין פּיזעניץ און אַלץ אויסגעטריקנט. אײַ פּיזעניץ, אַ טײַערע קרעטשמע פּיזעניץ! — האָט קלמן געזאָגט און געמאַכט מיטן קאָפּ.

אַ געוויינטלעכער פרימאָרגן

— און ווי מײַן שטייגער איז איידער איך זעץ זיך שרײַבן, עפן איך אויף מײַך תּנכל, וועלכער ליגט שטענדיק פאַר מײַנע אויגן אויפן שרײַב-טיש, און עס עפנט זיך אויף די אומעטיקע פסוקים אין שופטים קאַפּיטל ו: והיה, און עס פלעגט זײַן, אם זרע ישראל, אַז ייִדן פלעגן עפּעס פאַרזייען, ועלה מדין ועמלק ובני קדם, פלעגן זיך יאָוועֶן עפּעס שדים פון אַלע כּל המינים און פלעגן צוראַבעווען, ולא ישאירו מחיה בישראל, און ייִדן פלעגן נעבעך בלײַבן אָן אַ שום שטיקל מחיה, וידל ישראל מאד, און ייִדן זײַנען נעבעך פאַראָרעמט געוואָרן. — אָט אַזוי דערציילט אונדז דער פסוק.

נאָר צו וואָס דאַרף איך אָפּעפענען דעם תּנכל, אַז עס עפנט זיך אָפּ יעדע מינוט די טיר. צו וואָס דאַרף איך זוכן פסוקים, אַלטע פסוקים, אַז עס לאָזן ניט רוען לעבעדיקע פסוקים, לעבעדיקע, מישטיינס אַפּילו געזאָגט, מענטשן, אויף וועלכע איר זעט אָט די אייגענע קאַר־טינע, וועלכע באַשרײַבט זיך אין תּנך.

ולא ישאירו מחיה בישראל, — בײַ ייִדן איז גאָר קיין פּרנסות ניט געבליבן, ייִדן האָבן נעבעך ניט פון וואָס צו לעבן; וידל ישראל מאד— גאַנץ פאָלק ישראל נעבעך איז געוואָרן אַ קבצן...

עס איז ערשט נײַן אַזייגער פרי, און מען קלינגט שוין אין טיר. זײַט רויִק, דאָס טראָגט מען אײַך ניט קיין געלט. עס איז געקומען

אַ משולח פון אַ ישיבה. ער קומט אַרײַן מיט ברייטקייט, וואָרעם אייגנטלעך בעט ער בײַ מיר גאָרניט קיין געלט, נאָר ער האָט אָפּגעבראַכט אַ קבלה אויף דער סומע, וועלכע איך האָב אים, דאָס הייסט דער ישיבה, געגעבן דעם פאָריקן יאָר. ער קומט אַרײַן מיט ברייטקייט, וואָרעם ער פאַרשטייט גאַנץ גוט, דאָס ווען ער זאָל גיין פון דער הינטערטיר, וועט ער באַקומען אַ קליינע נדבה.

דער משולח גיט מיר אָפּ די קוויטונג, און הייבט אָן:

— איר מוזט — זאָגט ער — הײַנטיקס יאָר עפּעס מוסיף זײַן.

— וואָס? — שרײַ איך אויס, וואָרעם איך רעכן הײַנטיקס יאָר, אומגעקערט, גאָרניט געבן. עס קאָן זיך ניט, לא עליכם: שווערע יאָרן...

— איר מוזט — טענהט דער משולח — יינגלעך אין דער ישיבה קומען צו און דער עולם ווערט אָרעמער. אָט בריסק און באָברויסק קאָנען שוין ניט געבן, זייער אַ סך אייגענע אָרעמעלײַט, נשרפים רחמנא ליצלן. — יאָ — זאָגט דער משולח ווײַטער — איך האָב זיך טאַקע מיט אײַך געוואָלט דורכריידן.

ער זעצט זיך אַוועק. ניכּר, אַז ער קלײַבט זיך צו צו ריידן באַריכות.

און איך דערשרעק זיך נאָך מער: דער ייִד וועט בײַ מיר צו־נעמען אויך דאָס ביסעלע צײַט וואָס איך האָב פרײַ. איך גיב אים דאָס געלט מיט דעם עליכם־שלום, אַבי פטור צו ווערן.

און בשעת־מעשה טענהט דאָרטן מײַן ווײַב אין קיך מיט אַ ייִדענע.

— מאַדאַם — בעט זיך די ייִדענע — איר מעגט מיר אויסהעלפן באַטש אויף אַ האַלבן פודיק אײַזן. קיין אייגענע קוזניצע האָבן מיר אַפילו ניט, נאָר דער שכן האָט מבטיח געווען לאָזן דעם מאַן מײַנעם אַרבעטן הײַנטיקן טאָג; איך וועל אים ברענגען אײַזן, וועט ער עפּעס אויסאַרבעטן, וועט זײַן פאַר די קינדער וואָס צו עסן. איך וואָלט אפשר אין מאַרק עפּעס פאַרדינען, נאָר מיט ליידיקע הענט איז ניט צו מאַכן. טוט אַ טובה, האָט רחמנות...

און מען קלינגט ווײַטער. אַן עלטערער ייִד, אַ הויכער, מיט אַ שיינער באָרד, אין אַווינטערדיקער היטל, נאָר אין אַ קאַלטן אויבער־מאַנטל. עס ווײַזט אויס אַן איידעלער ייִד. אין אַ טיכל איז עפּעס אַ פּעקעלע ספרים אײַנגעבונדן. עס ווילט זיך זײַן האַרט, גראָב; נאָר אַ פּעולה: זײַט אַ גראָבער יונג, אַז פּאַר אײַערע אויגן שטייט אַ בּכבודיקער ייִד מיט אַן איידעלן פּנים, מיט קלוגע און דערצו נאָך עלנטע אויגן.

איך גיב אים שלום, נאָר דאָך מאַך איך אַ צורה פון אַ פראַגע־צייכן.

— פּאַר עטלעכע יאָרן — דערציילט מיר דער ייִד — זײַט איר געווען אַ פּרענומעראַנט אויף מײַן חיבור, וועלכער איז דאַן געווען נאָך בּכתב־יד, איר האָט דאַן אַן אויפגאָב געגעבן. הײַנט האָב איך אײַך דעם חיבור געבראַכט.

און איך פאַרשטיי, אַז דאָס וועט קאָסטן געלט, און געלט איז אַן עבירה. זיי זענען טאַקע כּמעט ווי ניטאָ...

און דער חיבור איז אויף ש״ס און מדרשים. איר דאַרפט אים?...

איר פּרובירט זיך רוקן מיט אַ קלייניקייט, מיט גריוועניקלעך. זיצן בעט איר שוין דעם ייִדן ניט, כאָטש איר ווייסט, אַז דאָ שטייט פאַר אײַערע אויגן אַ מענטש, וועלכער האָט געלערנט און געגעבן עטוואָס... אײַך קוועטשט בײַם האַרצן, נאָר עס איז ניט צו מאַכן. די קעשענע קוועטשט אויך אָבער...

און פון קיך איז קולי־קולות: די דינסט קריגט זיך מיט אַ ייִדענע און דאָס ווײַב לויפט שוין אַהין.

און דער מחבר טענהט מיט מיר. איך וויל געבן עפּעס געלט, נאָר דעם חיבור — זאָג איך — דאַרף איך ניט. און דער ייִד וויל דווקא, איך זאָל דעם ספר האָבן בײַ זיך אין ספרים־שאַפע.

— אָט, איר האָט אפשר צײַט, וואָלט איר זען אָט דאָ אין תענית, אין מסכת תענית; איך האָב געזאָגט גאָר אַ גוט וואָרט, אַפילו רבי הלל אַמטשיסלעווער זכר צדיק לברכה געפעלן.

און איך פאַרשטיי, אַז אַזאַ ייִד מיט אַזוינע פּרנסות באַדאַרף זײַן אין מסכת תענית אַ גרויסער בריה: ער מוז אָפּט פאַסטן תעניתים...

— איז וואָס זאָל איך טאָן, — רעדט די ייִדענע אין קיך מיט ביטערע טרערן — אַז מײַן שלימזל איז אַזאַ. „אים“ גיט נאָך „לינת הצדק“ עטלעכע גלעזער מילך אַ טאָג; די דאָקטוירים האָבן אים צו־געשריבן, כּדי דאָס בלוט זאָל אַ ביסל אויפהערן; אָבער וואָס זאָל איך טאָן מיט די קינדער? דער עלטערער גייט אין תּלמוד־תּורה, גיט מען אים דאָרטן איין מאָל טעגלעך עסן. נאָר ווי קאָן איך לאָזן אין אַזעטיקע ביטערע קעלטן אַ נײַן־יאָריקן ייִנגל כּמעט ווי אַ בלויז־נאַקעטן?

מען זוכט אויס עפּעס קינדערשע קליידער, וועלכע וועלן זייער קליינע נוצן ברענגען דעם אָרעמען ייִנגעלע. געבן נאָך דערצו איז אוממעגלעך. און די ביטערע ייִדענע גייט אַוועק, און אַהיים ברויט די קינדער טראָגט זי ניט.

עס רײַסט בײַם האַרצן.

עס איז נאָך אַ גליק, וואָס אַ סך טראַכטן, אַרײַנלאָזן זיך אין טיפע מחשבות קאָנט איר ניט. מען קלינגט ווידער.

עס גייען אַרײַן צוויי יונגעלײַט, ביידע ניט באַקאַנטע, נאָר אײַך גריסן זיי מיט דעם נאָמען: אַ סימן אַז אײַך קאָנען זיי יאָ, און אויך איר האָט זיי אַפּנים געקאָנט, נאָר געמוזט פאַרגעסן. איינער איז אַ הויכער מיט גרויסע איברים, מיט אַ געזונטער נאָז אויף דעם דאַרן פּנים. דער צווייטער עפּעס אַ שוואַרצינקער, אַ נידעריקער, מיטברילן אויף די אויגן, שמוציקע ברילן אויף קליינע אויגעלעך. געקליידט ניט מוראדיק. אָדער דאָס זענען יונגע בעלי־מלאָכות, וועלכע זענען שוין אַ ביסעלע געבילדעט, אָדער דאָס זענען פון די לאָמאָנאָסאָווס, פון די ישיבה־בחורים, וועלכע לערנען זיך און טראַכטן וועגן עפּעס בעסערס און גרעסערס ווי מלמדות און אפילו רבנות.

איר זעט, אַז דאָס זענען גבאים.

זיי הויבן אָן רוסיש ריידן, כאָטש ניט גאָר מהודרדיק.

— מיר מוזן האָבן אַ רעכטע נדבה. אײַך קאָנען מיר זאָגן אויף וואָס אפילו און כאָטש דאָס איז דאָך אַ כּבוד, וואָס מען וויל מיר.

פאַרטרויען דעם סוד, דאָך באַדאַנק איך זיי פאַר דעם כבוד. ערשטנס פאַרשטיי איך, אַז דער כבוד וועט מיך קאָסטן געלט און אַזוי ווי איך האָב אײַך געזאָגט, איז געלט אַן עבירה; צווייטנס, איז בײַ מיר זייער טײַער די צײַט, און איך ווייס, אַז די פאַר יונגעלײַט וועלן מיך אָפּהאַלטן דרײַ זייגערנע שעה; דריטנס, וועל איך אײַך זאָגן דעם אמת, אַז בײַ מיר אין האַרצן איז שוין געוואָרן פאַר דעם פרימאָרגן אַ לאָך און שלאָגן אַהינצו נאָך טשוועקעס בין איך גאָרניט מחויב.

דערצו איז טאַקע פאַראַן גאָט צו דאַנקען אַ נײַער עסק.

פון קיך־טיר זענען געקומען אויף אַ דין־תּורה, כּלומרשט אויף אַ דין־תּורה, וואָלפּקע דעם סטאָלערס אַלמנה מיט איר אייגענעם בן־יחיד, מיט איר יאָשקען.

וואָלפּקע איז געווען אַ סטאָלער, אַ גוטער סטאָלער. ער האָט געוואַקסן ניט מיאוס, פון גאַנץ פײַנע בעלי־בתּים, עפּעס אַפילו כּמעט ווי אַ שטיקל שײַכות מיט מײַן ווײַבס קרובימס צד. אַקוראַט ווי דער יחוס איז קאָן איך אײַך ניט דערציילן. ראשית ווייס איך ניט פּונקט דעם סדר־היחוס, והשנית – מאַלע וואָס עס מאַכט זיך: מען וועט ווען־ניט־ווען ריידן מיר אַ שידוך מיט אײַך אָדער מיר וועלן זיך אַזוי מיט אײַך צעאַמפּערן, וועט איר מיר אויפוואַרפן דעם סטאָלער אין דער משפּחה.

וואָלפּקע איז געווען אַ גוטער בעל־מלאָכה, נאָר אַ האַלב שטומער. ער פלעגט ריידן עפּעס ווערטער, נאָר ניט אַלע פלעגן פאַרשטיין. איז געווען דער שטייגער זײַנער, אַז מלאָכה פלעגט ער נעמען צוזאַמען מיט זײַן זון, מיט יאָשקען. יאָשקע האָט גוט פאַרשטאַנען זײַן פאָטערס לשון און פלעגט קאָנען אים איבערגעבן וואָס יענער זאָגט. אָן יאָשקען איז וואָלפּקע געווען עפּעס אַ חצי־זכר, אַ צעבראָכענע כּלי. נאָר דאָך איז געווען די קאָפּ אין שטוב וואָלפּקע, דער טאַטע. הײַנט פאַר וואָס, פרעג איך אײַך, זאָל וואָלפּקע ניט קריגן אַ נירן־קראַנקייט, און פאַר וואָס זאָל ער טאַקע ניט שטאַרבן? איז ער טאַקע געשטאָרבן. איז געבליבן יאָשקע אַליין.

און ווי די מאָדע איז, האָט יאָשקע נאָך מיט אַ יאָר פריִער איידער דער פאָטער איז געשטאָרבן, חתונה געהאַט. יאָשקע איז דאָך אַ בן-יחיד, פאַר דעם פריזיוו האָט ער קיין מורא ניט געהאַט, האָט ער געטאָן אַ גאַנץ גוטן שידוך, מיט דעם אויבער-שמש פון קליינעם גע-מויערטן בית-המדרש. מען האָט אים אַפילו פינף און זיבעציק רובל נדן אויך צוגעזאָגט, און דער שמש האָט זיך אָנגעטאָן אַ כח און פופציק רובל טאַקע געלייגט במזומן און אויף אַ פינפאונצוואַנציקער האָט ער געגעבן אַ וועקסל, געיאַוועט בײַ דעם נאָטאַריוס. אַנדערש האָט וואָלפקע דער שטומער ניט געוואָלט. קעסט האָט וואָלפינקע גענומען צו זיך אפשר אויף אייביק: אַ בן-יחיד, מיט וועמען וועט ער זיך דאָ טיילן?

נאָר איצטער איז צרות. פריִער האָבן געהאָרעוועט צוויי מענטשן, דער טאַטע און דער זון, — איז ווי עס איז געווען אויף דער הוצאה; אָבער הײַנט, אַז יאָשקע אַליין דאַרף האָרעווען, איז טאַקע ענגלעך שטאַרק אין סטאָן: איין אַרבעטער איז דאָך ניט צוויי. דערצו יאָשקעס ווײַב וויל דאָך אויך עסן, בפרט אַז זי איז אַ זויגערין; אַן עופעלע אין שטוב קאָסט אויך עפּעס, — ניט קיין סך, דאָך קאָסט דאָס. די מאַמע וויינט נאָך אונטער, קלאָגט אויף דעם שטומען, וועלכער האָט איר זאַלץ און ברויט געגעבן; מיט דער שנור איז בײַ דער שוויגער עפּעס אויך אָפּטער קריג; די שנור זאָגט, אַז איר מאַן האָרעוועט, — לאָז די שוויגער גיין עפּעס פאַרדינען.

און יאָשקע מיט דער מוטער זענען געקומען אויף אַ דין-תורה אויסריידן זיך. נאָר זײַט רויִק, קיין פּרנסה וועט דערפון ניט זײַן, און עס וועט זיך אויסלאָזן, אַז מען וועט דערווײַל דאַרפן לײַען עפּעס אַ קערבל, אָדער דער אַלמנה אָדער יאָשקען.

און אַזוי ווי איר טראַכט דאָ, הערט איר קולות מיט האַרטע עברי, פון וועלכע עס שנײַדט אײַך, עס רײַסט אײַך דעם אויער. דאָס שרײַט, אָדער דאָס רעדט אַזוי, שרהקעלע, וועלכע שרײַט אַלע מאָל מיט אַ האַרטן מאַנצבילשן קול, אַז קיין נדבה בעט זי ניט און זי נעמט ניט, נאָר מען זאָל איר געבן צו לייזן פאַר שוועבעלעך אָדער פאַר וואַקסע.

און זי קומט זעלטן — אַ מאָל זיבן אַ וואָך — און שרײַט נאָך אויף די טרעפּ, און דערציילט אײַך מעשיות מיט פּריצים; און אַלט איז זי, אָט די שרהקע, עפּעס אַ יאָר הונדערט, און אירע מעשיות זענען נאָך עלטער פאַר איר; און זי מיט אירע גלײַכווערטלעך מיט די ווינטשעוואַניעס אירע האָבן אײַך דערעסן ווי זעקס ביטערע ציבעלעס; און בײַ אײַך ליגן נאָך נעכטיקע אירע שוועבעלעך, און פון אירע קעסטעלעך מיט שוואַקס קאָנט איר מאַכן אַ קראָם, — און זי שרײַט הויך און רעדט צו אײַך מיט אַ קול פון אַ וואַסער־אָקס, און איר טראַכט זיך:

— ווי, רבונו של עולם, ווערט מען אויסגעלייזט אָט פון דער צרה?

מיט אַ מאָל — אַ ריס דער גלעקל...

ווער ווײַטער?

ניט קיין מענטש, נאָר אַ האַנט שטעקט זיך אַרײַן און מען גיט מיר עפּעס. מען האָט געבראַכט די פּאָטשט: אַ פּאַק צײַטונגען.

ווייניק אײַך היגע צרות מיט יסורים, — נאָט אײַך צײַטונגען און גייט לייענען בשורות טובות ישועות ונחמות פון די איבעריקע שטעט. יידישע צײַטונגען זענען פול נאָר מיט בשורות. ניט אמת, וואָס?...

ווי ליפע דער פּאַקן־טרעגער האָט געכאַפּט אַ קאָזאַק און איז געפאָרן רײַטנדיק אום שבת

עס איז אַ גרויסע מחלוקת, ווער איז דאָס שולדיק אין הײַנטיקע צרות: צי די קאָזאַקן מיט זייערע נאַגײַקעס און די דראַגונער זייערע חברים, אָדער די בחורים מיט די מיידלעך וואָס דרייען זיך אַרום שטענדיק אין די גאַסן, גייען אַרום פּוסט־און־פּאַס און טענהן נאָך צו דער וועלט: מיר הונגערן, ניטאָ קיין אַרבעט.

— ווער איז שולדיק?

האָט ליפע דער פּאַקן־טרעגער דערויף אַ תשובה.

און מיט ליפע דעם פּאַקן־טרעגער קאָנט איר זיך ניט שפּילן הײַנטיקע צײַטן. ער איז איינער פון די זעלטענע, וואָס איז זיך אויך איצט אַ תּקיף־ומתוקף, ווען דער קריזיס האָט כּמעט ניט אָנגערירט. דאָס הייסט, גערירט האָט אים יאָ, — איז דען פאַראַן אַ ייִד, וועלכן הײַנטיקע מכּות־מדינה האָבן ניט געטשעפּעט? — נאָר ליפען האָט זיך גע־טראָפן אַ שטיקל גליק, וואָס ער לאַכט זיך אויס פון דעם גאַנצן קריזיס. מיר וועלן עס אײַך שוין דערציילן.

ליפע דער פּאַקן־טרעגער איז שוין לאַנג אויס פּאַקן־טרעגער. שוין אַ יאָר פופצן־צוואַנציק, אַז ער האָט אויפגעהערט מאַכן חליפין מיט דעם רבס איידעם, אויסבײַטן אַן אַלטן „מגיני ארץ" אויף עפּעס אַ נײַע

שאלות־תשובה און כּדומה אַזעלכע בײַטערײַ און כאַפּן דערבײַ עטלעכע גריװעניקעס פּרנסה. דעם רבס אײדעם האָט שוין לאַנג געמאַכט אַ קראָם, אױפגעגעסן די קראָם, ניט באַצאָלט עטלעכע הונדערט רובל און איז געװאָרן אַ שד״ר, אַ קאָמי־װאָיאַזשאָר פון אַ ישיבה. ליפּע האָט זיך געװוּנען גענומען צו השכּלה־ספרים, צו דעם מסחר מיט די לשון־קודשדיקע ביכלעך; ער האָט געדענקט די אַלטע יאָרן, װען יונגעלײַט משׂכּילים האָבן זיך געיאָגט נאָך מאַפּוס אָדער אָדם הכּהנס ביכלעך אַקוראַט װי נאָך דעם „חתם סופר״ דער רב להבדיל. נאָר אױך דער מסחר איז אונטערגעגאַנגען. קײן ספרים קױפט מען ניט, נאָר מער ניט װי „תּושיה״ און װידער „תּושיה״, עפּעס אַלף־ביתן מיט צאַצקעס און פּאַר־שײדענע מעטאָדעס. ליפּע האָט זיך געמאַטערט, ניט געגלוסט האָט זיך אים האַנדלען מיט די נײַע מינים סחורה, נאָר דאָך געמוזט האַנדלען, און געטראַכט, שטאַרק געטראַכט, עפּעס װעגן אַנדערע פּרנסות, טאָמער איז מעגלעך.

עס איז געװאָרן אין דער בטלנישער, און אַפילו ניט אין דער בטלנישער װעלט גרױסע לאַנגע שמועסן װעגן ארץ־ישׂראל, װי מען קאָן גאָר מיט קלײנע געלט קױפן זיך אין ארץ־ישׂראל אַ נחלה, האָבן אַן אײגענעם װײַנגאָרטן. מלמדים װאָס האָבן געװוּסט דעם חשבון פון בית־כּור און פון דער משנה ערוגה, האָבן זיך מיט פלײַס גענומען פאַר די חשבונות און האָבן אױסגעפירט שװאַרץ אױף װײַס, מיט קלײנע ציפערן, װי אין אַ משך פון פיר און ניט מער װי פינף יאָר קאָן זיך יעדער ייִד װאָס װעט אַרײַנטראָגן 40 רובל יעדעס יאָר, באַקומען אַן אײגן הױז אין ארץ־ישׂראל, אַ שטיק לאַנד און אַן אײגענעם כּרם, װאָס אױף ייִדיש איז דאָס אַ װײַנגאָרטן, — ד״ה עטװאָס אַזעלכעס, װאָס עס האָט ניט בונימאָװיטש אין װילנע, ניט משה פּאָליאַק אין מינסק, ניט דער גובערנאַטאָר אין מאָהליװ און אַפילו ניט פּאָליאַקאָװ אין מאָסקװע! ליפּע דער פּאַקן־טרעגער האָט זיך באַטראַכט, דאָס אים מיט זײַנע שװאַכע, שטענדיק רױטע אױגן איז טאַקע שװער צו פּאַרקען זיך אין די ביכלעך מיט די קלײנע אותיות, אָבער אױף אַרבעטן אין װײַנ־גאָרטן איז ער װי אָנגעבאָרן, און ארץ־ישׂראל ברױך גאָרניט קײן

בעסערן עמיגראַנט ווי ער. לערנען קאָן ער, לשון־קודש קאָן ער ריידן, — וואָס ברויך מען נאָך? ליפע האָט זיך פאַרשריבן אין דער חברה, מיט מוראדיקע כּוחות אויף וועלכע נאָר אַ ייִד איז פעיִק, האָט ער געקראָגן די עטלעכע צענדלינג רובל און האָט באַקומען אַן אַקציע אויף אַ נחלה אין ארץ-ישראל.

פון דעמאָלט אָן איז ליפע געוואָרן נעבעך אַן אביון. מער ווי לוחות, הושענות, חנוכּה-ליכטלעך און מזוזות מיט ציצית האָט ער אין זײַן פעקל ניט געהאַט, און מיט די סחורות איז שווער צו האַנדלען, אויספירן פון זיי אַ הוצאה. זײַן גאַנצער נחת איז געווען די בריוולעך, וואָס ער פלעגט באַקומען פון דעם סעקרעטאַר פון דער „אַגודה" און וואָס פלעגן זיך אָנהייבן מיט דעם טיטל „חבר נכבד", — געערטער חבר; נאָר דאָס האָט זיך אין גיכן אויפגעהערט. מען האָט אים צוגעשיקט אַ מודעה, במחילה אַ פּאָוועסטקע, ער זאָל שיקן נאָך געלט, עפּעס ווידער עטלעכע צענדלינג רובל, וואָס ליפע אונדזערער האָט זיי פאַרשטייט זיך ניט געהאַט. ליפע האָט זיך צוגערוקט, מקרב געווען זיך צו די רײַכע חברים אין זײַן שטאָט, געשמועסט מיט זיי ווי מיט שותּפים, פאַרבראַכט די צײַט און געכאַפּט ווען עס איז אַ גמילות־חסד. ווי די מאָדע איז, קאָן מען אַ גמילות־חסד לײַען איין מאָל, צוויי מאָל, און צום דריטן גיט מען שוין גאָרניט, אָדער ער, דער גמילות-חסד, ווערט אַזוי קליין, ניט גרעסער ווי אַ געוויינטלעכע נדבה... צוריקאַרויפכאַפּן זיך אויף דעם ערשטן קאַפּיטאַל, אויף די עטלעכע צענדלינג רובל וואָס ליפע האָט אַוועקגעגעבן אויף דער „אַגודה", אויף זײַן אַקציע, איז שוין געווען פאַר ליפען אוממעגלעך. ליפע איז זיך געוואָרן אַ געוויינטלעכער בטלן, די אויגן זענען אים געוואָרן נאָך רויטער, נאָך שוואַכער; אויף זײַנע פּלייצעס איז שוין געלעגן אַ משׂא פון גוטע עטלעכע און פופציק יאָר; און כאָטש ער איז מוכן ומזומן אויף אַלע האָרעוואַניעס, נאָר כאָטש צורײַס זיך שונאי-ישראל — ניטאָ פון וואָס צו מאַכן שבת.

דאָך זענען פיל אָרעמעלײַט ליפען שטאַרק מקנא. עפּעס אַ שטיקל מעמד האָט ער דאָך, דער ליפע. ער רעכנט זיך אין אַ מנין פאַר־

אַ שמש. אמת טאַקע, דער מנין רופט זיך „שיר השירים“, אין גאַנצן איז ער ניט גרעסער פאַר דער קלײנער מגילה און דאָרטן איז קוים־קוים נאָר שבת אַ מנין, — דאָך איז דאָס אַ מנין, און ליפּע איז דאָרטן אָפיציעל דער שמש. ממילא ווען עס איז בײַ אײנעם פון די מנין־לײַט אַ ברית, אַ מזל־טוב אָדער אַ יאָרצײַט, איז שוין די הכנסה דערפון פאַר ליפּען. זאָגט זיך אײַך וואָס איר ווילט, נאָר חנוכּה און ערב יום־כּיפּור ווערט דערפון אַ מטבע, און אַפילו גלאַט ערב יום־טוב איז זיך עפּעס פרײלעכער, אַז איך האָב די ברירה אַרײַנגײן צו מײַנעם אַ בעל־הבית און נעמען עפּעס לכּבוד יום־טוב. אמת טאַקע, דאָס מנין־געשעפט, ווי אַלע געשעפטן ברוך־השם, איז געוואָרן בײַ ליפּען שטאַרק ערגער די לעצטע צײַטן. יונגעלײַט פוילן זיך אונטער גײן דאַוונען אויך שבת, און אַ ייִד קאָן אײַך אויסהאַלטן צוויי חדשים ניט עולה־לתּורה זײַן. נאָר דערויף איז דאָך פאַראַן אַ גאָט, און אונדזער ליפּע איז דאָך אַ בר־מזל: האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז דווקא איצט, אין די שלעכטע צײַטן, ווען בעלי־מלאָכות גײען אַרום אָן אַרבעט און אַפילו באַבריק דער דאַמסקער שנײַדער זיצט אָן אַ שטאָך מלאָכה, האָט ליפּע געכאַפּט אַ גליק, און נאָך וואָס פאַר אַ גליק!

דאָס איז געווען אָנהײב הײַנטיקן ווינטער. עס איז זיך געגאַנגען די סדרה לך־לך, און אויפן גאַס איז געוואָרן גוט קאַלט, טרוקענע פרעסטלעך. די סדרה איז אַפילו לך־לך, דאָס הײסט: גײ זיך, נאָר גראָד דעמאָלט זענען די באַנען ניט געגאַנגען; עפּעס איז מען דאָרטן ניט דורכגעקומען אין מלוכה־זאַכן. ליפּען האָט די גאַנצע מעשה ניט געאַרט: ניט ער באַדאַרף פאָרן ערגעץ, ניט ער וואַרט עמיצן. גײט די באַן — זאָל זי זיך גײן; ווען ניט — אויך אים אַ דאַגה: פּײַפט מען ווײניקער. אין מלוכה־זאַכן מישט זיך ליפּע ניט און צו קהל רופט מען אים ניט. נאָר עס איז געוואָרן קאַלט, און צוליב די באַנען וואָס שטײען איז געוואָרן אין שטאָט אַ יקרות אויף האָלץ, אויף קוילן, אויף קעראָסין. קײן זאַפּאַס פון די אַלע זאַכן איז בײַ ליפּען ניטאָ, קײן מאָל ניט געווען. דערצו האָט זיך דער זאַפּאַס פון געלט אויך אויסגענומען בײַ אונדזער גבירל. עס איז שוין דאָנערשטאָג — און ווען

שבת איז ניטאָ קיין שום אויסקוק, ניטאָ קיין מראה-מקום אויף אַ גמילות-חסד. צוויי-דריי קאַרבן אַ וואָך מוז ליפע האָבן אויף דער הוצאה. עס איז אפשר אַן עבירה זאָגן: מען מוז, נאָר ניט פאַר גאָט אויסגערעדט, אַז מען איז פּאָרט אַ געזינדעלע. הײַנט פרעג איך אײַך, זײַט אַ בריה און באַווײַזט: ווי פאַרדינט מען דאָס מדי שבוע בשבוע לאָז זײַן כאָטש אַ קאַרב?

נאָר אַ מענטש איז ניט קיין בריה, אָבער גאָט איז אַ גרויסער בריה.

אָס טאַקע יענעם דאָנערשטאָג, וואָס עס איז געווען כאָטש ניט מאַך אײַן קיין חלה אויף שבת, איז אָנגעקומען לייבע דעם בן-יחיד אַ דעפּעש, דאָס זײַן פאָטער איז אין אויסלאַנד געשטאָרבן. און לייבע דער בן-יחיד,— אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר גאָר ווײַט פון אַ צדיק, האָט אים דאָס אָנגעכאַפּט באַלד ווי אים איז אָנגעקומען די דעפּעש אַזאַ פרומקייט, אַזאַ מין יראַת-שמים, דאָס ניט נאָר זײַן אייגענע מוטער, נאָר אויך פרעמדע ווײַבער האָבן זיך מיט אים געבענטשט. לייבע דער בן-יחיד האָט באַוויזן, דאָס ניט אומזיסט האָט מען אים גערופן „בן-יחיד”, דאָס ער איינער אַליין קאָן באַשטיין פאַר עטלעכע זין. ער האָט געזאָגט קדיש ווי אַ גלאָק, הילכיק יעדעס וואָרט, און אָפּגעהיט די קדישים מער און פּינקטלעכער ווי אַ טערמין פון אַ וועקסל אין יענע צײַטן, ווען מען האָט פאַר אַ פראָטעסט מורא געהאַט. און די ערשטע נאַכט ווען לייבען איז אָנגעקומען די גוטע בשורה, דאָס ניטאָ קיין טאַטע און אַליין געוואָרן בעל-הבית אויף דאָס גאַנצע געלט, אויף די אַלע הײַזער און אויף די גאַנצע גבירהשאַפט, — אין דער ערשטער נאַכט האָט לייבע געהייסן באַשטעלן אַ מנין פון צען יידן, באַדינגען אים אויף דעם גאַנצן יאָר, אַפילו פאַרגעסן אויף דעם, אַז מער ווי עלף חדשים באַדאַרף מען קיין קדיש ניט זאָגן.

ליפע דער פאַקן-טרעגער איז געווען צווישן די מנין-לײַט, און אָט אַזוי איז ער מיט אַ מאָל געוואָרן פאַרזיכערט אויף אַ גאַנץ יאָר מיט אַ רובל אַ וואָך שכירות. אין דער לינקער פאה ניט געלעגן, דאָס אויך ער, ליפע דער פאַקן-טרעגער, וועט ווערן אַ יורש אויף דעם נגידס

אייגנס. נאָר גאָט האָט אַזוי געמאַכט און האָט געגעבן אַ דעה חיים דעם משרת אַ ידיעה צו געבן אויך ליפּען און נעמען אים צום מנין. אַוודאַי, אַוודאַי איז געווען דער שבת „חיי-שרה״ אַ גוטער שבת בײַ ליפּען. גאָר אַ קלייניקייט זײַן זיך בטוח כּמעט מיט אַ האַלבער הוצאה אויף אַ גאַנץ יאָר!

ניט גאָר געשמאַק איז געווען ליפּען מיט דעם שבתדיקן דאַווגען. עס איז אַפילו אַ גרויסער ענין, אָט דער מנין בײַ לייבע דעם נגידס זון, נאָר דאָך קאָן מען די שמשות אין זײַן מנין, אין „שיר-השירים״-בית-המדרש אויך ניט אויסשפּײַען. דער מנין בײַ דעם רײַכן יתום איז דאָך אַ מקרה-זאַך, נאָך אַ מאָל וועט דאָך משה דער נגיד קיין ירושה ניט לאָזן זײַן בן-יחיד, און דער מנין אין זײַן „שיר-השירים״ איז דאָך אַ שטענדיקער עסק, וואָס מען קאָן דאָך אויך ניט פאַרלאָזן אין סטוואָל, ניט קוקן דערויף. און ליפּע ווייס גאַנץ גוט, אַז דער בית-המדרש האַלט זיך כּמעט נאָר אויף אים, אויף זײַן ענערגיע. ער זאָל ניט זײַן שבת, — איין שבת דעם צווייטן, — קריכט זיך דער עולם פונאַנדער און עס ווערט נהרס אַן עסק אויף לעולם ועד. די עטלעכע בעלי-בתּים וועלן געוויס פאַריבל האָבן, ווען ער וועט ניט זײַן שבת צום דאַווגען, ניט אויפרופן, ניט מאַכן דעם מלא-רחמים ווען עס קומט. ער האָט דערום אויסגעפירט בײַ חיים דעם משרת, בהסכם פון דעם גביר אַליין, דאָס שבת-פרי איז אים, ליפּען, ערלויבט ניט קומען צום מנין, גיין זיך ווי שטענדיק אין זײַן בית-מדרשל פראַווען דאָרטן די שמשות.

און פראַווען שמשות איז הײַנטיקע צײַטן פאַראַן וואָס. אמת טאַקע, דאַוונער איז גאַנץ קנאַפּ, די גילדערנע פאַן פוילט זיך שטאַרק אונטער, עס קומען צום דאַוונען איבערהויפּט די אָרעמע. ליפּען אַרט דאָס ניט זייער, וואָרעם ווען די רײַכע גייען ניט איז אין בית-מדרשל ווייניקער אַרבעט; נישקשה, ווען ער קערט אויס די מיסט פון פאָדלאָגע אָדער ער טרײַבט אַראָפּ דעם שטויב פון די שטענדערס איין מאָל אין עטלעכע שבתים. פאַר זײַנע שוואַכע אויגן איז קערן און ראַמען דעם בית-המדרש ניט געזונט, בפרט אַז אונדזער ליפּע איז בכלל ניט קיין בריה אויף די ווײַבערשע מלאָכות. נאָר די נגידישע בעלי-

בתּים בייזערן זיך, הייסן האַלטן דעם מנין ריין, ציכטיק. די אָרע־מערע אָבער זענען קאָנטעט מיט עליות, און מער פאָדערן זיי ניט. נאָר די לעצטע צייטן דאַרף מען היטן דעם בית־המדרש פון אַ גאַנץ אַנדער עולם: בחורים עפּעס אַלערליי, בעלי־מלאָכות און פריקאַשטשי־קעס פון די קראָמען, אויך מיידלעך אין היט און אין טיכלעך, דרייען זיך רעדלעך אין די גאַסן און האָבן זיך געמאַכט אַ מאָדע פּלוצלונג קומען אין אַ שול אַריין און מאַכן דאָרטן מחזקות. זיי קומען אַריין, אָט דער נייער מין עולם, אַלע מיט אַ מאָל, ברענגען מיט זיך עפּעס אַ „זאָגער״, אַ דרשן, אַ כּמו־סטודענט, שטעלן אָפּ דאָס דאַווענען, דרשענען עפּעס, שרייען אויס „דאָלאָי!״, צעשיטן בלעטלעך מיט אַפּישקעס און צעגייען זיך... נאָך אַזעלכע מעשיות גייט די בעלי־בתּים ניט איין ניט די קריאַת התורה, ניט דער מוסף; אין מנין איז אַ טומל, הו־האַ, און אויף דער פּאָדלאָגע וואַלגערן זיך ניט נאָר אַפּישקעס, נאָר אויך שאָלעכץ פון סעמעטשקעס, אויך שטיקלעך פּאַפּיראָסן... דער גבאי איז בלייך ווי אַ טוך, מען וועט אים שלעפּן מאָרגן אין פּאָליציי און כּל חמתו, אַלע חלומות בייטלט ער אויס אויף דעם שמש. היינט אַז ליפּע וועט נאָך לאָזן שבת דעם מנין זיינעם גאָר אַליין, וועט זיך קערן פון גבאי די וועלט און ער קאָן נאָך חלילה־וחס פאַרלירן די שטעלע פון שמש אין „שיר השירים״.

ליפּע איז געקומען שבת אין זיין שול פאַר פרי. אים האָט זיך די גאַנצע נאַכט שלעכט געשלאָפן. נעכטן אַ זייגער עלף ביי נאַכט איז אויפן גאָרטן וואָס הויבט זיך אָן נאָך דעם קרום געסל, ווו ליפּע זיצט אין שכנות ביי מלכּה דער טוקערינס איידעם, געוואָרן עפּעס אַ שיסעריי... אים האָט זיך געדוכט, דאָס מען שיסט ביי אים אונטערן אויער. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, צוגעלאָפן צו זיין בעל־הביתס שלאָף־צימער, געוואָלט אים אויפוועקן. נאָר יענער האָט אויך שוין ניט געשלאָפן.

— אָרע, וואָס איז דאָס פאַר אַ קלעפּ? האָט ליפּע געפרעגט דעם בעל־הבית.

— קלעפּ? דאָס איז ניט קיין קלעפּ: מען שיסט.

— ווי הייסט, מען שיסט? ווער, קאָזאַקן?

— ניין, וועלכע קאָזאַקן? דאָס איז די חברה, — זאָל זיי שוין אויך נעמען די כאָלערע, רבונו של עולם! — האָט געזאָגט אָרע, א דאַמסקער שנײַדער, וואָס שילט שטענדיק מיט טויטע קללות די שטרײַקן מיט די אָרגאַניזאַציעס.

דאָס האָט שוין ליפען ניט געלאָזט שלאָפן די גאַנצע נאַכט, און ער האָט געטראַכט וועגן די בחורים מיט זייערע שטרײַקן, מיט די דרשות און סאָציאַליזם, פון וועלכע ער האָט עפּעס געהערט. אים האָט זיך דערמאָנט די מעשה מיט דער „אַגודה״ אויף קויפן ערד אין ארץ-ישראל, וואָס דאָרטן האָבן אויך טויזנט מענטשן באַדאַרפט זײַן שותּפים אינעם לאַנד, אַלע גלײַך טיילן זיך, ניט קוקן אָרעם אָדער רײַך,— אויך עפּעס אַ מין סאָציאַליזם אָדער קאָמוניזם, ווי עס הייסט אין זייערע ביכלעך אויף עברי-טײַטש.

און אויך אין דער פרי, אין בית-המדרש, בעת ער האָט מעביר געווען די סדרה און האָט געלייענט, ווי יוסף האָט צוגענומען בײַ די מצרים די גאַנצע ערד זייערע און די ערד האָט שוין אין גאַנצן גע-הערט צו פּרעהן, און דאָס פּאָלק איז נאָר געווען פּראָסטע קנעכט,— האָט ער געטראַכט שטאַרק: וואָס וואָלטן דערויף געזאָגט די בחורים, וואָס האָבן נעכטן געשאָסן?...

נאָך דער אַנדערער קדושה זענען אַרײַן עטלעכע בחורים אין שולכל. ליפע האָט אויף גאָרניט געטראַכט. — „אַרײַנגעגאַנגען, מסתּמא איז זיי קאַלט געוואָרן שטיין אויפן גאַס. זייער רעכט: אַז זיי וואָלטן אָבער קומען דאַווענען וואָלטן זיי ניט פרירן, און אפשר וואָלט ער נאָך ווען אַן עליה אויך געבן״.

באַלד נאָך „עלינו״ איז זיך דער קליינער עולם פונאַנדערגע-גאַנגען, אויך ליפע האָט שוין זײַן טלית אַראָפּגענומען פון די פּלייצעס, צונויפגעדרייט אים ווי אַ קנויל און אַוועקגעלייגט אונטערן אָרון-קודש. געטראַכט גיין גלײַך מאַכן קידוש, אָפּעסן און זיך צולייגן. אָבער אים איז עפּעס קשהדיק, וואָס די עטלעכע בחורים אײַלן זיך ניט אַוועק-צוגיין.

מיט אַ מאָל — אַהאַ!

אין איין מינוט איז געוואָרן דאָס קליינע שולכל פול מיט יונגעלייט— בחורים און מיידלעך — אָנגעשטאָפּט ווי אַ פעסל הערינג. ר׳ ליפען האָט מען צוגעקוועטשט אין אַ ווינקל אין מזרח-וואַנט. אָן פיל שהיות איז אַרויף אויפן בימה עפּעס איינער און האָט גענומען זאָגן. ליפע האָט ניט פאַרשטאַנען כמעט איין וואָרט. ער האָט נאָר געהערט: חברים און ווידער חברים, דומע... גאָסודאַרסטווענע דומע... בורזשואַזיע... דער פּראָלעטאַריאַט... וויטעס שוואַרצע קונצן... וואָס, ווער, ווען — האָט ליפע דער פּאַקן־טרעגער ניט פאַרשטאַנען און ניט געוואָלט פאַרשטיין. ער האָט געטראַכט, ווען וועט זיך דאָס ענדיקן, אָט די דרשה, און וואָס זאָל ער זאָגן דעם גבאי, ווי זאָל ער זיך פאַר אים פאַרענטפערן, וועמען זאָל ער שטעלן עדות, דאָס ער, ליפע דער שמש, איז ניט שולדיק אין דער גאַנצער מעשה...

— פּאָליציי!...

— חברים, רויִק! האָט געזאָגט דער דרשן פון בימה.

נאָר דער טומל איז שוין געוואָרן. מען האָט גענומען לויפן, שטופּן זיך איינער איבער דעם צווייטן, צום אויסגאַנג און באַלד צוריק. פלינקע עטלעכע בחורים האָבן זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ ספרים-אַלמער, און פון דאָרט דורך אַ פענצטער אין דער ווײַבערשער שול. פון גאַס הערט מען אַ טומל, אַ געשריי, אַ געפילדער...

— לופי, לופי, נאַגײַקאַי!...

ליפע איז אויך געלאָפן צו דער טיר. דערזען אַז די גאַס איז פול מיט קאָזאַקן, האָט אים געכאַפּט אַן אימה, און ער האָט שוין גאָר אין זינען ניט געהאַט צושליסן דעם בית־מדרש. מיט זײַנע שוואַכע אויגן האָט ער דאָך דערזען, ווי די קאָזאַקן האָבן זיך געיאָגט נאָך די בחורים, געשמיסן מיט די נאַגײַקעס, געכאַפּט און געשלעפּט זיי צו זיך אויף די פערד.

ליפע איז נאָך קיין פינף טריט ניט אָפּגעלאָפן פון בית־מדרש, ווי אַ קאָזאַק איז אויף אים אָנגעלאָפן כמעט מיטן פערד. ליפע האָט דערפילט אַ ברענענדיקן ווייטאָג אויף זײַן דאַרן רוקן און איידער

ער האָט זיך נאָך אַ קער געטאָן, האָט אים אַ שטאַרקע האַנט אַ כאַפּ געטאָן פאַרן אַקסל, אַ שלעפּ געטאָן אין דער הויך, אין איין רגע איז ליפּע געוואָרן אויפן פערד הינטער דעם קאָזאַקס פּלייצע, און דאָס פערד פליט...

די ערשטע זאַך האָט ליפּע אַנגעכאַפּט דעם קאָזאַק מיט ביידע הענט, ער זאָל ניט אַראָפּפאַלן פון פערד. נאָר דאָס איז געווען דער ערשטער מאָמענט... באַלד אָבער האָט זיך ליפּע אַ כאַפּ געטאָן: אוי, שבת,– ער פאָרט אום שבת רײַטנדיק! אים האָט זיך געדוכט, אַז ער פאָרט דאָס גלײַך אין גיהנום, אין סיביר, אין שדים ווייסן ווהין...

און דער קאָזאַק פליט ווי אַ פײַל פון בויגן, און די גאַס איז פול מיט מענטשן וואָס גייען שפּאַצירן אויף די טראָטואַרן, שטעלן זיך אָפּ און קוקן מיט וווּנדער: וואָס שלעפּן דאָס קאָזאַקן בחורים אויף די פערד, פון וואַנען און פאַר וואָס?..

אַ קאָזאַק האָט אַריבערגעיאָגט ליפּעס קאָזאַק און גלאָט פון פרײלעכקייט וועגן אויסגעצויגן זײַן נאַגײַקע אויף ליפּעס פּלייצעס. ליפּען האָט אַ ברען געטאָן אויף דעם צעווייטאָגטן אָרט, און ער האָט זיך מיט ביידע הענט אַ כאַפּ געטאָן די פּלייצע זײַנע. דער קאָזאַק האָט געמיינט, דאָס ליפּע וויל אַראָפּשפּרינגען, אַרויסרײַסן זיך און אַנטלויפן. ליתר בטחון האָט ער אים מכבד געווען מיט דער נאַגײַקע, אַזוי עפּעס כלאחר יד, און האָט אים געבראַכט אין קוואַרטאַל אַרײַן.

— אַ, רבי ליפּע,– האָט פרײַנדלעך באַגעגנט לייבע דער בן-יחיד ליפּן אין עטלעכע טעג אַרום, אַז מען האָט אים באַפרײַט און ער איז געקומען צום מנין – עפּעס זאָגט מען, דאָס איר האָט געכאַפּט אַ קאָזאַק, האַ?

ליפּע האָט עפּעס ווי אַ ברום געטאָן.

— נו, – פרעגט דער גביר ווײַטער מיט אַ שמייכל – און ווי איז דאָס עפּעס דער טעם פון פאָרן אום שבת, רבי ליפּע?

— זאָל קומען אַ מפּלה אויף די בחורים מיט די נאַגײַקעס, אויף די קאָזאַקן מיט די פּוסט - און - פּאַסניקעס, רבונו של עולם! — האָט געענטפערט ליפּע מיט גרויס האַרץ...

אין די דאָזיקע טעג

ניט אַ ראַפּאָרט, ניט אַן אויספירלעכע קאָרעספּאָנדענציע וועל איך אײַך דאָ שרײַבן, נאָר גלאַט אַזוי עפּעס מעשיות, פאַקטן, גע-שעענישן וואָס קומען זיך פאָר בײַ אונדז, למשל, בימים ההם, אָט אין די דאָזיקע טעג...

נו, טעג! אַזאַ יאָר שונאי-ציון!

עפּעס נאָך פרײַטאָג איז געווען טומלדיק. וואָס-ווער-ווען האָט מען נאָך ניט געוווּסט, נאָר ס'איז געווען עפּעס ניט גאָר ווי אַלע מאָל. מען באַדאַרף קאָנען דעם עולם, דאָס מען זאָל פילן, אַז דאָס ווינטעלע בלאָזט ניט ווי געוויינלעך. און פרײַטאָג צו נאַכט איז שוין אויף דער גרויסער גאַס, דאָרט ווו דער עולם גייט שבת שפּאַצירן, שטאַרק לעבעדיק. לײַט, וועלכע זענען בפנים, האָבן שוין געוווּסט, דאָס דער עסק איז באַשלאָסן, אָפּגעמאַכט.

שבת פרי איז צו שחרית געווען אין שול געדיכטלעך. דער גבאי האָט שוין לענגער אויפגעהערט צו שטעלן שומרים לעבן טיר, און דער פּראָסטער עולם קאָן גיין פרײַ. אויך די יונגעלײַט, וואָס קומען אין שול בפירוש ניט דאַוונען, די בחורים וואָס שטייען אָפּ הינטערן בימה דאָס גאַנצע דאַוונען און הערן ניט אויף צו ריידן און שמועסן וועגן „זייערע" אינטערעסן, — אַלע קאָנען גיין אין שול פראַנק און פרײַ. דער פּראָסט איז גרויס, און דער עולם קומט זיך אין שול דערוואַרעמען

די ביינער, וואָס זענען באַדעקט ניט מיט זייער וואַרעמע קליידער. און דער גבאי האָט אויך די לעצטע חדשים פאַרלאָרן דעם גרויסן פּחד, וועלכן ער האָט ביז אַהער געהאַט, און די טירן פון שול זענען אָפן לכל דכפין, ווער עס וויל.

און אין שול ווערט געדיכטער. איטשע דער אונטער-שמש, וועלכער איז אַליין אויך מער נים ווי אַ יונגערמאַן, ווייס גאַנץ גוט וואָס עס טוט זיך ביי דעם עולם. ער רוימט אַריין אַ סוד דעם גבאי און זאָגט דערביי, דאָס העלפן קאָן ער ניט...

— זע כאָטש, מען זאָל קיין „פּאַפּירלעך" ניט וואַרפן.

און דער אונטער-שמש רעדט זיך דורך מיט וועם-ניט-וועמען, גייט אַרויף צו די ווייבער און זאָגט צו דער שמשטע, דאָס זי זאָל צושפּאַרן די ווייבערשע שול פון אינעווייניק. ער שמועסט זיך ווייטער דורך מיט אייניקע און גייט באַרויקן דעם גבאי:

— פּאַפּירלעך וועט ניט זיין.

שטאַרק געדיכט אין שול ווערט ביי קריאת התורה. דער גבאי קוקט, — נאָר ס'איז אַ פּעולה? ער פאַרשטייט, דאָס עפּעס וועט זיין, דאָס האַרץ קלאַפּט אים. ער ציטערט פאַר דער שול.

דורך דעם טרעפּעלע וואָס פון דרום-זייט, האָט דער גבאי מיט די שמשים אַרונטערגעטראָגן די ספר-תורה און דורך דעם צווייטן — פון צפון-זייט — איז אַרויף אויפן בימה „ער".

— ווער איז דאָס? ווי איז זיין נאָמען?

ער האָט אַ בלאַסע צורה, אַ שוואַרץ בערדל, מיט שטראַלנדיקע אויגן. זיין שטים איז הילכיק און ער רעדט וואַרעם. אין שול, וווּ עס איז שטענדיק הו-האַ און מען קאָן קיין מאָל אַפילו קיין קריאת-התורה ניט הערן, איז איצט שטיל; מען הערט וואָרט אין וואָרט וואָס ער רעדט.

„...ער, דער יידישער אַרבעטער, וועט באַווייזן, וואָס פאַר אַ כח ער האָט. און איר באַדאַרפט אַלע צו אונדז צושטיין די קומענדיקע וואָך. קיינער וועט ניט אַרבעטן"...

אַ מינוט צוואַנציק האָט ער גערעדט. דער גבאי האָט זיך געווען געפּרוּווט געבן אַ פּאַטש אויף דעם שטענדער, נאָר אַ פּאָר יונגעלײַט האָבן אויף אים נאָר אַ קוק געטאָן, — האָט דער ניט נאַרישער גבאי פאַרשטאַנען, אַז עס איז גלײַכער מען זאָל ניט שטערן.

אייניקע בעלי־בתּים, מזרח־לייט מיט דיקע בײַכלעך, מיט רויִקע לונג־און־לעבערלעך, האָבן פאַר זיך אָפּגעכאַפּט מוסף, אָנגעטאָן די פּו־טערס און געגאַנגען צו דער טיר. נאָר — שאַ, די טיר איז געווען צוגע־מאַכט און פעסטע הענט האָבן זי געהאַלטן פון יענער זײַט. די בעלי־בתּים האָבן זיך מטריח געווען צוריק, און שווײַגן האָט מען אויך געמוזט.

דער יונגער מגיד האָט אָפּגעזאָגט זײַנס, — און זײַט געזונט, זיך אַוועק פון וואַנען ער איז געקומען.

און דער גבאי האָט פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז אחר המעשה, און האָט געמאַכט צוויי פייען: פאַר—פאַלן...

זונטאָג האָט מען שוין געוווסט אין גאַנץ שטאָט, קאָזאַקן היינט, קאָזאַקן מאָרגן — מען טוט ניט. קיין בעל־מלאָכה אַרבעט ניט. מען שפּאַצירט איבער די גאַסן, ניט מען טשעפּעט ווען, ניט ווער רירט זיי.

און זונטאָג איז שוין ניט געווען צו פרישטיק קיין בייגל צו קויפן. די בייגל־בעקער וואָס אַרבעטן אין די טערקישע בעקערײַען זענען ניט געקומען אויף דער אַרבעט.

צוועלף אַ זייגער האָט זיך געענדיקט דער גאָטעס־דינסט אין די קריסטלעכע קירכן און דער גאָראָדאָוואָי אַליין, דער באַוווסטער שונא־ישראל, האָט געגעבן אַ פײַף, אַ סימן אַז ער איז מתּיר עפענען די קלייטן. נאָר וואָס קען מען מאַכן, ווען די פּריקאַשטשיקעס זענען ניטאָ מיט די שליסלען... זיי וועלן ניט אַרויסגיין, — זיי גייען אַרום שפּאַצירן מיט אַלע פּועלים, גלײַך ווי די אַרבעטער. און טאָמער עפנט מען אַ קראָם, קומען צו עטלעכע יינגלעך און זאָגן.

— נו, שבת!

און מען פאָלגט.

פּאָליציי דרייט זיך אַרום איבער די גאַסן, נאָר — גאָרניט. אַפילו ניט קיין פּאַראָנדעק, נאָר דאָך שטיל, עפּעס ווי גאָרניט. וואָס איז דאָ פאַראַן צו שרײַען: קאַראַול?

נאָר די שטאָט פילט עטוואָס...

אַ צען יונגע בחורים זענען זיך אַרײַן אין באַנק. דער שווייצאַר האָט נאָר זיי דערזען, איז ער אַרויפגעלאָפן אַרויף און האָט געזאָגט דעם קאַסיר, וואָס זיצט דער ערשטער:

— זיי גייען!

און זיי זענען זיך אַרײַנגעגאַנגען רויִק, צוגעגאַנגען צום באַריער און האָבן געזאָגט: חברים, מיר בעטן אײַך לאָזן די אַרבעט.

אַלע האָבן געפאָלגט, דער שעף האָט אַפילו ניט אַ קווענקל געטאָן.

מאָנטאָג איז געווען אַ נחת-רוח. ווען בײַ אײַך איז אַ טערמין צאָלן אַ וועקסל איז אין באַנק קיינער ניטאָ, און צום נאָטאַריוס וועט מען אויך ניט שיקן, — דער נאָטאַריוס זיצט איינער אַליין אין קאַנטאָר בײַ זיך. קיין איינציקער שרײַבער איז ניטאָ, — זיי גייען אַרום איבער די גאַסן גלײַך מיט אַלע אַרבעטער.

דוכט זיך רויִק אין גאַס, כאָטש ס'איז עפּעס צו געדיכט.

— פּיף=פּאַף!...

— וואָס איז דאָס, האַ?

אַ גאָראָדאָוואָי האָט געוואָלט צו ענערגיש פונאַנדערטרײַבן אַ קאָמ=פּאַניע יונגלעך מיט מיידלעך. ער האָט זיך גענומען פאַר זײַן שווערד, געפּרוּווט אַ קלאַפּ טאָן מיט דער שאַשקע. נו, איז פון דער קאָמפּאַניע אַרויס אַ פּיף-פּאַף און ס'איז געוואָרן אויס גאָראָדאָוואָי, און אויס קאָמפּאַניע.

בחורים מיט מיידלעך גייען איבער די הײַזער „אַראָפּנעמען" די שטוב=דינסטן: קעכינס, גאָרניטשנעס. ס'גייט פלינק און שטרענג.

— נו, קומט! גיכער!

— אָט איך וועל נאָר אָפּכשרן די פלייש — זאָגט די קעכין צו דער קאָמפּאַניע.

— עס וועט גוט זײַן אַזוי — גיכער טוט זיך אָן!
און די דינסטן פּאָלגן.

— קומט עסן מיטאָג, זאָגט די בעל־הביתטע צו די מענטשן: עסן באַדאַרף מען דאָך.

— מיר וועלן זיי מיט גאָטס הילף געבן עסן אָן אײַך, ענטפערט אײנער פון דער קאָמפּאַניע.

אויף דער גאַס איז קאַלט. דער פראָסט שטאַרקט זיך. ווען ס׳ווילט זיך קײַען, כאַפּט מען זיך אַרײַן אין אַ בעקערײַ, מען נעמט עטוואָס אין מויל אַרײַן און עס שטילט זיך דער הונגער. קיין סך געלט איז ניטאָ: אויף די צען קאָפּיקעס וועט איר זיך ניט אָנעסן זייער זאַט.

עס גייט אַריבער נאָך אַ טאָג. קריסטלעכע אַרבעטער ווילן ניט אַרויסגיין. ניט אַזוי דער מוסר האָט זיי גענומען, נאָר גלאַט אַזוי ווילן זיי ניט וואַרפן די אַרבעט און אַרומגיין ליידיק.

און אין דעם קליינעם שולכל זאָגט מען הייסע רעדעס.

— — — — — — — — — — — — —

— פיף ־ פּאַף!

צווייען האָט מען אַוועקגעפירט אונטער די הענט. פון די דרײַ וועלכע זענען געבליבן ליגן, איז איינער געווען נחום; און יענטען, אַ מיידל אַ יאָר אַכצן, האָט מען אויפגעהויבן אַ טויטע. אַלע קענען זי. איר פאָטער איז אַ שמיד, און זי איז אַן אַרבעטערין. איר פאָטערס הויז איז ניט ווײַט, און מען האָט זי אַוועקגעטראָגן אַ היים.

און די לויה איז געווען אויף מאָרגן. אַלע קראָמען זײַנען צו. דער עולם איז גרויס. דאָס פערד מיט דעם וואָגן האָט מען אָפּגעשאָפּט און מען טראָגט די מיטה אויף די הענט. קיינער שטערט ניט. מען זעט ניט אַפילו אַ זכר פון אַ קנעפּל. און אויף דעם הייליקן אָרט זאָגט מען הספדים, ניט אויף דער דערשאָסענער, נאָר רעדעס. מען רעדט יידיש, רוסיש, מען שרײַט עטוואָס, כאָטש די רעדנער בעטן, דאָס מען זאָל ניט שרײַען. נאָר סאיז אַ פעולה?... יונג בלוט.

האַרט אין שטאָט זײַנען שוין מקבל פּנים עטלעכע קאָזאַקלעך פון זיי איז גלײַכער פון ווײַטן... דער עולם ווערט שטאַרק שיטערער, און פון מיטן גאַס גייט מען אויף די טראָטואַרן. דאָרטן איז עפּעס רויִקער, היימלעכער.

אויף מאָרגן איז נחום אויך געשטאָרבן. אים האָט מען שוין מקבר געווען גאַנץ פרי. דער עולם האָט זיך ערשט דערוווסט בײַטאָג, און מען איז זיך גלאַט געגאַנגען אויף דעם בית־עולם, אָבער קיין טומל איז ניט געווען.

און די קעכינס קאָכן מיטאָג, זאַלצן און כשרן פלייש.

אויב מען צאָלט ניט קיין וועקסל, ווערט מען כאַפּן אַ פּראָטעסט ווי אַ האָפּ; און אַ פּראָטעסט איז ערגער ווי אין טאַטן אַרײַן.

— אײַ וואָס, מען לייזט דאָך ניט?

בלײַבט אַ קשיא!

און טאָמער איז בײַ אײַך צעריסן די שטיוול, טאָ שיקט צום שוסטער: ער וועט זיי פאַרריכטן אָדער דער פּועל זײַנער. מיט דרײַסיק קאָפּיקעס אַ טאָג קאָן אַ פאַמיליע ניט לעבן, — בפרט אַז די דרײַסיק זײַנען אויך ניטאָ.

אָט אַזוי פּאַסירט זיך אַ וועלט.

קהלשע געשעפטן

שוין עטלעכע חדשים, דאָס מיר האָבן ניט פאַרבראַכט מיט אונדזערע לעזער וועגן קהלשע געשעפטן, ווי געווייינטלעך איז געווען אונדזער שטייגער. געווען אייניקע סיבות – עס איז געווען אַ צײַט, אַז עס האָט זיך, כ׳ווייס, אויסגעדוכט, דאָס אונדזערע ייִדן זענען גאָרניט מחויב פירן אייגענע, באַזונדערע קהלשע געשעפטן, דאָס מיר קאָנען יוצא זײַן מיט דעם גרויסן כּלל. מיר האָבן גערעכנט אַז שניפּישאָק איז יוצא מיט ווילנע, וואָרעם זי גייט דאָך אַרײַן אין גאַנץ ווילנע. איר האָט אפשר געהערט דאָס גלײַכווערטל וועגן דעם? – אין ווילנע איז געווען אַ גביר איינער, יודקע אַפּאַטאָוו האָט ער געהייסן. קיין מוראדיקער גביר איז ער ניט געווען, נאָר ער איז געווען אַ תּקיף: דער פּאָליצמייסטער פלעגט קומען צו אים עסן געפילטע פיש און דער גובערנאַטאָר האָט אים געקלאַפּט אויפן פּלייצע, — קורץ, געווען כּל־ולך מיט גאַנץ מלוכה. פאַרשטייט איר דאָך, דאָס ער האָט געפירט ווילנע פאַרן נאָז, געטאָן מיט קהל וואָס ער האָט געוואָלט, ניט געהערט די וועלט. איין מאָל אויף אַן אַסיפה האָט פאָרגעלייגט אַפּאַטאָוו אַ פּראָיעקט, וועלכער איז דעם עולם ניט געפעלן. מען האָט אים געענטפערט, געגעבן צו פאַרשטיין, דאָס מען איז ניט מסכּים, נאָר אַפּאַטאָוו שטייט אויף זײַן דעה.

– „מיר זענען אָבער ניט אײַנשטימיק מיט אײַך“ – זאָגט מען אים.

— ווער הערט אײַך? – ענטפערט אַפּאַטאָוו.

— אָבער רבי יודע — טענהט איינער, לאָז זײַן פּרנס אָדער אַן אַנדער גביר — אַז גאַנץ ווילנע וויל דאָס ניט, גאַנץ ווילנע...

— לאָז מיר „גאַנץ ווילנע”...— האָט געזאָגט אַפּאַטאָוו, און האָט געבראַכט אַ פּסוק פון „שיר השירים” אויף פּראָסט יידיש.

און אין ווילנע איז דעמאָלט געווען אַ געוויסער לץ, מאָטקע חבד. יענעם טאָג, איינס אַ זייגער בײַנאַכט האָט מאָטקע אָנגעקלאַפּט צו יודקע אַפּאַטאָוו, געהייסן אים אויפוועקן און אַרײַנגעלאָפן מיט אַן אימפּעט. — „רבי יודע, זאָגט ער, איך בין געקומען פון שניפּישאָק לכתחילה אײַך פרעגן, אויב שניפּישאָק באַדאַרף באַזונדער מקיים זײַן דעם פּסוק, אָדער זי איז יוצא מיט „גאַנץ” ווילנע?”...

פאַרשטייט איר מיך, מײַנע לעזער, מיר האָבן געווען געהאַט געמיינט, דאָס יידישע כּלל-זאַכן קריכן שוין אַרײַן אין „גאַנץ” רוסלאַנד. איז דאָך שוין ניטאָ וואָס צו ריידן וועגן יידישע קהלשע געשעפטן.

נאָך אַ סיבה איז געווען: די זאַבאַסטאָווקעס, די גרויסע שטרײַקן. מיר מיינען ניט די שטרײַקן פון די באַנען מיט דער פּאָטשט און טע-לעגראַף. פּע, חוזק! דאָס וואָלט בײַ אונדז קיין מניעה ניט זײַן,— מיר וואָלטן שיקן אונדזערע פּעליעטאָנען דורך אַ שליח-מיוחד. נישקשה, די רעדאַקציעס זענען ניט חולה אַוועקצוטראָגן הײַנטיקע צײַטן איבעריקע הוצאות. זיי האָבן געקראָגן דרוק-פרײַהייט, עס איז געוואָרן אַ חיות, פראַנק און פרײַ דרוק צײַטונגען אויף וואָס די וועלט שטייט, גרייט נאָר צו דעם טלית און תפילין נעמען מיט זיך אין אָסטראָג... צײַטונגען איז הײַנט געגנוג פאַראַן,— אַלע יידן כאַפּן זיך פאַר דאָס געשעפט,— און מסתמא איז דאָך פאַראַן פּרנסה לרוב, — איז דאָך ניט קליין די רע-דאַקציע באַצאָלן אַ קורירער, וועלכער זאָל טראָגן אונדזערע מאַטעריאַלן מיט די „קהלשע געשעפטן” אין דער צײַטונג אַרײַן. דערפון, ווי גע-זאָגט, וואָלט קיין מאָל קיין מניעה ניט געווען. נאָר אונדז האָט געשטערט עפּעס גאָר אַן אַנדער מין סאָרט שטרײַק, — דער שטרײַק, דער יד-אחת, וואָס מען האָט געמאַכט אין די אָקטאָבער-טעג אויף שלאָגן יידן, אויף מאַכן פּאָגראָמען... דער שטרײַק וואָס מען האָט אונדז געמאַכט, די גרויסע חורבונות, וואָס מיט איין מאָל, ווי צוזאַמענגערעדט זיך, האָט

מען געמאַכט פון דער גרעסטער העלפט יידישע געמיינדעס אין רוסלאַנד, — דאָס האָט אונדז, זאָגן איך דעם אמת, שטאַרק געשטערט אין אונדזער אַרבעט. עס האָט זיך ניט געשריבן, עס האָט זיך ניט געפידלט... גיי און שרייב, מאַך פּעליעטאָנען, ווען פון אייערע קהילות איז געוואָרן אַ תּל-עולם: ניטאָ קיין תּלמוד-תּורהס, קיין ישיבות, די נגידים זענען געוואָרן אָרעמעלייט, די כּלל-טוער טראַכטן וועגן אַמעריקע, און די מורה-הוראות לויפן אַרום נעבעך תּפילה טאָן פאַר זייערע אומגליקלעכע, צעראַבעוועטע שטעטלעך און זוכן זיך אַגב עפּעס אַנדערע שטעלעס אויף רבנות. עס זענען זיך צעלאָפן אויך אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן, וועלכע פלעגן אונדז צושטעלן אַלערליי ידיעות; זיי האָבן זיך צעשלעפּט אויף דער וועלט, אָדער זיי איז דער קאָפּ פאַרדרייט און זיי קלערן בעסער, ווי קריגט מען עפּעס אַ באַקאַנטן אין קאַנאַדע, ביי וועמען מען קאָן אַקוראַט דערגיין וועגן יענע מקומות...

נאָר די לעצטע צייטן איז געוואָרן דער עסק בעסער, עפּעס פריילעכער. די פּאָגראָמען אויף די יידישע שטעט, ווו מען האָט געשיקט גאַנצע באַנדעס מיט כוליגאַנעס, זיי זאָלן טאָן דעם רצון פון די, וואָס מען איז זיי מחויב צו פאָלגן, — די פּאָגראָמען האָבן זיך געוועזן כּמעט אויפגעהערט. געלט איז טייער, קיין הלוואות קאָן מען ניט קריגן, אַפילו אויף אַזעלכע גוטע געשעפטן ווי מאַכן פּאָגראָמען, און דעריבער איז גיין און דינגען גרויסע מחנות כוליגאַנעס, פירן זיי פון איין יידישער שטאָט אין דער צווייטער,— לוינט דאָס ניט, ניט נאָך היינטיקע קעשענעס. אויסער דעם זענען דאָך די כוליגאַנעס ניט געשוואָרענע, קיין שבועה האָבן זיי ניט צוגעזומען זיי זאָלן דינען אָרנטלעך, האַלטן צונג. זיי אַרבעטן, טוען אָפּ וואָס געהעריק איז, באַקומען זייער געהאַלט ווי נאָך די באַדינגונגען, — און דערנאָך גייען זיי זיך אַוועק און זאָגן אויס פון חדר און דערציילן אַלע סודות. אַט, למשל, אין פּעאָדאָסיע האָבן די כוליגאַנעס באַשריבן אויף די דאָרטיקע צייטונגען די גאַנצע מעשה ווי מען האָט זיי אין פּאָרט צוזאַמענגעקליבן, געזומען זיי אין דער פּאָליציי, באַדונגען זיך מיט זיי, געגעבן זיי געווער און אויך אַ פּאָרטרעט אויף טראָגן פאָרויס, ווי די מאָדע איז געווען, —

נו, קאָן מען מיט אַזעלכע מענטשן מאַכן עפּעס אַ געשעפט, פאַרלאָזן זיך אויף זיי? — קורץ, אויף כוליגאַנעס אַליין קאָן מען אַ בנין ניט בויען, און רבי פּאַוואָלאַקי קרושעוואַן מיינט אויך, דאָס ער איז אַ פּראָפעסאָר, וועלכן מען מוז גוט באַצאָלן, ווען מען אַכטעט אים אָפּ אויף אַ פּאָגראָם. לכן איז געבליבן, דאָס די בעסטע זאַך און די ביליקסטע זאַך איז מאַכן דאָס געשעפט מיט די קאָזאַקן. עקסטראַ-געלט, טאָג-געלט, פאַר דער טירחה פון פּאָגראָם איז מען זיי ניט מחוייב צו צאָלן; אַ קאָזאַק וועט זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס אים וועט צופאַלן בעת דעם פּאָגראָם, וואָס גאָט וועט אים צושיקן אויף זיין חלק. אויסער דעם איז ער דאָך פאָרט אַ קאָזאַק, אַ מין סאָלדאַט, צוגענומען אַ שבועה דינען ערנסט, און וואָס מען באַדאַרף ניט וועט ער ניט ריידן, און אין די ציַיטונגען וועט ער געוויס ניט גיין שריַיבן.

און מען האָט דאָס אַ פּרווו געטאָן איצט אין האָמעל, — אויסגעצייכנט אין דער וועלט. דער קאָזאַק ראַבעוועט און ברענט, שיסט און שלאָגט ייִדן אויסגעצייכנט; אויף אַלע כּפּרות באַדאַרף מען די באָרוועסע באַנדעס. אין האָמעל, בעת מען האָט צעבּרענט און צעראַבעוועט די שטאָט פריַיטאָג-צו-נאַכט דעם 13-טן יאַנואַר, איז אַפילו, ווי מען שריַיבט, קיין גאַנצער מנין כוליגאַנעס ניט געווען. עטלעכע כוליגאַנעס, — און אפשר אויך די זענען געווען נאָר איבערגעטאָנענע, ניט אמתע, — עטלעכע האָבן נאָר געמאַכט די התחלה, און דערנאָך האָבן שוין די קאָזאַקן געמאַכט אי פריילעך, אי ליכטיק. דראַגונער און פּאָליציי האָבן געהיט, עס זאָל זיַין אין אָרדענונג, עס זאָלן ניט קומען שטאָטליַיט שטערן די קאָזאַקן, ייִדן זאָלן ניט אָנפאַלן אויף זיי, ווי די ייִדישע מאָדע איז שטענדיק, אָנטאָן אָבידעס די עלנטע קאָזאַקן, וועלכע זענען געקומען צו גאַסט פון דאָן אָדער פון קובאַן, און זענען דאָ, אין די ייִדישע שטעט, אין איין געפאַר. מיט איין וואָרט, האָמלער מעשה האָט באַוויזן, דאָס עס איז פאַראַן אַ ניַיער סאָרט גאַנג אין הלכות פּאָגראָמען, דאָס מען האָט צוגעטראַכט גאָר אַ ניַי מיטל צו דער רעוואָלוציע, — און מיר האָבן, ווי מען זאָגט דאָס, צו זאָגן און צו זינגען אויף לאַנגע ציַיטן...

דערווײַל האָט דאָס האָמלער אומגליק צערודערט די ייִדישע וועלט. אַפילו אין די נדבות, וואָס מען קלײַבט אין דער וועלט אויף די פּראָגראַמען, מוז קומען אַ שטאַרקע פאַרענדערונג. וויפל זאָל מען געבן און אויף וועמען זאָל מען געבן? — אויף האָמעל? און פון וואַנען איז געדרונגען, דאָס דער קומענדיקער פּאָגראָם וועט ניט זײַן נאָך שרעקלעכער, נאָך מיט מער היזק?... די קאָמיטעטן האָבן זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן. „גוט” איז די שטעטלעך, וואָס זייערע כלל-טוער האָבן זיך ניט געלאָזן דינגען, און גענומען פיל מען האָט זיי געגעבן אויף זייערע צעראַבעוועטע. אָבער ניט פריילעך איז מיט יענע, וואָס האָבן זיך געדונגען און געחכמהט, געוואָלט אויספירן און נעמען צו זיך אין שטעטל גרויסע געלטער. מעשה-האָמעל האָט געמאַכט אַ שטריך אויף זייערע אַלע חשבונות. ערשטנס, ווײַל דער האָמלער היזק איז זייער גרויס, און צווייטנס, ווײַל דער נײַער פּאָגראָם האָט אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער.

אַ היפּשן שטריך האָט אויך געמאַכט האָמלער פּאָגראָם אויף אונדזערע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס. די האָמלער זעלבסט-שוץ איז בשעת דעם פּאָגראָם אַפילו ניט אַרויסגעגאַנגען. מיר באַשולדיקן זיי ניט דערפאַר, — עס איז אוממעגלעך געווען, ווי מען שרײַבט פון דאָרטן, אַפילו די נאָז צו באַווײַזן. נאָר ווען מיר ווייסן, דאָס מען האָט צו טאָן מיט קאָזאַקן און דראַגונער, דעמאָלט פאַלט דאָך אַראָפּ דער גאַנצער געדאַנק פון זעלבסט-שוץ.

מיר קאָנען אײַך דערציילן אַ גלײַכוווערטל, אַ געלעכטער-מעשה, וואָס פון איר האָט אָבער געקאָנט אַרויס אַן אומגליק. מען שרײַבט אונדז פון אַמדור, גראָדנער גובערניע, דאָס דאָרטן איז דאָ אַ בעקער, בײַ וועמען די שטאָט שטעלט שבת טשאָלנט. האָט זיך אין דעם אויוון בײַ אים פלוצלונג געפונען גאָר אַ נײַער מין „קוגל”. דער בעקער האָט באַמערקט, דאָס איין טעפל איז אָן וואַסער, האָט ער גערעכנט, דאָס די בעל-הביתטע האָט געוויס פאַרגעסן אַרײַנגיסן וואַסער. האָט ער, דער בעקער, אַליין אַרײַנגעגאָסן, עס זאָל זיך דער טשאָלנט ניט פאַרברענען. נאָר עס איז דורכגעגאַנגען גאַנץ שבת און קיינער איז נאָך דעם טשאָלנט ניט געקומען. אַ ייִד זאָל זיך פאַרגעסן אויפן קוגל —

עפּעס אַ ווונדער... מען האָט אַ קוק געטאָן אין טעפּל, — ערשט דאָרטן איז גאָר אַ ווילדער קוגל: ניט פון לאָקשן, ניט פון מעל, און ניט קיין ברעקל שמאַלץ, — בלײַענע קוילן מיט פּולווער. מען האָט געבראַכט פּאָליציי, אָפּגעגעבן איר דאָס גאַנצע טעפּל, אָבער דער בעל-הבית פון דעם זעלטענעם קוגל געפינט זיך ניט. עפּעס ווי אַ גלײַכוווערטל, — נאָר ווען דער בעקער וואָלט קיין וואַסער גיט אַרײַנגגיסן, און דער „קוגל" וואָלט צעשיסן די גאַנצע שטוב און מענטשן וואָלטן געניזיקט ווערן, און מען וואָלט שלעפּן דעם בעקער און פאַרזעצן אים אין טורמע, — דאַן, דוכט זיך, וואָלט גאָר קיין גלײַכווערטל ניט זײַן. און מיר פרעגן טאַקע, ווער האָט דאָס געגעבן וועמען עס איז רעכט שטעלן אין סכּנה יענעמס לעבן, רויִקייט און פרײַהייט? שוין-זשע רעכנט מען זיך ניט מיט דעם?...

אַזעלכע מעשיות, פאַקטן פון אונדזער פּראָווינץ איז פאַראַן זייער פּיל. די נײַע גבאים פירן זיך אויף אָפּטמאָל זייער ווילד, און דער געוויינטלעכער יידישער בעל-הבית, וועלכער האַלט זיך אַזוי אויך קוים-קוים מיט נסים, לײַדט דערפון שטאַרק.

שלעכט איז ווען מען שלאָגט אײַך מיט אַ האַמער: עס טוט וויי; האַרט און קאַלט איז צו ליגן אויף אַן אייזן; אָבער נאָך ערגער איז ווען מען איז צווישן דעם אײַזן און דעם האַמער,—עס קאָן חלילה קומען אַן עק.

מינסקער בית-עולם

...און מיר בעטן אײַך, רבותי, איר זאָלט אויף אונדז קיין פאַריבל ניט האָבן, וואָס אָנשטאָט געווינטלעכע „קהלשע געשעפטן" וועלן מיר דאָסמאָל דורכשמועסן זיך מיט אײַך וועגן אַזאַ כמעט אומ-געווינטלעכן געשעפט ווי אַ בית-עלמין; וואָס מיר וועלן אין הײַנטיקן פעליעטאָן זיך ניט פאַרנעמען מיט לעבעדיקע ענינים, מיט וועלכע עס איז הײַנטיקע צײַטן הו-און-האַ אין דער גאַנצער וועלט, און זיך גאָר אָפּגעבן מיט אַ טויטער זאַך, מיט אַ בית-עולם. נאָר די מעשה פון מינסקער בית-עולם איז אַזוי עפּעס אומגלויביק, און דער רעש וואָס די מעשה האָט אָנגעמאַכט אין דער גרויסער ייִדישער קהילה איז אַזוי גרויס, דאָס די מינסקער בית-עולם-פראַגע איז געוואָרן אַ „קהלשער געשעפט", אַ פּרינציפּיעלע פראַגע, און אַפילו אין הײַנטיקע צײַטן, וואָס מען האָט קוים צײַט ריידן וועגן לעבעדיקע, — איז דאָך די מינסקער מעשה אַן עסק און פאַרדינט זייער, מיר זאָלן זיך מיט איר אָפּגעבן.

די מעשה איז אַ קורצע און אַ שאַרפע.

מינסק איז אַן אַלטע קהילה און האָט איר אייגנס דרײַ בית-עולמס: גאָר אַן אַלטן, אַ ביסל אַ שפּעטערדיקן און אַ נײַעם. און חברה-קדישא אין מינסק איז אַ חברה אַ רײַכע, מיט גרויסע הכנסות, און אַ גבאי איז דאָרטן רבי משה פּאָליאַק, אַ ייִד אַ גביר, רײַכער נאָך פאַר דער

חברה־קדישא, און האָט הכנסות נאָך מער ווי די חברה־קדישא. רבי משה פּאָליאַק האָט די חברה זייער ליב באַקומען, און ער זעט מיט אַלע כּוחות, דאָס די חברה זאָל אויך ווערן נאָך רײַכער און האָבן נאָך גרעסערע הכנסות. די שאלה איז נאָר, אויב די חברה־קדישא באַדאַרף טאַקע די גרויסע הכנסות, אויב זי האָט עפּעס גרויסע הכרחיות, און אויב די קוועלן, פון וועלכע רבי משה צאַפּט געלט פאַר זײַן חברה־קדישא, זענען רײַכע, גוטע?

ראשית חכמה באַדאַרף מען מודה על האמת זײַן, דאָס רבי משה פּאָליאַק האָט געמאַכט זייער גוטע תּקונים אין דער חברה־קדישא און אויפן נײַעם בית־עלמין. רבי משה, באַדאַרפט איר וויסן, איז אַ ייִד, וואָס איר נעמט אים ניט מיט ליידיקע הענט. אַ גביר מיט שטאָלץ, מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, אַ יודע ספר, און פאַר דער חברה־קדישא האָט ער זיך גענומען ענערגיש, מיט ביידע הענט. פיל גוטע מנהגים האָט ער אײַנגעפירט. ער האָט דאָס אײַנגעפירט, אַז די שמשים זאָלן נעמען וועכנטלעך שכירות, און זיי זאָלן ניט באַרײַסן אַ בר־מינן כּלומרשט פאַר זייער מצוה; אַרום דעם בית־עלמין האָט ער געמאַכט אַ פּאַרקאַן, אַ שטאַרקן גדר אַרום; ער האָט אויסגעבויט אויף דעם בית־עולם היפשע בנינים אויף טהרה און פאַר דעם עולם, מען זאָל ניט שטיין אונטער רעגנס אָדער פרירן אין קעלט; ער האָט אויסגעקויפט די ערד פון בית־עולם אין אייגנטום פון חברה־קדישא; די פעלדער האָט ער צעטיילט אויף שורות און געמאַכט וועגן באַוואַקסן מיט ביימער; אַפילו דעם וועג פון שטאָט צום בית־עולם האָט ער אויך אויסגעברוקירט, מען זאָל זיך ניט דאַרפן שלעפּן אין בלאָטע. רבי משה פּאָליאַק איז אַ ייִד, וועלכער קאָן האַלטן לייצעס אין האַנט, און תּקונים האָט ער אײַנגעפירט ברמה, ניט קוקנדיק אויף די איבעריקע גבאים, אויף די שווײַגנדיקע ה״י אַנשים. און כאָטש רבי משה פּאָליאַק איז אַן עלטערער ייִד, ווייסט ניט שלעכט אין די שוואַרצע פּינטעלעך און האָט גאַנץ ליב אַפילו דעם עמוד אויך, — דאָך איז ער אַ מענטש, וואָס האָט געזען אַ וועלט און ווערט ניט נתפּעל פון חדש, און האָט אַפילו אַ נײַ־מאָדישן קאַטאַפאַלק אויך אײַנגעפירט, אַ גרויסאַרטיקן וואָגן פאַר

די מינסקער אַריסטאָקראַטן און דער אינטעליגענץ, טאָמער וועט זיך זיי־ געלוסטן צו שטאַרבן.

קורץ, מיט פּאָליאַקס תקונים איז ניטאָ וואָס צו שעמען זיך. עס פאַרשטייט זיך, דאָס אין די בריוו, וואָס מיר האָבן פון מינסק וועגן דער בית-עלמין־פראַגע איז מען אַ ביסל ברוגז אויף דעם גבאי, און אַנדערע קרימען זיך אונטער אויף דעם רבי משה פּאָליאַק. דעם גע־ פעלט ניט, וואָס ער פירט דעם עסק מיט צו פיל גדלות; איינער דערציילט עפּעס מעשיות, דאָס פּאָליאַק וויל איבערבייטן עפּעס אַן אויבער־שמש, אָדער אַ משגיח צי אַ קאַסיר. די גאַנצע וועלט קאָן מען קיין מאָל ניט צופרידנשטעלן, און מיר פאַרשטייען, דאָס אויך צווישן אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן זענען פאַראַן יידן מיט קליינע פּניות. דער סך־הכל איז נאָר פון די אַלע רייד, דאָס פּאָליאַק איז אַ גבאי, וועלכער פוילט זיך ניט צו אַרבעטן אין דעם עסק וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, און דערפאַר מאָג מען אים געוויס זאָגן יישר־כח.

ניט קיין יישר־כח, און טאַקע דעם היפוך דערפון, וועלן מיר זאָגן דעם גבאי פון קדישא פאַר דער תאוה צו מאַכן קדישא, די חברה זיינע, פאַר דעם נגיד אין דער משפחה חברות. עפּעס איז אַ שמחה גדולה אויף רבי משה פּאָליאַק, ווען זיין חברה קדישא באַקומט געלט; „פאַרדינט" געלט, גראָבע געלט. אַ גבאי פון חברה קדישא באַדאַרף שטענדיק געדענקען, אַז דאָס געשעפט איז ניט אַ געשעפט מיט אַטלעס, מיט בלומען און מיט צוקערקעס. „קדישא" לייזט, האָט איר „פּרנסה" פון אומגליק און טרערן און גרויס עלנט. אמת, אויך די חברה קדישא מוז האָבן אירע הכנסות אויף צו דעקן אירע הוצאות; אמת טאַקע, זי מוז נעמען קבורה-געלט. נאָר מען באַדאַרף וויסן, דאָס פיל גלייכער און מענטשלעכער וואָלט געווען, דאָס די געמיינדע, יעדע קהילה, זאָל מקבר זיין מענטשן אויף קהלשער רעכנונג, ניט באַאומרויִקן אין די הייסע מינוטן די אומגליקלעכע קרובים. נאָר ווען עס איז שוין אַזוי די לאַגע, דאָס מען מוז נעמען געלט, באַדאַרף מען קוקן דערויף ווי אויף אַן אומגליק, וואָס יענעם האָט געטראָפן, זיין אָפּגעהיט מיט יענעמס פרישער ווונד, און ניט באַרייסן, ניט באַליידיקן, ניט באַרירן

שטאַרק דעם אָנגעוווייטאָגטן אָרט. מען באַדאַרף נעמען קבורה־געלט נאָך די הכרחיות, אָבער ניט זען „לייזן“ געלט, האָבן גרויס „שפע“, כאַפּן העכט.

אָבער רבי משה פּאָליאַק איז דאָך אַ סוחר און די מנהגים פון מסחר האָט ער געבראַכט אויך אין חברה קדישא. עס איז נאָך אַ סברא, דאָס אויך אין מסחר־זאַכן זענען ניט אַלע דרכים גלײַך — נאָר בקיצור, דאָס מסחר־קערבל טראָגט קיינער ניט צום רב פרעגן אויף אים אַ שאלה, אויב ער איז כשר צי טרפה. אָבער אויף קהלשע געלט באַדאַרף מען זיך גוט אַרומזען, אויב עס איז ניטאָ אויף זיי קיין פלעקן פון בלוט חלילה.

און די תאוה צו גרויסע נגידות האָט געבראַכט די חברה קדישא צו דעם, וואָס זי האָט פאַרלאָרן שטאַט, אָנגעוואָרן דעם פאַרשטאַנד צו וויסן דעם חילוק צווישן מיאוס און שיין, און האָט זיך געיאָגט נאָך געלט, ניט קוקנדיק אויף חרפה און בושה...

און דאָ הייבט זיך אָן די עצם־מעשה.

שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען זיך באַקלאָגט, דאָס אויף דעם אַלטן בית־עלמין האָט חברה קדישא קיין פאַרקאָן ניט געשטעלט. צוליב אָרדענען די גאַס, האָט מען אָפּגעשניטן אַ שטיקל בית עולם, און חברה קדישא האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, און קברים זענען געבליבן ניט אַרומגעצאַמטע. מען האָט זיך פאַרקויפט עפּעס אַ ייִדן אַ שטיקל פּלאַץ אויך פון אַלטן בית עולם, און יענער האָט זיך געבויט פערדשטאַלן אויף די אַלטע קברים. דער עולם האָט דעמאָלט געשריִען, און — דערבײַ איז געבליבן. דאָס איז געווען מיט דעם גאַנצן אַלטן בית־עולם, און דער עולם האָט ניט געפילט די שאַנד אַזוי נאָ־ענט. נאָר איצט איז דאָס מיט דעם מיטעלן בית־עולם, אויף וועלכן מיט אַ יאָר דרײַסיק צוריק פלעגט מען נאָך מקבר זײַן, און עס זענען נאָך פאַראַן פיל מענטשן, וועלכע געדענקען זייערע קרובימס קברים. אָט פון דעם נאָך פרישן בית־עולם האָט דער גבאי פאַרקויפט אַ פּלאַץ אַ קריסט, אַ צוגאָב צו אַן אַלטן פּלאַץ זײַנעם. און אַז דער מסחר איז אַראָפּ בשלום, האָט דער גבאי פאַרקויפט נאָך צוויי פּלעצער, און מען

האָט זיך אָנגעהויבן מויערן, און אַ היפּש ביסל קברים האָט מען שוין פאַנאַנדערגעגראָבן, אַרויסגעוואָרפן ייִדישע ביינער אויף דאָס פרייַע פעלד.

דאָס האָט זיך געטאָן אין מינסק, אין דער גרויסער ייִדישער געמיינדע, און געטאָן האָט דאָס אַ בכבודיקער ייִד, רבי משה פּאָליאַק.

אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן מאַכן שולדיק עפּעס אַן אַדיוטאַנט פון קדישא, וועלכן פּאָליאַק האָט צוגענומען. זייַן נאָמען איז ראָזין, און אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן חכמהנען זיך און זאָגן גלייַכווערטלעך, דאָס אַלע בעטן דעם גבאי: במשמנינו אַל יהי רזון, עס זאָל ניט זייַן ראָזין; נאָר מיר ווילן ניט וויסן פון די אַלע רזין-דרזין מיט די געשיכטעס, וואָס אונדזערע קאָרעספּאָנדענטן שרייַבן. מיר האָבן פאַר זיך די פאַקטן, דאָס מינסקער חברה קדישא האָט זיך ערלויבט צו פאַרקויפן פלעצער פון איר בית-עלמין, און אין מינסק גראָבט מען אויף ייִדישע קברים, מען וואַרפט אַרויס ביינער און מען צעברעכט מצבות אויף בויען. און דאָס האָט געטאָן דער גבאי רבי משה פּאָליאַק...

ווען שונאי ישראל וואָלטן עס געטאָן ערגעצוווּ אין מאַראָקאָ אויף אַ ייִדישן בית-עלמין, וואָלט עס געקערט די וועלט און מען וואָלט שרייַבן, טעלעגראַפירן צו „כל ישראל חברים“ און די פראַנצויזישע רעגירונג וואָלט טעלעגראַפיש בעטן איר קאָנסול באַשיצן ייִדישן הייליקטום; ווען באַסיאַקעס וואָלטן צעבראָכן אין אַ ייִדישן שטעטל מצבות אויף אַ בית-עלמין, אויפגראָבן קברים, וואָלט אויך דער פּראָקוראָר ניט שווייַגן און די פאַרברעכער וואָלטן באַקומען זייער לוין. און אין דער אַלטער ליטווישער געמיינדע, אויף די בית-עלמינס, ווו עס ליגט, דוכט זיך, דער „סדר הדורות“ און נאָך גדולי ישראל, אין גרויס-מינסק, ווו עס זענען דאָ אַ גדול, און אַ שטאָט-מגיד, מיט קלויזן אויף ווייַבערשע נעמען, מיט תורה און יראת-שמים, מיט אַלטע מנהגים, — טוט מען אָן די גרעסטע בזיונות ייִדישע קרובים, ייִדישע ביינער, ייִדישע מצבות.

דער עולם האָט געמאַכט אַ ויצעקו. נאָר דער עולם איז דאָך אייגנטלעך אַ גולם. דער גבאי איז אַ מענטש אַ תקיף; די איבעריקע ח"י אַנשים זענען שטומע ייִדן; פאַראַן אַזעלכע, וואָס באַדאַרפן האָבן

דעם גבירס אַ טובה, ווי די מאָדע איז. בלייבּט דאָך דער שטענדיקער חטאת הקהל — דער רב. פריִער האָט מען געלאָזן אַ קלאַנג, דאָס דער רב האָט ערלויבּט פאַרקויפן די ערד; נאָר עס האָט זיך אויסגעלאָזן ניט געשטויגן, ניט געפלויגן. האָט זיך דער רב שוין מטריח געווען צום גבאי, און מען האָט גענומען דעם גבאי אויף דעם בית-עולם, ער זאָל זען וואָס עס טוט זיך. נאָר מקח בלייבּט מקח, און רבי משה פּאָליאַק זאָגט, דאָס ער פרעגט בּיי קיינעם ניט, דען ער איז גבאי, און די יידישע ביינער מאָגן זיך וואַלגערן אין בלאָטע...

נאָר אין בלאָטע וואַלגערן זיך ניט די אַלטע יידישע ביינער, נאָר די לעבּעדיקע מינסקער יידן. ניין, די בזיונות איז ניט פאַר די מתים, נאָר אייך, מינסקער גבאים און מינסקער עולם, איז אַ שאַנד אין פּנים. אייערע עלטערן, מינסקער גבירים, וואָלטן ניט אַרויסוואַרפן יידישע קברים, ניט צעבּרעכן אַלטע מצבות, ניט לאָזן עפּעס ווען עס איז פאַרשוועכן אַ יידישן הייליקן אָרט צוליב עטלעכע הונדערט אָדער עטלעכע טויזנט רובל, וואָס חברה-קדישא ועט באַקומען. אייערע עלטערן, מינסקער יידן, האָבּן זיך ניט געיאָגט אַזוי נאָך דעם געלט, און האָבּן געוווסט דאָס עס איז פאַראַן זאַכן, וואָס זענען טווואָס שענער און וויכטיקער פאַר געלט — זעלבּסט-ערע. און אין דער גרויסער מינסקער יידישער קהלה איז ניטאָ אַ מענטש, וואָס זאָל קאָנען ווירקן אויף דער חברה-קדישא, זי זאָל ניט אויסבּייטן אין געלט אירע אַלטע בית-עולמס? און ווען עס וועלן זיך געפינען גבאים און שולן, וועלכע וועלן פאַרקויפן אַלטע ספרי-תורות אויף מאַכן פויקן מיט באַראַבּאַנעס, וועט זיך אויך אין מינסק ניט געפינען ווער עס זאָל שטערן?

איז דאָס דען אַזוי?...

און דער קאָרעספּאָנדענט שרייבּט, דאָס מען באַדאַרף בעטן דעם „בונד" ער זאָל זיך נעמען פאַרהיטן יידישע ביינער, וועט ער געוויס אויספירן.

איז דאָס דען אַזוי?..

כלומרשט חנוכה

זאָגט מיר דעם אמת, טאַקע דעם ריינעם, כשרן אמת, — צי איר פילט עפּעס היינטיקע יאָרן אַ טעם פון חנוכה, עפּעס אַ שטיקל טעם פון דעם חנוכה וואָס איז אַמאָל געווען, אָדער ניט?

מיר דוכט זיך, אַז עס הייבט זיך גאָר ניט אָן. עס איז טאַקע חנוכה: קאַלט אויפן גאַס, פינצטערע נעכט, און אַז דער לוח הקדוש וויל, איז גרויסע שנייען אָדער קליינע פרעסט; מען בענטשט ליכטלעך, און אַז מען דאַוונט אָדער אַז מען בענטשט נאָכן עסן — עס טרעפט אַז מען טוט ביידע זאַכן ניט — זאָגט מען „על הנסים״; מען עסט ערטערווייז אַפילו לאַטקעס פון גריקענע מעל אָדער בלינעס, און מען כאַפּט אין אין אַן אָוונט אַן אָקע־גדולה או קטנה. הכלל עס איז כלומרשט חנוכה. נאָר פאַרט ניט דאָס...

טאַקע אַלץ: אי קאַלט, אי קאָרטן, אי ליכטלעך, אי בלינעס, אי פינצטער, אי „על הנסים״, — נאָר חנוכה, דער חנוכה, וואָס מיר האָבן געפילט אין אונדזערע יונגע יאָרן, דער חנוכה, וועלכן עס האָבן געפילט אונדזערע עלטערן, ווען זיי זענען געווען אין אונדזערע יאָרן, דער חנוכה, וואָס מאַכט דעם יידן עפּעס יום־טובדיק און האָט אין זיך עפּעס אַ באַזונדער טעם און ריח, — אָט דער חנוכה איז עפּעס שוין מער ניטאָ.

אין לוח איז פאַראַן חנוכה, נאָר אין לעבן, אין אונדזער יידישן לעבן, איז ער עפּעס ווי אויסגעריכערט געוואָרן.

אַלע יום-טובים איז בײַ מיר געװען גאָרניט אַקעגן חנוכּה. װאָס איז יום-טוב? — גאָרניט! גײ אַלע טאָג דאַװנען מיטן טאַטן; רײסן, אָדער שנײַדן אָדער ברעכן טאָר מען ניט, אַלע קלײטן זענען געשלאָסן; גײ און היט אויף זיך די יום-טובדיקע קלײדער, זײַ אַן עבד כּנעני בײַ דעם קאַפּעליושל מיט די מײַטקעלעך. און דער טאַטע און די מאַמע זאָגן שטענדיק מוסר, פאַרװאָס טוט מען גאָרניט, פאַרװאָס נעמט מען ניט אַ ספר אין האַנט. גאַנץ יום-טוב איז טענות מיט סטראַשונקעס, אַז אַט-אַט װעט זײַן אויס ליידיקגײן, אויס שפּילעניש, און מאַרש אין חדר אַרײַן... הײַנט די שפּילעניש יום-טוב האָט אויך געהאַט אַ קלײנעם אינטערעס. װײַטער אין ניס און װידער אין ניס. ניטאָ אין דעם קײן קאָפּשטיק, קײן גרויסע בריהשאַפט. מילא נאָך אַז מען פלעגט שפּילן אין שעלע-מעלע-באָם אָדער אין קײַקלען מיט װעלעשענע ניס — נו, ליגט נאָך דערינען אַ שטיקל שקאַצערײַ: מען דאַרף קענען צילן זיך; אָבער װען מען שפּילט אין אונטער-טעפּלעך? גײ זײַ אַ נביא און טרעף װוּ עס ליגן די דרײַ ניס, דער גרויסער געװינס, און װוּ איז, לא-עליכם, תּוהו ובוהו, פּוסט און װיסט. אויך מיר אַ שפּיל! איך פלעג צײַטנװײַז מוטשען זיך אַ גאַנצן טאָג און פלעג קומען צו מנחה מיט ליידיקע קעשענעס. און װען חלילה איך װאָלט ניט זײַן „אַ בריה" אין אום-צי-גראַד און אין שפּיץ-קאָפּ — װאָלט איך בנאמנות קײן מאָל אַ נוס ניט האָבן.

אַט דאָס איז געװען, מישטײנס געזאָגט, אונדזער ייִנגלשע שמחת יום-טוב. אָבער דערפאַר חנוכּה איז טאַקע באמת געװען ליהודים. ערשטנס, אַכט טעג נאָכאַנאַנד דורך האַלבע טעג פרײַ, ניט לערנען בײַנאַכט; ראש חודש טרעפט אין גאַנץ װינטער 3—4 מאָל, און דאָס אויך פאַלט ראש-חודש אַ מאָל פרײַטאָג אָדער שבת, װען מען איז סײַ-װי-סײַ פרײַ פון חדר. אָבער חנוכּה — עפּעס אַ קלײניקײַט — אַכט קײַלעכדיקע טעג ניט לערנען בײַנאַכט! צװײטנס, די מעשה מיט די געלט, חנוכּה-געלט. געלט, דאַרפט איר װיסן, איז אַ ענין גדול, דאָס איז דאָך עפּעס ניט דיקדוק בלויז װאָס שפּילט קײן ראָלע ניט. גרויסע האָבן צו געלט גרויסע יצר-הרעס, און מיר קלײנע קינדער האָבן אויך

געהאַט צו די קליינגעדיקע קליינע יצר־הרעס, אָבער דאָך האָט זיך גע־גלוסט קלײַבן געלט. און נאָר חנוכה איז אויף דערויף געווען אַ צײַט.

געלט, חנוכה־געלט, האָבן מיר געגעבן כמעט אַלע. דער זיידע און די באָבע, אַלע פעטערס און אַלע מומעס, אַפילו די מאַמע אויך. איך זאָג „אַפילו", וואָרעם אייגנטלעך פלעגט זיך דער מאַמען גלוסטן אָפּקומען אָן חנוכה־געלט. — „וואָס געלט, וועלכע געלט און קאַרג פון מיר, אַז איך גיב דיר אַלע טאָג געלט?" נאָר עס פלעגן ניט העלפן אירע טענות, און צו מיר אין בײַטעלע פלעגט אַרײַנגיין אויך אירע חנוכה־געלט. אַפילו די מומע רחל לאה — זאָל זי דאָרטן האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן — פלעגט זיך אויך נעבעך קוועטשן און קוועטשן און פאָרט אָפּגעבן דעם זילבערנעם צוואַנציקער. אמת, דאָס פלעגט מיר אָנקומען ניט גרינג; איך פלעג שטיין אַ גוטע פערטל שעה, און זי עליה השלום פלעגט שעפּטשען אויפן גראָבן קרבן־מנחה, שעפּטשען גאָר אָן אָן אויפהער, טאָמער וועט זי מיך אײַנמאַטערן. נאָר איך פלעג זיך פאָרט דערוואַרטן די גוטע צײַט, ביז זי האָט שוין געטאָן דעם גרויסן שפּײַ, און געגעבן זיך אַ קניקס, און איך דערלעב שוין צו הערן ווי זי זאָגט מיט געשמאַק: אל תירא מפחד „פּישום" „ומישואת" רשעים כי „שבוא", און זי זעט נעבעך אַז פּטור ווערן פון מיר איז איר ניט לײַכט, איז זי זיך מטריח אין דער קעשענע, און שלעפּט במחילה די מטבע... מיר געדענקט זיך, אַז איין מאָל האָט מיר דער רבי געגעבן חנוכה־געלט; עפּעס בין איך אים יענעם מאָל זייער געפעלן געוואָרן, געטראָפן אַ קשיה אָדער געבראַכט שכר־לימוד אַקוראַט ווען ער האָט געדאַרפט — אַקוראַט גע־דענק איך ניט; און ער האָט אַליין מיר געשענקט אַ זילבערנעם צענער חנוכה־געלט.

קורץ, געלט איז געווען די והותר. און די גאַנצע זאָרג איז גע־ווען אין וואָס האַלט מען דאָס געלט. צוליב חנוכה־געלט פלעגט מען נייען עקסטראַ אַ בײַטעלע. אויף פאָרטמאָנעס מאַכן בין איך געווען אַ גרויסער בריה, דערהויפּט עס זאָל נאָר זײַן מאַטעריאַל פון וואָס צו מאַכן. און דאָך האָב איך עטלעכע מאָל געכאַפּט דעם פּסק. אַ בײַטעלע פון לעדער שטייט העכער פון אַלע בײַטעלעך; הײַנט איז דאָך די־

קשיה ווו נעמט מען אָט דעם לעדער? האָב איך זיך מישב געווען און האָב אָפּגעשניטן אַ שטיקל פון מייַנע כאַלעוועס, טאַקע פון מייַנע שטיוול. דען צו וואָס דאַרף מען גאָר כאָלעוועס? אָט ווייַבער גייען גאָר אין באָטינקעס אָן כאָלעוועס. אַ בייַטעלע איז טאַקע אַרויס אַ גוטס, נאָר איך האָב באַקומען אַ יישר-כּוח, אַז מער וועל איך דאָס שוין ניט טאָן... נאָר צעראַטע, דאַרפט איר וויסן, איז אויך גוט אויף בייַטעלעך. האָב איך טאַקע איין מאָל אויסגעשניטן אַ גרויסן פּאַס צעראַטע פון דעם רוקן אויף דער קאַנאַפּע. באמת, צו וואָס דאַרף מען אויך אויף דעם רוקן צעראַטע? אַ בייַטעלע איז אויסגעקומען אַ זעלטנס, מיט באַהאַל-טענע קעשענעס, און עס האָט זיך געעפנט פון ביידע זייַטן, — אַן אַנטיק. נאָר ניט באַשערט געווען הנאה האָבן פון איר. אַז מען האָט דערזען די לאָך אין קאַנאַפּע, האָט מען אין שטוב געמאַכט קולות אויף מיר, מען האָט בייַ מיר אָפּגענומען אי דאָס בייַטעלע אי דאָס געלט, און איך האָב נאָך געכאַפּט עפּעס צוגאָב וואָס איך שעם זיך אויסזאָגן...

הכּלל, שנייַדן בייַטעלעך איז טאַקע ניט כּדאַי. נאָר איך קאָן זיי מאַכן פון פּאַפּיר אויך – אויפן פּאַפּיר בין איך פון קינדווייַז אָן אַ שטיקל מאַכער — און געלט איז געווען לרוב ולרביצין. די פינפטע ליכטלעך פלעגן מיר אַרומגיין איבערן שטוב און טאַפּן איטלעכע רגע די קעשענעס: דאָ איז דער נגיד...

ביז צו די פינפטע ליכטלעך איז געווען גוט, נאָר 5 ליכטלעך איז שוין געווען אַ ביסעלע צו פיל... וואָס מער ליכטלעך, פלעגט ווערן אונדז פינצטערער: באַלד - באַלד אַראָפּ חנוכּה, ווייַטער חדר, לערנען בייַנאַכט... נאָר דערווייַל איז פאָרט געווען חנוכּה — פריילעך און ליכטיק אין שטוב, מען שפּילט מיט אַלע שוועסטער-קינדער צוזאַמען אין דריידלעך, מען דערטאַפּט אַלטע קאָרטן און כאָטש שפּילן קאָן מען נאָך ניט – מען ווייס מער ניט אַז די מאַסטן, אָבער ניט די פיגורעס — דאָך שפּילט מען אין זיי מיט חשק, ווי גרויסע.

הייַנט וואָס איז געווען, אַז גאָט האָט אייַך געהאָלפן און איר האָט זיך אויסגעלערנט גיסן, פאַבריצירן דריידלעך. דאָס איז געווען אַ היפּש שטיקל אַרבעט! דערקאַזשעט אַ קייַלעכדיק שטיקל האָלץ, צע-

שפּאָלטן עס מיט גרויס שווייס אויף 4 אָדער גאָר אויף 6 גלײַכע
העלצעלעך און צעבלוטיקט די פינגער, אָבער דאָך אויסגענוצט די
פאָרם, אויסגעקריצט אין איר צווישן די פליגעלעך אַ נון מיט אַ גימל
מיט אַ היי מיט אַ שין, — און די פאָרם איז ברוך השם פאַרטיק. בלײַ
קאָן מען נאָך קריגן, ווען עס איז פאַראַן אַ חבר וואָס זײַן פאָטער
האָט אַ שניטקראָם, און פון די שטיקער קאָרט קאָן מען אַרומרײַסן די
פּלאָמבעס. אָבער ווו קריגט מען אַ צינענע אָדער נאָך דווקא אַ קופּערנע
לעפל אויף שמעלצן אין איר די בלײַ? דאָ מוז מען אָנקומען צו דער
רביצין, אָדער פּראָסט מאַכן שותּפות מיט אַ יינגל, וועלכער האָט די
קופּערנע לעפל און גיסן צוזאַמען די דריידלעך און דערנאָך טיילן די
סחורה חלק כּחלק. שפּילן אין דריידלעך – דאָס איז געווען גאָר
אַ באַזונדער סדרה, אַ באַזונדער קונציקייט, מען זאָל מאַכן, אַז עס
מוז פאַלן דער גימל און טאַקע צונעמען די גאַנצע סומע געלט פון טיש.
עס זענען געווען בריות, גרויסע קענער, וועלכע פלעגן לאָזן דעם
דריידל גאָר אויף דעם שטעקעלע, טאַקע מיט די פליגעלעך אַרויף, און
דאָס דריידל — בײַ אונדז האָט עס זיך גערופן „גאָר", ווײַל דאָס האָט
באַוויזן דער גימל — פלעגט זיך גיין אויפן קעפּעלע. אָט דאָס איז
טאַקע געווען קונציק!...

און אַז גאָט האָט געהאָלפן און מען איז עלטער געוואָרן עפּעס
אַ יאָר זעקס-זיבן, קלאָר שוין אין נביאים ראשונים, און מען טראַכט
צו זומער, אם ירצה השם, וועגן לקח טוב און נאָך אפשר גלײַך וועגן
מסכתא ביצה, — הכּלל אַז מען איז שוין קיין עין-הרע אַ בחורל און
אין דריידלעך איז שוין מיאוס צו שפּילן, דאַן פלעגט מען בענטשן
ליכטלעך, און טאַקע אַליין מאַכן זיי: פונאַנדערשמעלצן וואַקס און צו-
נויפדרייען פאָדעם און אויסשנײַדן ווילעצקעס פון ריטעלעך און ציִען
די ליכטלעך. דאָס איז געווען אַן אַרבעט, דאָס איז געווען אַ פאַרגע-
ניגן, כּמעט ווי בויען די סוכּה אָדער בינדן הושענות. און דאָס יידישע
יינגל האָט געוווּסט, אַז עס איז אַ יינגל; נאָך זײַנע יאָרן האָט ער גע-
פּילט, וואָס פאַר אַ צײַט ער לעבט, יעדער יום-טוב און יעדער צײַט
אין יאָר האָט ער געפּילט, אַז היינט איז טאַקע דער טאָג, דער יום-

טוב, דער תענית, און האָט דאָס טאַקע געפּילט אין גאַנצן סדר, אין גאַנצן גאַנג פון זײַן לעבן; און חנוכּה האָט ער געפּילט, אַז הײַנט איז חנוכּה אויף דער וועלט!...

און הײַנטיקע קינדער?

הקיצור, ווען איך בין שוין יאָ כּלומרשט, אַ ציוניסט רופט מען דאָס, ווען איך דורע און טומל די קינדער מײַנע און דערצייל זיי מעשיות וועגן חנוכּה און צינד מיט זיי די ליכטלעך און טראָג זיך אום מיט דער חנוכּה־לאָמפּ אַקוראַט ווי דער דאָרפסמאַן מיט דער קערה פּסח צום סדר, אַלץ צוליב דעם די קינדער זאָלן פרעגן מה נשתּנה, וואָס איז דאָס דער מער מיט חנוכּה; איז נאָך אַלע זאַכן, אַז איך גיב שוין חנוכּה-געלט אויך און סטאַרע זיך מאַכן פּאַראַד, — פילן אַלץ די קינדער פון אַ קינדער-ספּעקטאַקל מער טעם, דאַכט זיך מיר, ווי פון מײַנע ליכטלעך מיט מײַנע מעשיות. עט, חנוכּה — וואָס איז חנוכּה? מען דאַרף גיין אין קלאַס גלײַך ווי אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר; אומ-געקערט — פאַרנאַכט קאָן מען ניט גיין שפּאַצירן אַ ביסל: דער פּאַ-פּאַשע וועט זיך בייזערן, פאַרוואָס איז מען ניט געווען צו חנוכּה־ליכטלעך. גיי און דערצייל הײַנטיקע קינדער אַ מעשה, אַז אַמאָל איז געווען בײַ יידן אין ירושלים טעאַטער מיט צירקן מיט קונציקע גימנאַסטיק, און עס זענען געקומען די חשמונאים און האָבן געמאַכט אַ בונט און האָבן צעבראָכן אַלע טעאַטערס מיט די צירקן מיט די גימנאַזיעס און האָבן צעהרגעט די אַלע העלעניסטן, די יונים, די אַלע שיינע, עלעגאַנטע ווילע יונגען, — און דאָס איז דער נס חנוכּה —— גיי דערצייל אַזאַ מעשה הײַנטיקע יונגע קינדער, וועט איר זען וואָס פאַר אַ פאָר אויגן יעדעס קינד וועט אויף אײַך אויסשטעלן: וואָס האָט מען צו זיי נעבעך געהאַט?... וואָס חנוכּה, ווער חנוכּה — דאָס איז גאָר אַ טעות אין לוח: ניט דעם 25 כּסלו, נאָר דעם 25 דעצעמבער איז דער ערשטער טאָג פּראַזדניק, און ניט חנוכּה רופט זיך דער יום־טוב, נאָר... ראָזשדעסטוואָ. און דאָס איז טאַקע יום-טוב: מען גייט ניט אין קלאַס, מען האָט געבראַכט אַהיים די אָטמעטקעס פאַר דעם פערטל יאָר, פאַראַן בײַ קינדער אינטערעסן איבער וואָס צו שמועסן, עס וועלן זײַן קינדער־

טעאַטערס, ווי־ניט־ווי אַ יאָלקע, און עס וועט זײַן שמחה וששון... אָבער חנוכּה — וואָס איז חנוכּה בײַ אונדזערע קינדער? איר וועט זיי געבן עסן בלינעס — וועט זיי פאַרשאַדטן; איר וועט זיי הייסן לכּבוד חנוכּה שפּילן אין קאָרטן — וועלן זיי ניט קענען די לעקציעס און מאָרגן וועט מען קומען פון קלאַס מיט אַ צוויי, אויב איר האָט דערינען עפּעס אַ געפיל; און בכלל אויך מיר אַ חנוכּה, אויך מיר אַ שיינער נאַציאָנאַלער יום־טוב, אַז מער ווי אין קאָרטן אָדער אין בלינעס זאָל ער ניט באַשטיין...

און לאָמיר שמועסן צוריק די אייגענע מעשה: וואָס זענען הײַנטיקע קינדער טאַקע בײַ אונדז, טאַטעס כּביכול, אין וואָס אייגנטלעך, צווישן זיך גערעדט, באַשטייט אַפילו אונדזער חנוכּה? טאָמער צינדט מען אָן נעבן קיך עטלעכע פינצטערע ליכטלעך, אָן אַ האַרץ און אָן עפּעס אַ געפיל, גלאַט אַזוי פון יוצא ווערן? די נסים מיט דעם ריינעם כּשרן ייִדישן בוימאייל, אָט דער טײַערער בוימאייל, וואָס איין קליין קריגעלע קאָן ציִען אויף פיל נעכט; די מעשיות וועגן די וואַרעמע, גרויסע ייִדישע הערצער, צו וועלכע עס קאָן קיין גלײַכן זײַן ווען זיי דערוועקן זיך; אָט דער אַלטער חנוכּה, אין וועלכן אַ ייִד האָט זיך געפילט אַז ער איז אַ שטיקל יהודה המכּבי און קאָן אויך טראָגן שטאָלץ זײַן ייִדישן קאָפּ ווען מען זאָל דאָס דאַרפן, און זאָל טראַכטן, ניט נאָר טראַכטן, נאָר טאַקע פילן, אַז חנוכּה איז טאַקע בײַ אים יום־טוב, וואָרעם די חשמונאים האָבן אײַנגענומען דעם שונא, און אײַנגענומען אים אויף אייביק, אויף לעולם ועד, — — אָט דאָס אַלץ, אָט די אַלע געפילן האָבן מיר כּמעט ווי פאַרלאָרן, אָנגעוואָרן אין די גויאישע גאַסן. מיר, פאָטערס, האָבן דאָס אָנגעוואָרן, לכל הפּחות אַ גרויסן חלק האָבן מיר געפטרט, — הײַנט קאָנען מיר דען האָבן עפּעס טענות צו אונדזערע קינדער?

און אַן עבירה, כּלעבן, אַן עבירה אויף דעם אַלטן חנוכּה. איך זשאַלעווע אים פאַר די קינדער; אַ רחמנות וואָס זיי, די טײַערע עופהלעך, האָבן ניט דעם וואַרעמען, האַרציקן, עכט פאָעטישן פאַרגעניגן, וואָס קינדער קענען נאָר באַקומען פון אַן אמתן פאָלקס־יום־

טוב. און איר וועט מיר גלויבן, עס איז אַ רחמנות אויף אונדז, גרויסע:

— ניטאָ דער חנוכה, ניטאָ דער אַמאָליקער פריילעכער חנוכה!...

א פירוש אויף דער מגילה

א

די מעשה דערציילן איך אקוראט וועגן פורים, ווייס איך אליין אויך ניט; עס איז פאראן א מגילה, א לאנגע, א ברייטע, נאר אויף די מעשיות דארטן אין דער מגילה איז עפעס מער קשיות ווי תירוצים...

נאר איך ווילט זיך דאך פארט וויסן די מעשה עפעס אן קשיות,— איז ביי מיר געבליבן, איך זאל איך דערציילן די פורימדיקע געשיכטע אט אזוי ווי מיר האט דערציילט מיינער א רבי, א ייד ניט קיין נאר, און וואס לערנען האט ער געקענט זייער גוט.

הערט זיך צו.

א פראסטער מלמד, וועלכער קען אמת לערנען און איז ניט א כשרע בהמהלע, פארשטייט ציימנווייז א געשיכטע גאר גוט, ער פארשטייט ניט נאר וואס עס שטייט געשריבן, נאר אויך וואס עס שטייט ניט געשריבן; וואס דער פסוק האט געמיינט, נאר ניט אויסגע־זאגט הויך, אלע זאלן וויסן. דער פסוק, דארפט איר וויסן, זאגט א ווארט און מיינט דריי. א נאר בלייבט א נאר, און א קלוגער פארשטייט...

אַט הערט זיך נאָר צו, ווי דער רבי האָט מיר דערציילט די מעשה פון פורים. איך בין שוין דאַמאָלסט געווען אַ בחורל פון תוספות מיט מהרש״א, און דער רבי פלעגט זיך אַרײַנלאָזן מיט מיר אין שמועסן.

ב

מרדכי — האָט דער רבי געזאָגט — איז געווען אַ אדם גדול. מיר האָט געזאָזט איינער פון די געבילדעטע, אַז מרדכי איז געווען ניט אַ יידישער נאָמען. אויף ייִדיש האָט מען אים גערופן אַנדערש, נאָר אין פרס, אין פערסיע, האָט ער זיך גערופן מרדכי. אַט ווי חיים – יעפים, פסח – פאַוועל; פאַראַן שוין אַזעלכע וואָס מיינען אַז מרדכי איז אויך אַ יידישער נאָמען, און זיי מאַכן דאָס איבער אויף מאַטוויי; נאָר דאָס איז אַ טעות... מרדכי איז אַ גויאישער נאָמען, אַ פערסישער.

מרדכי האָט געקענט אַ סך לשונות, געווען רײַך, האָט זיך דער־דינט מעדאַלן מיט אַ טשין – געזעסן בשער המלך. די וועלט איז דאָך אַלע מאָל איינע, און ווי די מאָדע איז הײַנט בײַ די גבירים און די געבילדעטע, אַט אַזוי האָט זיך מרדכי אויך געפירט. געלעבט ווי אַ פריץ געזען פאַרגעסן זיך אַז ער איז אַ ייִד, און געמאַטערט זיך, אַז די באַקאַנטע פערסיער זאָלן אויך ניט וויסן אַז מרדכי איז אַ יהודי.

אַפנים ווי מרדכי האָט קיינע קינדער געהאַט. ער האָט געהאָ־דעוועט בײַ זיך אַ פלימעניצע, אַ שיין מיידל, געוואַקסן ווי אַ הדסל. דער פעטער מרדכי האָט זי געלערנט אין די קלאַסן, און מען זאָל ניט וויסן אַז זי איז אַ ייִדיש מיידל, האָט ער איר איבערגעלייגט דעם יידישן נאָמען הדסה אויף אַ פערסישן נאָמען אסתר. קורץ, עס איז אַרויס אַ שיין מיידל מיט אַן אמתן ייִדישן חן, זייער געבילדעט, בע־סער ווי אַלע פריצטעלקעס, מיט אַ נאָמען פון אַ פריצטע – ניט צו דערקענען, אַז דאָס איז געווען אַ ייִדיש מיידל. און מרדכי האָט דערפון גרויס נחת געהאַט.

ג

דערוויַיל האָט זיך געמאַכט די מעשה מיט ושתי. דער משוגענער אַחשורש באַדאַרף חתונה האָבן, און מען קלײַבט פאַר דעם קייסער כּלות אין אַלע הונדערט און זיבן און צוואַנציק מדינות. מרדכין האָט זיך זייער געוואָלט, דאָס אסתּר זאָל אויך אַרײַנפאַלן אין די כּלות. אים האָט דאָס אָפּגעגאָלטן. מען האָט אסתּרן אויך גענומען אין קייסערס פּאַלאַץ, און אסתּר איז דעם קייסער געפעלן געוואָרן און ער האָט מיט איר חתונה געהאַט.

דאַכט זיך, אַז עס איז בעסער אי פאַר זיך אי פאַר דער וועלט, אַז אַלע זאָלן וויסן, דאָס אַ ייִדיש מיידל איז געוואָרן אַ קייסערטע! טאַקע שיין, און שונאי ישראל וועלן זיך היטן. אָבער מרדכי האָט ניט אַזוי געטאָן. ער האָט אָנגעזאָגט אסתּרן, אַז חלילה וחס זי זאָל ניט אויסזאָגן, דאָס זי איז אַ ייִדיש קינד. ער אַליין, מרדכי דער פעטער, פלעגט זיך סטאַרען זען זי גאַנץ ווייניק, זעלטן. אַז ער האָט געדאַרפט דערנאָך צו איר, פלעגט ער מוזן אָנקומען צו שלוחים דורך היינטער־טירן, ניט ווי עס האָט געדאַרפט זײַן מיט אַ פעטער וואָס ער איז איר געווען כּמעט אַ פאָטער. די מיניסטאָרן, און ווער שמועסט שוין אַחשורש, האָבן גאָר ניט געוווּסט, אַז מרדכי איז עפּעס אַ שײַכות צו דער קייסערטע. מרדכי איז זיך געזעסן ווי פריִער אין שער המלך, גלײַך ווי ניט זײַן פלימעניצע איז די מלכּה.

האָט זיך געמאַכט אַ שטיקל מעשה. מרדכי איז דאָך געווען אַ געבילדעטער, געקענט לשונות אַ סך, האָט ער דערהערט ווי צוויי מיניסטאָרן ריידן צווישן זיך, אויף זייער לשון, עפּעס ניט שיין וועגן קייסער, וועגן אַחשורש. האָט ער דערציילט די מעשה אסתּרן, און זי האָט דאָס איבערגעגעבן דעם מאַן, און די מיניסטאָרן האָט מען אויפ־געהאַנגען. און עס האָט זיך פאַרשריבן אין אַלע ביכער, אַז מרדכי האָט דאָס דערגאַנגען.

ד

דערנאָך איז געוואָרן המן אַ גרויסער מענטש, אַ מיניסטער איבער אַלע מיניסטאָרן. דער קייסער האָט געהייסן, אַלע זאָלן פּאַר אים דאָס היטל אַראָפּנעמען. אַלע טוען, נאָר מרדכי לאָזט זיך בעטן. ער געדענקט, אַז המן איז נאָך געווען אַ קליינער טשינאָווניק. אויסער דעם איז געווען נאָך אַ סיבה. מרדכי איז אַפילו געווען אַ נײַמאָדישער, איבערגעמאַכט די יידישע נעמען אי זיך אי דער פּלימעניצע, נאָר דאָס האַרץ איז בײַ אים דאָך געווען אַ יידישס. אַלס אמתער ייד, האָט ער, מרדכי, באמת פײַנט עמלקן, אונדזער אייביקן יידישן שונא. מרדכי, אַלס ייד, האָט ניט געקענט לײַדן המנען, אָט דעם עמלקן, דער וואָס שטאַמט פון עמלק.

און דאָ האָט זיך מרדכי ניט געקענט אײַנהאַלטן און האָט אויס־געזאָגט דעם אמת, דאָס ער איז אַ ייד און האָט פײַנט דעם עמלק. נעבכאַי וואָלט ער שוין אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת און דערציילן אַז די מלכה איז אויך אַ יידענע, און דערפאַר איז ער בײַ זיך שטאַרק און ערלויבט זיך ניט בוקן צו המנען, דאַן וואָלט המן הרשע אונטערבויגן דעם ווידל, ניט פאַרפּירט קיינע מלאָכות, אַז ער ווייס, אַז די קע־ניגין איז אַ יידיש קינד. אָבער מרדכי האָט דאָס ניט געטאָן, און האָט ווידער און ווידער באַפוילן אסתרן, דאָס זי זאָל למען השם ניט אויס־ריידן זיך אַז זי איז אַ יידישע. האָט המן וועגן קיין זאַך ניט געטראַכט און האָט אָנגעמאַכט די גרויסע צרה. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז די איבעריקע מיניסטאָרן האָבן זיך אויך ניט געפוילט צולייגן שוועבעלעך, און האָבן געהאָלפן באַגראָבן מרדכין, דעם יידל דעם העזהניק, וועלכער מיינט, אַז ער איז שוין אַ גאַנצער פריץ און מישט זיך אין מלוכה־זאַכן מיט זיינע קענטענישן און מיט מסירות אויף מיניסטאָרן.

ה

נאָר, זאָגט דער רבי, — עס איז פאַראַן אַ גויאישער גלײַכווערטל: „יאַק טרעוואָגאַ — טאָ דאָ באָגאַ".

מרדכי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז עס איז זייער שלעכט. ער האָט די ערשטע זאַך געפּרובירט שרײַען אין גאַס, גלאַט דער עולם זאָל אויף אים רחמנות האָבן; ער האָט גענומען אָפּשלאָגן די שוועלן אין די פּריסוטסטוויעס; ער איז שוין מער ניט דערגאַנגען „עד לפני שער המלך", דאָס הייסט מער ניט אַז ביזן טיר; אינעווייניק האָט מען אים שוין ניט אַרײַנגעלאָזן...

די ייִדן אין די קליינע שטעטלעך, אין פּראָווינציע, האָבן געטאָן זייער זאַך: געפאַסט, געוויינט, תּפילה געטאָן. נאָר מרדכי האָט גע-קראָגן די קאָפּיע פון דעם ביטערן אָנזאָג. אסתּר המלכּה האָט געהערט עפּעס וועגן מרדכין, נאָר וועגן כּלל ישראל האָט זי גאָרניט געוווּסט, און אַז זי האָט יאָ געהאַט די ידיעה, און מרדכי האָט איר אָנגעזאָגט, דאָס זי זאָל גיין צו אַחשורושן בעטן אים פאַר איר פאָלק, האָט אסתּר אַפּנים קנאַפּ חשק געהאַט. מען האָט איר ערצויגן, אַז מען דאַרף זיך שעמען מיט איר פאָלק, אַז מען זאָל דאָס חלילה קיינעם ניט אויס-זאָגן, — און פּלוצלונג דאַרף זי גאָר אַלץ אויסזאָגן, נעמען אויף זיך די גאַנצע חרפּה... עפּעס ניט געשמאַקלעך...

נאָר אַז מרדכי, וועלכער איז פון צרות קליגער געוואָרן און האָט געזען אַז דער חלף ליגט אויפן האַלדז, — אַז מרדכי האָט זיך אַ בייזער געטאָן, האָט אסתּר שוין גענומען דעם גאַנצן עסק אין אירע הענט. זי האָט דעם מאַן אירן געקענט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אַלע מיניסטאָרן האָבן אין דעם עסק געהאָלפן המנען, אַז דאָס איז געווען עפּעס מיט אַ חשבון, מיט אַ מקח „צען טויזנט פּוד זילבער", עפּעס איז געווען טעמים, פאַרוואָס ייִדן מעג מען אויסראַמען. אסתּר האָט

פאַרשטאַנען, אַז מען מוז ראשית מאַכן אַט דעם המן פאַר אויס רעדל־פירער, און דערנאָך וועט אין די איבעריקע אַלץ רעכט ווערן.

ו

אסתּר האָט זיך גענומען צו דער זאַך וואַרעם, מיט שכל. חוהס אַ טאָכטער, נישקשה, ווייסט מיט וואָס מען דאַרף נעמען. אָט דאַכט זיך, זי זאָגט אויס דעם מאַן וואָס זי וויל, — און זאָגט פּאָרט ניט אויס: מאָרגן וועט זי דערציילן. האַ, די ווײַבער, בפרט וואָס האָבן זיך געלערנט, קענען די שפּיצלעך... אסתּר האָט געפילט, אַז זי דאַרף אויספירן אַ גרויסע זאַך און איז זייער צופרידן געווען, און דאָס האָט איר צוגעגעבן מוט. זי איז דאָך ניט שולדיק געווען, וואָס מען האָט זי אַזוי ערצויגן, דאָס זי האָט גאָרניט געוווּסט פון איר פאָלק. מען האָט איר איבערגעמאַכט איר נאָמען, איר יִדישן נאָמען, מען האָט איר איבערגעמאַכט אַז לא יעלה ולא יבוא, זי זאָל ניט אויסזאָגן, אַז זי איז אַ יִדיש קינד. זי האָט נאָר געפאָלגט וואָס דער פעטער מרדכי הייסט.

אָבער יעצט האָט זי שוין מיט אים, מיט דעם פעטער מרדכין, געקאָמאַנדעוועט. זי האָט געהייסן קלייבן שושנער יִדן, זי האָט דערנאָך געשריבן, באַפוילן, געצחתמעט. און מרדכי... רבי מרדכי האָט זיך פריִער געפילט, פאַרשטייט זיך, זייער זויער, זייער ניט געשמאַק. איר פאַרשטייט, אַ גאַנצער פריץ, מיט טשינען, זיצט בשער המלך, מיינט אַז ער איז אַ גאַנצער דוואָריאַנין, רעדט אויף אַלע לשונות, און נאָך בסוד אַ מחותּן מיטן קיסר, — און גיי מיט אַ מאָל אַוועק אויף יענער וועלט, ווײַל דו ביזט אַ יִיד... און שולדיק איז אין דעם גאַנצן אומגליק וואָס עס קומט אויף זײַן גאַנצן פאָלק נאָר ער אַליין, רבי מרדכי בכבודו ובעצמו, פאַר זײַן פוסטער גרויסקייט, פאַר זײַן ווונטש צו מישן זיך אין קהלשע געשעפטן, אין מלוכה־סודות... דו מרדכי, דו געדענקסט דאָך נאָך ירושלים, דו ביסט דאָך אַליין געוועזן פון די וואָס

נבוכדנאצר האָט פאַרטריבן, דו ביסט דאָך אַ ייִד, — היינט צו וועלכן שד ווילסטו זיך דאָ אין פרס ווערן אַ פערסיאַנער, מיט פוסטע גדלות, מיט נאָכטאָן די פערסיאַנער? און אַז מען איז אין גלות, איז ניטאָ וואָס צו באַווייזן העזה אַנטקעגן די, וועלכע פילן אַז זיי זיצן טאַקע אויף זייער לאַנד, אויף זייער אייגענעם באָדן.

זויערלעך, שטאַרק זויער איז געווען נעבעך מרדכין אויפן האַרצן. עפּעס געווען פריץ — און אויס פריץ. נאָר אַז גאָט האָט געהאָלפן אסתרן אויספירן דעם געשעפט, המן מיט די בנים זיינע האָבן זיך גע־וויאַנדזלט אויפן תליה, האָט זיך מרדכי באַרויִקט. דאָס איז אַזאַ נאַטור, וואָס מאַכט קולות און געשריי ווען עס איז שלעכט, און ווען עס איז רויִקער, ווען עס איז דורכגעגאַנגען די צרה, האָט ער ווידער הנאה פון צאַצקעס מיט מעדאַלן מיט מונדירן. עס שטייט ניט אין דער מגילה: ומרדכי יצא, מרדכי איז אַרויסגעגאַנגען און האָט געמאַכט גרויסע תקונים ביי ייִדן, געבעטן אפשר ביים מלך אַחשורש ער זאָל אָוועקגעבן ייִדן ארץ־ישראל, אויספירן כלל־זאַכן ביי זיין פלימעניק דעם קייסער; נאָר עס שטייט: ומרדכי יצא בלבוש מלכות, אַז ער האָט באַקומען אַ סך אָרדערן מיט מעדאַלן מיט טשינען. עס פאַרשטייט זיך, וליהודים היתה אורה ושמחה, ייִדן האָבן דערפון אויך הנאה געהאַט, עס איז גוט כאָטש אַ שוואַרץ יאָר אויף שבת, בעסער איידער אַלעמען אויס־הרגענען. נאָר ניט דאָס איז דער עיקר, דער עיקר איז, אַז מרדכי האָט זיך ניט געטאָרט פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייִד.

און אַפּנים — האָט געזאָגט דער רבי — אַז אַפילו שוין נאָך אַלע מעשיות האָט זיך מרדכי ווייניק מוסר אַראָפּגענומען.

רצוי לרוב אחיו — שטייט אין דער מגילה. בעסער איז מרדכי געוואָרן, נאָר נאָך ניט מיט אַלעמען.

אַרטיקלען

יידישע כלל-אַסיפות

א

געוועזן צײַטן, ווען יידישע כלל-זאַכן, דאָס הייסט די אינטערעסן, וואָס זענען שייך צו דעם גאַנצן יידישן כלל, זענען געווען גאַנץ היפּש אײַנגעאָרדנט. מיר ריידן דאָ ניט וועגן יידן אין דער גאַנצער וועלט, אויך ניט וועגן אונדזער פאָלק אין גאַנץ אַלטע צײַטן. מיר מיינען נאָר — וועגן יידן אין פּוילן און ליטע, דאָס הייסט וועגן אונדזערע עלטער-זיידעס. מיט אַ צוויי-דרײַ הונדערט יאָר צוריק האָבן יידן אין פּוילן און אין ליטע געהאַט אַ געוויסן סדר, מיט וועלכן עס האָבן זיך געפירט זייערע כלל-ענינים, אַלע זאַכן וואָס זענען נאָר נוגע געווען צו דעם גאַנצן יידישן פאָלק אין אַ געוויסער געגנט. די טבע האָט מיטגעבראַכט, דאָס יידן זאָלן זיך פאַראייניקן, וואָרעם די פּריצים, איבערהויפּט די פּוילישע, און אויך אַפילו דער פּראָסטער המון-עם האָבן זיך געפירט גאָר אַ באַזונדער סאָרט לעבן, צו וועלכן די יידן האָבן קיין שייכות ניט געהאַט. די מלוכה האָט דעמאָלט אַליין ערלויבט,

אַז ייִדן זאָלן זיך אײַנפירן זייערע אייגענע סדרים אין זייערע קהלשע געשעפטן. און אונדזערע עלטערן האָבן פאַרשטאַנען זייער זאַך, זיי האָבן אויסגעאַרבעט פאַר זייער געמיינדע-לעבן תקנות און מנהגים, וואָס פיל פון זיי מאָגן מיר בײַ הײַנטיקע צײַטן מקנא זײַן. יעדע ייִדישע קהילה האָט זיך געהאַט אַ געוויסע צאָל, לפי ערך נאָך די בעלי-בתים, ראשים, טובי הקהילה, אַלופים, דיינים, גבאי צדקה, וואָס שטאָט פלעגט זיי אויסקלײַבן אַלע חול-המועד-פסח דורך אַ קלפי מיט בוררים; און וואָס שבעה טובי העיר האָבן אָפּגעקלערט, איז עס געווען אַ חוב שוין פאַר גאַנץ שטאָט. און די אַלע ראשים פלעגן זיך אין געוויסע צײַטן צוזאַמענפאָרן, איבערהויפּט אויף די גרויסע יאַרידן, און דאָרט פלעגט מען האָבן גרויסע דין-תורהס און אַרויסגעבן פסקים, ווען עס פלעגן געשען מחלוקתן אין שטעט אָדער צווישן איין קהל מיט דעם צווייטן.

עס איז געווען דעמאָלט אַ גרויסער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך גע-רופן „ועד אַרבע אַרצות" און האָט געפירט אַלע כלל-זאַכן אין גאַנץ פוילן; אויך איז געווען אַ באַזונדער „ועד מדינת ליטע", וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קהלשע געשעפטן אין דער ליטע. אָט די ביידע ועדים האָבן געפירט יעדער באַזונדער אַלע ייִדישע כלל-זאַכן אין פוילן און אין ליטע. נאָר געווען צײַטן, ווען די ביידע וועדים פלעגן זיך צו-זאַמענקומען; דאָס פלעגט זײַן, ווען מען האָט באַדאַרפט אַרומקלערן אַ כלל-זאַך וואָס איז געווען שייך צו אַלע ייִדן, ווײַל ליטע האָט אויך דעמאָלט געהערט צו דער פוילישער מלוכה. די פוילישע רעגירונג האָט קעגן די ועדים גאָרניט געהאַט, און מיט דער צײַט האָט די מלוכה אַליין אָנערקענט די רעכט פון די ייִדישע ועדים, ווײַל בכלל פלעגט פוילן זיך ניט וועלן מישן אין די ייִדישע קהלשע געשעפטן, אַבי זי זאָל נאָר זײַן רויִק מיט די צינשן, וואָס זי האָט באַדאַרפט באַקומען פון די ייִדישע שטעט. אין „ועד אַרבע אַרצות" זענען אַרײַן: גרויס-פוילן, דאָס הייסט פויזן, קליין-פוילן מיט קראָקע, פּאָדאָליע און גאַ-ליציע מיט לעמבערג, און דערנאָך גאַנץ וואָלין מיט אָסטרע און וולאַדימיר. און אין „ועד מדינת ליטע", וועלכער איז געוואָרן אַ ביסל שפּעטער, זענען אַרײַן איבערהויפּט די גרויסע קהילות: בריסק,

גראָדנע און פינסק, און צו זיי זענען צוגעשטאַנען אויך ווילנע און סלוצק.

די ועדים האָבן באַדאַרפט פירן אַלע קהילות: איין שטאָט זאָל ניט קריכן צו דער צווייטער, ניט טאָן איר קיין שאָדן; פונאַנדער־נעמען מחלוקתן אין שטעט; פונאַנדערלייגן די הערכות, די צינשן דער מלוכה, אויף יעדער קהילה, נאָך איר מצב; מאַכן פאַראָנדקעס אין יעדער קהילה וועגן ערציִונג, תלמוד־תורהס, ישיבות און גלאַט תקנות, ווי אַזוי יידן זאָלן זיך פירן; האַלטן זיך עצות, טאָמער באַדאַרף מען עפּעס שתדלנות בײַ דער מלוכה וועגן יידן, סטאַרען זיך בײַ דעם מלך אָדער בײַ אַ מיניסטער פאַר יידישע כלל־זאַכן. די אַלע זאַכן פלעגט באַשליסן דער „ועד אַרבע אַרצות“ אינאײנעם מיט דעם „ועד מדינת ליטע“. אויסערדעם, זענען זיך געווען דעמאָלט קליינע אַסיפות, פון יעדן קאַנט באַזונדער, פון יעדער גובערניע. קורץ, — די יידן אין פוילן האָבן געהאַט אייגענע סיימיקעס און אַן אייגענעם סיים אַקוראַט ווי די פּאָליאַקן. עס איז עפּעס געווען אַ שטיקל יידישע מלוכה, אַ מין באַזונדערע אויטאָנאָמיע, אינעם לאַנד גופא. און צוליב דעם פלעגט אַ יידיש כלל־געשעפט, אַן ענין וואָס איז נוגע צום כלל־ישראל, האָבן, ווי מען זאָגט דאָס, זײַן קלאָגער און זײַן ריכטער, און וואָס עס איז נאָר געווען מעגלעך האָט מען געטאָן לטובת הכלל.

מיר זענען ניט אויסן געַנוי צו שמועסן דאָ וועגן די ועדים; עס וואָלט ניט שאָדן, מען זאָל וועגן דעם אַ באַזונדער פּרק אויפשרײַבן, כדי מען זאָל טאַקע וויסן, ווי אונדזערע עלטערן, אָט די וואָס מיר רעכענען גאָר פאַר אַלט־פרענקישע, אומגעבילדעטע יידן, — ווי זיי האָבן קלוג און פּראַקטיש אײַנגעאָרדנט זייערע קהלשע אינטערעסן. מיר דערמאָנען איצט וועגן די ועדים, ווײַל מיר ווילן דערציילן וועגן די אַסיפות בײַ יידן, וועגן אייניקע כלל־אַסיפות, וואָס זענען געווען אָט די לעצטע צײַט, מיט אַ יאָר פינף און צוואַנציק צוריק, נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין יאָר 1881. מיר ווילן דערציילן אייניקע מעשיות פון די אַסיפות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט צונויפגעקליבן אין פּעטערבורג כדי אויך צו טראַכטן וועגן דעם כלל, — האָבן מיר זיך דערמאָנט וועגן די

גאַנץ אַלטע אַסיפות, וועגן די אַמאָליקע ועדים, און מיר האָבן אין קורצן דערציילט וועגן זייער באַדײַטונג און ווי זיי פלעגן זיך צונויפ־קלײַבן. זייער מעגלעך, אַז דעם עולם וועט דאָס אינטערעסירן. די לעזער אונדזערע וועלן קאָנען אַליין פאַרגלײַכן, ווער עס האָט בעסער געפירט זייערע קהלשע געשעפטן: די אַלטע זיידעס אונדזערע, אָדער זייערע געבילדעטע אייניקלעך.

און דאָס שאַדט ניט צו וויסן, ווײַל אויך הײַנטיקע צײַטן טראַכטן מיר, דאַכט זיך, וועגן כּלל־אַסיפות; ווײַל ס'דאַכט זיך, אַז אויך איצט איז אין רוסלאַנד געקומען די צײַט, דאָס ייִדן באַדאַרפן זיך אָרגאַ־ניזירן. געקומען איז די צײַט, אייגנטלעך, לאַנג; עס איז גאָר קיין מאָל ניט געווען אַ צײַט, וואָס ייִדן האָבן זיך ניט באַדאַרפט אָרגאַניזירן. נאָר אין דעם לעצטן יאָר, אין די לעצטע מאָנאַטן זעט שוין אויך אַ בלינדער, אַז ייִדן אין רוסלאַנד מוזן זיך פאַראייניקן און בילדן אַ שטענדיקן ועד, וואָס זאָל היטן די ייִדישע כּלל־זאַכן.

ב

פּאַסכאַ־צײַט, דעם 16טן און 18טן אַפּריל 1881, האָט זיך גע־טראָפן דער פּאָגראָם אין יעליסאַוועטגראַד... דאַכט זיך, אַז מען האָט זיך גאָרניט געקאָנט ריכטן אויף דעם אומגליק. אין דער עצם שטאָט איז ניט געווען אייגנטלעך אַזעלכע באַזונדערע סיבות, וואָס האָבן גע־קאָנט, געמוזט אַרויסרופן אַזאַ געשעעניש, אַ פּאָגראָם. דאָך האָט מען געמיינט, דאָס הייסט, עס האָט זיך געגלוסט מיינען, אַז דער יעליסאַ־וועטגראַדער פּאָגראָם איז עפּעס אַ מקרה־זאַך, אַן אומגעריכטער צופאַל.

באַלד אָבער האָט מען באַשײַמפּערלעך געזען, אַז צום גרויסן אומגליק איז די יעליסאַוועטגראַדער מעשה ניט קיין מקרה־זאַך.

אויף מאָרגן טאַקע נאָך יעליסאַוועטגראַד איז געווען די אייגענע זאַך אין האַלטאַ, אַנאַניעווער אויעזד. דעם 26טן אַפּריל האָבן זיך אָנגעהויבן די שרעקלעכע טעג אין קיִעוו, ווו דער פּאָגראָם קעגן ייִדן

האָט געדויערט דריַי טעג גאָכאַנאַנד, — אין קיִעוו, ווו עס זענען געווען אַזוי פיל קאָזאַקן און סאָלדאַטן. אָנפאַנג מאַי איז געגאַנגען די סדרה יִדישע פּאָגראָמען אין אַלעקסאַנדראָווסק, אין לאָזאָוואַיאַ, ראָמען און וואָלאָטשיסק, און טאַקע באַלד זענען זיך געווען פּאָגראָמען אין אָדעס, אין סמיעלאַ און אָרעכאָוו. אַ שיינעם פרילינג האָבן יִדן דאַן איבערגעלעבט, אַ זומער-לעב איז געווען דעמאָלט אויף אונדזער פאָלק... מען האָט זיך געוואָרפן אין אַלע זיַיטן, מען האָט ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן, וווהין אַנטלויפט מען פון פּאָגראָמען... ווו עס פלעגט זיך טרעפן אַ פּאָגראָם, האָט מען נאָר געוווּסט איין מיטל — אַ טעלעגראַם קיין פעטערבורג צום באַראָן גינצבורג... דער עולם איז נאָך געווען שטאַרק געגאַרט, געמיינט אַז „פעטערבורג" וועט איבעררוּשט ווערן, וועט קריגן גרויסע התפעלות וואָס אין אָרעכאָוו לאָזט מען אַרויס יִדישע פעדערן. דער עולם, דער יִדישער עולם, האָט געמיינט, אַז דער יִדישער באַראָן איז אַ כל-יכול און ווען ער באַקומט נאָר אַ דע-פּעש וועט ער גליַיך לויפן צום מיניסטער, ווי רבי לייב שרהס צו קירען, און וועט אים שלעפּן צום דין-תּורה, און די ערשטע זאַך וועט ער די קאַזנאַטשייסטווע געלט אַריבערשיקן קיין אָרעכאָוו אָדער קיין האָלטאַ.

באמת אָבער האָבן די גרויסע יִדישע גבירים דעמאָלט גאָרניט געטאָן לכתחילה. גאָרניט — אַפילו קיין געלט ניט געקליבן, נדבות געמאַכט זייער קליינע לערך. דער באַראָן האָט צונויפגערופן עטלעכע מענטשן און האָט געמאַכט אַ קליינעם רייסטער פון נדבות. גענוג איַיך צו זאָגן, אַז דער גרויסער פּאָליאַקאָוו האָט געגעבן ניט מער ווי טויזנט רובל, און אַברהם זאַק, וואָס איז געווען דעמאָלט ידוע פאַר אַ גרויסן בעל-צדקה אויף יִדישע זאַכן, האָט געגעבן חמש מאות, ניט מער וויפל עס האָט געגעבן אַ מעקלער אויף דער בערזע, און נאָך דערצו ניט אַ יִד נאָר אַ גרעק, — סקאַראַמאַנגאַ... די פעטערבורגער גבירים האָבן גערעכנט, אַז די אַלע פּאָגראָמען זענען צופעליקע סיבות, מער ניט מקרים, וואָס האָבן זיך געטראָפן אין אייניקע ערטער און מסתּמא וועט די אָרטיקע פּאָליציי קריגן איר פּסק. עס האָבן זיך געטראָפן סיבות,

און סיבות קאָנען זיך דאָך טרעפן אומעטום און מיט יעדערן, — לכן איז ניטאָ וואָס צו אויפמאַכן די וועלט, מען באַדאַרף ניט מאַכן קיין גרויס געפילדער, ניט לויפן באַומרויִקן די מיניסטאָרן מיט דער מלוכה. „ווען מען דאַרף" וועט מען מסתּמא בעטן, מען וועט אַ רייד טאָן, — נאָר טומלען און מאַכן קולות, ווי די יידישע מאָדע איז, הייסן די גבירים ניט.

און ווען גבירים הייסן ניט — באַדאַרף מען פאָלגן. וואָרעם מה אָנו, וואָס זענען מיר, דאָך מער ניט ווי צאן קדשים, אַ סטאַדע יידן, אַ טשערעדע, וואָס מען פירט וווהין מען וויל...

נאָר — נאָר רוסישע יידן האָבן שוין דאַן געהאַט בײַ זיך אַ גרויסן כוח. עס איז שוין דעמאָלט אויך געווען צווישן רוסישע יידן אַ געבילדעטער יונגער דור, אַ יוגנט, וועלכע האָט גוט פאַרשטאַנען די יידישע לאַגע און וועלכע האָט אויך געוווסט וואָס זי האָט צו טאָן אין אַזאַ שרעקלעכן מאָמענט. דער געבילדעטער יונגער דור האָט געוווסט, אַז אויף די גבירים איז זיך גאָר ניטאָ וואָס צו פאַרלאָזן. די יונגע לײַט האָבן זייער ווייניק געהאַלטן פון דעם פּאַטריאָטיזם פון די יידישע גבירים, פון זייער איבערגעגעבנקײַט צום יידישן פאָלק. די געבילדעטע יידישע יוגנט האָט געזען, אַז מלכּיאל האָט זיך ניט געשעמט און גע-געבן דעמאָלט אַ התחייבות, אַז אויב מען וועט אים איבערגעבן אַ פּאָדריאַד איז ער זיך מתחייב ניט צונעמען יידן אויף ערטער אין זײַנע געשעפטן. די יידישע יוגנט האָט געזען, אַז דער גרויסער גביר פּאָליאַקאָוו נעמט כמעט ניט קיין יידן אויף שטעלעס אין זײַנע גרויסע גע-שעפטן; אַז אין דעם ניט לאַנג געוועזענעם טערקישן קריג האָבן וואַרשאַווסקי און נאָך אַנדערע גבירים גאָרניט גערעכנט זיך מיט חלול-השם און האָבן ניט געטראַכט וועגן כּלל-ישראל, ווען עס איז דערגאַנגען צו זייער קעשענע. די יוגנט, די יידישע געבילדעטע יוגנט אין פּע-טערבורג האָט געוווסט אַ סך מעשיות און אַלע סודות וועגן אונדזערע גבירים; אַז אַפילו ווען עס האָט זיך געטראָפן דער בלבול-דם אין קוטאַיִס און צעדערבוים מיט דעם פּראָפעסאָר כוואָלסאָן האָבן זיך גע-נומען סטאַרען בײַ די יידישע גבירים, מען זאָל עפּעס טאָן דערצו, האָבן

זיך אונדזערע מיליאָנערן געוועזן אין גאַנצן אָפּגעזאָגט, און שמואל פּאָ־ליאַקאָוו האָט זיך ניט געשעמט צו זאָגן: „וואָס איז אונדז פאַר אַ דאגה פאַר קוטאַיִסער ייִדן?" און ווען ניט אַברהם זאַק, — ניט אַ מיליאָנער, נאָר אַ רייַכער ייִדישער משכּיל, — איז געוועזן כאָטש לאָז מען אין קוטאַיִס פסקענען, אַז ייִדן באַדאַרפן האָבן בלוט אויף פסח... בכלל האָט דער געבילדעטער ייִדישער קלאַס געזען, אַז פאַרלאָזן זיך אויף אונדזערע מיליאָנערן, דאָס זיי אַליין זאָלן זיך פירן דעם ייִדישן כּלל־עסק, איז אוממעגלעך. אויף דעם בערלינער קאָנגרעס אין יאָר 1878 האָבן מיר שוין געוווסט, וואָס פאַר אַ מיינונג עס האָט איבער ייִדן די רעגירונג, און אַלע הבטחות וועלכע מען פלעגט געבן כלומרשט די גבירים און מיט וועלכע זיי פלעגן אונדז קאָרמענען, — די אַלע הבטחות זענען אייגנטלעך גאָרניט. די געבילדעטע יוגנט האָט געזען, אַז די גבירים אינטערעסירן זיך גאַנץ ווייניק מיט די כּלל־זאַכן. זיי האָבן זיך גענומען אייביקע מענטשן, וואָס נעמען שכירות פאַר שרייַבן „זאַפּיסקעס" און פאַר קלייַבן „ספּראַווקעס", — מען נעמט שכירות און כלומרשט מען סטאַרעט זיך פאַר דעם ייִדישן מצב; באמת אָבער ווייסן די גוּדונגענע קדישים ניט ווען יאָרצייַט איז, זיי קומען אַלע מאָל נאָך יזכּור, און בשעת מען האָט צונויפגערופן די ראַבינער־קאָמיסיע אין יאָר 1879, האָט מען זיך אין פּעטערבורג דערוווסט וועגן דעם שפּעטער ווי אין דער פּראָווינץ; און בשעת איגנאַטיעוו האָט געמאַכט זייַנע קאָמיסיעס וועגן ייִדן אין די ייִדישע גובערניעס, האָט אויך „פּעטערבורג", דאָס הייסט אונדזערע שתדלנים, ניט געוווסט ביזוואַנען עס זענען ניט אָנגעקומען ידיעות פון דער פּראָווינץ. פּעטערבורגער קהלס־לייַט האָבן נאָר גע־האַלטן די גבאות אין די הענט, און האָבן ניט געוואָלט צולאָזן די יונגע פרישע ייִדישע קרעפטן אַרבעטן פאַר דעם פאָלק. די גבאות איז גע־וואָרן עפּעס אַ מין זכות נאָר פאַר די מיליאָנערן מיט „זייערע מענטשן", וועלכע דינען זיי, וועלכע הענגען אָפּ פון זיי, וועלכע שמייכלען זיי; די גבאות איז געוואָרן עפּעס אַ מין ירושה, וואָס גייט איבער פון טאַטעס צו קינדער.

ג

די ייִדישע יוגנט האָט ניט געקאָנט גלײַכגילטיק צוקוקן דאָס. די יוגנט האָט געוווּסט, אַז ווען אַפּילו זי האָט ניט קיין געלט, אָבער דער־פֿאַר האָט זי אַ גרויסן כּוח, — האָט אמת ליב איר פֿאָלק, זי וויל אים דינען, זי וויל אים גוטס ברענגען; זי האָט מיטלען דערצו, — ניט געלט, ניט גאָלד, ניט זילבער, נאָר אַ זאַך וואָס איז יקר מפּז, טײַערער ווי געלט, — זי האָט בילדונג, ייִדישע און אַלגעמיינע.

סוף זומער 1879 האָט די ייִדישע יוגנט גענומען זיך אַרויסגעבן אַ ייִדיש־רוסיש וואָכנבלאַט, דעם „ראַזסוועט". די בעסטע ייִדישע קרעפֿטן זענען צוגעשטאַנען צו אים. די אַרויסגעבער פֿון דער צײַטונג, אויך די מיטאַרבעטער האָבן בפּירוש געזאָגט, אַז זיי וועלן ניט קוקן, ניט פֿרעגן אויף די עצות פֿון די ייִדישע מיליאָנערן. די בילדונגס־גע־זעלשאַפֿט „מפיצי השׂכּלה" איז געווען אין גאַנצן בײַ די מיליאָנערן אין די הענט, און זיי האָבן זי געפֿירט ווי זיי האָט זיך געגלוסט. זיי האָבן זיך געהאַלטן אַ משׂכּיל איינעם אויף שׂכירות, און ער האָט געטאַנצט ווי זיי האָבן געשפּילט. חברה „ראַזסוועט" איז די געשיכטע ניט גע־פֿעלן. זיי האָבן זיך גענומען, ראשית כּל דבר, פֿאַר דער חברה „מפיצי השׂכּלה". דאָס איז דאָך די איינציקע ייִדישע חברה, וועלכע איז אַ כּשרע, אַן ערלויבטע פֿון דער רעגירונג. די פֿירער פֿון „ראַזסוועט" האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז די גבֿירים וועלן ניט לײַכט אַרויסלאָזן די חברה פֿון די הענט; האָט מען גענומען זיך, עס זאָל ווערן פֿיל יונגע מענטשן חברה־לײַט, כּדי מען זאָל קאָנען האָבן אַ דעה אויף די וויבאָרעס.

און טאַקע אַזוי איז געווען. אין אָנפֿאַנג 1880 זענען שוין פֿיל אינטעליגענטן געווען חברה־לײַט, און אויף די וויבאָרעס איז זיך צוזאַמענגעקומען גאָר אַ היפּשער עולם. דאָס האָט אַפּילו די גבֿירים ניט אַזוי געשמעקט, נאָר עס איז קיין פּעולה ניט געווען: דעם זכות

פון אַ חברה־מאַן קאָן מען ניט אָפּנעמען. אַלע מאָל איז געווען דער שטייגער, אַז די יערלעכע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג איז נאָר געווען אַ חוכא־טלולא, אַ מין קאָמעדיע. עס פלעגן זיך צונויפקלייבן צום באַראָן גינצבורג אין עס־צימער עפּעס אַ מנין מענטשן, איבערהויפּט אייגענע מענטשן, זיינע משולחים, וועלכע דינען ביי אים אין קאַנטאָר, אָדער גלאַט גוטע באַקאַנטע, אַ צוויי־דריי משכּילים מיט קאָקאַרדעס, אַ דאָקטאָר פון מקורבים:—און דאָס האָט געהייסן די אַלגעמיינע פאַר־זאַמלונג. מען האָט געטרונקען אַ גלעזל טיי, געלייענט דעם יאָר־חשבון אָן וכּוחים, ניט געקריטיקירט חלילה, געקוקט די מיליאָנערן אין מויל אַריין, און ווען איינער האָט על פּי גורל באַדאַרפט אַרויס פון קאָמיטעט, האָט מען אים, פאַרשטייט זיך, צוריק אויסגעקליבן. אַזוי איז דאָס געווען איינגעפירט פון קדמונים, כּמה שנים נאָכאַנאַנד. אָבער אין יאַנואַר 1880 איז געווען גאָר אַן אַנדער מין אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַ גרויסער עולם חברים און מען האָט זיי געמוזט צונעמען אין אַ גרויסן זאַל. מען האָט גענומען לייענען דעם חשבון, — האָבן זיך אַרויסגערוקט מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פרעגן עפּעס קשיות, זאָגן דעות, למאַי האָט מען דאָס געטאָן, צו וואָס האָט מען יענע הוצאה געמאַכט, פאַרוואָס האָט מען אַזוי ניט געפירט די חברה. די גבירים האָבן זיך געקוקט: פון וואַנען קומט עפּעס דאָס?...

און צו די וויבאָרעס האָט מען במחילה פאַרשוואַרצט עטלעכע גבירים און אויף זייער אָרט האָט מען אויסגעקליבן געבילדעטע מענטשן, גאָר פון די געלערנטע. עס האָט קיין טאַטע ניט געהאָלפן. גאַלקעס איז, פאַרשטייט איר, אַ בלינדע זאַך, און עס שטייט ניט אויפגעשריבן אויף דער שטומער גאַלקע, ווער עס האָט זי געוואָרפן: דער גרויסער מיליאָנער, אָדער דער יונגער שרייבערל פון דער רע־דאַקציע „ראַזסוועט". קורץ, מען האָט אַ פּאָר גבירים, מלכּיאלן און וואַרשאַווסקין, אָפּגעשוואַרצט, אַז רויך איז געגאַנגען, און אַפילו דער גרויסער פּאָליאַקאָוו איז אַרויס מיט נרויס רחמים. דאָס איז געווען, ווי מען זאָגט דאָס, אַ לקח־טוב, אַ גוטע התראה פאַר אונדזערע מי־

ליאָנערן, למען דעת, זיי זאָלן געדענקען, אַז דער עולם איז שוין פון חדר אַרויס, און אַז מיט אַ כלל-חברה שפּילט מען זיך ניט אין גבאות; און אויב די גבירים ווילן זיך ניט פרעגן בײַ דעם עולם, קאָן דער עולם זיך באַגיין אָן די גבירים.

די מיליאָנערן האָבן דאָס ביטערע שטיקל מרור אַראָפּגעשלונגען און האָבן זיך אַ ביסל צוגערוקט צו די געבילדעטע. אין פּעטערבורגער שטאָט-זאַכן האָבן זיך אָנגעהויבן מישן עטלעכע פון דעם געבילדעטן קלאַס, מענטשן וואָס האָבן גאָר ווייניק וואָס צו טאָן מיט געלט, און די גבירים האָבן עס צוגעלאָזן. אויך האָבן נאָך פריִער אַ ביסל די גבירים גאָרניט אויסגעפירט מיט די פרומע וועגן אַ רב. די גבירים האָבן געוואָלט איינעם, און עס פאַרשטייט זיך, געגומען אים, ניט געפרעגט בײַ קיינעם; נאָר די בעלי-בתים, ניט קיין מיליאָנערן און ניט מיטגלידער פון דער געמיינדע, דאָס הייסט: ניט פאַרשריבן אין כאָר-שול, האָבן זיך גענומען אַ רב, ר׳ זלמן לנדא ע״ה, קעגן דעם רצון פון דער גילדערנער פּאַן. אויך אין „ראַזסוועט" האָט מען זיך גאַנץ אָפט דורכגערעדט וועגן די ייִדישע מיליאָנערן. איינער אַ פּעליעטאָניסט וואָס איז געווען אַ מפורסם דעמאָלט (נ. מינסקי) האָט פּשוט געשריבן, אַז דער כלל-ישראל נעמט ניט אויף זיך פּאָליאַקאָווס עבירות און מען קאָן שענקען די מיליאָנערן אַלע שונאי ישראל. אַפילו גאָר דער „רוסקי יעווריי", וואָס איז געווען דאַכט זיך גאָר אַ נכנע צו די מיליאָנערן, האָט אויך געדרוקט לעוואַנדעס אַ ראָמאַן, ווו ער האָט ווייניק געשאַנעוועט די פּעטערבורגער מיליאָנערן און האָט אַרומגעשריבן איינינקע פון זייערע מעשים טובים. די אַרויסגעבער פון „רוסקי יעווריי", ראַבינאָוויטש און בערמאַן, וואָלטן אפשר קיין העזה ניט געהאַט, נאָר די צײַטונג האָט געפירט ד״ר ל. קאַנטאָר, וועלכער איז ניט אַ ייִד פון מה-יפית-זינגען ניט פאַר ייִדישע און ניט פאַר אַנדערע פּריצים.

הכלל, שוין פאַר די פּאָגראָמען האָבן די פּעטערבורגער מיליאָנערן באַקומען פון די אינטעליגענטן, פון די נײַע געבילדעטע ייִדן אָנצוהערעניש, אַז מען רעכנט זיי, די גבירים, ניט פאַר די ראשי הגולה און אַז זיי זענען נאָך ניט די גאַנצע בעלי-בתים אויף כלל-ישראל.

ד

ווען די פעטערבורגער יידישע אינטעליגענץ וואָס האָט געאַרבעט אין די יידישע רעדאַקציעס האָט דערזען, אַז די פּאָגראָמען הערן ניט אויף, אַז אויף יידישע שטעט האָט זיך עפּעס אַ תּוכחה אויסגעגאָסן, איז מען געוואָרן מלא חמה אויף די גבירים. וואָס הייסט? עס ווערט אַ פּאָגראָם אין אַ שטאָט מען לויפט און מען שיקט אַ דעפּעש קיין פּעטער־בורג צום באַראָן גינצבורג, אין אַ רעדאַקציע. דאָרטן אין דער פּינצטע־רער פּראָווינץ מיינט מען, אַז מסתּמא וועט „פּעטערבורג" ניט שלאָפן, „זי" וועט איבערקערן די וועלט, לויפן צו גאַטשאַלסטווע, שיקן גרויסע געלטער. באמת אָבער – הייבט זיך גאָרניט אָן: מען לויפט ניט, מען פּליט ניט, מען קלייבט אַפּילו ווייניק געלט. עס זענען זיך געוואָרן די פּאָ־גראָמען אַ וואָכעדיקע מעשה, מען איז ווי צוגעוואוינט געוואָרן צו זיי. דאָרטן אין דער פּראָווינץ האָפט מען אויף פּעטערבורג, — און דאָ איז ניטאָ קיין קלאָגער, ניטאָ קיין ריכטער; די יאָריקע, די אייביקע שתּדלנים אָדער זענען זיי טעמפּ געוואָרן, אָדער זיי ווייסן אַליין ניט וואָס צו טאָן.

נאָר אַזוי צי אַנדערש, — זייט זיך מודה דעם אמת, אַז איר קאָנט ניט העלפן, אַז איר ווייסט ניט מיט וואָסער אופן מען קאָן זיך געבן אַן עצה, ווי צו פאַרבעסערן די אומגליקלעכע יידישע לאַגע. זייט זיך מודה, — און רופט צונויף פון דער פּראָווינץ, פון די יידישע שטעט מענטשן, מיט וועלכע איר וועט זיך אַן עצה האַלטן. וואָס איז, — לא אלמן ישראל, פאַראַן נאָך ביי יידן קלוגע, אָרנטלעכע מענטשן וואָס פאַרשטייען גוט דעם יידישן מצב און ווען זיך ניט פוילן דינען זייער פאָלק, בפרט אין אַזאַ שלעכטער צייט.

מען האָט אָנגעהויבן צו טומלען... עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וועמען די יידישע אינטעליגענץ האָט געשיקט צו די גבירים, שמועסן מיט זיי. נאָר צו אַ טאָלק האָט מען זיך דורך שלוחים ניט צוגעשלאָגן.

עפּעס פלעגט אויסקומען אַזוי, אַז די שלוחים פלעגן אויך צושטיין צו די גבירים. דאַכט זיך, אָט גייען זיי צו אַ מיליאָנער מיט פײַער, זיי וועלן אים אויסבטלען אַלע בייזע חלומות, נאָר ווי זיי קומען אין די גרויסע סאַלאָנען און דערזען פאַר זיך „אַליין" דעם מיליאָנער, ווערן זיי אַ ביסל בטל און ריידן שוין ווייכער. עס געדענקט זיך, דאָס מען פלעגט דעמאָלט זאָגן אַ גלייכוואָרטל, אַז די גאַלדענע מעבל בײַ די מיליאָנערן האָבן אין זיך אַ צויבער-קראַפט, אַזאַ מין כשוף, דאָס ווען מען זעצט זיך נאָר איין מאָל אויף זיי, גייט מען אַריבער אויף דעם גבירס צד.

אַפילו אין פּעטערבורג גופא איז קיין אַסיפה ניט געווען, מען האָט זיך ניט צונויפגעקליבן אַרומטראַכטן די לאַגע. דאָס איז שוין גאָר אַן עולה. איך שהוא, איז דאָך פּעטערבורג אַ גרויסע קהילה, וועלכע מעג דאָך אַרומקלערן, מעג זיך געבן די מי אויסזוכן עפּעס מיטלען אין אַזאַ ביטערע צײַט.

נאָר מיט אַ מאָל איז געוואָרן אַ גרויסע אַסיפה.

פרײַטאָג, דעם 7טן מאַי 1881 האָבן פיל פּעטערבורגער בעלי־בתים און אינטעליגענטן באַקומען דורך פּאָסט בריוו, אין וועלכע מען האָט יעדערן געשריבן, אַז מען הייסט אים קומען דעם נאָענטסטן זונטאָג, צען אַזייגער אין דער פרי, צום באַראָן גינצבורג אַהיים; מען האָט יעדערן געשריבן, אַז דער באַראָן ווייס שוין, דאָס ער וועט קומען. צו אַזוינע, וועלכע מען האָט געוווסט, אַז זיי זענען, ווי מען זאָגט דאָס, „שאַרפע יאַרמולקעס" און וועלן אפשר ניט קומען, האָט מען זיי געזאָגט אין די בריוו מיט דעם האַרבן וואָרט, אַז אויב זיי וועלן חלילה ניט קומען, וועט מען זיך מיט זיי אָפּרעכענען... געחתמעט האָט זיך אויף די בריוו קיינער ניט, נאָר עס איז געווען אונטערגעשריבן: „די יידישע חברה" (ליגאַ). דעם באַראָן גינצבורג האָט מען אַרײַנגעשיקט אַ לאַנגן בריוו מיט אַ רייסטער פון די מענטשן, וועלכע מען האָט צונויפגערופן און וועלכע וועלן קומען צו אים. „די יידישע חברה", די ליגע, האָט אים אינם בריוו באַפוילן, ער זאָל די אַלע צונויפגערופענע אויף דער אַסיפה צונעמען און ער זאָל

זיי פֿאָרלייגן: א) מען זאָל גלײַך קלײַבן נדבות איבער גאַנץ פּעטער-בורג, אויך אין רוסלאַנד און אַפֿילו צווישן די אויסלענדישע ייִדן, אויף די אַלע וואָס האָבן געליטן פֿון די פּאָגראָמען; ב) מען זאָל גלײַך בעטן אַ אױדיענץ בײַ דעם קייזער, כּדי פּנים בפּנים צו דערציילן די מעשׂיות, וואָס מען צעטוט מיט ייִדן און בעטן וועגן געבן ייִדן גלײַכע רעכט; ג) די פּעטערבורגער קהילה זאָל צונויפֿרופֿן אַן אסיפֿה פֿון די גרויסע ייִדישע קהילות אין רוסלאַנד, מען זאָל אַלע אין איינעם אַרומקלערן די ייִדישע לאַגע און געפֿינען אַן עצה וואָס צו טאָן בײַ אַזעלכע צרות.

זונטאָג פֿרי האָט זיך קיינער ניט געלאָזט בעטן. אַנדערע האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. שמואל פּאָליאַקאָוו האָט מודיע געווען דער פּאָליציי וועגן דעם בריוו און האָט געבעטן, מען זאָל בײַ אים שטעלן סאָלדאַטן, כּדי די „ליגע״ זאָל אים ניט באַפֿאַלן. יעדער בעל-הבית אָדער אינטעליגענט וואָס האָט באַקומען דעם בריוו, איז זיך זונטאָג צו דער באַשטימטער שעה געקומען צו באַראָן גינצבורג. על פּי רוב זענען דאָס געווען די באַוווסטע מענטשן פֿון דער ייִדישער געמיינדע און עס פֿאַרשטייט זיך, אַז דער באַראָן האָט זיי אַלעמען אויפֿגענומען. קיינער האָט ניט געוווסט, ווער איז אייגנטלעך די „ליגע״, די באַהאַל-טענע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיי צונויפֿגערופֿן אַלעמען, — נאָר טאַקע דערפֿאַר, וואָס קיינער האָט ניט געוווסט, ווער איז די „ליגע״, האָט יעדער געמיינט, אַז די אָרגאַניזאַציע איז שטאַרק. בײַ דעם באַראָן נעבן טיר זענען געשטאַנען פּאָליציי און אָפֿיצירן פֿון דער פּאָליציי, וואָס האָבן געזען ווי עס פֿאָרן זיך צונויף „גאַנץ פּעטערבורג״, די גאַנצע גילדערנע יויך פֿון פּעטערבורגער קהילה, און האָבן געזאָגט: „די ליגע״, „די ליגע״...

ווען מען האָט זיך צונויפֿגעקליבן, האָט זיך אַפֿילו דער עולם אַ ביסל אונטערגעשעמט, ניט געוואָלט מודה זײַן זיך, אַז מען איז גע-קומען מחמת די „ליגע״ האָט גערופֿן; נאָר דאָך ווען מען איז זיך שוין צונויפֿגעקומען, האָט מען איבערגעלייענט דעם בריוו, וואָס די „ליגע״ האָט צוגעשיקט צום באַראָן. מען האָט געמוזט אויסהערן דאָס שטיקל

מוסר, וואָס די „ליגע" האָט אָפּגעטיילט די גבירים מיט דער אינטעליגענץ, אַראָפּגעשלונגען די ביטערע ווערטער און סוף כּל סוף האָט מען זיך איבערצײַגט, אַז די „ליגע" איז גערעכט, און דאָס וואָס זי פאָדערט באַדאַרף מען מקיים זײַן. מען האָט צונויפגעקליבן גרויסע נדבות, מען האָט זיך אַרויסגערוקט גאָר מיט אַנדערע סומעס און מען האָט אַוועקגעשריבן אויך אין פּראָווינץ וועגן נדבות. מען האָט אויסגעקליבן אַ דעפּוטאַציע און געבעטן אַן אוידיענץ, אויך האָט מען אָנגענומען דעם פאָרשלאָג וועגן צונויפרופן אַ גרויסע אַסיפה פון גאַנץ רוסלאַנד קיין פּעטערבורג און מען האָט געשריבן צו די ייִדישע קהילות, זיי זאָלן שיקן דעלעגאַטן אויף דער אַסיפה.

ווער איז געווען די „ליגע" — ווייס מען עד היום ניט.

באמת געזאָגט, איז גאָר קיין „ליגע", קיין גרויסע אָרגאַניזאַציע, וועלכע עס האָט געפירט דעם גאַנצן ענין — גאָר אויף דער וועלט ניט געווען, לא היה ולא נברא. עס זענען נאָר געווען דרײַ יונגעלייט, ייִדישע וואַרעמע בחורים, וואָס האָבן ניט געקאָנט צוזען אָט די פּאַראַנדקעס, ווי אַזוי די מיליאָנערן די ייִדישע פירן דעם כּלל-עסק און זיי האָבן באַשלאָסן אַ ביסל אונטערטרײַבן זיי, אָנשיקן אויף זיי אַ פּחד. ריידן מיט די ייִדישע גענעראַלן איז געווען אוממעגלעך, זיי וואָלטן צו זיך ניט צוגעלאָזן; און ווען מען רעדט צו זיי, זענען זיי אַלעמענס עצות מבטל. איז קיין אַנדער מיטל ניט געווען, נאָר מאַכן דאָס בסוד, אָנשיקן אויף זיי אַ וואָלקן פון צפון-זײַט, זיי זאָלן ניט וויסן מיט וועמען זיי האָבן דאָ צו טאָן.

און דאָס מיטל האָט געהאָלפן. די אַסיפה האָט מען צונויפגעקליבן סוף יענעם זומער קיין פּעטערבורג.

ה

עס איז געווען נאָך א סיבה, וואָס האָט געווירקט אויף אונדזערע מיליאָנערן און זיי געצוווּנגען צונויפקלײַבן אַן אַסיפה פון דער פּראָווינץ. קיִעווער ייִדן האָבן געזען, אַז אויף פּעטערבורגער שתדלנים איז ניטאָ וואָס צו האָפן, האָבן זיי גענומען און אַליין אײַנגעאָרדנט אַ קאָמיטעט, און נאָך געטאָן אַ גרעסערע זאַך — אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג. אַ קיִעווער דעפּוטאַציע פון פינף ייִדן (ל. בראָדסקי, א. גאָלדענווײַזער, ש. פּיכטענהאָלץ, א. קופּערניק, ב. קאַצענעלסאָן) האָבן זיך אין אויגוסט פאָרגעשטעלט דעם מיניסטער, ניט פרעגנדיק בײַ פּעטערבורגער ייִדישע גענעראַלן. דאָס איז געווען אַ שטיקל „העזה", נאָר קיִעווער ייִדן האָבן ניט געפרעגט און זײַנען טאַקע אַרויס פון דער העזה. מען האָט אַלזאָ געמוזט צונויפרופן די גרויסע אַסיפה פון דער פּראָווינץ.

צונויפגערופן זי האָט באַראָן גינצבורג און שמואל פּאָליאַקאָוו, — ניט ביידע אינאיינעם, נאָר יעדער פון זיי האָט געשריבן בריוו צו זײַנע באַקאַנטע אָדער צו די מענטשן, וואָס ער האָט געוווּסט, און זיי גערופן קומען קיין פּעטערבורג. דאָס איז ניט געווען אויסגעקליבענע דעלעגאַטן; די וואָס זענען געפאָרן, האָבן זיך פריִער גאָרניט מישב געווען מיט דעם עולם אין זייערע שטעט, וואָס מען האָט צו קלערן אויף אַ כלל-אַסיפה, וואָס מען האָט צו בעטן און וואָסערע מיטלען מען באַדאַרף אָננעמען. ניין, דאָס זענען זיך געווען ייִדן, רײַכע ייִדן, וואָס נאָך רײַכערע פון פּעטערבורג האָבן זיי פאַרבעטן צו זיך. דאָס רוב זענען די רײַכע ייִדן פון דער פּראָווינץ געווען אַ ביסל ענלעך צו זייערע ברידער, יפתח בדורו כשמואל בטרובע, ווי דער מיליאָנער אין פּעטערבורג אַזוי איז זיך דער פּרנס פון מאָהליוו אָדער פון זשיטאָמיר. אַ רײַכער, אַ זאַטער, אַ תקיף בײַ זיך אין שטאָט, גוט מיט נאַטשאַלסטווע, דער גובערנאַטאָר קאָן אים. פון אַזעלכע „דעפּוטאַטן", וועלכע האָבן זיך אַליין אויסגעקליבן, האָט מען גאָרניט געקאָנט ערוואַרטן. ווען זיי

זענען געקומען קיין פעטערבורג, זענען זיי במחילה צעקראָכן געוואָרן, בשעת זיי האָבן דערזען עין בעין די מיליאָנערן, די גרויסע יידישע גענעראַלן; זיי האָבן געקראָגן כלות הנפש, אַז זיי האָבן זוכה געווען צו זיצן בײַ איין טיש מיט די סאַמע גדולי ישראל אַליין, אין די גרויסע שיינע זאַלן, ווו עס לויכט פון גאָלד און פון מאַרמאָר. זיי האָבן גע־האַלטן אָפן די מײַלער און האָבן זיך צוגעהערט, וואָס גרעסערע ריידן, — גרעסערע אין גבירות, — און וואָס יענע זאָגן איז בײַ זיי געווען קודש. און עס איז קיין וווּנדער ניט געווען, וואָרעם דאָס רוב דעלעגאַטן זענען דאָך געווען ניט מער ווי פּראָווינציעלע גבירים, וועלכע ווייסן יידישע כלל-זאַכן נאָך ווייניקער, ווי די פּעטערבורגער. נו, זענען געזעסן די דעלעגאַטן און האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ...

דעם באַראָן גינצבורגס קאָמפּאַניע האָט געאַרבעט מיט די דעלע־גאַטן, מען זאָל אויפהאַלטן די עמיגראַציע. גינצבורגס בעלי-עצות האָבן זיך אײַנגעשמועסט, אַז די עמיגראַציע, וואָס האָט זיך יענעם זומער אָנ־געהויבן מיט אַ שרעקלעכער קראַפט, איז נאָר אַן אויסגעטראַכטע זאַך, וועלכע עס האָבן אָנגעמאַכט די יונגעלײַט, איבערהויפּט די שרײַבער פון „ראַזסוועט". די גבירישע קאָמפּאַניע אין פּעטערבורג האָט זיך דאַן אײַנגעשמועסט אַ קינד אין בויך: מען זאָל זיך האַלטן אויף די ערטער, ניט עמיגרירן פאַר קיין פאַל, און טענהן „מיר זענען רוסן, רוסלאַנד איז אונדזערס, — מיר וועלן ניט גיין!" נאָר גייט זײַט אַ בריה, ווען מען טרײַבט אין נאַקן און מען שלאָגט; גייט האָט אַ דין-תורה מיט דעם קאָזאַק, אַז ער מאַכט קיין מחזקות ניט און שמײַסט מיט דער נאַגײַקע; גייט שמועסט אײַן הונגעריקע יידן, זיי זאָלן ניט פאָרן, זיי זאָלן ניט עמיגרירן, ווען קינדער בעטן ברויט; גייט שרײַט: אַני שלמה, רוסלאַנד איז מײַנס, — ווען דער מיליטערישער פּראָקוראָר אין קיִעוו, דער וואָס באַדאַרף זיך שטעלן פאַר די באַרויבטע, זאָגט אָפן אויפן סוד: לאָזן זיך יידן גיין, ווען זיי ווילן ניט לײַדן מען זאָל זיי שלאָגן; גייט באַרויִקט יונגע מענטשן, וואָס האָבן זייער לעבן אָוועקגעלייגט פאַר רוסישער בילדונג, וואָס האָבן די גרעסטע קרבנות געבראַכט רוסלאַנד, גייט באַרויִקט זיי און זאָגט זיי, זיי זאָלן קאַלטבלוטיק בלײַבן און

צוזען, ווי מען שפּײַט זיי אין פּנים אַרײַן, ווי אַלע זייערע בעסטע אידעאַלן, אַלע זייערע מחשבות זענען געוואָרן פּוסט און וויסט, תּוהו ובוהו, גלײַך ווי גאָרניט!... ניט שרײַבער און ניט מיליאָנערן קאָנען אַנידערשטעלן אַ מהומה, אַ גרויסע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך אַרויס־געריסן, וועלכע האָט זיך גענומען אַרויסרײַסן איבער דער שלעכטער לאַגע, איבער די גרויסע צרות, וואָס האָבן זיך מיט אַ מאָל אויסגעגאָסן אויף די ייִדישע קעפּ. און מען האָט באַדאַרפט זײַן קורצזיכטיק, ווי די דעמאָלטיקע ייִדישע מיליאָנערן, מען זאָל קלערן, אַז די גרויסע עמיגראַציע פֿון רוסלאַנד האָט מען געקאָנט אָפּשטעלן מיט טרוקענע עצות, מיט פּוסטע ווערטער, מיט לײַכטזיניקע הבטחות. דאָס אָט־אָט וועט מען דערלאַנגען אַ „זאַפּיסקע״ און עס וועט אַלץ ווערן רעכט, און באַלד־באַלד וועט צוריק ווערן גוט ווי עס איז געווען. אמת טאַקע, איגנאַטיעוו, דער דעמאָלטיקער מיניסטער, האָט געזאָגט דער קיִעווער ייִדישער דעפּוטאַציע, אַז די מלוכה קוקט ניט אויף סטרעלניקאָווס, דעם קיִעווער פּראָקוראָרס ווערטער און אויף דער „נאָוואָיע ורעמיאַ״ מיט אירע שרײַבער. נאָר מיר ווייסן, אַז אויף איגנאַטיעווס ווערטער האָט מען אויך געקאָנט זייער ווייניק בויען. די גמרא האָט גוט געקאָנט ייִדן, ווען זי האָט געזאָגט: הַנַח להם לישראל, דאַגהט זיך ניט פֿאַר ייִדן, אם אֵינם נביאים המה בני נביאים, ווען זיי זענען אַליין קיין נביאים ניט, זענען זיי אָבער נביאים׳שע קינדער. ייִדן האָבן פּראַקטיקע בירושה; זיי ווייסן, ווען מען קאָן יאָ גלויבן און ווען ניט. הײַנט האָט ער געזאָגט אַזוי, און אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט דער אייגענער איגנאַטיעוו געזאָגט דעם דאָקטאָר אָרשאַנסקי בפֿירוש, אַז ייִדן קאָנען זיך פֿאָרן וווהין זייער האַרץ געלוסט; רוסלאַנד שטערט זיי ניט חלילה...

— האָט מען עפּעס געקאָנט אויפֿהאַלטן די עמיגראַציע?

ווידער האָבן די דעלעגאַטן, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעפֿאָרן, געהאַט נאָך אַן עסק. דעם באַראָן גינצבורגס מקורבים האָבן געזאָגט, אַז דאָס אייניציקע מיטל צו פֿאַרבעסערן די ייִדישע לאַגע אין רוסלאַנד איז — מען זאָל געבן דער מאַסע, דער גרויסער ייִדישער מאַסע, בילדונג און וויסנשאַפֿט. דאָס זענען געווען די מענטשן, וועלכע האָבן זיך גע־

דערייט אַרום דער חברה „מפיצי השכלה", וואָס באַראָן גינצבורג איז איר פּרעזידענט. מען האָט אַגיטירט, איינגעשמועסט די דעלעגאַטן, אַז קומענדיק אַהיים זאָלן זיי זען מאַכן אין דער פּראָווינץ פיל מיטגלידער פאַר דער חברה „מפיצי השכלה", כדי זי זאָל ווערן שטאַרק און זאָל קאָנען געבן בילדונג דער ברייטער יידישער באַפעלקערונג. מען האָט באַוויזן, ווי „גליקלעך" עס לעבן די אַלע יידן וואָס האָבן געקראָגן בילדונג, וועלכע גאַראַנטירט כלומרשט פון העצערייען און פון רדיפות. הכלל, מען זאָל נאָר זען, אַלע זאָלן ווערן מיטגלידער אין דער חברה „מפיצי השכלה", און עס וועט ווערן גוט. צוריק ווידער איז געווען פּאָליאַקאָוס קאָמפּאַניע, וועלכע איז געווען קעגן דער חברה „מפיצי השכלה" און איז געווען נאָר דורכאויס פאַר פּאָליאַקאָווס פאָנד, פאַר דעם פאָנד, וואָס ער האָט דעמאָלט געגרינדעט פאַר יידישע בעלי-מלאָכות און ערד-אַרבעטער אין רוסלאַנד. פּאָליאַקאָוו האָט געגרינדעט זיין פאָנד און האָט געשענקט אַ נדבה 25 טויזנט רובל. היינטיקע יאָרן, נאָכדעם אַז עס האָט זיך געפונען צווישן יידן אַ באַראָן הירש, וואָס האָט צענדליקע מיליאָנען אַוועקגעשענקט דעם יידישן פאָלק, ווערט מען ניט נתפעל פון נדבות פון פינף און צוואַנציק טויזנט רובל; מען ווערט ניט נתפעל, מען רעדט ניט מיט פייער שוין פון דעם באַראָן ראָטשילדס גרויסע מיליאָנען-נדבות אויף ישוב ארץ-ישראל; היינטיקע צייטן האָט וויסאָצקי אויך געפּרווּט שענקען נדבות פון צענדלינגער טויזנט. אָבער מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק האָבן יידן קיין השגה ניט געהאַט פון גרויסע נדבות, און פּאָליאַקאָווס נדבה האָט געמאַכט אַ רושם. נאָר פּאָליאַקאָוו אַליין האָט אַ פּנים געמיינט, אַז זיין נדבה וועט גאָר מרעיש-עולם זיין, אַז אַלע יידן וועלן אויף אים קוקן ווי אויף דעם גרעסטן מענטשן, ווי אויף אַ נשיא. באמת אָבער זענען יידן געווען קאַלטבלוטיק, די יידישע מאַסע איז זיך טאַקע אַלץ געבליבן שטאַרק נוטה צום באַראָן גינצבורג. אַן עולם איז ניט קיין גולם. דער יידישער עולם האָט געקאָנט דעם באַראָן גינצבורג, זיין פאָטער און אויך זיין זיידן; מען האָט געפילט דעם באַראָנס טרייקייט און איבערגעגעבנקייט צו די יידישע אינטערעסן. אָבער פּאָליאַקאָוו, — אָט, דאָס איז עפּעס אַן

אָרשער דריטע גילדיע קופּיעץ, וואָס איז געוואָרן גרויס, רײַך, אַ גע־בעראַל, אָבער ער איז גאַנץ ווייניק שייך צו ייִדן. ניט ייִדן לעבן אַרום אים, ניט מיט ייִדן האָט ער צו טאָן. ניט פון די ווײַדלעך מאַכט מען אַ שטרײַמל. און ייִדן האָבן זיך אין פּאָליאַקאָווס פאָנד ניט גערוקט, געפּוילט זיך אײַנשרײַבן אין דעם פאָנד, ביז וואַנען באַראָן גינצבורג איז צו אים אויך ניט צוגעשטאַנען. אויף דער כּלל־אַסיפה האָבן פּאָליאַ־קאָווס ייִדן געסטאַרעט זיך צווישן די דעלעגאַטן, מען זאָל זען פאַר־ברייטערן די נײַע חברה, דעם פאָנד; מען האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז בילדונג־שמילדונג איז ווערט אַ שמעק טאַבאַק, אַז צוליב בילדונג מוז מען זיך קריגן מיטן עולם, וועלכער איז קעגן השכּלה מיט די אַפּיקורסים; אָבער זען מאַכן בעלי־מלאָכות און אײַנפירן צווישן ייִדן ערד־אַרבעט — דאָס איז אַ גרעסערער ענין, און דער עולם באַדאַרף אין דער פּראָווינץ דערצו צושטיין מיט אַלע כּוחות.

און די דעלעגאַטן, ייִדישע נגידים, וואָס זענען זיך צוזאַמענגע־פאָרן, האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ אי אַזוי, אי אַזוי; מסכּים געווען מיט דעם, געגעבן הבטחות יענעם, איבערהויפּט האָבן ביידע צדדים געלייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז ייִדן זאָלן טענהן: „עמיגראַציע ניע זשעלאַיעם“, און ווען זיי וועלן קומען צוריק אַהיים, זאָלן זיי אײַנשמועסן דעם עולם, אַז מען זאָל פאַר קיין געלט ניט לאָזן זיך אײַנריידן פון די צײַטונגס־שרײַבער וועגן עמיגראַציעס מיט אַמעריקע, מיט פּאַלעסטינע. מיט איין וואָרט: מאַכן זיך ווי ניט אונדז מיינט מען מיט די פּראָגראַמען, ניט מאַכן קיין גרויסע קולות, און אַריבערוואַרטן די שלעכטע צײַט.

און דער עולם איז זיך פונאַנדערגעפאָרן.

ו

און קיין ישועות זעט מען אַלץ טאַקע ניט. פּאָגראָמען שטאַרקן זיך, ווערן אַלץ מער. יענעם זומער זענען נאָך צוגעקומען שרפות, און דווקא אין יידישע שטעט: אַווגוסטאָוו, באָברויסק, וויטעבסק, פּינסק, פּאָניעוועזש, סלאָנים. וועגן קליינע שטעטלעך רעדט מען שוין גאָרניט. הײַנט האָט יענעם זומער אָפּגעברענט מינסק. אין די אַלע שטעט האָט מען ניט געוווּסט די סיבות, פונוואנען די שרפות האָבן זיך אָנגעהויבן. מען האָט דעמאָלט געמורמלט, אַז די שרפות זענען עפּעס אויך אַ מין פּאָגראָם. נאָר אַזוי צי אַזוי, — פון יידן איז יענעם זומער געוואָרן אַ היפּשער סך־הכּל, און מען האָט ניט געוווּסט אויף וועמען זאָל מען פריִער קלײַבן נדבות...

אין די יידישע שטעט איז געוואָרן חושך. די געשעפטן זענען געווען דעמאָלט זייער ניט גוט, באַזונדערס די געשעפטן, וואָס זענען געווען אין יידישע הענט. געווילד איז געלעגן אין דער ערד, דער קורס אויף אויסלאַנד איז געפאַלן עד שאול תחתיה, פּרנסה איז געווען אין קליינע שטעטלעך זייער געשלאָגן; צו דעם קריסט האָט דער ייד פאַרלאָרן זײַן צוטרוי, אויך דער קריסט האָט עפּעס מאָדנע געקוקט אויף דעם יידן. מען האָט זיך געמוזט זוכן ווי אַרויסצודרייען פון דער שלעכטער לאַגע, און די עמיגראַציע האָט זיך שרעקלעך געשטאַרקט, ווײַל עס איז געוואָרן אין די יידישע שטעט כּמעט אוממעגלעך צו זיצן איבער די העצערײַען און די רדיפות פון די קליינע פּריצימלעך, פון די טשינאָווניקלעך, וואָס האָבן ווי וואָראָנעס דערשמעקט, אַז עס איז מותּר געוואָרן רודפן אַ יידן.

אייגנטלעך איז דאָס געווען ניט שווער צו דערשמעקן. סוף זומער, אַט סאַמע אין דער צײַט טאַקע ווען די אַסיפה איז געווען אין פּעטערבורג און אונדזערע דעלעגאַטן האָבן דאָרט געפּראָוועט פּאָליטיק מיט שטאַט צווישן פּאָליאַקאָוון מיט גינצבורגן, — יענעם סוף זומער איז

זיך אַרויס אַ נײַע גזירה, אַ פאַראָרדענונג וועגן די קאָמיסיעס. די גזירה איז באַשטאַנען דערין, אַז מען האָט צוגעשריבן פון פעטערבורג אין אַלע גובערניעס, איבערהויפּט ווו ייִדן געפינען זיך, מען זאָל מאַכן אין יעדער גובערניע באַזונדערע קאָמיסיעס פון פאַרשיידענע באַאַמטע מיט נאָך דעלעגאַטן, און אַרומקלערן אין די קאָמיסיעס די גאַנצע ייִדישע פראַגע אין רוסלאַנד. מיר האָבן די קאָמיסיעס אָנגערופן: „גזירה״, ווײַל די קאָמיסיעס זענען געמאַכט געוואָרן בכוונה לכתחילה צו טראַכטן ניט גוטס אויף ייִדן, נאָר דווקא וואָס שלעכטער. אין אַזעלכע זאַכן איז ווי דער כּלי־זמר שפּילט, אַזוי גייט דער טאַנץ. ווי מען האָט פון פּעטערבורג געפרעגט, אַזוי זענען געווען די תּשובות. פון פּעטערבורג האָט מען צוגעשריבן די גובערנאַטאָרן, זיי זאָלן צוזאַמענרופן קלוגע לײַט אין גובערניע, אויך ייִדן פאַרבעטן, און פרעגן זיי, אַז זיי זאָלן ערקלערן, אין וואָס באַשטייט דער היזק פון ייִדן, מיט וואָס זענען ייִדן אַזוי שעדלעך אויף דער וועלט און וואָס פאַר אַ תּרופות געפינט מען, כּדי די ייִדן זאָלן זײַן ניט אַזוי שעדלעך. טשינאָווניקעס פאַרשטייען גאַנץ גוט וואָס דער פּסוק מיינט. ווען מען פרעגט, אין וואָס באַשטייט דער היזק, איז ממילא דערפון געדרונגען, אַז פון ייִדן איז היזק יאָ פאַראַן, און דאָס די תּשובה באַדאַרף זײַן, דאָס ייִדן זענען שעדלעך.

אין די ייִדישע שטעט האָט זיך געקאָכט. מען האָט געאַרבעט מיט אַלע קרעפטן, די קאָמיסיעס זאָלן געבן ניט קיין שלעכטע תּשובות. אָבער עס האָט ווייניק געהאָלפן. יעדער גובערנאַטאָר האָט אויסגעקליבן פון די פּריצים די, וואָס זענען געווען באַוווּסט פאַר שונאי ישראל, און זיי האָבן גענומען לערנען „דעם ייִדישן וואָפּראָס״, ווי דאָס הייסט, פון ליוטאָסטאַנסקיס ביכער אָדער פון אַנדערע שונאי ישראל. יעדער טשינאָווניק האָט גענומען שטודירן און זוכן, טאָמער קאָן ער עפּעס מאַכן בלבולים אויף ייִדן און אויפשרײַבן אַ שלעכטן „דאָקלאַד״ וועגן ייִדן אין דער גובערנסקער קאָמיסיע; און די סחורה איז געגאַנגען פאַר גוט געלט, די קאָמיסיעס פלעגן זי צונעמען מיט ביידע הענט. אמת, אין די קאָמיסיעס זענען געזעסן, ווי מיר האָבן געזאָגט, אויך איינער אָדער

צווי ייִדן, פון די וואָס דער גובערנאַטאָר האָט געקענט און האָט זיי מכבד געווען מיט „טשלענסטווע”. נאָר וואָס האָבן זיי דאָרטן באַטײַט? די ייִדישע מיטגלידער איז ניט געווען וואָס מקנא צו זײַן. זיי זענען געזעסן אין די קאָמיסיעס ווי פאַרברעכער, וועלכע מען משפּט פאַר עפּעס עבירות. זיי האָבן באַדאַרפט זיצן און הערן, ווי יעדער גיסט אויס גאַל און שמוץ אויף ייִדן. ענטפערן האָבן ניט אַלע געקאָנט. דאָס רוב זענען עס געווען ייִדישע גבירים, וואָס זענען תּקיפים בײַ נאַטשאַל־סטווע, אָבער זיי זאָלן זײַן קלאָר אין די ייִדישע פראַגן, איז דאָס ניט געזאָגט. זיי האָבן אַלע אַפילו צוגעשטעלט „זאַפּיסקעס”, „דאָקלאַדן” וועגן דער ייִדישער לאַגע, וועלכע עס האָבן פאַר זיי אָנגעשריבן אַנדערע; נאָר זיי אַליין, די דעלעגאַטן, זענען געווען דאָס רוב גע־וויינטלעכע ייִדן, וועלכע האָבן קוים אַ מויל געקאָנט עפענען. אויסער־דעם, צוריק געזאָגט, וואָס וואָלט געווען דער פועל־יוצא, ווען זיי וואָלטן שוין יאָ געקאָנט ענטפערן? דאָס איז דען עפּעס אַ פּעולה צי אַ סגולה? די קאָמיסיע האָט געוווּסט, אַז „פּעטערבורג” פאַרלאַנגט, מען זאָל געבן שלעכטע תּשובות, מען זאָל ענטפערן אַז ייִדן זענען שעדלעך, אַז אֵין שׁוֹה לְהַנִיחָם, ניט כּדאַי לאָזן ייִדן רויִק. נו, אַז מען פאַר־לאַנגט „דאָרטן” ידיעות וועגן דעם, מוז מען צושטעלן. אין דער פּראָ־ווינץ איז שטענדיק פאַראַן מאַטעריאַל אויף אַלע פראַגן און אויף אַלע סאָרטן תּשובות: „יאַק הוקאַיוט, טאַק אַטהוקאַיוטסיאַ”, און מיט וואָס פאַר אַ נגון איר וועט פרעגן, אָט אַזוי וועט מען אײַך ענטפערן.

און עס זענען אַוועק קיין פּעטערבורג תּשובות פון די פּראָווינ־ציעלע קאָמיסיעס. אַנדערע האָבן אַוועקגעשיקט אויך די „זאַפּיסקעס”, וואָס עס האָבן דערלאַנגט די ייִדישע מיטגלידער. אַנדערע קאָמיסיעס האָבן דאָס אויך ניט געטאָן, גאָר ניט געקוקט אויף די ייִדישע מיי־נונגען, און האָבן געשריבן קיין פּעטערבורג דאָס וואָס די „נאָוואָיע וורעמיאַ” האָט געהייסן.

אין די ייִדישע שטעט האָט מען זיך זייער געשראָקן, פון פּע־טערבורג האָט מען געשיקט עצות מיט מאַטעריאַל אויף צוזאַמענשטעלן „זאַפּיסקעס”, אָבער דער ייִדישער עולם האָט געזען, אַז אויף פּעטערבורגער

שתדלנים איז ניטאָ וואָס צו פאַרלאָזן זיך. פּאָגראָמען האָבן ניט אויפ־געהערט, און דער וואַרשעווער פּאָגראָם איז געווען שוין ווינטער, נאָך די קאָמיסיעס. מילא, אין דרום־רוסלאַנד האָט מען געזאָגט, אַז יידן לעבן שלעכט מיט די גויים נאָך פון פאַרצייַטן, פון כמעלניצקין כלומרשט; אָבער מיט די פּוילן זענען דאָך יידן שלום, הייַנט ווי קומט דאָס? ווי־קומט אין וואַרשע אַ פּאָגראָם? האָט מען געזאָגט, אַז עס זענען גע־קומען קיין וואַרשע קאַצאַפּעס, אַז מען האָט זיי געשיקט פון ערגעץ. איז דאָך די קשיא: ווער? . . . און פאַרוואָס קוקט מען ניט אין „פּע־טערבורג", פאַרוואָס טוט מען ניט? מען האָט געזען, אַז אַפילו וועגן די קאָמיסיעס האָט „פּעטערבורג" זיך דערוווּסט פון דער פּראָווינץ. פריער האָבן פּעטערבורגער יידישע שתדלנים ניט געוווּסט, כאָטש דעמאָלט זענען אַלע יידישע דעלעגאַטן געזעסן אין פּעטערבורג. הייַנט ווו איז די שתדלנות, די בריהשאַפט?

דעמאָלט איז געקומען דער דאָקטאָר אָרשאַנסקי קיין פּעטערבורג.

ז

דער דאָקטאָר יצחק אָרשאַנסקי, אַ ברודער פון דעם באַוווּסטן יידישן פּובליציסט אליהו אָרשאַנסקי, איז געווען דער יעקאַטערינאָ־סלאַווער דעלעגאַט אויף דער ערשטער אַסיפה, וואָס איז געווען אין פּעטערבורג אין אלול 1881. די אַסיפה האָט אים אויסגעקליבן אין דער דעפּוטאַציע, וואָס האָט דעמאָלט אַוועקגעטראָגן דעם מיניסטער גראַף איגנאַטיעוו אַ בקשה אויף דעם קייזערס נאָמען פון דער אַסיפה. דער־נאָך האָט דער מיניסטער אַרויסגערופן צו זיך דעם דאָקטאָר אָרשאַנסקי איבערגעבן אים די תשובה דער דעפּוטאַציע, און האָט אים דעמאָלט באַפוילן אויפשרייַבן אַ באַזונדער רעפעראַט וועגן יידן.

אין יאַנואַר 1882 איז דער דאָקטאָר אָרשאַנסקי געקומען קייַן פּעטערבורג מיט דעם רעפעראַט, און שבת דעם 16־טן יאַנואַר האָט זיך דער דאָקטאָר פאָרגעשטעלט דעם גראַף איגנאַטיעוו. דער דאָקטאָר האָט

פאַרגעשטעלט די לאַגע פון דער יידישער מאַסע, וועלכע ווייס ניט, וואָס זי זאָל טאָן און וווהין זאָל זי לויפן. יידן אין רוסלאַנד רעכענען, דאָס זיי זענען אַזעלכע בירגער ווי אַלע, זיי האָבן רעכט אויף רוסלאַנד ניט ווייניקער ווי אַנדערע, וועלכע טראָגן אויף זיך דעם יאָך פון אַלע שטייערן מיט שולדן, און עס איז אַ גרויסע עולה, דאָס מען דריקט זיי. דער מיניסטער האָט געזאָגט, דאָס יידן האָבן ווער עס זאָל זיך שטעלן פאַר זיי, דאָס אויסלענדער בעלי־צדקות און בעלי־טובות נעמען זיך אָן זייער קריוודע און די רעגירונג באַדאַרף זיי ניט שיצן. אויף דעם שטאָך־ווערטל האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דאָס ווען יידן זענען אַזוי צוגעדריקט, דאָס זיי מוזן פאַרלאָזן זייער פאָטערלאַנד, קומען זיי קיין אויסלאַנד און זוכן דאָרטן ברויט און הכנסת־אורחים, און מען זעט, דאָס זיי זענען ערלעך און פעיִק, ווערן ממילא אַלע זייער צד; אַלע איבערצייגן זיך, דאָס יידן איז מען רודף אין רוסלאַנד גאַנץ אומזיסט און מען שטעלט זיך איין פאַר זיי. דער מיניסטער האָט געזאָגט, דאָס קיינער איז יידן ניט רודף און די פּאָגראָמשטשיקעס האָט מען געמשפּט. האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, דאָס ווען מען וואָלט שלאָגן ניט־יידן, וואָלט מען אָנגעמען גאַנץ אַנדערע, פיל שטרענגערע מיטלען. דערויף האָט דער מיניסטער געענטפערט, דאָס איז קיין גלייכן ניט: יידן זענען פרעמדע ביי אונדז, און אַ פרעמדער קאָן דאָס ניט פאָדערן, וואָס עס קומט אַן אייגענעם. „מיר, רוסן, זענען דאָ בעלי־בתים, אָבער איר, יידן, זייט דאָך ניט מער ווי שכנים, און שכנים מוזן זיך באַנוגענען מיט דעם כבוד, וואָס מען גיט זיי. טאָמער געפעלט זיי ניט, קאָנען זיי זיך זוכן אַן אַנדער דירה...“

הקצור הדבר, דער מיניסטער גראַף איגנאַטיעוו, האָט דעמאָלט קלאָרע ווערטער געזאָגט דעם דאָקטאָר אָרשאַנסקי, דאָס די יידן מעגן זיך עמיגרירן וווהין זיי ווילן; דאָס די גרענעץ קיין אויסלאַנד איז פאַר זיי אָפן; דאָס זיי זאָלן דאָ ניט לאָזן זייערע אַלטע לייט, און זיי זאָלן ניט בלייבן קיין בעלי־חובות דער רעגירונג; דאָס די יידישע „טשערטאַ“ וועט בלייבן ניט גערירט, און אין די רוסישע גובערניעס וועט מען יידן ניט אַריינלאָזן; דאָס ווען עס וועט זיך געפינען עפּעס

פוסטע און וויסטע מדבריות ערגעץ ווו אין טיף רוסלאַנד, ווו עס וועט קיינעם ניט שאָדן, זאָלן זיך ייִדן אַהין פאָרן. דער מיניסטער האָט געזאָגט, דאָס ייִדן קאָנען זיך מאַכן קאָמיטעטן אויף איינאָרדענען די עמיגראַציע, און ווען זיי וועלן נאָר דערלאַנגען וועגן דעם אַ בקשה, וועט מען זיי ערלויבן. ער האָט נאָך מוסיף געווען, דאָס יעדער ייִד, וואָס עמיגרירט פון רוסלאַנד, וועט קיין מאָל צוריק ניט קענען זיך אומקערן.

אייגנטלעך האָט דאָס געשפּרעך מיט דעם גראַף איגנאַטיעוו געטאָן ייִדן אַ שטיקל טובה. די לאַגע איז געוואָרן קלאָר. די אויגן האָבן זיך אויפגעעפנט. מען האָט געוווּסט ווו מען האַלט. מען האָט זיך אויפגעהערט, ווי מען זאָגט דאָס, לייגן פייגעלעך אין בוזעם. די ייִדישע אינטעליגענץ האָט געזאָגט: מיר זענען טאַקע רוסן, ניט ווייניקער פאַר אַנדערע רוסן, און די ייִדן מוז מען געבן, און מען וועט געבן, אַלע רעכט, און זיי וועלן קענען זיך באַזעצן אין גאַנץ רוסלאַנד. נאָר אַזוי ווי דערווייל איז די פּויסט שטאַרק און מען גיט אונדז ניט אָפּ וואָס אונדז קומט על פּי דין און על פּי יושר, וועלן מיר וואַרטן ביז מען וועט אונדז אָפּגעבן אונדזערס. נאָר די אָרעמע מאַסע, וואָס קאָן ניט וואַרטן און מוז שוין זוכן זיך ברויט און רו, — די מאַסע קאָן און האָט דאָס רעכט צו עמיגרירן וווּהין זי וויל. זי באַגייט ניט דערמיט אַ פּאָליטיש פאַרברעכן. ניט זי פאַרלאָזט איר פאָטערלאַנד, נאָר רוסלאַנד דריקט זי דערצו; אויך מיט דעם פאַרלירט זי ניט איר זכות אויף רוסלאַנד. יעדער עמיגראַנט קען זיך אומקערן צוריק, ווען ער וועט געפינען, אַז די אומשטענדן האָבן זיך איבערגעביטן; און אויך איז ער, דער ייִד וואָס עמיגרירט, ניט קיין חוטא ופושע קעגן די ייִדן, וועלכע בלייבן איבער. מיט דעם, וואָס אייניקע פאַרלאָזן רוסלאַנד, איז נאָך די מלוכה ניט פּטור פון געבן פרייהייט און רעכט די אַלע איבעריקע וואָס בלייבן דאָ. און די ייִדישע איטעליגענץ האָט גערעכנט, דאָס איר חוב איז נעמען אין אירע הענט די מלאָכה פון לערנען די ייִדישע מאַסע ווי צו עמיגרירן און וווּהין צו עמיגרירן. די אינטעליגענץ האָט געזען, דאָס די רעגירונג באַשעפטיקט זיך ניט מיט דעם. די רעגירונג

האָט נאָר באַשאַפן אַ לאַגע, אַ ביטערע לאַגע, אין וועלכער עס איז יידן געוואָרן אוממעגלעך צו לעבן. יידן זענען געוואָרן צוגעדריקט צום וואַנט, און זיי האָבן גענומען לויפן, לויפן פון רוסלאַנד, לויפן מיט זייערע קינדער און ביסל האָב, וווהין די אויגן טראָגן. די יידישע פובלי־ציסטן האָבן זיך געקריגט דעמאָלט צווישן זיך: וווהין? — קיין אַמעריקע אָדער קיין ארץ ישראל, אָדער גאָר קיין שפּאַניע, ווי אַנדערע האָבן דאַן פאָרגעלייגט?... נאָר די בײַ וועלכע עס איז דער חלף אויפן האַלדז געלעגן, האָבן גאַנץ ווייניק געחרפּעט וווהין צו פאָרן, — זיי זענען געפאָרן. בראָד און לעמבערג און אויך אַנדערע שטעט אויף יענער זײַט גרענעץ זענען געווען באַלייגט מיט רוסישע יידן. די יידישע אינטעליגענץ האָט שטאַרק געפילט די גרויסע נויט און דעם עלנט פון דער אומגליקלעכער מאַסע, און איר האָט זיך געוואָלט מאַכן עפּעס אַ ביורא, גרינדן אַגענטורן, מיט קאַנטאָרן, ווו די יידן זאָלן קענען באַקומען אַלע נייטיקע ידיעות, כּדי עס זאָל דעם יידן עטוואָס כאָטש פאַרגרינגערט ווערן דער נײַער גלות...

לכן, אַז דער גראַף איגנאַטיעוו האָט דעם דאָקטאָר אָרשאַנסקי קלאָר געמאַכט דעם קאָפּ און האָט אים געזאָגט, דאָס קיין נײַע רעכט וועט מען יידן ניט געבן, און דאָס זיי האָבן אין רוסלאַנד ניט וואָס צו וואַרטן, און דאָס זיי קענען זיך עמיגרירן מיט דעם גרעסטן כּבוד, — האָט די יידישע אינטעליגענץ געטענהט, דאָס מען זאָל נעמען אײַנאָרדנען די עמיגראַציע. לאָז כאָטש דאָס אומגליק זײַן ניט אַזוי גרויס; מען זאָל ניט לויפן, נאָר מען זאָל פאָרן, וויסן וווהין און אויף וואָס. די פעטער־בורגער שתדלנים אָבער האָבן געשריגן: לאו דוקא, מיר טאָרן ניט מסכּים זײַן אויף עמיגראַציע (אַקוראַט ווי מען האָט געפרעגט אַ שאלה, געבעטן בײַ יידן אַ הסכּם...), וואָרעם אויב חלילה מיר וועלן מסכּים זײַן, וועט דאָס חלילה שאַדן דעם כּלל־ישראל, די אַלע יידן וועלכע בלײַבן דאָ. מלוכה וועט קאָנען זאָגן, דאָס יידן באַדאַרף מען ניט געבן קיין רעכט אין רוסלאַנד, ווײַל יידן רעכענען ניט רוסלאַנד פאַר זייער פאָטערלאַנד, והאָ ראיה: זיי עמיגרירן דאָך פון רוסלאַנד.

קורץ, אַזוי זענען דעמאָלט, ווינטער-צײַט 1882, געווען גרויסע וכוחים צווישן דער אינטעליגענץ, וועלכע איז געווען פאַר עמיגראַציע־קאָמיטעטן, און צווישן פעטערבורגער גבירים מיט זייער קאָמפּאַניע, וועלכע זענען געווען להרוג ולאַבד אויף דער אינטעליגענץ בכלל און אויף דעם דאָקטאָר אָרשאַנסקי בפרט. דער „ראַזסוועט“, וועלכער האָט נאָך דעם פּאָריקן זומער גערעדט וועגן דער עמיגראַציע, האָט געזאָגט, אַז מען מוז דעם אומגליק קוקן גלײַך אין די אויגן און עס איז ניטאָ וואָס צו באַהאַלטן די אמתע לאַגע פון דעם יידישן המון־עם. דער „וואָסכאָד“, וועלכער האָט פריִער זיך אויך געהאַלטן אָן דערזעלבער מיינונג, האָט דאָך פונדעסטוועגן, פון פריילעכקייט, אָפּגעזידלט דעם דאָקטאָר אָרשאַנסקי: לאָז ער ניט זײַן קיין קופּץ בראש, ניט זײַן קיין טוען פאַר כל־ישראל, און ניט מאַכן זיך פאַר אַ מי שָׂמך. און דער „רוסקי יעווריי“ האָט געזאָגט דאָס וואָס די גבירים האָבן אים געהייסן זאָגן, אָדער דאָס, וואָס זיי זאָל געפעלן...

ח

און עם ישראל האָט זיך געטאָן זײַנע אַלטע מיטלען, ווי יעקב אָבינו האָט געטאָן, ווען ער האָט געזען, דאָס אויף אים גייט אַ צרה...

אין דער פּראָווינץ האָט מען זיך גלײַך דערוווּסט פון דעם גאַנצן געשפּרעך וואָס דער דאָקטאָר אָרשאַנסקי האָט געהאַט מיט דעם מי־ניסטער. אין אַ באַזונדער בײַלאַגע צום „ראַזסוועט“ איז געווען אָפּ־געדרוקט דאָס געשפּרעך, און אונדזערע יידן האָט מען ניט באַדאַרפט צעקײַען דעם פּשט פון די דיבורים; זיי האָבן גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, וואָס דער פּסוק מיינט; זיי האָבן גאַנץ קלאָר געלייענט די ווערטער, וועלכע זענען ניט געווען געדרוקט, נאָר וועלכע מען האָט אַליין זיך געדאַרפט שטויסן און פאַרשטיין. דער פּשט פון די ווערטער איז געווען, דאָס ווען איר, יידעלעך, ווילט זײַן גאַנץ מיט די ביינער און מיט דעם

ביסעלע גוטס וואָס איר האָט, — טאָ זעט אויף גיך און גייט זיך אַוועק, פּאָרט זיך אַרויס פון רוסלאַנד און מאַכט וואָס וויייניקער שהיות. טאָמער חלילה וועלן זײַן פּאָגראָמען ווײַטער ווי געווען, וועט די מלוכה אײַך גאָרניט העלפן. וואָרעם איר יידעלעך, האָט אַ ברירה אַוועקצופאָרן אין אַן אַנדער לאַנד, אויב אײַך געפעלט דאָ ניט, אויב דער טעם פון פּאָגראָמען שמעקט אײַך ניט. קיינער האַלט אײַך חלילה ניט...

יידן אין דער פּראָווינץ האָבן דעם „קאָפּוליער אָנצוהערעניש", ווי מען זאָגט אין דער ליטע, גוט פאַרשטאַנען, און האָבן זיך גענומען צום ויברח יעקב. און אַזוי ווי דאָס איז געווען אין רעכטן מיטן ווינטער, יאַנואַר חודש, האָט מען דערווײַל געטאָן די אַנדער סגולה יעקב אָבינוס—תפלה געטאָן צו דעם אַלטן יידישן גאָט.

מאָנטאָג, עשרה בשבט, דעם 18טן יאַנואַר, איז געבאָטן געוואָרן אַ תענית-צבור אין גאַנץ רוסלאַנד, און אַלע יידן וואָס געפינען זיך צעזייט און צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד האָבן אָנגענומען דעם תענית מיט גרויס וואַרעמקייט. אַלע קרעמער און בעלי-מלאָכות האָבן יענעם טאָג ניט געטאָן, אַלע געשעפטן זענען געווען געשלאָסן, און פון פרי־מאָרגן זענען געווען די שולן געפּאַקט מיט מענטשן. מען האָט געזאָגט סליחות פון ערב ראש־השנה, מען האָט געלייענט ויחל און מפטיר געווען „דרשו" אַקוראַט ווי אין אַלע תענית־צבור, און דער יידישער עולם איז געווען שרעקלעך אויפגערעגט. איר באַדאַרפט טאַקע וויסן, דאָס דער תענית פון 18טן יאַנואַר איז ניט געווען גלײַך צו די געוויינטלעכע לוח־תעניתים. אסתר־תענית אָדער צום־גדליה איז זעלטן ווער עס פאַסט, און אַפילו תשעה־באָב טרעפט דאָך אויך, בעונותינו הרבים, אַז מען פאַר־בויגט דעם תענית; די אינטעליגענץ אונדזערע מאַכט זיך גלאַט ניט ווויסנדיק פון דעם גאַנצן יידישן לוח מיט זײַנע תעניתים. דעם תענית אָבער פון עשרה בשבט תרמ"ב, דעם תענית וועגן וועלכן מיר דער־ציילן דאָ, האָבן אָפּגעהאַלטן אַלע, כסדר אַלע, די גאַנצע אינטעלי־גענץ, און אויב איר ווילט וויסן — די אינטעליגענץ נאָך שטרענגער ווי פּראָסטע יידן.

גאַנץ פרי איז דעמאָלט פעטערבורגער כאָר־שול געווען געפּאַקט מיט מענטשן. די ייִדישע טשינאָווניקעס אין זייערע וויץ־מונדירן, ייִדן מיליטער־דאָקטוירים, אינזשענערן, יוריסטן, זייער פיל סטודענטן און די אַלע ייִדישע גבירים מיט די משׂכּילים. קיינער האָט ניט באַפוילן דעם תּענית, קיינער האָט אַפילו ניט געוווּסט, ווער אייגנטלעך האָט אים געבאָטן, געהייסן אויסרופן; נאָר קיינער האָט זיך ניט דערוועגט ניט קומען אין שול, ניט האַלטן דעם תּענית. אומגעקערט, יעדער ייִד האָט עפּעס געפילט, דאָס דער תּענית איז אַקוראַט דאָס מיטל, וואָס איז איצט נייטיק; יעדער ייִד האָט געפילט, דאָס עס ווערט אים פיל לײַכטער אויפן האַרצן, ווען ער גייט אויך אין שול, ווען ער ווערט אויך אָנטיילנעמען אין דעם גרויסן פּראָטעסט, וואָס דאָס גאַנצע ייִדישע פאָלק האָט אין איין טאָג און אין איין שעה אַרויסגעשטעלט קעגן זײַנע שונאים מיט די רדיפות וואָס ער לײַדט... יום־כּפּור דאַוונט מען ניט אַזוי הייס, ווי מען האָט געדאַוונט אין כאָר־שול יענעם טאָג, און אַז דער דאָקטאָר דראַבקין, דער פעטערבורגער ראַבינער, איז צוגעגאַנגען צו דער בימה און האָט אָנגעהויבן צו זאָגן דעם עולם אַ פּירוש אויף דעם תּענית, איז געוואָרן אין שול אַ שרעקלעך געוויין, אַ מוראדיקער יאָמער און קלאָג, וואָס די שול האָט דאָס אין איר לעבן ניט געהערט... דאַכט זיך אַלע האָבן גאַנץ גוט געוווּסט די לאַגע; דאַכט זיך דער ראַבינער האָט אין זײַן רעדע קיין נײַסן זיי ניט אויפגעטאָן: די ווערטער האָט מען שטענדיק געלעזן אַלע טאָג, נאָר עס האָט זיך געפילט אַ קלעמונג אין האַרצן, עס איז געווען בײַ יעדערן פול אין די אויגן, און אַז דער דאָקטאָר דראַבקין האָט אָנגעהויבן אויסצייכענען די לאַגע, אויסרעכענען דאָס פּעקל ייִדישע צרות, האָט יעדן דאָס האַרץ צונויפגעדריקט און די אויגן פאַרגאָסן מיט בלוט, און טײַכן הייסע טרערן האָבן זיך געגאָסן, און אויך דער ראַבינער אַליין האָט ניט אויסגעהאַלטן און האָט צוגעדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און האָט זיך פונאַנדער־געוויינט ווי אַ קליין קינד...

דאָס האָט געדויערט נאָר עטלעכע מינוטן, נאָר די מינוטן זענען טײַערער ווי אַנדערע יאָרן. אין אַזעלכע מינוטן בילדעט זיך דאָס, מיט

וואָס ייִדן האַלטן זיך טויזנטער יאָרן — עס ווערט שטאַרק די ייִדישע אַחדות. נאָך דעם תּענית און איבערהויפּט אין די גרויסע מינוטן אין שול, האָט יעדער ייִד פֿאַרשטאַנען, דאָס די פּאָגראָמען מיט די גזירות קערן זיך אָן ניט נאָר צו די אומגליקלעכע, די אָרעמע, וועלכע מען האָט באַרויבט און וועלכע זענען געבליבן אָן אַ העמד, — ניין, אָרעם און עלנט זענען געבליבן אַלע, אַפילו די, וואָס זיצן אין פּעטערבורג גאַנץ רויִק און רײַך כּלומרשט. יעדער ייִד האָט דאַן פֿאַרשטאַנען, ער האָט דאָס דאַן געפילט, דאָס אויך ער איז ראַזגראָמעט געוואָרן. און ער האָט געפילט, דאָס ער מוז זען העלפֿן זײַנע ברידער, דאָס ער מוז העלפֿן זיך. די געבילדעטע און די זאַטע האָבן דאַן נאָך דעם תּענית געפילט, דאָס אמת טאָקע, ייִדן האָבן ניט קיין האַרמאַטן מיט פֿעסטונגען, מיט גרויסע שטאַרקע פּויסטן, אָבער דערפֿאַר קאָנען זיי זיך גרייסן מיט זייער שטאַרקער מאַכט, — מיט זייער אַחדות, מיט דעם, וואָס יעדער ייִד פֿילט זיך מחויב עפּעס טאָן פֿאַר דעם צווייטן. דאָס אויב לײַדן גלות — וועלן אַלע לײַדן, דאָס אויב צרות — נעמט יעדער אַ חלק אין צרות און דאָס פּעקל וועט זײַן גרינגער. דאָס האָט גע־פילט יענעם ווינטער יעדער ייִד. ניט אומזיסט האָט יענעם ווינטער דער גרעסטער ייִדישער משורר דעמאָלט, יהודה־לייב גאָרדאָן, געשריבן:

אִם גָּזַר הָאֵל כִּי עוֹד נַהֲזִיק פֶּלֶךְ,
בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵנוּ נֵלֵךְ.

דאָס הייסט: אויב עס איז באַשערט גיין ווײַטער אין גלות, וועלן מיר גיין אַלט און יונג. און דער דעמאָלט יונגער ייִדיש־רוסישער דיכטער, שמעון־שמואל פרוג האָט יענעם ווינטער געשריבן זײַנע זעלטן קלינגנדיקע שירים אויף דעם פּסוק: דבר אל בני ישראל ויסעו, און האָט געטרייסט אונדזער פֿאָלק, דאָס זיי זאָלן זיך ניט שרעקן פֿאַר דעם נײַעם גלות, וואָס איגנאַטיעוו מיט די איבעריקע שונאי ישראל האָבן אויף אונדז אַרויפֿגעוואָרפֿן. דאָס ייִדישע האַרץ האָט זיך קיין מאָל אַזוי שטאַרק ניט געקלאַפּט איינס פֿאַר דעם צווייטן, יעדערן פֿאַר דאָס גאַנצע פֿאָלק, ווי יענעם ווינטער... דעמאָלט אייגנטלעך איז

געוואָרן שטאַרק דער רצון בײַ דעם עולם צו טראַכטן וועגן אַ „היים", וועגן זוכן זיך אַן אַלט-נײַע היים, וועגן אויפלעבן ארץ-ישראל... ניט די נויט צו אַנטלויפן האָט דאָס מיטגעבראַכט, נאָר אומגעקערט, יִדן האָבן דאַן אין יענע צײַטן געפילט אין זיך אַ שטאַרקן מוט, מיט וועלכן זיי האָבן גערעכנט גיין און אויפבויען צוריק זייער לאַנד.

נאָר מיר ריידן דאָ ניט וועגן ישוב ארץ-ישראל, און ווי דער רעיון האָט זיך געבילדעט. מיר רייִדן וועגן די יִדישע אַסיפות, און מיר קערן זיך אום צו אונדזער זאַך.

ט

דער תענית-צבור, וואָס איז געווען אין גאַנץ רוסלאַנד און וועגן וועלכן עס האָט געוווּסט די גאַנצע וועלט, האָט זייער גוט צוגעגרייט אונדזערע יִדן צו דער נײַער אַסיפה. די ערשטע אַסיפה האָט עפּעס פאַר זיך קיין ציל ניט געהאַט. מען האָט אייגנטלעך ניט געוווּסט, צו וואָס און צוליב וועמען מען קומט צונויף. צו דער ערשטער אַסיפה איז מען זיך צונויפגעפאָרן עפּעס אַזוי „טראַכטן" וועגן דער יִדישער לאַגע, אָן אַ שום פּראָגראַם, ניט וויסנדיק איבער וואָס צו ריידן. איצט אָבער, נאָך איגנאַטיעווס רייד מיט דעם דאָקטאָר אָרשאַנסקי, איז דאָס פּראָגראַם פון דעם קומענדיקן צוזאַמענפאָר געווען קלאָר: מען באַדאַרף באַטראַכטן וועגן אַן עמיגראַציע-קאָמיטעט.

און אַן אַסיפה האָט געמוזט זײַן. די אינטעליגענץ האָט געטענהט, אַז די פּעטערבורגער גבירים זענען קיין בעלי-בתים ניט אַליין אָפּצוזאָגן זייער דעה וועגן דער עמיגראַציע. מאַלע וואָס די פּעטערבורגער שתדלנים זאָגן, דאָס מען באַדאַרף ניט קיין עמיגראַציע-קאָמיטעטן, — מען באַדאַרף פרעגן דעם חולה, די פּראָווינץ פון וואַנען די מאַסע עמיגרירט אַזוי פיל, אויב עס איז נייטיק אײַנצואָרדענען די עמיגראַציע אָדער ניין. לאָז זאָגן די פּראָווינץ, אויב זי האָט מורא פאַר עמיגראַציע-קאָמיטעטן, אויב זי האָט אין זיך קרעפטן נאָך זיצן און ניט

עמיגרירן און איבערלעבן די שלעכטע צײַטן, ביז מען וועט ייִדן אין רוסלאַנד אָפּגעבן דאָס, וואָס זיי קומט על פּי דין — גלײַכע מיט אַלעמען בירגערלעכע רעכט; אָדער עס איז דאָס לעבן אַזוי שלעכט און אַזוי ביטער, דאָס מען מוז עמיגרירן, און לכן איז נויטיק אײַנצו־אָרדענען די עמיגראַציע מיט אַ סדר, עס זאָל ניט זײַן אַ לויפעניש, אַ כאַפּעניש, אַז עס איז אַ ווייטאָק אין האַרצן און אַ שאַנד אין פּנים. אונדזער חוב איז דאָך געווען צו זען, אַז די ייִדישע מאַסע זאָל ניט פולשטענדיק רואינירט ווערן, מען זאָל ניט פאַרקויפן דאָס גוטס און האָב פּאַר עטלעכע גראָשן אין אײַלעניש, עס זאָלן ניט קומען רוסישע ייִדן קיין אויסלאַנד ווי בעטלער, עס זאָל אונדזער פאָלק ניט באַקומען אַ נאָמען פון וועלט־שנאָרערס, און דאָס מען זאָל ניט פאַרשליסן פאַר זיי אין אַלע לענדער די טירן ווי דאָס איז דעמאָלט געווען צו אונדזער גרויסער חרפּה...

קורץ, אַלע האָבן געטענהט: אַן אַסיפה זאָל זײַן.

אין אָנהייב פעברואַר האָט דער פּעטערבורגער ראַבינער דאָקטאָר דראַבקין זיך געווענדט צום מיניסטער גראַף איגנאַטיעוו מיט אַ בקשה, אין וועלכער ער האָט געבעטן אַ ערלויבעניש צונויפרופן קיין פּעטערבורג אַ ייִדישע אַסיפה פון דער פּראָווינץ. דאָקטאָר דראַבקין האָט קלאָר און ערלעך דערציילט די מעשה, ווי אַזוי דער דאָקטאָר אָרשאַנסקי האָט פאַרעפנטלעכט אין „ראַזסוועט" זײַן געשפּרעך מיט דעם מיניסטער, און דאָס עס קאָן געמאָלט זײַן, אַז מען זאָל ערלויבן ייִדן גרינדן „עפּעס אַ מין עמיגראַציע־קאָמיטעט" (какой то пересе-
ленческій комитетъ. דאָקטאָר דראַבקין האָט געשריבן, דאָס ווען דער „ראַזסוועט" האָט דאָס געדרוקט, איז דאָס מסתמא מיט דעם מיניסטערס הסכּם, און דאָס איז דאָך אַ ראיה, אַז די מלוכה וויל מוחל זײַן ייִדן אויף אירע געזעצן קעגן אַלע וואָס פאַרלאָזן רוסלאַנד, און זי וועט זיי ניט באַשטראָפן. „מיר געפינען ניט קיין ווערטער — שרײַבט דאָקטאָר דראַבקין אין זײַן בקשה — מיט וואָס אויסדריקן אונדזער מאָראַלישן צער, וואָס עס האָט אונדז געבראַכט דאָס, וואָס מען האָט אָפּגעדרוקט אַזאַ ידיעה". „מיר, האָט געשריבן דאָקטאָר דראַבקין אין דעם נאָמען פון אַלע ייִדן, מיר רעכענען, דאָס ווען אַ ייִד זאָגט אויף

דער יידישער מאַסע, דאָס זי צילט זיך צו עמיגרירן פון רוסלאַנד, איז ער מיט דעם מחלל דעם כבוד פון אונדזער פאָלק. נאָר צוליב דעם, מען זאָל טאַקע וויסן אַקוראַט, ווי האַלטן יידן מיט די פראַגן, איבער וועלכע עס באַהאַנדלט זיך אין דעם געשפּרעך, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין „ראַזסוועט", בעטן מיר דעם מיניסטער, אויב עס איז נאָר אמת וואָס דאָקטאָר אָרשאַנסקי שרייבט, און אויב ער האָט ריכטיק דאָס פאַרשטאַנען,— בעטן מיר, מען זאָל אונדז ערלויבן צונויפרופן קיין פּעטערבורג פאָרשטייער פון די יידישע שטעט. לאָזן זיי זאָגן זייער מיינונג, ווי רעכנט באמת די יידישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד וועגן די אַלע פראַגן וואָס דאָקטאָר אָרשאַנסקי האָט באַריהרט".

דעם 13טן מערץ האָט ה' דראַבקין זיך פאָרגעשטעלט דעם מיניסטער גראַף איגנאַטיעוו און אויך זיין געהילף גאָטאָווצעוו וועגן דעם צוזאַמענרופן אַן אסיפה פון יידישע כלל-טוער פון דער פּראָווינץ. דער מיניסטער האָט מינדלעך געזאָגט דראַבקינען, דאָס אָפיציעל וועט ער דעם צוזאַמענפאָר ניט ערלויבן, נאָר בעל-פּה זאָגט ער אים, דאָס יידישע כלל-טוער קאָנען זיך צוזאַמענפאָרן קיין פּעטערבורג און קאָנען זיך אַרומטראַכטן וואָס זיי ווילן, און דערנאָך קאָנען זיי פאָרלייגן דער רעגירונג זייערע בקשות און זייערע החלטות. דראַבקין האָט דאָס איבערגעגעבן דעם באַראָן האָראַץ גינצבורג, און דעם 15טן מערץ איז געווען ביי דעם באַראָן אין הויז אַ קליינע אסיפה וועגן דעם. אויף דער אסיפה זענען געווען: דאָקטאָר דראַבקין, פּראָפעסאָר באַקסט, עמנואל באַנק, אברהם וואַרשאַווסקי, יעקב האַלפּערן, באַראָן דוד גינצבורג, עמנואל לעווין, הירש ראַבינאָוויטש, לעאָן ראָזענטאַל און מאיר פרידלאַנד,—דאָס זענען אַלץ פּעטערבורגער. און פון פּראָווינץ זענען אויך געווען: גדליה באַכראַך און ד"ר הערמאַן כהן פון קאָוונע, וואָלף כהן פון וויטעבסק, ביינוש קאַצענעלסאָן און מאיר לעווין פון קיעוו, אליעזר פּאָליאַקאָוו פון מאָסקווע, דער ראַבינער גריגאָרי שאַפּירא און מרדכי שפּאָליאַנסקי פון יעליסאַוועטגראַד. די קליינע אסיפה האָט באַשלאָסן, מען זאָל צוזאַמענרופן קיין פּעטערבורג אַ גרויסע אסיפה אויף דעם 8טן אַפּריל, און מען האָט געבעטן דעם באַראָן

האָרָאָץ גינצבורג, ער זאָל פונאַנדערשיקן די בריוו צו די דעלעגאַטן בעטן זיי אויף דער אַסיפה. די רשימה פון די דעלעגאַטן, וועלכע מען זאָל רופן אויף דער אַסיפה, האָט די קליינע אַסיפה אַליין געמאַכט ניט אָנפרעגנדיק זיך אין פּראָווינץ. אַזוי ווי די ערשטע אַסיפה וואָס איז געווען אין אלול תרמ״א איז געווען ניט פון אויסגעקליבענע דעפּוטאַטן, נאָר גלאַט גבירים-יידן, אַזוי איז אויך די צווייטע אַסיפה באַשטאַנען פון שיינע לײַט, וואָס באַראָן גינצבורג האָט געהערט פון זיי דאָס זיי זענען יידן נגידים ברוך-השם, חשובע יידן יעדער אין זײַן קהילה, און דאַרום האָט ער זיי מכבד געווען און האָט זיי געלאָזט בעטן אויף דער אַסיפה.

אָט איז די רשימה פון די דעלעגאַטן, וועלכע דער באַראָן גינצבורג האָט צוזאַמענגערופן: דאָקטאָר ראָטענבערג (בערדיטשעוו) דער אינספּעקטאָר פון יידישן אינסטיטוט יהושע שטיינבערג (ווילנע), אליהו-אליעזר גראָדזענסקי, אַ סוחר (ווילנע), וואָלף כהן, אַ סוחר (וויטעבסק), חיים לוריאַ, אַ דענעבורגער סוחר (וויטעבסק), בנימין אַשכנזי, ערנבירגער (גראָדנע), יאָאַכים הורוויטש, אַ סוחר (יעקאַטערינאָסלאַוו), ראַבינער שאַפּיראָ (יעליסאַוועטגראַד), מרדכי שפּאָליאַנסקי (יעליסאַוועט-גראַד), רבי יצחק-אלחנן ספּעקטאָר (קאָוונע), ערנבירגער בערנאַרד מאָ-נאַסעוויטש (קאָוונע), דאָקטאָר אָסיפּ לונץ (מינסק), וואָלף ראַפּאָפּאָרט, אַ סוחר (מינסק), ישראל ראַטנער, אַ סוחר (מאָהליוו), שלמה שמערלינג, אַ סוחר (מאָהליוו), אליעזר פּאָליאַקאָוו (מאָסקווע), שמואל שײַקעוויטש, אַדוואָקאַט (מאָסקווע), ערנבירגער פיאָדאָר אײַזענשטיין (פּאָלטאַווע), גבריאל הורוויטש, אַ נאָטאַריוס (פּאָלטאַווע), דער ראַבינער ניקאָלײַ סעגאַל, באָריס גינצבורג, גריגאָרי ערנבערג (אַלע דרײַ פון כאַרקאָוו) די ראַבינער בלומענפעלד און פיעסקער (כערסאָן) און די סוחרים יצחק באַלבאַנאָוו און יעקב ברוק (טשערניגאָוו).

אויסער אָט די 26 פּערזאָן זענען געווען 19 דעלעגאַטן פון פּעטערבורג: ניקאָלײַ באַקסט, עמנואל באַנק, משה בערלין, אַברהם וואַר-שאַווסקי, יעקב האַלפּערן, באַראָן האָראַץ גינצבורג (דער פּאָרזיצער), דאָקטאָר דראַבקין, אַברהם זאַק, אַרקאַדי קויפמאַן, ביינוש קאַצענעל-

סאָן, רבי זלמן לאַנדוי, רבי יצחק אָלשוואַנגער, שמואל פּאָליאַקאָוו, צבי הכהן ראַבינאָוויטש, אַדאָלף רובינשטיין, לעאָן ראָזענטאַל, לייב פרידלאַנד, מאיר פרידלאַנד.

י

די אַלע מענטשן פון פּראָווינץ, וועלכע זענען גערופן געוואָרן אויף דער אַסיפה, האָבן אויסער בריוו פון דעם באַראָן גינצבורג באַקומען נאָך פּריִער, דעם 10טן, בריוו פון דאָקטאָר דראַבקין מיט אַ קאָפּיע פון דער בקשה וואָס ער האָט דערלאַנגט דעם מיניסטער. איבער דעם האָבן שוין די נגידים אין פּראָווינץ געוווסט נאָך פּריִער, וואָס פאַר אַ מיינונג עס האָבן די פּעטערבורגער גבירים וועגן די אַלע זאַכן, וואָס אָרשאַנסקי האָט גערעדט מיט דעם מיניסטער. באַראָן גינצבורג האָט ניט געשריבן אין זיינע איינלאַדונגס-בריוו, אַז מען זאָל זיך פריִער אין דער היים מישב זיין מיט דעם עולם, וואָס פאַר אַ תשובות מען זאָל געבן אויף פאַרשיידענע פראַגן וועלכע מען וועט פאָרלייגן אין פּעטערבורג; ער האָט נאָר געשריבן, דאָס יעדער דעלעגאַט זאָל ברענגען קיין פּעטערבורג מיט זיך „סטאַטיסטישע און אויך אַנדערע ידיעות, וואָס קערן זיך אָן צו יִדן אין יענער גובערניע, אויב עס זענען פאַראַן ביי אים". ממילא זענען שוין די דעלעגאַטן, וועלכע זייער גובערניעס האָבן זיי גאָרניט אויסגעקליבן, געפאָרן, ווי מען זאָגט דאָס אויף לשון קודש, קרואים והולכים לתומם, אויף וואָס די פּעטערבורגער גבירים וועלן הייסן טאָן...

דער אַסיפה האָט מען פאָרגעלעגט אַ פאַרטיקע פּראָגראַם, וואָס איז באַשטאַנען פון 4 פּונקטן:

1. די סיבות, איבער וועלכע עס איז איצט אָן עמיגראַציע-באַוועגונג ביי יִדן אין רוסלאַנד.

2. אויב מען זאָל זיך גאָרניט מישן אין דער עמיגראַציע,— ניט

יידישע קהילות, ניט מלוכה, — איז וואָס וועט זײַן: די עמיגראַציע וועט צום סוף שוואַכער ווערן, אָדער זי וועט זיך שטאַרקן?

3. וועלכע מיטלען קאָנען אָננעמען יידן און די מלוכה, דאָס די עמיגראַציע זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן?

4. וואָס איז אַזוינס אין יידישן לעבן, וואָס שונאים מיינען, אַז בײַ יידן זענען פאַראַן אַ „קהל" און נאָך באַהאַלטענע חברות?

יעדער פונקט פון פּראָגראַם איז איבערגעגעבן געוואָרן אין באַזונדערע קאָמיסיעס און דערנאָך האָבן די קאָמיסיעס געבראַכט זייערע תשובות אין דער אַסיפה רבה, ווו אַלע דעלעגאַטן זענען זיך צוזאַמענגעקומען. די גאַנצע אַסיפה האָט געדויערט כּמעט דרײַ וואָכן צײַט. די ערשטע זיצונג איז געווען דעם 8טן אַפּריל און די לעצטע — דעם 27טן אַפּריל. סך-הכּל זענען געווען אַכט אַסיפות, אויסער וואָס יעדע קאָמיסיע האָט געאַרבעט באַזונדער.

די ערשטע אַסיפה (דעם 8טן אַפּריל) האָט אויסגעקליבן אַ פּרעזידענט, האָט באַשטימט אַ סדר, ווי מען זאָל פירן די וכּוחים און האָט אויסגעקליבן די קאָמיסיעס, וועלכע זאָלן זיך באַשעפטיקן מיט יעדן פּונקט באַזונדער. אויסער דעם האָט די ערשטע זיצונג באַשלאָסן, דאָס מען זאָל ניט צולאָזן אויף דער אַסיפה זײַטיקע מענטשן, אויסער די וואָס די אַסיפה וועט געפינען, אַז זיי קאָנען ברענגען אַ נוץ אין וועלכע עס איז פראַגן. „זײַטיקע מענטשן" — דאָס האָט מען געמיינט אייגנטלעך די פאָרשטייער פון דער יידישער פּרעסע, פון די יידישע רעדאַקציעס, וועלכע זענען דעמאָלט געווען אין פּעטערבורג פיר. די גבירים זענען געווען גאַנץ נאָר מיט דעם „רוסקי יעווריי", אָבער מיט די איבעריקע זענען זיי ניט געווען שוה בשוה, און זיי האָבן ניט געוואָלט, מען זאָל וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער אַסיפה. דער „ראַזסוועט" איז דאָך געוויס געווען פּסול, ווײַל ער האָט „אָנגעמאַכט די גאַנצע חתונה": ער האָט דער ערשטער פאַרעפנטלעכט דאָס געשפּרעך מיט דעם מיניסטער. אַדאָלף לאַנדוי, דער רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד", איז קיין מאָל ניט געגאַנגען אין שפּאַן מיט די פּעטערבורגער רעדל-פירער און ער האָט זיך קיין מאָל ניט געיאָגט נאָך דעם כּבוד. פאַר צעדערבוימען, דעם רעדאַק-

טאָר פון „המליץ", האָט מען גלאַט שטענדיק מורא געהאַט, ווײַל מיט אים האָט ניט געהאָלפן ניט קיין שקרים, ניט קיין תּנאים; ער פלעגט שרײַבן וואָס די פעדער האָט געוואָלט, ניט געפרעגט אויף קיינעם, און גיי דערנאָך לאָד אים צום רב. לכן איז געבליבן בײַ די גבירים ווי עס איז פּטור ווערן פון דעם „המליץ", ניט דערלאָזן צעדערבוימען אויף דער אַסיפה. דער „רוסקי יעווריי" האָט קעגן דעם ניט פּראָטעסטירט, ערשטנס ווײַל דאָס איז בכלל ניט געווען קיין צײַטונג פון פּראָטעסטן קעגן דעם וואָס גינצבורג מיט פּאָליאַקאָוון הייסן; און צווייטנס איז דאָס געווען פאַר אים ניט וויכטיק, ווײַל צבי הכּהן ראַבינאָוויטש, דער רעדאַקטאָר פון „רוסקי יעווריי", איז געווען אויפן צוזאַמענפאָר כּלומרשט אַלס אַ דעלעגאַט פון דענעבורג. און ווי עס ווײַזט אויס זענען די טעמים, וואָס צוליב זיי האָט מען אויסגעשלאָסן די ייִדישע רעדאַקציעס פון דער אַסיפה, געווען ניט גאָר ראַיעלע. והא ראיה, דאָס די אַסיפה אַליין האָט אין איר צווייטער זיצונג, אויף מאָרגן, אַליין באַשלאָסן, דאָס מען זאָל ניט אַרײַנשרײַבן אין פּראָטאָקאָל די סיבות, מען האָט זיך אַפּנים ווײַזט אויס געשעמט פאַר זיך...

די איבעריקע רעדאַקציעס האָבן געשוויגן און כּמעט ניט דערמאָנט וועגן דער גאַנצער אַסיפה. ווען איר זאָלט זוכן אין די ייִדישע צײַטונגען פון יענער צײַט, וועט איר כּמעט גאָרניט געפינען; ניטאָ קיין ידיעות — ניט ווער איז געקומען, ניט ווען די אַסיפה האָט זיך צונויפגעקליבן, ניט וואָס מען האָט געקלערט. די אַסיפה האָט פאַרשלאָסן אירע טירן פאַר דער ייִדישער פּרעסע, האָט איר די ייִדישע פּרעסע באַצאָלט מדה כּנגד מדה — ניט געוואָלט וויסן פון איר. נאָר צעדערבוים האָט זיך ניט געוואָלט באַנוגענען מיט אַ פּראָסטן ברוגז. צעדערבוים האָט ווייניק געהאַלטן פון גאווה מיט גדלות, און ער האָט אין קיין אופן ניט געקאָנט צולאָזן אַזאַ שרעקלעכע עולה, דאָס אין פּעטערבורג זאָל זײַן אַן אַסיפה וועגן ייִדישע כּלל־זאַכן, און ער, אַלס ייִדישער רעדאַקטאָר פון צוויי צײַטונגען (ער האָט דעמאָלט, אויסער דעם „המליץ", אַרויסגעגעבן אויך אַ וועכנטלעכע צײַטונג אין ייִדיש) זאָל ניט האָבן דאָס רעכט און די מעגלעכקייט צו זײַן אויף דער אַסיפה.

(אין מאַמע־לשון, 15

די גבירים זענען געווען אויף אים שטאַרק אין כּעס, ווײַל נאָך פאַר דער אַסיפה האָט זיך אין „המליץ״ אָפּגעדרוקט אַ פײַערדיקער מאמר פון דעם באַוווסטן ייִדישן פּובליציסט יהל״ל (יהודה־לייב לעווין), אין וועלכן עס איז אויסגעשאָטן געוואָרן פעך און שוועבל אויף די ייִדישע גבירים, וואָס ווילן באַהאַלטן די אמתע ייִדישע לאַגע אין רוסלאַנד און טרייסטן זיך מיט פּוסטע הבטחות. דער מאמר יהל״לס „יכּירו וידעו״, גלענצנד און מיט היץ געשריבן, האָט זייער אויפגערעגט דעם עולם קעגן די גבירים, אויסגערעכנט זיי אַלע זייערע חטאים און אָנגעגעבן זיי אַ פולע גאַב. דערפאַר האָבן זיך די גבירים געבלאָזן אויף צעדער־בוימען און ניט גערופן אים צו דער אַסיפה. נאָר צעדערבוים האָט גע־שריבן דעם דאָקטאָר דראַבקין, האָט ענערגיש פּראָטעסטירט און האָט געפאָדערט, דאָס מען זאָל אים צולאָזן אויף דער אַסיפה, ווען ניט אַלס דעלעגאַט, איז כאָטש ווי אַ ייִדישן רעדאַקטאָר, וועלכער האָט זיבן טויזנט אַבאָנענטן. צעדערבוים האָט געשריבן דעם דאָקטאָר דראַבקין און אויך דעם באַראָן גינצבורג, דאָס ער קאָן ניט מסכּים זײַן אויף דער החלטה פון דער אַסיפה ניט צוצולאָזן ייִדישע רעדאַקטאָרן. לאָזן זיך אַנדערע רעדאַקטאָרן טאָן ווי זיי ווילן, נאָר ער, צעדערבוים, וויל ניט מוחל זײַן קיינעם אויף זײַן זכות, אויף זײַן חוב פאַר זײַנע לעזער, פאַר דעם ייִדישן פּובליקום. ניט די אַסיפה איז שולדיק, נאָר די גבירים, וואָס האָבן פאַרגעלייגט אַזאַ החלטה. זיי האָבן געמאַכט אַליין אַ רשימה פון מענטשן, און האָבן אויסגעקליבן וועמען זיי האָט געפּאַסט; זיי האָבן זיך געמאַכט אַ פּראָגראַם וואָס האָט פאַר זיי געפּאַסט; זיי גיבן פאַר החלטות, וועלכע זיי פּאַסט. צעדערבוים האָט זיך טאַקע דער־שלאָגן מען זאָל אים אַרײַנלאָזן, און מיט זײַן זכות האָט מען אויף דער זיצונג שוין געבעטן אויך נאָך אייניקע רעדאַקטאָרן. נאָר דאָס איז געווען נאָר אויף איין זיצונג.

אָט אַזוי האָבן זיך די גבירים געשראָקן פאַר דער ייִדישער עפנטלעכער מיינונג, פאַר די עצות פון דער ייִדישער פּרעסע, פאַר דער ליכטיקייט...

יא

ווי די לעזער אונדזערע האָבן געזען, איז די ערשטע אַסיפה, וועלכע איז פאָרגעקומען דאָנערשטאָג ראש־חודש אייר דעם 8/20טן אַפּריל, נאָר געווען אַ הקדמה, מען האָט נאָר געמאַכט אַ שטיקל סדר. דער עיקר איז געווען מאָרגן. פרײַטאָג דעם 9טן אַפּריל. אויף דער זיצונג איז געוואָרן אַ גרויסע נײַס. דער באַוווּסטער מיליאָנער שמואל פּאָליאַקאָוו איז געקומען און האָט מודיע געווען דער אַסיפה, אַז דער מיניסטער גראַף איגנאַטיעוו האָט אים געזאָגט און באַפוילן איבער־געבן דער אַסיפה, אַז די מלוכה וויל אַוועקגעבן יידן אין טורקעסטאַן, ערגעץ אַרום העאָק־טעפּע, ערד אויף צו באַזעצן זיך. דאָס האָט גע־מאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער אַסיפה. אין דעם קליינעם מאַסשטאַב איז דאָס געווען אַ מין אוגאַנדע אויף דעם קאָנגרעס. יידן זוכן ערד, זוכן זיך ערטער וווּהין צו עמיגרירן. קיינעם ווילט זיך ניט פאַרלאָזן רוסלאַנד, יעדערן איז ביטער ווי דער טויט דאָס צעשיידן זיך מיט דעם לאַנד, וואָס איז אַפילו זיי געוואָרן אַ שטיפמוטער, נאָר דאָך איז דאָס עפּעס אייגנס, היימישס, אַזוי שטאַרק היימיש, ווי אייגנס... נאָר וואָס טוט מען, ווען דער מיניסטער זאָגט דעם דאָקטאָר אָרשאַנסקי, דאָס מען וועט יידן אין קיין פאַל ניט פאַרגרינגערן זייער לאַגע, מען וועט די גרענעצן פון דער „טשערטאַ" ניט פונאַנדערשטופּן, ניט פאַר־ברייטערן... מוז מען דאָך, הייסט דאָס, זוכן זיך אַ נײַ פאָטערלאַנד; מען מוז, כאָטש דאָס האַרץ קלעמט און מען איז צוגעבונדן צו דער שפּראַך, צו דער מלוכה, צו די מנהגים. פּלוצלונג קומט פּאָליאַקאָוו און זאָגט, אַז די מלוכה טרײַבט גאָרניט אַוועק, זי רעכנט גאָר יידן ניט פאַרטרײַבן פון רוסלאַנד, נאָר אַדרבא, זי איז גרייט צו געבן יידן אומזיסט, אָן געלט, פיל ערד אין רוסלאַנד גופא טאַקע, נאָר... נאָר עטוואָס ווײַטלעך, אין טורקעסטאַן...

מיר וועלן נאָך ריידן וועגן דעם און וועגן די איבעריקע החלטות

איצט דערציילן מיר נאָר, דאָס די אַסיפה האָט איבערגעגעבן פּאָליאַקאָווס ידיעה דער קאָמיסיע, וואָס האָט באַדאַרפט אַרומטראַכטן דעם דריטן פּונקט פון דעם פּראָגראַם. מען האָט געטראַכט וועגן דעם פרייטאָג און שבת, און אויך שבת־צו נאַכטס שפּעט איז געווען אַ הייסע אַסיפה וועגן דעם. די אַסיפה איז איבערגעריסן געוואָרן דורך אַן אומגליקלעכן צופאַל. צווי דעם זייגער בייַנאַכט האָט זייער וואַרעם גערעדט דער מאָהליוועער דעלעגאַט שלמה שמערלינג. ער האָט געהאַט ניט קיין געזונט האַרץ, און אַ ייִד איז ער געווען אַ חסיד, אַ פרומער, מיט אַ וואַרעמען ייִדישן האַרץ. דער נייַער גלות וואָס שטייט ייִדן פאַר אויף יעדן אופן, סיי קיין אַמעריקע, סיי קיין טורקעסטאַן, האָט שטאַרק פאַרנומען דעם ערלעכן טרייַען ייִדן, און ער איז אין מיטן ריידן געפאַלן אין חלשות און אויפן אָרט געשטאָרבן.

אַ וואָך צייַט זענען ניט געווען קיין אַסיפות און די דריטע אַסיפה איז געווען דעם 17טן אַפּריל. דעמאָלט האָט די קאָמיסיע, וועלכע האָט געאַרבעט איבער דעם דריטן פּונקט פון פּראָגראַם, פאָרגעלייגט דער אַסיפה עטלעכע שאלות. די ערשטע שאלה איז געווען: אויב עס איז אַ טובה פאַר רוסישע ייִדן, מען זאָל בעטן די רעגירונג, דאָס זי זאָל שטיצן די עמיגראַציע דורך גרינדן עמיגראַציע־קאָמיטעטן? אויף דער שאלה האָבן 34 דעלעגאַטן געענטפערט: ניין, עס איז ניט קיין טובה, און נאָר 5 דעלעגאַטן האָבן געזאָגט: יאָ, עס איז אַ טובה. די צווייטע שאלה איז געווען: אויב מען דאַרף ערקלערן דער מלוכה, אַז די איינציקע סיבה פון דער אָרעמער לאַגע פון די ייִדן אין רוסלאַנד און פון די פּאָגראָמען זענען נאָר די באַזונדערע באַגרענעצונגס־געזעצן און דאָס די איינציקע רפואה אויסצוהיילן די ייִדישע וווּנדן איז נאָר, מען זאָל זיי געבן גלייַכע רעכט מיט אַלעמען און, לכל־הפחות, ערלויבן זיי וווינען אין גאַנץ רוסלאַנד? עס פאַרשטייט זיך, דאָס אויף דער פראַגע האָבן אַלע דעלעגאַטן געזאָגט: יאָ. און עס איז געבליבן ביי אַלעמען, דערווייל־וואָס, ביז מען וועט געבן ייִדן אַלע רעכט, בעטן די מלוכה, מען זאָל ניט אַזוי שטרענג מחמיר זיין מיט

די געזעצן פון דעם רעכט צו וווינען, מען זאָל ניט אַרויסגעבן דערוויַיל קיין נײַע גזירות אויף ייִדן און אַז די מלוכה זאָל אָפּלייקענען די שמועסן וועגן נײַע שלעכטע געזעצן אויף ייִדן. אויך איז געבליבן, מען זאָל אויסקלײַבן אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל אויפשרײַבן די בקשה פון דער אַסיפהס נאָמען, און מען האָט אָפּגעקלערט, דאָס אויך נאָך פאַרשיידענע חברות אָדער גלאַט גרופּעס זאָלן דערלאַנגען דער מלוכה אַזעלכע בקשות. וועגן דער פראַגע צו אָרגאַניזירן נדבות פאַר די וואָס האָבן געליטן פון די פּאָגראָמען האָט יענע אַסיפה, וואָס איז געווען דעם 17טן גאָרניט אָפּגעקלערט. די אַסיפה האָט נאָר באַשטעטיקט די זאַפּיסקע וואָס מען וועט דערלאַנגען דער מלוכה, און האָט אויך פאָרגעלייגט דעם דאָקטאָר דראַבקין, דאָס ער זאָל דערלאַנגען פון זיך אַ באַזונדער זאַפּיסקע דעם מיניסטער גראַף איגנאַטיעוו.

אויף מאָרגן איז געווען די פּערטע אַסיפה, וואָס האָט באַשלאָסן, אַז מען זאָל די זאַפּיסקע דערלאַנגען יעדן מיניסטער באַזונדער. עס איז געבליבן, אַז די דעלעגאַטן זאָלן זיך צעטיילן אויף באַזונדערע דע-פּוטאַציעס, און יעדע דעפּוטאַציע זאָל גיין צו אַ באַזונדערן מיניסטער דערלאַנגען אים די זאַפּיסקעס איבער דער ייִדישער לאַגע, און מען זאָל זיך ניט באַנוגענען מיט דעם גראַף איגנאַטיעוו אַליין. אויך איז געבליבן צו בעטן בײַ דער מלוכה, זי זאָל ערלויבן גרינדן אַ קאָמיטעט אויף קלײַבן נדבות פאַר די געליטענע אין די פּאָגראָמען; וואָרעם כאָטש מען האָט אויך ביז דעמאָלט געקליבן געלט, נאָר דאָס איז זיך געווען גלאַט אַזוי, אָן אַן ערלויבעניש פון מלוכה. מען האָט געשיקט געלט אין די ייִדישע רעדאַקציעס און זיי האָבן דאָס געלט איבער-געגעבן אין דעם באַראָן גינצבורגס קאַנטאָר, וואָס האָט שוין פונאַנדער-געטיילט דאָס געלט ווי פון זיך. די רעגירונג האָט קיין באַזונדער קאָמיטעט, ספּעציעל פאַר די וואָס האָבן געליטן פון די פּאָגראָמען, ניט ערלויבט, אַקוראַט ווי אויך נאָך קעשענעוו אָדער האָמעל האָבן נאָר די שטענדיקע צדקה-גדולהס זיך געמוזט פאַרנעמען אויך מיט די פּאָגראָמען.

אויף דער פינפטער אַסיפה, דעם 20טן אַפּריל, איז שוין גאָר ווייניק אַרבעט געווען. מען האָט נאָר אויסגעהערט די בקשה אויף דעם קייסערס נאָמען. אויפגעשריבן האָט זי אַברהם זאַק, און די אַסיפה האָט באַשטעטיקט, אַז נאָך אייניקע זאָלן זי אַ ביסל איבערמאַכן און צוגרייטן זי. אין דער בקשה בעט מען ביי דעם קייסער רחמים, „אַזוי ווי אַלע איבעריקע מיטלען פון זעלבסט-שוץ, וועלכע די געזעצן ערלויבן, האָבן שוין יידן איבערגעפּרוווט". עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן דעם קייסער פיל אמת וועגן דער יידישער לאַגע. צום סוף שרייבט מען אין דער בקשה, אַז אמת טאַקע דאָס צווישן יידן זענען פאַראַן איבער פאַרשיידענע סיבות פיל אַזוינע, וואָס פאַרשוואַרצן דאָס פּנים אַלע יידן, און יידן אַליין וואָלטן קאָנטעט זיין ווען די דאָזיקע זאָלן כאַפּן אַ פּסק; נאָר וואָס האָט מען צו דעם כלל איבער אייניקע פּרטים? און צי איז דאָס דען אַ יושר, דאָס מען זאָל אַלע יידן האַלטן פאַר נידער-טרעכטיקע מענטשן, אָנטאָן זיי די גרעסטע בזיונות, און דאָך פאָדערן פון זיי, זיי זאָלן זיין שיין און ריין און איידל, וואָס מען טרעפט ניט אַזוינס אַפילו צווישן די וואָס האָבן שוין גאָר אַלע רעכט אין רוסלאַנד.

אויף דער זעקסטער אַסיפה, דעם 21טן אַפּריל, האָבן אַלע דעלע-גאַטן צוזאַמען מיט גרויס פאַראַד מודיע געווען, אַז די גאַנצע וועלט זאָל וויסן דאָס ביי יידן איז ניטאָ קיין „קהל", דאָס הייסט אַן אָרגאַ-ניזאַציע, וואָס זאָל פירן אַלע כלל-געשעפטן, אַלע יידישע אַלגעמיינע אינטערעסן. דעם נוסח פון דער „מודעה רבא" האָבן אויפגעשריבן דריי רבנים וואָס זיינען געווען אויף דער אַסיפה: רבי יצחק-אלחנן ספּעק-טאָר, רבי זלמן לאַנדאָ און רבי יצחק אָלשוואַנגער. אויסער דעם האָט מען וועגן דעם „קהל" באַדאַרפט אויפשרייבן אַ באַזונדער זאַפּיסקע, וואָס עס האָבן גענומען אויף זיך אויסצואַרבעטן די געלערנטע משכילים צבי הכהן ראַבינאָוויטש און יהושע שטיינבערג צוזאַמען מיט דעם באַ-ווּסטן יוריסט מיכאל מיש. קורץ, מען האָט אָנגענומען אַלע מיטלען צו באַווייזן דער מלוכה, אַז קיין „קהל" איז ניטאָ און אַז ביי יידן זענען ניט פאַראַן קיין באַהאַלטענע חברות. ווי מען האָט דעמאָלט דער-

ציילט, איז דער גאַנצער פּאַראַד מיט די שבועות און די חרמות וועגן „קהל” פאַרגעקומען איבער אַ שטיקל מעשה. מען האָט געזאָגט, אַז בעת עס איז געווען די גרויסע אַסיפה האָט דעמאָלט איינער אַ גרויסער מענטש, וועלכער האָט געהאַט אַ גרויסע דעה אין דער יידישער פראַגע, גע־שיקט רופן צו זיך דעם באַראָן גינצבורג, האָט אַרומגערעדט מיט אים וועגן דער אַסיפה און וועגן דער יידישער לאַגע. פּלוצלונג האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי דעם באַראָן, אויב עס איז אמת דאָס אין דעם באַראָנס קאַנטאָר ליגט פאַר אים, פאַר דעם אָדון הייסט דאָס, אַ מיליאָן רובל? דער ערלעכער באַראָן, וועלכער גיט קיין מאָל קיין כאַבאַר ניט, האָט זיך דערשראָקן און האָט דאָס אָנגענומען פאַר אַ בלבול אויף יידן, וועלכע האָבן פלומרשט באַהאַלטענעם געלט וואָס זיי נוצן אויס אויף אונטערקויפן טשינאָווניקעס לטובת הכלל. ווען דער אָדון זאָגט דאָס אַן אַנדערן, למשל פּאָליאַקאָוון, וועלכער האָט פאַרשטאַנען אַ וואָרט חסידות און וואָלט אויך פאַרשטיין דעם פשט פון דער שאלה, וואָלט ער זיך אַ דינג טאָן מיט דעם אָדון און וואָלט אפשר עטוואָס געקויפט ביי אים; ניט באַצאָלטערהייט, אומזיסט, האָט מען דעמאָלט גאָרניט באַקומען ביי יענעם אָדון; צוליב דעם אפשר האָט מען געלאָזן זיך צוזאַמענפאָרן, כדי מען זאָל טאַקע קענען צוזאַמענקלייבן אַ ביסל געלט... נאָר אָבער צום אומגליק איז דאָס געשפּרעך פאָרגעקומען מיט דעם באַראָן גינצבורג, וועלכער האָט זיך שרעקלעך דערשראָקן און האָט אָנגענומען מיטלען צו באַווייזן מיט ראיות און מיט שבועות און חרמות, אַז דער „קהל” איז נאָר אַ בלבול, אַז עס זענען ניטאָ קיין געהיימע חברות ביי יידן, און אַז דאָס געלט אויף די וואָס האָבן געליטן פון די פּאָגראָמען, באַדאַרף מען ערשט קלייבן, — כדי דער אָדון און די איבע־ריקע אַדונים זאָלן וויסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אַז לא דובים ולא יער, ניטאָ קיין „קהל” און ניטאָ קיין געלט... און טאַקע אויף דער זיבעטער אַסיפה האָט מען געקליבן געלט אויף די פּאָגראָמען צווישן די דעלעגאַטן, און אויף דער אַכטער אַסיפה האָבן אַלע מיטגלידער אונטערגעשריבן די „מודעה רבא” וועגן „קהל” און מען האָט אָנגענומען די זאַפּיסקע, וואָס עס האָט דעמאָלט אויפגעשריבן מנשה מרגליות פאַר דער

אָדעסער קאָמיסיע וועגן ייִדן אָנשטאָט דער זאַפּיסקע וועגן „קהל", וואָס עס האָבן געדאַרפט אויפשרײַבן די געלערנטע מיטגלידער פון דער אַסיפה. מיט אַ זומער פריִער איז געזעסן מ. מרגליות אין פּעטער-בורג און האָט געשריבן די זאַפּיסקע, וועלכע דער קייסער האָט געפאָ-דערט פון דער ייִדישער דעפּוטאַציע. דאָס איז געווען אַ גאַנצער חבור, און די פּרקים וועגן „קהל" זענען צו נוץ געקומען אויך דאָ, ווען די אַסיפה האָט געהאַט נייטיק צו באַשעפטיקן זיך מיט דעם „קהל" און די ייִדישע געהיימע חברות.

יב

די אַסיפה האָט געפאָדערט פון דער מלוכה צוויי זאַכן: ערשטנס, דאָס זי זאָל געבן ייִדן גלײַכע רעכט, און צווייטנס, זי זאָל אַרויס-געבן אַ געזעץ, דאָס ווען עס וועט זײַן ווו עס איז אַ פּאָגראָם, זאָל דאַן די שטאָט אומקערן דעם היזק די ייִדן. אַזאַ געזעץ איז לאַנג פאַראַן אין פּרײַסן און אויך אין רוסלאַנד האָט מען אים אײַנגעפירט פאַר עטלעכע יאָרן, ווען די פּויערים האָבן געמאַכט פּאָגראָמען אין די פּריצישע גיטער. נאָר עס האָט ניט געהאָלפן וואָס די אַסיפה האָט געבעטן. דעמאָלט איז געווען אַ צײַט — אָדער קויפן און באַצאָלן בכּסף מלא פאַר דעם, וואָס עס קומט, אָדער נעמען, נעמען מיט כּח, מיט געוויסע מאָראַליש-פּאָליטישע קרעפטן. ניט אמת איז געווען וואָס די אַסיפה האָט געזאָגט אין איר בקשה, אַז די ייִדן האָבן שוין אויסגענוצט אַלע מיטלען פון זעלבסט-שוץ. ניט אַלע האָט מען אויס-גענוצט. ניט נאָר האָמעל און זשיטאָמיר, נאָר אַפילו אויך קעשענעוו האָט באַוויזן, דאָס עס זײַנען נאָך געווען מיטלען וועלכע די ייִדישע באַפעלקערונג אין רוסלאַנד האָט ניט אויסגענוצט דאַן. און עס איז קיין ספק ניט, דאָס אויך די מיטלען מאַכן אַ געוויסן אײַנדרוק, עפּעס אַ פּועל-יוצא איז אויך פון זיי. רוסלאַנד ליגט ניט ערגעץ אויף אַ באַהאַלטענער אינדזל, און בײַ איר האָט אויך אַ חשיבות די מיינונג

פון אייראָפּע און אַמעריקע. און ווען ייִדן וואָלטן געמאַכט אַ געוואַלד אויפהויבן אַ טומל אויף דער גאַנצער וועלט אויף די רציחות וואָס מען טוט זיי, אַרויסגעזאָגט דעם אמת, ווער איז דער חייב אין די אַלע פּאָגראָ-מען, ניט שפּילן דעמאָלט אין פּאַטריאָטיזם און האַלטן זיך ביי דעם, אַז פון חדר זאָגט מען ניט אויס, — וואָלט אויך דעמאָלט ווערן אַזאַ ויצעקו, ווי עס איז געוואָרן נאָך מעשה קעשענעוו, און פאַר אַזאַ מין סקאַנדאַל האָט זיך אַפּילו, ווי עס איז באַוווּסט, אויך פּלעווע דערשראָקן. אַפּילו דער שרעקלעכער פּלעווע האָט געפונען פאַר נייטיק צו טרייבן קוצעניו-מוצעניו מיט דעם דאָקטאָר הערצל, אַבי מען זאָל ניט לאַרעמען אויף דעם קאָנגרעס וועגן קעשענעוו. פאַר טומל און סקאַנדאַל האָט פּחד געהאַט דעמאָלט אויך גראַף איגנאַטיעוו. מיר ווייסן פּינקטלעך זיין געשפּרעך מיט דער ייִדישער דעפּוטאַציע וואָס די אסיפה האָט דעמאָלט געשיקט צו אים. ער האָט מיט זיי גערעדט, ווי איגנאַטיעוו, דער געוועזענער דיפּלאָמאַט, האָט באַדאַרפט ריידן: אי אַהין, אי אַהער, אי כּלומרשט זייער גוט, אי גאַנץ שלעכט. נאָר איין זאַך האָט מען געהערט פון אים אייניקע מאָל: „ניע שומיטיע, ניע קריטשיטיע", די וועלט זאָל ניט וויסן, דאָס אייך שטיקט מען אין רוסלאַנד.

נאָר דעמאָלט האָבן אונדזערע מיליאָנערן, וועלכע זענען געווען די רעדלפירער, געפונען פאַר נייטיק אָדער אפשר רויִק פאַר זיך בלאָזן פון זיך גרויסע פּאַטריאָטן, קנייפּן די באַקן און שטעלן די פּאַרב. איז אויסגעקומען, דאָס די מלוכה איז צוקער-זיס מיט ייִדן, נאָר דאָס עטלעכע באָסיאַקעס זענען באַפאַלן ייִדן, עפּעס צעריסן עטלעכע קישנס מיט פּערענעס, וועמען עס איז געגעבן אַ קלאַפּ, און צוליב אַזאַ „נאַ-רישקייט" האָבן אייניקע ייִדישע שרייבערלעך געמאַכט אַ טומל און געגומען שרייען קולות: עמיגראַציע, און ייִדן נאַרן און לײדיק-גייער האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין בראָד און קיין לעמבערג אויף קהלשע הוצאות. צוליב דעם האָט דאָס אויסלאַנד אויך קיין געלט ניט געשיקט אויף די וואָס האָבן געליטן פון פּאָגראָמען. אויף קעשענעוו אַליין האָט געמאַכט פינף מאָל מער, ווי עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבן דעמאָלט,

אין די יאָרן 1881—82, אויף אַלע שטעט צוזאַמען. אמת טאַקע, איצט איז די צײַט געוואָרן עפּעס אַנדערש; אין די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר האָט זיך דאָס ייִדישע נאַציאָנאַלע געפיל שטאַרק אַנטוויקלט און ייִדישע כּלל־צרות פאַרנעמען די ייִדישע הערצער טיפער און וואַרעמער. דאָך אָבער איז דאָס מערקווירדיק, אַז דעמאָלט האָט מען גאָר קיין גרויסע נדבות ניט געגעבן אויף די אומגליקלעכע, און אַפילו דער מיליאָנער פּאָליאַקאָוו האָט נאָך אַלע זאַכן מיט די גרויסע זידלערײַען אָפּגעוואָרפן, ווי מען זאָגט, ט"ו אַלפים, פופצן טויזנט רובל. און דאָס איז געווען נאָך דעם, אַז ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם פאָנד אויף בעלי־מלאָכות און ערד־אַרבעטער און ער האָט געבראַכט דער אַסיפה די בשורה־טובה וועגן העאַק־טעפע און טורקעסטאַן, און האָט געמיינט, דאָס ייִדן וועלן זיך אָנכאַפּן פאַר די הייסע זאַמדן, וואָס איגנאַטיעוו גיט זיי צו פאַרשיטן די אויגן זיי און אויך דער וועלט!...

ניין, ניט ריכטיק זענען געווען די ווערטער, דאָס אַלע מיטלען פון זעלבסט־שוץ האָבן ייִדן דעמאָלט אויסגענוצט. האָמעל און זשיטאָמיר האָבן באַוויזן, דאָס עס זענען פאַראַן נאָך מיטלען. און ווען פיזיש, מיט די אויגן זעט מען אפשר די פעולה פון די מיטלען ניט, דערפאַר אָבער איז קיין שום ספק ניטאָ, דאָס מאָראַליש איז זייער פעולה גרויס, זייער גרויס...

געווען פיל, וואָס זענען דעמאָלט צופרידן געווען פון דער „מודעה רבא", וואָס די אַסיפה האָט דעמאָלט אַרויסגעגעבן וועגן דעם „קהל". אַפילו דער „ראַזסוועט", וועלכער איז געווען קעגן דער גאַנצער אַסיפה, און וואָס דער רעדאַקטאָר זײַנער איז ניט געווען אויף איר, — אַפילו דעם „ראַזסוועט" איז אויך געפעלן געווען די „מודעה", און דאָס בלאָט האָט גערעכנט, אַז ווען רבנים און גבאים און גלאַט שיינע ייִדן שווערן אָפּ בשם ה׳, אַז קיין „קהל" איז ניטאָ בײַ ייִדן, וועט דאָס האָבן אַ געוויסן ווערט. באמת אָבער איז דאָס, דאַכט זיך, אויך געווען אַן אומזיסטע טירחה. המאמין לא יחוש, דער וואָס גלייבט, אַז עס זיינען פאַראַן בײַ ייִדן געהיימע חברות מיט אַ געהיימער אָרגאַניזאַציע,

וועט אויך איצט גלייבן, כאָטש איר מעגט זיך אים צערײַסן שווערנדיק. אָט זעען מיר, אַז דער גראַף איגנאַטיעוו אַליין האָט אָפן געזאָגט דאַן דער דעפּוטאַציע פון דער אַסיפה, אַז ער גלייבט אַלץ, דאָס בײַ ייִדן איז פאַראַן אַ קהל.—„מיך וועט איר ניט אײַנשמועסן, מיך וועט איר ניט איבעררײדן" — האָט ער געזאָגט. איינער פון די דעפּוטאַטן, ה' יעקב ברוק פון טשערניגאָוו, האָט אים געזאָגט, דאָס עס איז אויך אוממעגלעך צו באַווײַזן ראַיות אויף אַ זאַך דאָס זי איז ניטאָ. די אַסיפה האָט געשוואָרן מיט אַלע שבועות, און איגנאַטיעוו האָט געזאָגט, דאָס ער אַליין האָט שטעטלעך אין דער ייִדישער „טשערטאַ", און דאָס אים אַליין האָט „קהל" גענומען אין „חזקה", און ער ווייס דאָס גענוי און וועט קיינעם ניט גלייבן...

אים האָט זיך אַפּנים ניט געוואָלט גלייבן... הײַנט וואָס איז די פּעולה פון די מודעות מיט די שבועות? די אייגענע פּעולה, וואָס פון דער שבועה וואָס די לעמבערגער אַסיפה פון רבנים האָט פאַר צוויי יאָרן פאַר־עפנטלעכט וועגן עלילת־דם. אויף אַזעלכע בלבולים העלפן ניט שבועות מיט מודעות מיט חרמות. דער וואָס גלייבט, דעם וואָס אים לוינט צו גלייבן, — יענעם וועט איר ניט אײַנשמועסן. און פאַר דעם כלל־ישראל איז דאָס אַ בזיון, ווען זײַנע פאָרשטייער גיבן שבועות מיט מודעות וועגן אַזעלכע ענינים. און ווען דער יחיד איז מחויב צו היטן דעם כבוד פון זײַן אומה, איז אַ רבים, אַן אויסדערוויילטע אַסיפה, געוויס מחויב זײַן אָפּגעהיט, אַז דער כבוד פון כלל־ישראל זאָל ניט לײַדן. די גלות־פּסיכאָלאָגיע לאָזט ניט פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן; עס איז צו איידל דער ענין פאַר אַ גלות־ייִד. און ליידער זענען אויף די אַסיפות פון אויגוסט 1881 און פון אַפּריל 1882 געווען איבערהויפּט גלות־ייִדן, כאָטש עס זענען צווישן זיי געווען ייִדישע מיליאָנערן מיט ייִדישע גע־נעראַלן; און אפשר... אפשר דערפאַר האָט זיך אויף די אַסיפות געפילט שטאַרק דער גלות, ווײַל עס זענען געזעסן דאָרט מיליאָנערן מיט גע־נעראַלן, און ווײַל אָט די עכטע גלות־ייִדן האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלע אויף די אַסיפות...

*

דעם 27טן אַפּריל איז געווען די לעצטע זיצונג פון דעם יידישן צוזאַמענפאָר, און דעם 3טן מאַי האָט איגנאַטיעוו אַרויסגעגעבן די באַוווסטע „ווּרעמעניאַ פּראַווילאַ", מיט וועלכע מיר האַלטן זיך נאָך עד־היום.

די פּראַווילעס זענען געווען אַ פּירוש אויף דער סדרה אַסיפּות.

דניאל מאָרדאָווצעוו

I

דניאל איז אַפּילו אַ ייִדישער נאָמען, נאָר מאָרדאָווצעוו איז ניט קיין ייִד. ער איז אַ רוסישער שריפטשטעלער, אַ ריינער געבאָרענער רוס. נאָר אַזוי ווי דניאל מאָרדאָווצעוו האָט פיל געשריבן וועגן ייִדן און וועגן ייִדישע פראַגן, איז זיין ליטעראַרישע אַרבעט אויך וויכטיק פאַר אונדז ייִדן. דניאל מאָרדאָווצעוון ווערט באַלד פינף און זיבעציק יאָר, און עס איז כדאַי צו דער צייט פון זיין יום־טוב באַקאַנט צו ווערן מיט זיין ליטעראַרישער אַרבעט.

דניאל מאָרדאָווצעוו איז געבאָרן אין יאָר 1830, אין אַן אוקראַיִנער פאַמיליע ערגעץ אויפן דאָן. ער האָט געלערנט אין סאַראַטאָווער גימנאַזיע און דערנאָך געענדיקט דעם קאַזאַנער אוניווערסיטעט. ער האָט זיך באַזעצט אין סאַראַטאָוו, ווו ער איז געוואָרן אַ שטאַרקער מקורב מיט דעם באַוווסטן היסטאָריקער קאָסטאָמאַראָוון, וועלכער איז געווען דעמאָלט פאַרשיקט קיין סאַמאַרע. קאָסטאָמאַראָוו האָט אויפגעוועקט ביי אים די ליבע צו מאַלאָראָסיע און צו דער רוסישער געשיכטע. מאָרדאָווצעוו, וועלכער האָט דאַן רעדאַקטירט אַ צייטונג אין סאַמאַרע, האָט אָנגעהויבן צו שרייבן שירים אויף אוקראַיִניש און זיך פאַרנעמען מיט היסטאָרישע אַרבעטן. מאָרדאָווצעוו האָט פאַרפאַסט וויכטיקע ווערק וועגן

די אַמאָליקע פּאָליטישע באַוועגונגען פון רוסישן פאָלק און וועגן די פאַלשע קייסאָרים. מאָרדאָווצעוו האָט פאַראייניקט אין זיך דעם טאַלענט פון אַ געלערנטן און דעם טאַלענט פון אַ קינסטלער. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו שאַפן אייניקע היסטאָרישע ראָמאַנען ווי „דער פאַלשער דמיטרי“ און „דאָס יאָר 1812“, וועלכע וועלן בלייבן אויף שטענדיק אין דער רוסישער ליטעראַטור.

די ראָמאַנען פון היינטיקן לעבן, וועלכע מאָרדאָווצעוו האָט געשריבן, האָבן אַ קנאַפּערן ווערט ווי זיינע היסטאָרישע פאָרשונגען און זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען. זיינע ווערק פלעגן אין זייער צייט געלייענט ווערן מיט גרויס חשק. איצט אָבער פאַרלירן זיי שוין זייער פריערדיקן אינטערעס. מאָרדאָווצעוו איז פיל אַרומגעפאָרן און האָט אונדז געגעבן העכסט אינטערעסאַנטע באַשרייבונגען פון פרעמדע און ווייטע לענדער. ער האָט באַשריבן זיין רייזע „איבער איטאַליע“, „איבער שפּאַניע“, „אויף דעם באַרג אַררט“, „ביי טאַמערלאַן צו גאַסט“ און נאָך פיל אַנדערע. די בעסטע פון זיינע באַשרייבונגען זענען „די נסיעה קיין ירושלים“ און די „נסיעה צו די פּיראַמידן“.

וועגן יידן האָט מאָרדאָווצעוו אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך אין יאָר 1873, ווען ער האָט זיך געקריגט מיט דער צייטונג „גאָלאָס“ פאַר יידן. ער האָט זיך געחתמעט אויף די אַרטיקלען „בערנע פון בערדי־טשעוו“. דאָס איז געווען אין דער צייט, וואָס מען האָט גערעדט וועגן יידישע רעכט. מאָרדאָווצעוו האָט זיך וואַרעם געשטעלט פאַר יידן. נאָר דערהויפּט האָט מאָרדאָווצעוו אָנגעהויבן שרייבן פאַר יידן און איינ־שטעלן זיך פאַר זיי נאָך די ערשטע פּאָגראָמען. אין דעם יידישן וואָכנ־בלאַט „ראַזסוועט“ 1882 האָט ער געשריבן אַ גאַנצן גאַנג בריוו וועגן יידן, זייער לאַגע אין רוסלאַנד און זייערע האָפענונגען. ער רעדט כלומרשט ווי אַן ענגלענדער, וועלכער רעדט וועגן רוסישע יידן ווי אַ זייטיקער מענטש, און ער חתמעט זיך אויף זיינע בריוו „פלומפּודינג“; נאָר אַלע האָבן געוווּסט, דאָס עס שרייבט מאָרדאָווצעוו.

איר שטעלט זיך פאָר — זאָגט ער אין איינעם פון די בריוו — ווי ווייט מיאוס עס וועט זיין אייערע קינדער, ווען זיי וועלן לערנען

אַמאָל די רוסישע געשיכטע און וועלן זען, דאָס אין סוף פון 19טן יאָרהונדערט האָט מען זיך מיט אַ מאָל צוריק אומגעקערט גאָר צו די אַלטע רציחות, וועלכע זענען געווען אַמאָל אין אומאַן. קיין חרפה און קיין בושה איז ניטאָ ביי דער רוסישער פּרעסע, און די ציַיטונגען שעמען זיך ניט צו העצן אויף ייִדן דעם פּראָסטן עולם. און דער פּראָסטער גראָבער עולם לייענט דוקא אָט די נידעריקע עכט-רוסישע ציַיטונגען. און טאָמער לייענט דער המון אַליין ניט, דערציילן אים גוטע ברידער. מען זאָגט אים שטענדיק דאָס אַ ייִד איז שולדיק אין אַלע צרות, און מען מעג אים שלאָגן, — מען הייסט אים אַפילו שלאָגן. נו, שלאָגט מען...

מאָרדאָווצעוו איז געשטאַנען בנוגע צו דער ייִדנפראַגע העכער פון די רוסישע ליבעראַלן. בעת יענע האָבן קיין אַנדער ענטפער ניט געוווּסט ווי גלייַכע רעכט, האָט מאָרדאָווצעוו אויך קלאָר און הייס גע-רעדט וועגן אונדזער נאַציאָנאַלער האָפענונג, וועגן אונדזער גרויסער האָפענונג אין ארץ-ישראל.

דאָס איז געווען אין 1882 באַלד נאָך די פּאָגראָמען, ווען די ייִדישע עמיגראַציע האָט זיך שרעקלעך אַ גאָס געטאָן. אונדזערע „בעלי-טובות" און די גרויסע ייִדישע רעדל-פירער, וועלכע זענען געווען אויך דעמאָלט ניט קליגער ווי הייַנט, האָבן געזאָגט, דאָס מען ברויך קיין שום עמיגראַציע, דאָס אַלע זאָלן בלייַבן רויִק אויף זייערע ערטער וואָרעם אָט-אָט וועט ווערן ישועות ונחמות אויף ייִדן. אונדזערע פּע-טערבורגער קהלס-לייַט פלעגן זיך זען מיט פּריצים, ריידן מיט מיני-סטאָרן, — און אין דער פּראָווינץ, אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך, איז געווען אַ שרעקלעך עלנט און אומעט. עס איז געוואָרן אויס פּרנסה, פּאָגראָמען און שרפות זענען זיך געוואָרן אַ גאַנץ וואָכעדיקע מעשה, און דער עולם איז געלאָפן פון רוסלאַנד זוכן רו און ברויט... דעמאָלט האָט זיך אויפגעוועקט אויך די אַלטע ייִדישע נאַציאָנאַלע האָפענונג, טאָמער איז אַ סברה עס זאָל זייַן אַמאָל אַן עק צו די ייִדישע צרות, צו דעם גרויסן צוויי טויזנט-יאָריקן גלות... און די ייִדישע יוגנט, די גוטע ייִדישע יוגנט, וועלכע האָט נאָך פון קינדווייַז

ניט פאַרגעסן די רײַכע חלומות וועגן צוקונפט; די ייִדישע יוגנט, וועלכע ווייס אונדזער ייִדישע געשיכטע און וועלכע פאַרשטייט, דאָס ניט אומזיסט האָבן עפּעס ייִדן איבערגעלעבט אַזעלכע צײַטן; די ייִדישע יונגעלײַט, וועלכע האָבן געגלייבט אין די כּוחות פון אונדזער פאָלק און וועלכע האָבן שטאָלץ געטראָגן דעם ייִדישן נאָמען, — אָט די אַלע יונגע מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן עפּעס וועגן ארץ־ישראל, וועגן אַ ייִדישן לאַנד, וועגן דעם אַלטן, אָבער אייביק־טרײַען פאָטער־לאַנד...

דאַן זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן די ייִדישע יונגעלײַט די אַלטע ייִדישע אינטעליגענטן. זיי איז נעבעך געווען ביטער צו הערן, ווי יונגעלײַט, שפּיץ־נײַע חברה, מיט סטודענטן, שעמען זיך ניט און זאָגן זיך שטאָלץ אַרויס זייער ווונטש און זייער מיינונג — גיין צוריק קיין ארץ־ישראל. נאָר די אַלטע ייִדישע „גענעראַלן" האָבן זיך שטאַרק געוווּנדערט אָט אויף די מיני נאַרישקייטן, און אַנדערע האָבן זיך געפרעגט קלאָץ־קשיות, באַווייזן מיט אַלערליי ראיות, דאָס דער ארץ־ישראל־פּלאַן קען זיך קיינמאָל ניט אויספירן.

איינעם פון די חכמים האָט דעמאָלט געענטפערט מאָרדאָווצעוו אין איינעם פון די בריוו אין „ראַזסוועט".

ער זאָגט אַרויס שאַרף און קלאָר, אַז דאָס ייִדישע פאָלק באַדאַרף האָבן זײַן אייגן שטיקל ערד, און אַז דאָס בעסטע איז, דאָס אַזאַ שטיקל אָרט זאָלן זיך ייִדן נעמען אין ארץ־ישראל, אין דעם לאַנד אויף וועלכן זיי האָבן היסטאָרישע רעכט. די פעלדער און די בערג פון שרון, אָט דאָרט ווו עס האָבן געלעבט הונדערטער ייִדישע דורות, מוזן ווידער ווערן ייִדישע, און די ייִדישע הילכיקע לידער זאָל מען דאָרט ווידער זינגען.

ווי מאַכט מען דאָס?

II.

דעמאָלט, אַט ווי מען האָט נאָר אָנגעהויבן קלערן וועגן פּאַ=לעסטינע, איז אַרויסגעטראָטן, טאַקע אין „ראַזסוועט" 1882, איינער גאַמזעפּאָן. ער האָט געזאָגט: יאָ, געוויס וואָלט געווען גוט ארץ-ישראל, נאָר קיינער וועט דאָס אונדז ניט געבן. מיר ווילן אַנטלויפן פון פרעמדע, אונדז גלוסט זיך זײַן אייגענע שטיקלעך בעלי-בתּים, נאָר באמת זענען מיר אין ארץ-ישראל נאָך פרעמדער ווי אומעטום. ווו מיר זיצן האָבן מיר אויף זיך נאָר איין בעל=הבית, און אין פּאַלעסטינע וועלן מיר האָבן פיל בעלי-בתּים — אַלע קריסטלעכע פעלקער. קריסטן קאָנען זיך קיין מאָל ניט אָפּזאָגן פון די הייליקע ערטער זייערע אין ארץ-ישראל, און זיי, די קריסטלעכע פעלקער, וועלן דאָרטן אונדז רודף זײַן נאָך מער ווי אין דער גאַנצער וועלט.

אַזוי האָבן פיל גערעדט קעגן פּאַלעסטינע.

מאָרדאָווצעוו ענטפערט זיי: ווי זאָל מען מאַכן? דערויף באַדאַרף ענטפערן די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. לאָזן זיך אַלע מלוכות צוזאַ=מענקלײַבן אויף אַ קאָנגרעס — זאָגט מאָרדאָווצעוו, — און איך האָף, אַז דער קאָנגרעס וועט אַוועקגעבן צוריק די ייִדן זייער היסטאָריש לאַנד, און קיינער וועט ניט רירן דאָרט די ייִדן ווען אַלע געבילדעטע פעלקער וועלן זיי דאָרט באַזעצן. דאָס איז איצט גאָרניט אַזוי אום=מעגלעך. אַט זעען מיר דאָך, דאָס ווען אייראָפּע פאַרלאַנגט וואָס פון טערקײַ פירט זי אויס. פאַרוואָס זאָלן זיך עפּעס ייִדן מיאש זײַן, פאַרוואָס זאָלן ייִדן ניט קלערן, דאָס אין גיכן וועט קומען אויך זייער צײַט? אַט לעבט זיך דאָך אַ קליינינקע און אַ גאַנץ גליקלעכע שווייץ צווישן גרויסע שטאַרקע שכנים, און קיינעמס לאַפּע דערוועגט זיך ניט צוצורירן זיך צו איר. דאָס זעלבע קען אויך זײַן מיט ייִדן, ווען אייראָפּע וועט נאָר וועלן. און פריִער אָדער שפּעטער וועט עס אייראָפּע וועלן, וועט עס מוזן וועלן. ניט אייביק וועט מען קאָנען גיין מיט

ליגן און מיט רציחה — עס וועט קומען אויך דער אמת און יושר. ענגלאַנד איז אַלעמאָל פאַר ייִדן, אַמעריקע שטייט אויך צו איר צו, און אייראָפּע וועט מוזן פאָלגן.

אײַ, וואָס מיט קריסטלעכע הייליקייטן? מאָרדאָוועצעוו שרעקט זיך דערפאַר ווייניק.

מאָרדאָוועצעוו איז אַליין געווען אין פּאַלעסטינע. פון ווײַטן דוכט זיך, דאָס ס׳איז גאָר שרעקלעך; נאָר באמת, אַז מען איז אין ארץ־ישראל און מען קוקט זיך צו, דערזעט מען, דאָס אין גאַנץ פּאַלעסטינע און אַפילו אין ירושלים איז עס גאָר אַנדערש. די ייִדן אין ירושלים זענען אַזעלכע בירגער ווי די קריסטן, ווי די אַראַבער, ווי די סיריער, ווי די פּעלאַכן. דאָ שרעקן מיר זיך פאַר ייִדישע פּאות, נאָר אין ירושלים זענען זיי אַזוי געוויינטלעך ווי די טערקישע פעסקעס, ווי די אַראַבישע טשאַלמעס, ווי די בעדויִנישע אַבאַיעס אָדער די קליידער פון די גריכישע גלחים. די באָרוועסע פראַנציסקאַנער דרייען זיך אַרום אויפן מאַרק גלײַך מיט אַלעמען. קיינער וועט די קריסטלעכע הייליקייטן ניט רירן, קיינער וויל זיי ניט רירן, בפרט ייִדן. פאַראַן פיל ייִדן אין ירושלים און אין יפו, עס גרינדן זיך ייִדישע קאָלאָניעס, און אַ ייִד פון נעבן ירושלים פירט זיך קיין ירושלים פאַרקויפן הינער מיט אייער, גייט זיך צוזאַמען מיט אַן אַראַבער, און האָט גאָר קיין מורא ניט פאַר אַ ביקס, און לעבט זיך גאַנץ פרײַנדלעך מיט די בעדויִנער, וואָס זענען נאָר שרעקלעך אויפן צורה, אָבער באמת גאַנץ גוטע מענטשן.

קיינער זאָגט ניט, דאָס אַלע ייִדן מוזן פאָרן קיין ארץ־ישראל. ראָטשילד וויל בלײַבן אין אייראָפּע, און ניט נאָר ראָטשילד, נאָר יעדער ווער עס פאַרלאַנגט מעג זיך בלײַבן ווו ער וויל. מען טרײַבט קיינעם ניט. נאָר ייִדן בכלל, דעם ייִדישן פאָלק, מוז מען געבן אַ לאַנד, און דאָס לאַנד מוז זײַן נאָר פּאַלעסטינע. איך בין ניט קיין נביא — זאָגט מאָרדאָוועצעוו, — נאָר עס איז קיין ספק ניט בײַ מיר, אַז דאָס פעיִקע ייִדישע פאָלק וועט זיך געוויס אויסבויען אַ שטאַרקע און אַ רײַכע מלוכה אויף דעם מיטללענדישן ים, וואָס וועט זײַן אַ סך שענער און רײַכער פאַר די אַלטע צור און צידון;

יִדן וועלן געוויס מאַכן געשעפטן, וועלן געוויס האָבן פּיל האַנדלס־שיפן און וועלן זיך באַזעצן אויף דעם גאַנצן ברעג פון ים, פון ביירוט ביז על־אַריד, און אפשר נאָך ביז דעם סועץ־קאַנאַל.

אין יענער צײַט ווען מאָרדאָווצעוו האָט געשריבן זײַנע בריוו, איז שוין געווען אונדזער דיכטער ש. פרוג, וועלכער איז אויך געווען איינער פון די יונגעלײַט וואָס האָבן מקיים געווען דעם פסוק: דבר אל בני ישראל ויסעו, און זײַנע זעלטענע, פײַערדיקע לידער זענען טיף אַרײַנגעפאַלן אין האַרצן. אויך מאָרדאָווצעוו האָט ניט געקאָנט קאַלטבלוטיק לעזן און הערן פרוגס פּאָעטישע ווערטער. פרוג האָט געזאָגט: „מײַן פאָלק! דײַן אויג זעט גוט, דײַנע פיס זענען שטאַרק, און דער שטעקן איז אויך גאַנץ... וואָס זשע שטייסטו אין מיטן וועג, אַראָפּגעלאָזן דעם גרייזן קאָפּ?! דו ביסט ניט אַליין: קוק זיך צו — אַלע דײַנע קינדער האָבן זיך צו דיר אומגעקערט. נעם זשע זיי צו, און מיט דעם גאַנצן געזינד, דורך אַלע פעלקער און לאַנגע דורות, דורך דעם גאַנצן ים צרות און איבער דעם גרויסן באַרג יסורים, — גיי פאָראויס, פאָראויס!“ און ניט נאָר מיר, יִדישע יונגע־לײַט, האָבן פאַרשטאַנען, אַז די צרות וועלכע האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף אונדזער פאָלק באַדאַרפן אונדז ניט אַראָפּוואַרפן בײַ זיך, נאָר אויך קריסטן מיט געפילן, מיט הערצער. אויך מאָרדאָווצעוו זאָגט: „יאָ, טאָקע „פאָראויס“, אָבער ניט „צוריק“, און ווען יִדן טראַכטן גיין אַהיים, — זאָל דאָס זײַן טאָקע „אַהיים“, קיין ארץ־ישראל, אין דער נײַער פאַלעסטינע, וועלכע יִדן וועלן ציוויליזירן און אויפהייבן מיט פרײַהייט און וויסנשאַפט, און ווו די פרײַהייט און וויסנשאַפט וועלן זיך וואַקסן פרײַער נאָך ווי אַמאָל.

און מאָרדאָווצעוו גלייבט, אַז דאָס וועט זײַן. די וועלט מוז, זי איז מחויב צו טאָן דאָס. די ציוויליזירטע וועלט מוז פאַרריכטן דעם גרויסן היסטאָרישן פעלער, וואָס צוליב אים בלאָנדזשען אַרום די יִדן אין דער וועלט, כאָטש זיי זײַנען ניט שולדיק אין דעם פעלער. די יִדישע לאַגע איז שרעקלעכער, זאָגט מאָרדאָווצעוו, ווי די לאַגע פון די שוואַרצע נעגערס; די יִדישע געשיכטע איז עפּעס פיל שרעק־

לעכער, אַ סך אומעטיקער ווי די געשיכטע פון די אַלע „בראַטושקעס״, די באָלגאַרן און די סערבן מיט די איבעריקע אינאַיינעם. דער קומענדיקער היסטאָריקער וועט זיך דערשרעקן, ווען ער וועט זיך דערוויסן וואָס מיר האָבן געטאָן מיט יידן. און דאָס איז אײַך ניט עפּעס אַ פּאַרפּלייצעניש אָדער אַ ערד־ציטערניש, אָדער אַ גרויסע שׂרפה, — דאָס איז אַ שרעקלעכע מעשׂה, אַ מוראדיקע טראַגעדיע, וועלכע ציט זיך טויזנטער יאָרן. ניין, דאָס קאָן זיך אַזוי ניט ציִען, מיר מוזן אַוועקגעבן דעם יידישן פֿאָלק דאָס וואָס איז באמת זײַנס — זײַן פֿאָטערלאַנד, זײַן ארץ־ישׂראל.

אָט אַזוי רעכנט אויס מאָרדאָווצעוו ווי עס זאָלן זיך טאָן די נײַע נסים פון דער גאולה. די וואָס האָבן געלעזן „דניאל דעראָנדאַ״ פון דער באַוווּסטער שרײַבערין, וועלכע פלעגט זיך רופן דזשאָרזש עליאָט, אָדער אַפילו לאָרד ביקאָנספילדס „טאַנקרעד״, ווייסן גאַנץ גוט, דאָס פיל קריסטן טראַכטן אַזוי וועגן יידן, און מיר זעען נאָר, דאָס אויך מאָרדאָווצעוו האַלט מיט זיי. דאָס רוב רוסישע ליבעראַלן רעכענען, אַז דאָס גרעסטע וואָס יידן קאָנען פאַרלאַנגען און האָפן איז: קריגן אומעטום גלײַכע רעכט פון בירגער; דאַן, מיינען זיי, וועלן שוין יידן אין גאַנצן מוזן ווערן אויס יידן, אָפּזאָגן זיך פון זייער געשיכטע, פון אַלץ וואָס זיי איז געווען אַזוי טײַער, און פאַר וואָס זיי האָבן שרעקלעך געליטן; דאַן וועלן יידן מוזן ווערן נאָר בירגער און ניט מער. באמת אָבער פאַרקויפט ניט דאָס גרויסע יידישע פאָלק זײַנע אידעאַלן פאַר רעכט. בירגער־רעכט קומט אונדז גאַנץ אומזיסט, גלײַך מיט אַלע אַנדערע בירגער. די יידן אַלס פאָלק האָבן אָבער אויך רעכט אויף אַלץ וואָס עס קומט אַ פאָלק. און יידן קומט זייער לאַנד, און מען מוז זיי דאָס געבן. דאָס זאָגט אויך מאָרדאָווצעוו און דערמיט שטעלט ער זיך העכער פאַר אונדזערע געוויינטלעכע גוטע פרײַנד.

.III

מען דאַרף ניט וואַרטן אויף נסים, אויף אויסטריקענען אַ ים און צערייסן אַ ירדן און אָפּשטעלן די זון אין מיטן הימל. ניט אויף אַזעלכע נסים און מופתים באַדאַרפן ייִדן וואַרטן. גענוג איז נסים, וואָס ייִדן זענען געבליבן גאַנץ, און גענוג איז אַ גרויסער מופת, אַז נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות פילן זיך ייִדן נאָך פאַר מענטשן, פאַר אַ פאָלק מיט אַ צוקונפט, פאַר אַ פאָלק מיט גרויסע האָפענונגען. אויף נײַע נסים באַדאַרפן ייִדן ניט וואַרטן; נאָר משהס מוז מען האָבן — אָן משהס, אָן מענטשן וועלכע זאָלן גיין פאָראויס, גיין און פירן די ייִדן ווידער קיין ארץ-ישראל, איז אוממעגלעך. און משהס וועלן קומען, וועלן זיך ווײַזן.

און אויך מאָרדאָווצעוו גלייבט דערין; ער גלייבט, אַז דאָס ייִדישע פאָלק וואָס האָט דערפילט אין זיך זײַן נאַציאָנאַלע קראַפט וועט אַרויסגעבן פון זיך נײַע משהס. ער האָט דעמאָלט שטאַרק אײַנגערעדט אונדזערע יונגעלײַט, מען זאָל פאָרן קיין ארץ-ישראל; מיר זאָלן פאָרן באַזוכן פאַלעסטינע און זי גוט אויספאָרשן, כדי מיר זאָלן קאָנען פאַר־קערעווען אַהינצו די ייִדישע עמיגראַציע.

און מאָרדאָווצעוו האָט געקאָנט ריידן וועגן ארץ-ישראל ניט ווי וועגן עפּעס אַן אומבאַקאַנט לאַנד, וואָרעם מיט אַ האַלב יאָר פריִער, זומער פון יאָר 1881, האָט ער אַליין געמאַכט די רײַזע קיין ארץ-ישראל.

מאָרדאָווצעוו איז אַ קריסט און קיין פאַלעסטינע איז ער געפאָרן אַלס קריסט, וועלכער וויל זען זײַן הייליק לאַנד, די ערטער וועלכע זענען הייליק פאַר קריסטן. איבערהויפּט האָבן אים אינטע־רעסירט די ערטער אין ירושלים און אין דער סביבה, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט די לעגענדעס פון קריסטנטום. ער האָט מער ניט געזען ווי ירושלים און דעם ירדן. וועגן ייִדישן אַלטערטום האָט איר אין

מאָרדאָווצעווס באַשרײַבונג גאָרניט. ניכּר, דאָס אים האָט דאָס ווייניק אינטערעסירט. ער האָט ניט געהאַט אַפּילו די מעגלעכקייט, ווי עס ווײַזט אויס, עטוואָס וויסן פון דעם איצטיקן ייִדישן לעבן אין ארץ-ישׂראל. דעמאָלט, אין יאָר 1881, איז נאָך דער ייִדיש-רוסישער עלעמענט אין ארץ-ישׂראל געווען גאַנץ שוואַך און איז באַשטאַנען פון בטלנים מיט חלוקהניקעס. דאָך האָט מאָרדאָווצעווס רײַזע-באַשרײַבונג אַ גרויסן ווערט, און די 200 זײַטן וואָס זי פאַרנעמט לעזן זיך מיט גרויס חשק.

די סבה איז וואָס מאָרדאָווצעוו איז אַ קריסט, אַן אמתער קריסט, אַ ארץ-ישׂראל-קריסט, וואָלט איך זאָגן. אים איז טײַער דאָס קריסטנטום, וואָס איז געבאָרן געוואָרן אין ארץ-ישׂראל, דאָרטן זיך אַנטוויקלט, דאָרטן באַשאַפן מוסר, זיטן און לעגענדעס. מאָרדאָווצעוו געהערט צו די קריסטן, וועלכע קענען בשום אופן ניט פאַרשטיין, דאָס אַ גלויבן, אַן אמונה זאָל דריקן מענטשן, זאָל שלעכטס טאָן די וועלכע טראַכטן אַנדערש, וועלכע לעבן אַנדערש. אָט די אָרנטלעכע קריסטן טוט תּמיד ווײ דאָס האַרץ, פאַרוואָס דאָס קריסטנטום האָט אַזוי פיל שלעכטס געטאָן; זיי שעמען זיך אין טיפן האַרצן, וואָס זייער אמונה פון ליבע און פרײַהייט האָט אָנגעמאַכט אַזוי פיל שׂנאה און קנעכטשאַפט. זיי פאַרשטייען גאַנץ גוט, דאָס די אַלע רדיפות מיט די אַלע אינקוויזיציעס, מיט די טײַכן בלוט וואָס די פאַלשע דינער פון דעם קריסטנטום האָבן פאַרגאָסן און הערן ניט אויף נאָך אויך איצט צו פאַרגיסן, זענען פלעקן, שוואַרצע פלעקן אויף דער ריינער אמונה — דער אמונה וואָס גאָט האָט זיי געגעבן אין ירושלים... און דעריבער פאָרן אַזעלכע קריסטן קיין ארץ-ישׂראל, זען טאָמער וועלן זיי דאָרטן געפינען אָדער פילן דעם אמתן גלויבן, טאָמער וועלן זיי דאָרטן זען דעם ריינעם קוואַל, וועלכער איז ניט צעמישט געוואָרן מיט דער בלאָטע פון די רוימישע גלחים. זיי פאַרשטייען גאַנץ גוט, דאָס די הייליקייט ליגט ניט אין די אויסווייניקסטע צערעמאָניעס וואָס די גײַסטלעכע האָבן געבראַכט קיין ירושלים און אין די איבעריקע ערטער, — ניין, מיט דעם האָט מען דאָס הייליקטום נאָר קלענער געמאַכט. די גאַנצע

הייליקייט ליגט נאָר אין אָט די אַלטע ווילדע שטיינער, אין די וויסטע בערג, אין דעם בלויען הימל. די אמתע גרויסקייט באַשטייט דערין, וואָס אויף די זעלבע שטיינער, איבער די אייגענע בערג און אונטער דעם סאַמע הימל זענען געגאַנגען און געטראָטן די נביאים און די אַלטע מענטשן וואָס האָבן מיט זייער גייסטיקער קראַפט איינגענומען די גאַנצע וועלט. און די גרויסקייט פון די שטיינער און די בערג און דעם הימל באַשטייט דערין, דאָס אין יענע ערטער האָט גאָט געוואָלט עס זאָלן געבאָרן ווערן און עס זאָלן עקסיסטירן אָט די גרויסע מענער, די גרעסטע מענטשן פון דער וועלט־געשיכטע.

מענטשן מיט געפילן ווי מאָרדאָווצעוו פאָרן קיין ירושלים צוליב אַרומרייניקן זיך פון דעם שמוץ מיט דער בלאָטע, אין וועלכע מען זינקט דאָס גאַנצע לעבן. ווען־ניט־ווען דאַרף אַ מענטש באַזוכן גאָטס הויז, ווו די וואָכעדיקייט פון שטענדיקן לעבן פאַלט כאָטש אויף אַ ווײַלע אָפּ, און אַזוינע מענטשן ווילט זיך באַזוכן, לאָז זײַן איין מאָל אין לעבן, ארץ־ישראל. ירושלים האָט איר הייליקייט ניט פאַר־לאָרן. זי איז נאָך הײַנט אויך אַ בית־תפילה לכל העמים, אַ גאָטס הויז פאַר דער גאַנצער וועלט. דער מענטש, סײַ אַ קריסט סײַ אַ ייִד, מוז ווערן עטוואָס ריינער, עטוואָס העכער, עטוואָס אַנדערש ווען ער קומט קיין ירושלים. ביכער מיט באַשרײַבונגען קאָנען עס ניט געבן, וואָס עס גיט ירושלים מיט אירע שטיינער, מיט אירע וויסטע בערג, מיט אירע זעלטענע הימלען. — „איך קען אײַך זאָגן, — שרײַבט דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער שאַטאָבריזאַן, — דאָס דער מענטש, וועלכער האָט געהאַט, ווי איך, די געדולד איבערצולייענען אַ צוויי הונדערט ביכער און אַלע ערטער פון ייִדישע מחברים וועגן ארץ־ישראל, ווייסט נאָך גאָרניט... איך בין געשטאַנען און האָב געקוקט אויף די ווענט פון ירושלים און געמאָסטן זיי מיט די אויגן. איך האָב געפילט, ווי בײַ מיר אין מוח לויפן דורך דורות פון אברהם אבינו ביז די לעצטע קרייץ־פאָרער; איך האָב געטראַכט ווי דאָ האָט זיך די גאַנצע וועלט אומגעביטן, און איך האָב אומזיסט געזוכט דעם בית־המקדש, פון וועלכן עס איז גאָרניט געבליבן. ווען איך וואָלט לעבן נאָך טויזנט

יאָר וואָלט איך ניט פאַרגעסן אָט דעם מדבר, וועלכער אָטעמט נאָך אויך איצט מיט גאָטס גרויסקייט און מיט טויט־שרעקעניש. איך פאַרשטיי איצט — זאָגט דער זעלבער — פאַרוואָס, ווי מען דערציילט, עס פלעגט אָננעמען די אַלטע קרייץ־פאַרער און פּיליגרימען אַ גרויסע שרעק, ווען זיי פלעגן נאָר דערזען ירושלים". מאָרדאָווצעוו ברענגט אָט די ווערטער, וואָרעם ער האָט דאָס אויך געפילט.

און ווען מען איז אַזוי איבערצייַגט און מען פאָרט קיין ארץ־ישראל מיט אַזעלכע געפילן, איז אוממעגלעך צו טראַכטן וועגן ייִדן שלעכטס. נאָר די וואָס האָבן בייז בלוט, די קריסטן וואָס האָבן געקראָגן אַ שלעכטע רעליגיעזע דערציִונג, קאָנען אין ארץ־ישראל קריגן שנאה צו ייִדן, דערמאָנענדיק זיך אויף דער לעגענדע מיט דעם קרייץ. עס פאַרשטייט זיך, דאָס מאָרדאָווצעוו געהערט ניט צו זיי. ער זאָגט בפירוש: „וואָס זענען ייִדן שולדיק, וואָס זענען שולדיק געווען יענע ייִדן, און בפרט היַינטיקע?" אַזעלכע מענטשן ווי מאָרדאָווצעוו טראַכטן נאָר וועגן די גוטע זיַיטן, — דאָס, וואָס די גאולה האָבן זיי באַקומען פון דעם ייִדישן פאָלק אין דעם ייִדישן לאַנד. קריסטן ווי מאָרדאָווצעוו ווייסן גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ גרויסע בעלי־חובות אַלע פעלקער זענען אונדז ייִדן. קאָן דען אַן אָרנטלעכער קריסט, דער קריסט וואָס גייט ניט קיין ירושלים אָננעמען זיך מיט שנאה און שלעכטקייט, נאָר מיט רויִקייט און הייליקייט, — קאָן דען אַזאַ קריסט קומען קיין ירושלים און ניט דאַנקען, ניט נתפעל ווערן פון דעם ייִדישן פאָלק, וועלכער האָט די אַלע רייַכקייטן באַשאַפן און זיי אַלעמען איַינגעטיילט?!

IV.

כאָטש מאָרדאָווצעוו האָט געזען מצרים פאָרנדיק קיין ארץ ישראל, דאָך איז ער פאַרפאָרן קיין מצרים אויך צוריק פון פּאַלעסטינע. מצרים איז שטאַרק פאַרבונדן מיט ארץ־ישראל, מיט דער ייִדישער געשיכטע, און דער וואָס אינטערעסירט זיך מיט אונדזערע אַלטערטימער

אזוי הייס ווי מאַרדאָווצעוו באַזוכט זייער גערן דאָס לאַנד מצרים, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס ייִדישע וויג-בעטעלע.

און איר ווייסט דאָך, אַז גאָט שיקט צו „דעם שפּינער זײַן לײַן, דעם שכּור זײַן ווײַן". מאַרדאָווצעוו באַדאַרף זיך מאַכן אין מצרים אַ ייִדישע קאָמפּאַניע, אַ ייִדישע פאַמיליע פון אָדעס, מיט וועלכער ער איז צופעליק באַקאַנט געוואָרן אין ארץ-ישראל. מיט דער פאַמיליע איז ער געפאָרן צוזאַמען אויף איין שיף פון אַלעקסאַנדריע של מצרים קיין יפו, און נאָך דאַן האָט ער זיך דערוווּסט, דאָס עס איז אַן אומגליק-לעכע פאַמיליע, וועלכע האָט געליטן אין אַ פּאָגראָם; דאָס די מוטער איז געשטאָרבן נאָך דעם פּאָגראָם פון צרות, און ס'איז געבליבן אַ פאָטער מיט אַ פרײַלין אַ טאָכטער און אַ יונגנמאַן אַ זון. אין ירושלים איז מיט זיי מאַרדאָווצעוו נאָענט באַקאַנט געוואָרן, געפאָרן מיט זיי צוזאַ-מען קיין גבעון שפּאַצירן; אויך זענען זיי צוזאַמען געווען אין בית-אל. דאָרטן אין בית-אל איז דעם פאָטער פון דער פאַמיליע ניט גוט גע-וואָרן, — כּמעט געריכט זיך פון זינען. דער ייִד האָט זיך דערמאָנט זיצנדיק אין בית-אל, אַז דאָ האָט גאָט צוגעזאָגט יעקב אָבינו, אַז ער וועט אים אָוועקגעבן דאָס גאַנצע לאַנד, און מיט אַ מאָל שלאָגט מען אונדז ייִדן, מען טרײַבט אונדז פון אומעטום, מיר האָבן ניט ערגעץ קיין שטיקל מנוחה, מען איז אונדז רודף... דער ייִד האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, געשלאָגן זיך דעם קאָפּ אָן יעקב אָבינוס שטיינער, אַז מען האָט גערעכנט, דאָס דער מענטש איז פאַרבײַ...

איז אָט מיט דער פאַמיליע האָט זיך מאַרדאָווצעוו ווידער גע-טראָפן אין מצרים און ער איז מיט איר צוזאַמען געפאָרן פון קאַיִראָ צו די פּיראַמידן, צו די חורבות פון דער אַלטער שטאָט מעמפיס. ס'איז געפאָרן דאָס יונגע פרײַלין, פול מיט ייִדישן חן, וואָס מאַרדאָווצעוו קאָן זיך ניט אָפּלויבן, איר ברודער און נאָך איינער אַ ייִדישער דאָקטאָר.

מען איז געקומען אַלע צו די עגיפּטישע פּיראַמידן, די גרויסע, שרעקלעכע בנינים, וועלכע שטייען שוין היפּשע טויזנטער יאָרן.

דאָס פרײַלין האָט זיך ניט געקאָנט אָנקוקן אויף די גרויסע שטיינערנע בערג, וועלכע זענען זיך אויסגעוואַקסן אין מיטן מדבר, אויסגעוואַקסן מיט מענטשלעכע הענט, און זי האָט זיך דערמאָנט, דאָס די הענט, וועלכע האָבן געבויט אָט די זעלטענע פּיראַמידן, זענען אונדזערע יידישע הענט. זי האָט דאָס שטאַרק באַוווּנדערט, באַוווּנדערט דעם מזל פון יידישן פאָלק. דער דאָקטאָר האָט באַמערקט, דאָס באמת זענען די פּיראַמידן ניט עגיפּטישע דענקמעלער, ניט מצבות פון מצרים, נאָר יידישע דענקמעלער, דענקמעלער פון דעם יידישן פאָלק. — „אָט די ספינקסן, די אויסגעהאַקטע סטאַטועס פון שטיין, די מקדשים די אַלטע, די פּאַלאַצן מיט די פאַרשיידענע זײַלן, — דאָס האָבן אַלץ געמאַכט די מצרים; אָבער די פּיראַמידן האָבן געמאַכט יידן, און זיי זענען טאַקע יידישע דענקמעלער, אַ זכר פאַר יידן".

די פּיראַמידן, זאָגט ווײַטער דער דאָקטאָר, זענען ניט נאָר אַ באַרג שטיינער, וואָס האָבן ניט קיין געדאַנק. ניין, אָט אין דער שרעקלעכער מאַסע וואָס מענטשן האָבן געקאָנט צוזאַמענלייגן, אַרבעטנדיק צענדלינגער, אפשר הונדערטער יאָרן; אָט אין דער קאָלאָסאַלער אַרבעט, ווי מענטשן האָבן זיך געמאַטערט מי כאָטש עטוואָס, כאָטש שוואַך, נאָכצוטאָן גאָט, — אָט דאָ ליגט שוין אַ הויכער געדאַנק. מען וווּנדערט זיך אויף דעם גרויסן הויכן קלויסטער אין קעלן. יאָ, טאַקע צו באַוווּנדערן. נאָר קומט ער דען צו די פּיראַמידן? אין דעם קעלנער קלויסטער איז דער כח אַוועק אויף פאַרשיידענע קלייניקייטן, עפּעס אַ טורעמל, אַ שפּיצל; אין די פּיראַמידן אָבער זעען מיר די קראַפט אין איין שטיק, ניט אַן אויסגעביטענער רענדל אויף קלייניגעלט. און אַזאַ קראַפט איז אַפילו אַלטמאָדיש, נאָר זי בלײַבט אייביק, — אייביק ווי דאָס יידישע פאָלק. און כל זמן עס לעבן די פּיראַמידן וועט אויך לעבן דאָס יידישע פאָלק, וואָס האָט זיי געבויט. — „און די פּיראַמידן — אַזוי האָט געזאָגט דער דאָקטאָר — וועלן שטיין אייביק, ווי לאַנג די וועלט וועט שטיין. עס וועלן פאַרגעסן ווערן די נעמען פון די וואָס האָבן געבויט די שענסטע און די גרעסטע בנינים אויף דער וועלט, נאָר עס וועלן ניט פאַרגעסן ווערן די נעמען פון די,

וועלכע האָבן די פּיראַמידן געבויט. אַלץ וועט פֿאַרלאָרן גיין – גאַנצע אומות, מלוכות, נאָר ייִדן און זייערע הויכע אידעען וועלן בלײַבן אויף אייביק!"...

און איר באַדאַרפֿט נאָר לייענען, ווי מאָרדאָווצעוו שרײַבט דאָס. ניט דאָס רעדט דער דאָקטאָר, אַ ייִד (ווער ווייס, אפשר איז דאָס גאָר אַן אויסגעטראַכטער דאָקטאָר?), נאָר דאָס רעדט מיט אַזאַ היץ וועגן ייִדן דער אַלטער דניאל מאָרדאָווצעוו אין זײַן שיינעם ווערק „אונדזערע פּיראַמידן".

V.

איבערהויפּט צייכנט זיך אויס מאָרדאָווצעוו מיט זײַנע היסטאָרישע דערציילונגען. דאָס לעבן און די געשיכטע פֿון די קאָזאַקן מיט הײַדאַמאַקן ווייס ער זייער גוט, ער איז דערינען אַ ספּעציאַליסט. מען האָט אים אויך געוואָלט מאַכן פֿאַר אַ פּראָפֿעסאָר פֿון היסטאָריע. פֿאַרשטייט זיך, אַז מאָרדאָווצעוו זענען גוט באַקאַנט די אַלע מעשיות פֿון גזירות ת"ח, ווען כמעלניצקי האָט אויסגעקוילעט הונדערטער טויזנטער ייִדן און חרוב געמאַכט איבער דריי הונדערט ייִדישע קהילות. אויך ווייס מאָרדאָווצעוו זייער גוט די לעצטע גזירות פֿון די קאָזאַקן, בעת די קאָזאַקן צוזאַמען מיט די הײַדאַמאַקן האָבן אויסגעהרגעט די שטאָט אומאַן (Уманская рѣзня). דערום איז קיין וווּנדער ניט, דאָס מאָרדאָווצעוו האָט אויסגענוצט זײַנע קענטעניש צו באַשרײַבן די גזירות און האָט אויך געשריבן אַ באַזונדער ראָמאַן פֿון דעם ייִדישן לעבן פֿון יענער שרעקלעכער צײַט אונטער דעם נאָמען „Между сциллой и харибдой".

עס דערציילט זיך דאָרט, ווי איינע אַ רײַכע ייִדישע פֿאַמיליע כּהן האָט דעמאָלט געלעבט אין אומאַן. די פֿאַמיליע איז געווען אַ יחוסדיקע, דער באַוווּסטער גוטער ייִד, רבי יעקב־יוסף „דער פּאָלאָנאָיער מגיד"

דעם בעל־שם־טובס אַ תּלמיד, איז געווען כּהנס אַ פעטער. די יידישע פאַמיליע האָט געלעבט פײַן, געגעבן צדקה, און די קינדער זענען געווען שיין און קלוג, גוט און פרום. דער קריסט, וואָס האָט בײַ זיי געדינט, איז זיי געווען טרײַ, און זיי האָבן געהאָלפן אויך אַן אָרעמאַן אַ קריסט. עס באַשרײַבט זיך אויספירלעך, ווי יידן האָבן דערהערט, דאָס די הײַדאַמאַקן ווילן זיך בונטעווען, ווי זיי האָבן זיך מישב געווען מיט זייערע רבנים, און ווי זיי זענען געלאָפן צו די פריצים בעטן הילף. יידן האָבן פריִער פאַר אַלעמען זיך דערוווּסט, אַז עס וועט זײַן אַ בונט, וואָרעם די קריסטן וועלכע האָבן געדינט בײַ יידן האָבן זיי דערציילט. די רבנים, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, האָבן קיין אַנדערע עצות ניט געקאָנט געבן, ווי תּפילה טאָן און פאַרלאָזן זיך אויף גאָט. און די פריצים, די פוילישע פריצים, וועלכע זענען געווען די בעלי־בתּים אויף די שטעט, האָבן זיך פאַרלאָזן אויף די קאָזאַקן, וועלכע זענען דערנאָך אַלע צוגעשטאַנען צו די הײַדאַמאַקן און האָבן פון די פריצים געמאַכט חוזק.

אין אומאַן האָבן זיך יידן געווען געשטעלט קעגן דעם פײַנד. יידן האָבן געזען, דאָס אין באָהוסלאַוו, בעלאָצערקאָוו און ליסאָנקע האָבן די פריצים גאָרניט געמאַכט, זייערע קאָזאַקן האָבן זיי אויסגענאַרט, און יידן זענען אויסגעקוילעט געוואָרן, דערום האָבן זיך יידישע יונגעלײַט צוזאַמענגעקליבן אין אומאַן, געלערנט זיך שיסן און מלחמה האַלטן, און עס איז געבליבן ניט אַרײַנלאָזן דעם פײַנד אין שטאָט. דאָס אומגליק איז אָבער געווען, וואָס קיין אומאַן האָבן זיך געלאָזט זייער פיל מענטשן פון אַרומיקע שטעטלעך, אַז אומאַן האָט ניט געקאָנט אַלעמען אַרײַננעמען. אויסער דעם איז קיין וואַסער ניט געווען אין שטאָט, און אין די זומערדיקע גרויסע היצן האָט דער עולם שרעקלעך געליטן פון דאָרשט. די ערשטע זענען געפאַלן די יידן, וועלכע האָבן פון ענגשאַפט זיך קיין פּלאַץ ניט געפונען אין שטאָט און האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין אַ וואַלד נעבן שטאָט. דערנאָך האָט מען זיך גענומען צו דער שטאָט. די יידישע יונגעלײַט האָבן די הײַדאַמאַקן אויפגעהאַלטן וויפל זיי

האָבן געקענט הינטערן שטאָט. נאָר די שטאָטישע קאָזאַקן מיט זייער הויפּט-אַטאַמאַן גאָנטאַ זענען צוגעשטאַנען צו די הײַדאַמאַקן. פּאָלוּוער און קוילן זענען אויסגעגאַנגען בײַ די ייִדן, און די פּאָליאַקן האָבן זיך — אפשר פון דאָרשט — פונאַנדערגעשיכּורט, און דער פײַנד האָט גענומען די שטאָט און האָט אויסגעקוילעט גאַנץ אומאַן.

קיין באַזונדערע נײַסן טוט מאָרדאָווצעוו ניט אויף אין דעם ראָמאַן, נאָר עס איז צו באַוווּנדערן, ווי מאָרדאָווצעוו באַגײַסטערט זיך, ווען ער רעדט נאָר וועגן ייִדן, פון ייִדישע קינדער, פון ייִדישע זיטן, פון ייִדישער שיינקייט, פון ייִדישן אומעט, — איבערהויפּט פון ייִדישער צוקונפט...

הערט נאָר צו, ווי מאָרדאָווצעוו רעדט וועגן ייִדן:

אונדז, ייִדן — זאָגט דער צדיק רבי יעקב-יוסף— האָט מען שטענדיק רודף געווען, אָבער קיין קנעכט זענען מיר קיין מאָל ניט געווען,— באַזונדערס גײַסטיקע קנעכט. דער אַלטער ישראל האָט שטאָלץ געטראָגן זײַן גײַסט, כאָטש דער רוקן איז אים געווען אײַנגעבויגן. אויך פּרעה האָט מיט אונדז ניט געמאַכט, און זײַנע גאָלד און זילבער און אויך די געטער פון די מצרים האָבן אונדזער גײַסט ניט געבויגן. און אַפילו נאָך דעם חורבן בית-המקדש, אין בבל, האָט מען מיט אונדז גאָרניט געקאָנט מאַכן. אונדזערע עלטערן האָבן בעסער זיך די פינגער אָפּגעהאַקט און ניט געשפּילט די הייליקע ייִדישע לידער פאַר די שונאים. און מיר זענען ווידער לעבעדיק געוואָרן און בבל איז אונטערגעגאַנגען. אויך האָט רוים מיט אונדז ניט אויסגעפירט: אמת, אירע אָדלערס האָבן זייערע נעגל, זייערע שאַרפע שפּיציקע נעגל, אַרײַנגעשטאָכן אין אונדז; פיל בלוט האָבן זיי אונדז פאַרגאָסן, — אָבער האָבן זיי עפּעס געמאַכט? קיין שריד ופליט איז ניט געבליבן פון יענע שונאים אונדזערע, און מיר ייִדן לעבן און לעבן, און אונדזער גײַסט איז גאַנץ און שטאַרק, כאָטש מען האָט אונדז צעשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט... און וואָס אַרט אונדז, אַז מען האָט אונדז אַמאָל צעוואָרפן אין אַלע בלאָטעס, מען האָט אונדז געשפּאַרט אין געטאָס און מען האָט אונדז געבּרענט אויף פײַערן פון די אינקוויזיציעס,—אַז סוף-כל-סוף זענען מיר פאָרט די גבורים,

מיר האָבן אויסגעפּירט, מיר האָבן זיי אַלעמען בײַגעקומען! אָט נאָך אַ ביסעלע, נאָך אַ ווײַלע, און יידן, אַלע יידן וועט ווערן גוט, אַלע וועלן דערקאָנען, דאָס יידן זענען גערעכט!...

און מאָרדאָוועצעוו זאָגט דערנאָך בפירוש: „דער צדיק רבי יעקב־יוסף כהן זאָגט דאָס ניט זײַנע ווערטער, נאָר מײַנע; דאָס איז טאַקע מײַן איבערצײַגונג, מײַן אמתע מיינונג איבער דעם יידישן פאָלק. איך שטעל זיך אויף די קני פאַר דעם גרויסן גײַסט פון דעם יידישן פאָלק, וועלכן די גאַנצע וועלט מיט איר שנאה צו יידן קען דאָך ניט אײַנברעכן" *).

און דאָס איז ניט פּוסטע רייד, גלאַט פון יוצא ווערן. אַז איר לייענט, זעט איר ווי מאָרדאָוועצעוון טוט טאַקע דאָס האַרץ ווי, פאַרוואָס האָבן יידן ניט זייער אייגן לאַנד, פאַרוואָס קאָנען יידישע טעכטער ניט גיין אין פעלד און פלעכטן קראַנצן פון בלומען, פאַר־וואָס זינגט זיך עפּעס ניט יידישע קינדער און זיי קאָנען נאָר קלאָגן און זאָגן קינות..." און אים פאַרדריסט שטאַרק, פאַרוואָס האָט מען יידן געדריקט אין אוקראַינע, וואָס יידישע קינדער האָבן דאָך ליב געהאַט גלײַך מיט אַלעמען. אויך די יידישע יוגנט האָט געפילט די רײַכקייט פון דער אוקראַינער נאַטור, נאָר די קריסטלעכע באַפעלקערונג האָט דאָך שטענדיק, אַזוי אָדער אַזוי, באַגאָסן די יידן מיט גיפט. מאָרדאָוועצעוו פאַרשטייט, אַז דערפון וואָס מיט יידן האָט מען זיך שלעכט באַגאַנגען האָט אויך געליטן אוקראַינע, זײַן ליב פאָטער־לאַנד, און אים טוט דערפאַר דאָס האַרץ צוויי מאָל ווי... און איר פילט דאָס בײַ אים אין יעדער שורה...

דאָס איז דניאל מאָרדאָוועצעוו. דאָס איז די קורצע כאַראַקטעריסטיק פון זײַן ליטעראַרישער אַרבעט איבער יידן און יידישקייט. לאָז ער לאַנג לעבן און לאָזן אַזעלכע ווי מאָרדאָוועצעוו זײַן פיל, וואָס מער.

---

*) די העברעישע איבערזעצונג פון דעם ראָמאַן, די הקדמה, זײַט VI. געדרוקט אין קעשענעוו, 1898 (יחזקאל לעווים).

יידן ווינטשן מיר, דאָס זיי זאָלן זיך ניט דאַרפן באַנוצן מיט פּאַרטיי־דיקער, — נאָר אַזעלכע אָרנטלעכע גוטע פריינד ווי מאָרדאָווצעוו איז אַ פאַרגעניגן צו האָבן.

לאָז ער לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר.

כמעלניצקיס ציַיטן.

„ווען מיר ווערט זייער אומעטיק — האָט געזאָגט איינער אַ שריפטשטעלער — דאַן גיי איך צו דער היסטאָריע, און מיר ווערט פרייליכער". ווען אויפן האַרצן איז ביטער; ווען מיר זעען טאָג-טעגלעך, וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז; ווען אויף אונדזערע ייִדישע קעפּ שיטן זיך, עפּעס ווי פון אַ פּוסטער מיל, צרות און יסורים פון אַלע זײַטן; ווען דאָס לעבן ווערט ניט ניחא דעם ייִדן און ער זוכט מיט זײַנע מוטנע אויגן וווהין צו לויפן און וואָס צו טאָן; ווען צוליב די צרות מיט די פּאָגראָמען ווערט דעם ייִדנס קאָפּ פאַרדרייט ווי אַ ווייכער, און ער טראַכט אַלץ שטענדיק צי ער וועט דערלעבן מאָרגן, — דאַן, זאָגן מיר אײַך, ליבע לעזער, קריכט ניט אין קאָפּ ניט נאָר שרײַבן פעליעטאָנען, נאָר אַפילו לייענען זיי... די הייליקע שכינה רוט שוין ניט אויף דעם מענטשן, ווען ער בלאָנדזשעט מיט די אויגן און טראַכט נאָר, ווי לעבט מען איבער דעם טאָג, וואָס וועט זיך דאָס טאָן מאָרגן!.. די הייליקע שכינה, זאָגן מיר, רוט שוין ניט און דער מענטש טראַכט נאָר: ווי ווערט מען אַנטשלאָפן אויף אַ יאָר, כאָטש אויף אַ האַלב יאָר, איבערלעבן ווי עס איז די שטורעם-צייט, די שרעקלעכע טעג...

און ווען עס ווערט גאָר אומעטיק; ווען אויף די אויגן פאַרציִען זיך געדיכטע, שוואַרצע שאָטנס; ווען עס דוכט זיך, אַז אָט-אָט דאָס

לעבן איז אויס און פון גאַנץ כל־ישראל ווערט אַן עק, — דעמאָלט איז די בעסטע סגולה: נעמען זיך פאַר דער היסטאָריע. דאָרטן, אין אונדזער געשיכטע, וועלן מיר זיך אַ ביסל באַרויִקן. מיר וועלן זען, דאָס אין כל חדש תּחת השמש, ווי שלמה המלך האָט געזאָגט; דאָס ניט אונדזער דור איז בײַ גאָט אַ בן־יחיד, ניט מיט אונדז אַליין האָט זיך דאָס געטראָפן, און אונדזערע אָבות־אָבותינו זענען נאָך אויסגעשטאַנען גרעסערע צרות. מיר לייענען די געשיכטע און מיר זעען, דאָס אומגליקן טרעפן און זיי איז טאַקע שווער צו טראָגן; נאָר סוף־כּל־סוף ווערן ייִדן ניט פאַרפאַלן, און פריִער אָדער שפּעטער וועלן מיר זיך דערשלאָגן אונדזערס... אַז מען לייענט דורך די אומעטיקע פּרקים פון אונדזער געשיכטע — און אַזעלכע פּרקים איז פאַראַן אין דער ייִדישער היסטאָריע גענוג — און מען דערמאָנט זיך, אַז אָט די אַלע צרות האָט מען איבערגעלעבט און מען איז נאָך געבליבן שטיקלעך מענטשן, ווערט זיך עפּעס פרייליכער. מען זעט, אַז באמת לייגט זיך גאָר ניט דער הימל אויף דער ערד. ייִדישע שונאים וועט נאָך האַרט ווערן דער מוח, און ייִדן וועלן זיך דערשלאָגן זייערס, — ייִדן וועלן בלײַבן ייִדן...

דערום רעכענען מיר פאַר נוצלעך איבערצולייענען אײַך אַ פּרק פון דער ייִדישער געשיכטע, וועגן „כמעלניצקיס צײַטן”. דאָס איז אויך זייער אַ ביטערע צײַט וואָס ייִדן האָבן איבערגעלעבט אין רוסלאַנד מיט דריטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק, און זי איז באַוווסט אין דער ייִדישער היסטאָריע אונטער דעם נאָמען — גזירות ת״ח. אין קיין אופן שאַדט ניט ווען־ניט־ווען איבערצולייענען אַזעלכע אומעטיקע פּרקים פון אונדזער געשיכטע: אין גוטע צײַטן באַדאַרף מען זיי לייענען, כּדי מען זאָל זיך ניט פאַרגעסן וואָס עס האָט געטראָפן און וואָס עס איז מעגלעך; אין שלעכטע צײַטן — קאָן מען זיך אַ ביסל באַרויִקן.

א

סוף פון 16טן יאָרהונדערט און אָנהייב זיבעצנטן יאָרהונדערט האָבן שוין אין פוילן די גרעסטע פּאָליטישע ראָלע געשפּילט די גײַסטלעכע — די קסיאָנדזעס מיט די יעזויִטן — און די גרויסע פּריצים, די מיוחסים אין לאַנד. אין יענער צײַט איז שוין פוילן געווען ניט אַזוי שטאַרק אין צפון-אייראָפּע, און ניט רוסלאַנד און ניט שוועדן האָבן פאַר פוילן קיין מורא ניט געהאַט. די ייִדן, וועלכע האָבן אין די אַלטע צײַטן, ווען עס זענען געווען די גזירות אין מערב-אייראָפּע, זיך באַזעצט אין פוילן, האָבן זיך שוין אין די לעצטע צײַטן ניט גערוקט מער קיין פוילן. ייִדן האָט זיך שוין דאָרטן געלעבט ניט צום בעסטן. סיגיזמונד דער דריטער איז געווען זייער פרום, און די יעזויִטן האָבן מיט אים געמאַכט וואָס זיי האָבן געוואָלט. מען האָט אָנגעהויבן ייִדן באַגרענעצן, אויסטראַכטן אויף זיי אַלע מיני בלבולים, און די אַלע שיינע מעשיות ווי בלבול-דם און כדומה זענען געוואָרן גאָר וואָכעדיקע זאַכן אין פוילן און אין ליטע. נאָר דאָך האָט זיך ייִדן אין פוילן געלעבט בעסער ווי אין מערב - אייראָפּע, ווו דער גלות האָט גאָרניט אויפגעהערט. אין פוילן, באַזונדערס אין די קליינע שטעטלעך וואָס די גרויסע שררות האָבן אויסגעבויט, האָבן ייִדן געהאַט פרנסה, כאָטש קיין גרויסע גבירים זענען צווישן ייִדן ניט געווען. אויסער דעם איז פוילן דעמאָלט געווען אַ מקום-תורה, און אַלע ייִדישע קהלות אין גאַנץ אייראָפּע האָבן זיך צוגעהערט צו די פּוילישע גרויסע לומדים. ווען עס איז פאַראַן קמח איז אויך פאַראַן תורה; און אַזוי ווי פּוילישע ייִדן האָבן פרנסה געהאַט בשפע, האָבן זיי אויסגעהאַלטן גרויסע ישיבות, געגומען גרויסע שיינע רבנים, און פוילן מיט איר תורה איז געוואָרן, ווי מען זאָגט דאָס, אַן אם בישראל אַ מוטער אויף אַלע ייִדישע קהלות.

נאָר עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעמווינט און פון ייִדישע

קהלות, פון דעם גאַנצן ייִדישן מצב אין פוילן איז געוואָרן אַ באַרג אַש... עס האָבן זיך צעשלאָגן צוויי אַנדערע פעלקער, עס האָבן זיך צערייצט רוסן מיט פוילן, עס איז אַרויס די שנאה צווישן קאַטוילן און פּראַוואָסלאַוונע, — און צווישן די ביידע איז, ווי אין צוואַנגען, געלעגן דער ייִד...

עס פאַרשטייט זיך, אַז דעם ייִדן האָט מען געמאַכט שולדיק אין אַלע זאַכן. מען זאָל לייענען די היסטאָרישע ווערק פון די רוסישע שרייַבער, באַזונדערס ווי דער באַוווסטער רוסישער היסטאָריקער קאָסטאָמאַראָוו באַשרייַבט די מעשה, זענען ייִדן אַליין דורכויס שולדיק אין די גרויסע אומגליקן וואָס זיי האָט דעמאָלט געטראָפן. אמת טאַקע, די ייִדן וואָס האָבן דעמאָלט געוווינט אין אוקראַיִנע, וואָלין און פּאָדאָליע האָבן זיך אויפגעפירט ניט אַזוי שיין מיט די קאָזאַקן. די אוקראַיִנער ייִדן זענען געווען ווייַט פון דער ליטע, פון גרויס-פוילן, ווו עס זענען געווען דעמאָלט די גרויסע רבנים מיט די ישיבות, ווו די תורה האָט געגעבן אַ באַזונדערן, אַ רייַכן גלאַנץ דעם ייִדישן לעבן, און זיטלעכקייט און אָרנטלעכקייט האָבן באַגלייט דעם ייִדן. אין אוקראַיִנע איז דער ייִדישער עולם געווען שטאַרק פאַר־גרעבט, — דער גאַנצער עולם, אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג, איז באַשטאַנען, רובא־דרובא, איבערהויפּט פון קאָזאַקן, פּויערים און פּאַסטעכער און די געשעפטן זענען געווען — גזלה און גנבה. ייִדן זענען חלילה ניט געווען גזלנים אָדער גנבים, נאָר אין געשעפטן איז מען ניט געווען קיין אויסקלייַבער, — אַבי נאָר פּרנסה; ניט געגאַנגען צום רב פרעגן אַ שאלה: צי די פּרנסה איז כשר אָדער טרפה... ייִדן האָבן געהאַלטן אין אַרענדעס ניט נאָר קרעטשמעס, שענקען, מילן, נאָר אויך אַפילו קלויסטערס האָבן פּריצים פּוילישע אויסגעבויט אין זייערע דערפער און שטעטלעך אין אוקראַיִנע און האָבן זיי אָפּגעגעבן אין אַרענדע צו ייִדן. עס פאַרשטייט זיך, אַז ווען אַ ייִד האָט גענומען דעם קלויסטער אין אַרענדע בייַ דעם פּריץ האָט ער אים געמוזט באַצאָלן געלט, און דאָס געלט האָט דער ייִד געמוזט אָפּנעמען בייַ דער רוסישער באַפעלקערונג, — אָפּנעמען נאָך מיט עטוואָס פּרנסה. אומגע־

רעכט, שטאַרק שולדיק זענען געווען די פוילישע פּריצים, וואָס האָבן זיך ערלויבט צו מאַכן אַרענדעס פון קלויסטערס, פון אמונה־זאַכן, וואָס אַ מענטש באַדאַרף עס באַקומען פריַי, אומזיסט. אָבער דער קאָזאַק, דער פּראָסטער מענטש, האָט געזען פאַר זיך אויך דעם ייִדן ווי זיַין שונא, וועלכער האַלט ביַי זיך די שליסלען פון זיַין קלויסטער און ביַי וועלכן מען באַדאַרף די שליסלען קויפן פאַר געלט, אָפּטמאָל פאַר די לעצטע. דער אָרעמאַן באַדאַרף טויפן זיַין קינד, באַדאַרף חתונה האָבן, מאַכן אַ פּאַניכידע — מוז מען גיין צום אַרענדאַטאָר פון קלויסטער, בעטן זיך ביַי אים, דינגען זיך מיט אים, זוכן זיַין לאַסקע, וואָרעם קיין געלט איז דאָך ניטאָ קיין איבעריקע. און דער אַרענדאַטאָר איז ניט קיין קריסט, נאָר אַ ייִד, אַ „זשיד", און צו דעם „זשיד" באַדאַרף ער, דער שטאָלצער קאָזאַק, זיך בוקן און בעטן זיך ביַי אים רחמים, ער זאָל אים אָפּעפענען זיַין קלויסטער. און דעם קלויסטער האָט דער פּוילישער פּריץ אויסגעבויט אויף דער ערד, וואָס באמת געהערט זי צו דעם קאָזאַק. פאַרשטייט איר דאָך שוין ווי דעם קאָזאַק האָט דאָס געברענט, ווי אין אים האָט געוואַקסן די שנאה צו דעם פּריץ, און אויך צו דעם ייִדן וואָס שדים האָבן אים געבעטן קומען קיין אוקראַיִנע, אין דעם קאָזאַקס לאַנד, און נעמען דאָרטן קלויסטערס אין אַרענדע!..

נאָר מען מוז איַיך דערציילן, ווי אַזוי זענען געוואָרן קאָזאַקן אין אוקראַיִנע און וואָס האָבן זיי פאַר אַ שייכות געהאַט מיט די פּאָליאַקן.

ב

אוקראַיִנע, וואָלין און פּאָדאָליע האָבן שטענדיק געהערט צו ליטע, און אַז ליטע איז אַריבער צו פּוילן, זענען אוקראַיִנע און וואָלין מיט פּאָדאָליע אויך אַריבער צו פּוילן. די רוסינער, דאָס הייסט די מאַלאָראָסן, האָבן זיך צעמישט מיט די פּאָליאַקן, האָבן אַריַינגענומען אין דער רוסינער שפּראַך אַ סך פּוילישע ווערטער, צוגענומען פיל פּוילישע

מנהגים, אַפילו אויך דעם קאַטוילישן גלויבן האָבן די פּריצים און דער פּראָסטער עולם צוגענומען.

נאָר אין יענער געגנט זענען געווען אויך קאָזאַקן. דאָס איז געווען אַ קלאַס מענטשן, וואָס האָט זיך געבילדעט נאָך פון אַלטע יאָרן. אויף דער גרויסער סטעפּ וואָס ליגט צווישן דעם דניעפּער און דניעסטער, דאָרט ווו די ביידע גרויסע טײַכן גיסן זיך אויס אין דעם שוואַרצן ים, האָט זיך אין משך פון יאָרן, און אפשר נאָך אין הונדער־טער יאָרן, אָנגעקליבן אַ סבראָד פון פאַרשיידענע מענטשן. יעדער מענטש וואָס האָט איבער וועלכער עס איז סיבה געמוזט אַנטלויפן פון זײַן היים, איז זיך אַוועק אין סטעפּ, ווו קיינער האָט אים ניט געיאָגט, און איז זיך געוואָרן אַ קאָזאַק. אַ קאָזאַק איז אייגנטלעך אַ טאָטעריש וואָרט, עס באַטײַט: אַ לײַכטער רײַטער, וואָס האָט נאָר אַ פערדל און עפּעס געווער — אַ פּיקע, אַ קליין ביקסל. אַנדערע פון די קאָזאַקן האָבן באַאַרבעט די ערד אין אוקראַיִנע, נאָר דערהויפּט איז דאָס געווען אַ פאָלק וואָס האָט געלעבט פון מלחמה — אָפּגעהיט וואָלין און פּאָדאָליע פון די טאָטערן, וועלכע האָבן דעמאָלט געפירט אַ גאַנצע מלוכה אין קרים ניט ווײַט פון דער פּוילישער גרענעץ. די טאָטערן האָבן אָפט זיך ליב געהאַט אַרײַנברוקן אין פרעמדע האָב־און־גוטס, און די קאָזאַקן האָבן מיט זיי שטענדיק מלחמה געהאַלטן, אָנגעפאַלן אויף זייערע דערפער, באַראַבעוועט זיי און פאַרברענט. די קאָזאַקן זענען געווען דרייסטע יונגען, ניט געפוילט זיך אויף קליינע שיפן אַוועקלאָזן זיך אויפן שוואַרצן ים אָנצופאַלן אויף טערקישע שטעט, אַפילו אויף סטאַמבול, מאַכן דאָרט פּוסט און וויסט. די אוקראַיִנער געגנט ווו די קאָזאַקן זענען געזעסן האָט געהערט צו פּוילן, דעריבער האָט די פּוילישע מלוכה געהאַט שטענדיק עסקים מיט טערקײַ און מיט די טאָטערן צוליב די קאָזאַקן, כאָטש באמת געזאָגט האָבן די קאָזאַקן אויך פּוילן ווייניק וואָס געהערט, ניט געצאָלט קיין צינשן. נאָר דאָך האָט די פּוילישע מלוכה זיך גענומען פאַר די קאָזאַקן וואָס זענען געזעסן אין די שטעט, אָדער וואָס האָבן באַאַרבעט די פעלדער. איבער דעם האָבן זיך די אמתע קאָזאַקן, וואָס האָבן קיין יאָך אויף זיך ניט

געוואַלט טראָגן, וואָס האָבן ליב געהאַט זײַן פרײַ ווי דער ווינט אין פעלד, — האָבן זיך די אַלע באַזעצט הינטער די „פּאָראָגן" פון דניעפּער, דאָרטן ווו קיין שד קען צו זיי ניט צוטרעטן, און האָבן זיך דאָרטן געמאַכט אַ מין באַזונדער לאַגער, אַ „סיעטש" האָט דאָס געהייסן. אַלע האָבן געלעבט אין „קורעניעס", אין בײַדלעך — קיין ווײַבער און קינדער האָבן זיך דאָרטן ניט געפונען, — און דאָרטן פלעגט מען אָפּקלערן, וווהין זאָל מען גיין מלחמה האַלטן, אויף וועמענס לאַנד זאָל מען אָנפאַלן.

די פּוילישע מלוכה האָט אייגנטלעך געהאַט נוצן פון די קאָזאַקן. זיי האָבן אָפּגעהיט די גרענעצן פון דער מדינה פון די טאָטערן. די פּוילישע מלוכה האָט געלאָזט די קאָזאַקן, זיי זאָלן זיך פירן ווי זיי ווילן, אויסקלײַבן זיך „העטמאַנעס", וועלכע האָבן געקאָמאַנדעוועט אויף זיי, און האָט זיך ניט געמישט אין זייערע פּאַראָנדקעס. נאָר אַז די יעזויִטן האָבן אָנגעהויבן זיך אַרײַנצומישן אין די אמונה-זאַכן סטאַרען זיך, אַז די קאָזאַקן און איבערהויפּט די רוסינער זאָלן אָננעמען דעם קאַטוילישן גלויבן, — דאַן איז געוואָרן צרות. די יעזויִטן האָבן אײַנגעשמועסט די פּוילישע פּריצים, זיי זאָלן אונטערדריקן די קאָזאַקן: די פּוילישע פּריצים האָבן אויסגעבויט אין אוקראַיִנע פיל שטעטלעך און פּאָלוואַרקעס, פּאַלאַצן און שלעסער, און שטאַרק געדריקט די קאָזאַקן, אַזוי ווי זיי האָבן זיך נוהג געווען מיט די פּויערים. די פּריצים האָבן מיט זיך געבראַכט פון פּוילן קיין אוקראַיִנע אויך פיל ייִדן, אָפּגעגעבן די ייִדן זייערע אַרענדעס, און די פּוילישע קסיאָנדזעס האָבן רודף געווען די פּראַוואָסלאַוונע. דעמאָלט פלעגט זיך אָפּט טרעפן, אַז די קאָזאַקן פון די דערפער און פון די שטעטלעך פלעגן אַנטלויפן צו זייערע ברידער הינטער די „פּאָראָגן", דאָרטן ווו די „סיעטש" איז געווען, דערציילן די ביטערע צרות וואָס דער עולם לײַדט אין אוקראַיִנע פון די פּריצים מיט זייערע יהודים, פון די פּוילשע גלחים. די פרײַע קאָזאַקן האָבן דאָס קאַלטבלוטיק ניט געקאָנט צוהערן. זיי האָבן געוווּסט, אַז פּוילישע פּריצים האָבן פאַרנומען אוקראַיִנע, וואָלין און פּאָדאָליע, וואָס געהערן באמת נאָר צו די קאָזאַקן, אַז זיי האָבן פאַרנומען די

בעסטע און שענסטע ערטער פאַר זייערע שטעטלעך מיט זייערע שלעסער, און ווען ניט די קאָזאַקן וואָלט די גאַנצע געגנט גאָר בלייבן ביי די טאָטערן אין די הענט. די קאָזאַקן פלעגן זיך אָפּט אויפהייבן פון זייער „סיטש״ וואָס הינטער די „פּאָראָגן״, אָנפאַלן אויף די פּריצים אין אוקראַינע און אין וואָלין־פּאָדאָליע, מאַכן אַ תל פון פיל אימעניעס מיט פאָלוואַרקעס, אויסקוילענען די קאַטוילישע גלחים און בעראַבעווען און הרגענען די יידן אין די שטעטלעך. עס פאַרשטייט זיך, אַז די פוילישע מלוכה פלעגט די קאָזאַקן דאָס ניט פאַרשווייגן. זי פלעגט זוכן און געפינען די בונטאָווטשיקעס, משפטן זיי זייער שטרענג מיט אַלע מיתה־משונות. נאָר דאָס פייער פלעגט זיך מיט דעם ניט פאַרלעשן. די שנאה פלעגט בלייבן און וואַקסן נאָך טיפער און נאָך שטאַרקער סיי צו די פּריצים מיט זייערע גלחים, סיי צו די יידן.

ג

מיר האָבן שוין דערציילט, דאָס יידן זענען געווען דעמאָלט אַרענדאַטאָרס אַפילו פון קלויסטערס. מען באַדאַרף קענען די פּריצים, מיט וועלכע אויגן זיי פלעגן קוקן אויף די פּויערים און אויף די קאָזאַקן, וואָס זענען נאָך דערצו געווען ניט פון זייער אמונה, נאָר פּראַוואָסלאַווע. די פּריצים האָבן אויף די קאָזאַקן געקוקט ווי אויף ווילדע חיות, צו וועלכע עס איז נאָר פאַראַן איין סגולה — שלאָגן, דריקן, פייניקן מיט אַלע מעגלעכקייטן. דער קאָזאַק האָט זיך ניט געקאָנט אַ קער טאָן אָן דעם פּריצס רשות: ניט כאַפּן פיש אין די טייכן, ניט האַקן די וועלדער, ניט בויען אַ מיל, ניט האַלטן אַ קרעטשמע, אָן אַכסניא, ניט רויכערנען בראָנפן, — אַלץ האָט געהערט צום פּריץ, וועלכער האָט דאָס אָפּגעגעבן אין אַרענדע דעם יידן. דער פּריץ פלעגט שוין אויסטראַכטן צינשן פאַר פאַשען אויף זיינע פעלדער, פאַר קלייבן עטוואָס אין זיינע וועלדער, און דער ייד פלעגט די צינשן נעמען אין חכירה, גיין זיי מאָנען ביי דעם קאָזאַק.

די נײַע ישובים, די קליינע שטעטלעך און די דערפער אין אוקראַיִנע און גאַנץ וואָלין און פּאָדאָליע זענען געווען ווײַט פון די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און פון די כּולל-רבנים אין ליטע אָדער גרויס-פּוילן. און דערום איז כּאָטש דער ועד המדינות, דער ועד אַרבע אַרצות און כּדומה האָבן געמאַכט תּקנות, אַז ייִדן זאָלן ניט נעמען פון די פּריצים קיין אַרענדעס קעגן די פּויערים, ניט מאַכן זיך פאַר געשעפטן אַרענ-דעס ווי מען באַדאַרף דריקן דעם פּויער, — האָבן ייִדן פּאָרט ניט געפאָלגט. מען איז געווען זייער להוט נאָך פּרנסה, עס האָט זיך גע-וואָלט רײַך ווערן, ניט קוקנדיק דערויף וואָס אויף דער פּרנסה איז פאַראַן מענטשלעך בלוט און אומרעכט...

נאָך די פּוילישע געזעצן זענען די פּריצים געווען די גאַנצע בעלי-בתּים ניט נאָר אויף זייערע פעלדער מיט די וועלדער, נאָר אויך אויף די מענטשן וואָס וווינען אויף דער ערד. דער פּריץ איז געווען אַ גאַנצער מושל, אַ שופט צווישן די פּויערים. און ווען דער פּריץ, וואָס איז געזעסן ערגעץ-ווו אין פּוילן, האָט אָפּגעגעבן זײַנע שטעט און דערפער אין אַרענדע אַ ייִדן, דאַן האָט דער ייִד באַקומען די רעכט און דער ייִד איז געוואָרן דער פּריץ, דער גאַנצער מושל אויף די פּויערים. עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, אַז די פּויערים און די קאָזאַקן זענען געווען דעמאָלט עבדים און שפחות ניט נאָר בײַ די גרויסע פּוילישע מיוחסים, בײַ אַ פּאָטאָצקין, ווישניעוויעצקין און קאָניעצפּאָלסקין, נאָר אויך בײַ געוויינטלעכע ייִדן, — בײַ די ייִדן, וואָס זענען באמת אַליין געווען אין גלות בײַ די פּוילישע פּריצים. פאַר אַ פּריץ האָט זיך דער ייִד געטרייסלט ווי אַ בלאַט, געקושט זײַן האַנט און געזונגען אים „מה-יפית״, און אויף דעם פּויער מיט דעם קאָזאַק האָט דער ייִד געהאַט די מעגלעכקייט צו געוועלטיקן, און מסתּמא זענען געווען אין אוקראַיִנע אַזעלכע ייִדן, וואָס האָבן ניט געוווּסט ווי צו האַלטן זיך. די שנאה קעגן ייִדן איז געוואַקסן בײַ די קאָזאַקן אין די הערצער, דאָס פײַער איז דאָרטן קיין מאָל ניט אויסגע-לאָשן געוואָרן. די ייִדן, פאַרשטייט זיך, האָבן זיך געהאַלטן מיט דער פּוילישער רעגירונג, וואָס מיט אירע חסדים האָבן זיי געלעבט,

שטענדיק געהאָלפן דער רעגירונג געפינען די בונטאָווששיקעס וואָס פלעגן אויפשטיין קעגן די פריצים. דעריבער האָבן די קאָזאַקן געוווּסט, דאָס זיי האָבן אין אוקראַינע צוויי שונאים — פּאָליאַקן און ייִדן.

עס פאַרשטייט זיך, דאָס נאָר אייניקע ייִדן האָבן גענומען קלויסטערס אין אַרענדע און האָבן זיך געדונגען מיט די אָרעמע פּויערים פאַר יעדער תּפילה אין קלויסטער, פאַר יעדן מאָל וואָס דער אומגליקלעכער קאָזאַק האָט באַדאַרפט באַנוצן זײַן קלויסטער און זען דעם חסד פון דעם ייִדנס האַנט. נאָר די אייניקע וואָס האָבן זיך געפונען, זענען געווען גענוג. די גאַנצע צײַט פון סיגיזמונד דעם דריטן האָט מען שוין באַשײַנפערלעך געקאָנט זען, דאָס ייִדן אין אוקראַינע ערוואַרט דאָס אומגליק. מען האָט געזען, אַז די חטאים פון אייניצע ייִדן, וואָס האָבן געמיינט דאָס סאַפּיעהאַ מיט פּאָטאָצקין מיט ווישניעוויעצקין וועלן זיי שיצן ווי אײַזערנע ווענט, — צוליב אייניצע בלוט-זייגער און עקספּלואַטאַטאָרס וועט מיט דער צײַט באַצאָלן דער כּלל-ישראל. ווען-ניט-ווען פלעגן אַרויסשפּרינגען עפּנטלעכע בונטן: נאָך מיט אַ יאָר פופציק פאַר גזירת ת״ח האָט דער גלח נאַליוויַיקאָ (אין יאָר 1592) געמאַכט אַ גרויסן בונט; אין יאָר 1630 האָט זיך אויפגעהויבן טאַראַס בולבאַ, און מיט 7 יאָר שפּעטער איז אויפגעשטאַנען דער העטמאַן פּאַווליוק, און אין אַ גאַנץ קליינער צײַט האָט ער אויסגעהרגעט צוויי הונדערט ייִדן און צעראַבעוועט פיל ייִדישע ישובים אויף דער לינקער זײַט דניעפּער. גאַנץ אָפט פלעגן זיך אויפהייבן פון הינטער די „פּאָראָגן‟ שײַקעס קאָזאַקן, צו זיי פלעגן שוין צושטיין פון די פאַרשריבענע קאָזאַקן וואָס אין די שטעט, אויך פיל פּראָסטע פּויערים, און מען פלעגט זיך לאָזן „שפּילן‟ איבער אוקראַינע. עס פאַרשטייט זיך, אַז די פּוילישע מלוכה פלעגט מיט איר חיל אײַנ-שטילן די קליינע בונטן, מיט דער גרעסטער אַכזריות משפּטן די אָנפירער. נאָר מיט בלוט לעשט מען ניט קיין פײַער, און ווען מען וויל אַז אַ שנאה זאָל גוט וואַקסן, דאַן איז די בעסטע זאַך — באַגיסן זי מיט בלוט.

ד

וואָס אָפטער און וואָס גרעסער די בונטן זענען געווען און וואָס שטרענגער די פוילישע מלוכה פלעגט די קאָזאַקן רודף זײַן, פלעגן זיי אַלץ מער אַנטלויפן הינטער די „פּאָראָגן“ און קלײַבן זיך דאָרטן, ווו זיי זענען געווען פרײַ ווי פייגעלעך. הינטער די „פּאָראָגן“ האָט זיך די פוילישע מלוכה אויך ניט דערוועגט נאָכצויאָגן די קאָזאַקן. דאָרטן איז די סטעפּ געווען ברייט און פרײַ, די שטיינער אַרום די טײַכן — שאַרף און שפּיציק, די גאַנצע נאַטור אַרום — ווילד, און דער קאָזאַק איז בײַ זיך אין „סיעטש“ געווען זיכער פון די פּאָליאַקן. דאָרטן אין „סיעטש“ האָבן די קאָזאַקן שטאַרק געקלערט און שטענדיק געזאָרגט, ווי געפינט מען מיטלען צו באַפרײַען זייער אוקראַיִנע פון די פּאָליאַקן מיט די קסיאָנדזעס און יידן; ווי מאַכט מען, אַז די פעטע פעלדער, די שוואַרצע געדיכטע וועלדער און זייער אייגענער דניעפּער זאָלן געהערן צו זיי און ניט צו פרעמדע... מען האָט נאָר באַדאַרפט האָבן אַ מענטשן וואָס זאָל נעמען אויף זיך צו פירן די קאָזאַקן, פירן זיי קוממיות קעגן זייערע פײַנד; עס האָט נאָר געפעלט דער העלד, דער פאָלקס-העלד, וואָס זאָל צוזאַמענקלײַבן אַלע קאָזאַקן און שטרײַטן, פירן אַ בלוטיקע מלחמה, פאַר דער פרײַהייט פון לאַנד.

און אַזאַ העלד האָט זיך געפונען. אין טשיגירין (געהערט צו קיִעווער גובערניע) איז געווען אַ קאָזאַקישער אָפיציר, אַ סאָטניק, באָגדאַן כמעלניצקי. ער איז געווען פריִער אַ פּאָלעוואָי שרײַבער. געווען גאַנץ געבילדעט. ער האָט גערעדט פויליש און לאַטײַן, אויך האָט ער זיך אויסגעלערנט שפּעטער טערקיש און פראַנצויזיש. ער איז געווען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל צוויי יאָר אין געפאַנגענשאַפט — פאַר־כאַפּט געוואָרן אין אַ מלחמה, ווו זײַן פאָטער, אויך אַ קאָזאַקישער אָפיציר, איז דערהרגעט געוואָרן. אַחוץ וואָס ער האָט געלערנט אין קיִעוו, האָט ער נאָך שטודירט בײַ די יעזויִטן אין יאַראָסלאַוו. כמעלניצקי

איז געווען זייער רײַך, קלוג און כיטרע, געוווסט ווי צו האַלטן זיך מיט דער פוילישער מלוכה און מיט די פריצים. דערצו איז ער געווען אַ געניטער קאָזאַק, שטאַרק און גרויס, און האָט אויף זײַנע ברידער די קאָזאַקן זייער גוט געקאָנט ווירקן. ניט איין מאָל איז כמעלניצקי געווען פון די דעפּוטאַטן, וואָס פלעגן פאָרן קיין וואַרשע קלאָגן זיך פאַר דעם סיים אויף די פוילישע פּאַראַנדקעס אין אוקראַינע. ער האָט גוט געקענט דעם פוילישן הויף מיט די אינטריגעס דאָרטן צווישן קיניג און דעם סיים, און עס איז געווען איין מאָל, ווען דער פוילישער קיניג האָט כמעלניצקין פאַרטרויט סודות פון דער מלוכה באַהאַלטענער-הייט פון די פריצים. איבער אַ סיבה מיט אַ מיידל וואָס כמעלניצקי האָט ליב געהאַט האָט ער זיך צעאַמפּערט מיט אַ פוילישן פּריץ טשאַפּלינסקי, און עס איז געוואָרן צווישן זיי אַ שרעקלעכע שנאה. איין מאָל, ווען כמעלניצקי איז ניט געווען אין דער היים, איז טשאַפּלינסקי אָנגעפאַלן אויף כמעלניצקיס הויף סובאָטאָווע, אַרויסגע-פירט דאָס מיידל און פאַרשמיסן אויף טויט כמעלניצקיס אַ זון. דער ראש אין יענער געגנט, דער „כאָרונזשי“, איז דעמאָלט געווען קאָניעצ-פּאָלסקי, און טשאַפּלינסקי האָט אים אָנגערעדט, דאָס מען מוז זיך פון כמעלניצקין גוט היטן, וואָרעם דער קאָזאַק איז גוט מיט די טאָטערן. מען האָט כמעלניצקין פאַרשמידט אין קייטן און אַרײַנגעזעצט אין תפיסה. פון טורמע איז ער אַנטלאָפן, נאָר די פּאָליאַקן האָבן אים ווידער געכאַפּט און אַרײַנגעזעצט. ער איז ווידער אַנטלאָפן, געפּרווט קלאָגן זיך אויף טשאַפּלינסקין אין סוד אַרײַן, שרײַבן קיין וואַרשע, — נאָר אַלץ אומזיסט.

דאַן איז כמעלניצקי אַוועק אַהין, ווו אַלע קאָזאַקן מיט ביטערע הערצער זענען געגאַנגען — אין דער „סיטש“ הינטער די פּאָראָגן, צו זײַנע ברידער. ער האָט פון דאָרטן פונאַנדערגעשיקט צו אַלע קאָ-זאַקן בריוו, ערקלערט זיי זייער ביטערע לאַגע און האָט זיי אַלעמען גערופן צו זיך הינטער די פּאָראָגן, צו קומען אין לאַגער און שטעלן זיך אונטער דער פאָן. די קאָזאַקן האָבן זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן — יעדער קאָזאַק האָט נאָר געוואַרט אויף דעם, מען זאָל אים רופן.

עס האָבן זיך אָנגעקליבן געגנוג; געקומען און זיך באַוואָפנט מיט וואָס עס איז, גענומען אַ ווילד פערד אין סטעפּ פון די טאַבונעס וואָס האָבן זיך געפּאַשעט, און — אַ פּאַרטיקער קאָזאַק. אויסער דעם איז כמעלניצקי מיט די כטאַרשינעס פון די קאָזאַקן אַוועק צום כאַן פון די טאָטערן קיין באַכטשיסאַראַי אין קרים און האָט מיט די טאָטערן געמאַכט שותפות אויף דער קומענדיקער מלחמה: זיי זאָלן זיך נעמען די נפשות, פאַרקויפן זיי פאַר קנעכט אין טערקײַ, און די קאָזאַקן האָט באַדאַרפט אָנקומען דאָס גוטס פון די פּאָליאַקן און ייִדן.

אָט אַזוי זענען די טאָטערן מיט קאָזאַקן, די אייביקע שונאים, געוואָרן שותפים און גוטע פרײַנד קעגן דער פּוילישער מלוכה אין אוקראַיִנע.

ה

דאָס ערשטע געפעכט איז געווען ד׳ סיון אין יאָר ת״ח 1648, אויפן קליינעם טײַכל „זשאָלטיִאַ וואָדי“, אויף דער גרענעץ פון יעקאַטע-רינאָסלאַווער און כערסאָנער גובערניעס. עס איז געקומען כמעלניצקי, און באַלד נאָך אים זענען אָנגעקומען פיל טאָטערן, וואָס דער כאַן האָט געשיקט העלפן די קאָזאַקן. קעגן זיי איז אַרויס דער יונגער פּאָטאָצקי מיט פיל חיל, נאָר פון אים איז געוואָרן אַ באַרג אַש. פּאָטאָצקי איז דערהרגעט געוואָרן און דאָס גאַנצע פּוילישע חיל איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. אויסער דעם זענען מיט די פּאָליאַקן געגאַנגען אויך פיל קאָזאַקן, און אַז זיי האָבן דערזען אַז כמעלניצקי איז גובר, זענען זיי אַריבער צו אים.

באַלד האָבן זיך פונאַנדערגעלאָזט אַלע קאָזאַקן, סײַ די וואָס הינטער די „פּאָראָגן“, סײַ גלאַט פּויערים און פאַרשריבענע קאָזאַקן, גענומען גיין איבער אַלע אוקראַיִנער שטעט צווישן קיִעוו און פּאָלטאַווע און זיי געמאַכט חרוב ומוחרב. פּערעיאַסלאַוו, פּיריאַטין, לובען, לאָכוויץ — אַלע שטעט און די ישובים אַרום זיי האָט מען צעראַבעוועט און די ייִדן

האָט מען אויסגעקוילעט מיט אַלע מיתה-משונות. כמעלניצקי אַליין האָט אויך געהאַט אַ פערזענלעכע שנאה צו יידן. אין טשיגירין איז געווען אַ ייד, איינער אַ זכריה סאַבילענקי, וואָס איז אויך געווען קעגן דעם כמעלניצקין. זכריה איז געווען דער אַרענדאַטאָר פון דער שטאָט, — הייסט עס געווען דער גאַנצער פּריץ, — און ער האָט עס געהאַט איינגעשמועסט, אַז מען זאָל כמעלניצקין נעמען אין דער תּפיסה, וואָרעם ער איז ניט גאַנץ מיט פּוילן. און כאָטש אַפילו אַן אַנדער ייד, עפּעס אַ יעקב סאַבילענקי, האָט געהאָלפן דעם זעלבן כמעלניצקין אַנטלויפן פון טורמע, נאָר ווי דער סדר איז, — אַ טובה פון אַ יידן איז אָדער מען פאַרגעסט זי גאָר, אָדער מען טוט אים אָפּ ווען עס איז; אַ רעה אָבער פון אַ יידן געדענקט מען אייביק און מען טוט זי אָפּ דעם גאַנצן יידישן פאָלק און נאָך מיט גרויס פּראָצענט. אַזוי איז שוין דער יידישער מזל. פון כמעלניצקיס באַנדעס, פון די קאָזאַקנס הענט זענען יידן לעבעדיק כמעט ניט אַרויס. בעסער זענען שוין געווען די טאָטערן. בלויז פאַרגיסן גלאַט צוליב פריילעכקייט, ווי די ווילדע חיות די קאָזאַקן, פלעגן זיי ניט. די יידן פון פּאָגרעבישטשע, זאַטאַוו און באַזאָווקע, ווי זיי האָבן נאָר דערהערט וואָס פאַר אַ מעשים עס האָבן אָנגעטאָן די קאָזאַקן, זענען זיי אַוועק און האָבן זיך איבערגעגעבן די טאָטערן אין די הענט. די טאָטערן האָבן אויף זיי רחמנות געהאַט און האָבן זיי אַוועקגעפירט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו די דאָרטיקע יידישע קהלה האָט זיי אויסגעלייזט.

און כמעלניצקין האָט געגאָלטן אין אַלע זיינע געפעכטן מיט דעם פּוילישן חיל. עס האָט זיך נאָך געמאַכט, אַז דער פּוילישער קיניג וולאַדיסלאַוו דער 4טער איז געשטאָרבן טאַקע אין דעם טאָג ווען עס איז געווען דאָס ערשטע געפעכט צווישן די קאָזאַקן מיט פּאָטאָצקין. ווי מיר האָבן שוין דערציילט, איז כמעלניצקי מיט דעם קיניג געווען באַפריינדעט, וואָרעם וולאַדיסלאַוו איז געווען אַ טאָלעראַנטער מלך און האָט ניט געוואָלט אונטערדריקן די קאָזאַקן. ער האָט געהאַט אין זינען צו פירן אַ מלחמה מיט טערקיי און צוליב דעם האָט ער געזוכט גוט זיין מיט די קאָזאַקן, וואָס זיי זיצן אויף דער טערקישער גרענעץ. נאָר

ווי דער מלך איז געשטאָרבן און בײַ די פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן קריג מיט מחלוקתן וועגן דער מלוכה, איז דאָס פּוילישע חיל געוואָרן אָפּגעשוואַכט. כמעלניצקי האָט כּלומרשט געפירט משא־ומתנס מיט די רעגענטן, ד״ה מיט די גײַסטלעכע וואָס האָבן דערווײַל געפירט די מלוכה, און זײַנע באַנדעס האָט ער אַרויסגעלאָזט אויף אוקראַיִנע קוילענען און ראַבעווען און וויסט מאַכן דאָס לאַנד... יעדע באַנדע האָט זיך געהאַט אירע ראשים, די אַטאַמאַנעס פון גזלנים, כמעלניצקיס משוררים, זײַנע אָפּיצירן. ווילדע חיות, בייזע טיגערן האָבן זיך געקאָנט רעכענען פּאַר שטילע קעלבעלעך אַקעגן אַזעלכע רוצחים ווי קריוואָנאָס, האָדקע, מאַראָזיענקאָ און זייער גלײַכן. זיי האָבן צונויפגעקליבן קאָזאַקן און גלאַט פּויערים מיט קאָסעס, סערפּן, שטיקער אײַזן און גלאַט דובינעס, מען האָט זיך אָוועקגעלאָזט איבער די שטעט און געמאַכט פון זיי אַ תּל־עולם. ווען זיי פלעגן אָנפאַלן אויף אַ שטאָט, פלעגן זיי אַלע פּאָליאַקן און ייִדן אויסהרגענען מיט די שווערסטע, ווילדסטע מיתות. נאָר פּאָליאַקן זענען געווען לפּי־ערך ווייניק, איבערהויפּט זענען געווען ייִדן אין די שטעט. מאַנצבילן פלעגן זיי גלײַך הרגענען, פרויען און מיידלעך פלעגן זיי פּאַר די עלטערן מיט די מאַנען אין די אויגן שענדן, די אַלטע לײַט פלעגט מען פאַרברענען לעבעדיקערהייט, און די קינדער פלעגן זיי אַרויפשטעכן אויף די פּיקעס, צעקלאַפּן די קעפּלעך אָן די ווענט, אָדער קוילענען זיי מאַסנווײַז ווי כּשרע עופעלעך...

און די באַנדעס זענען געווען אין יעדער געגנט צו עטלעכע; און טאָמער איז ווער עס איז ניצול געוואָרן פון איין באַנדע, איז שפּעטער אַ ביסל געקומען אַן אַנדער רוצח מיט זײַנע גזלנים און האָט אויסגעראַמט די געבליבענע. טײַכן בלוט האָבן זיך געגאָסן דעם גאַנצן זומער אין אַלע ייִדישע שטעט, און די וואָס זענען געבליבן לעבן האָבן די טאָטערן געשמידט אין קייטן און אָוועקגעפירט קיין טערקײַ אויף די מערק, צו פאַרקויפן פּאַר קנעכט. זייער זעלטן פלעגט אַ קאָזאַק שענקען דאָס לעבן אַ ייִדן, ווען ער האָט זיך געשמדט.

ו

און די קאָזאַקן האָט געגאָלטן אין זייערע געפעכטן קעגן די פּאָליאַקן. ניט ווײַט פון קאָרסון, קיִעווער גובערניע, האָבן די פּאָליאַקן געהאַט אַ גרויסן אָנווער, און די קאָזאַקן האָבן שוין אין פאַרשיידענע געפעכטן געקראָגן גוטע געווער מיט האַרמאַטן, אַ גאַנצע אַרטילעריע, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען בײַ די פּאָליאַקן. נאָך דעם קאָרסונער געפעכט איז גאַנזשאַ מיט זײַנע באַנדעס צוגעגאַנגען צו נעמיראָוו, די שטאַרקסטע שטאָט דעמאָלט אין פּאָדאָליע. אין נעמיראָוו זענען געוועזן אַן ערך זעקס טויזנט ייִדן, אייגענע און אַנגעלאָפענע. די שטאָט איז געוועזן אַ רײַכע קהלה, און זיי האָבן זיך אַלע פאַרשפּאַרט אין דער פעסטונג. נאָר די שטאָט-לײַט, די גוים, זענען געווען איינס מיט די קאָזאַקן; זיי האָבן אַן עצה געגעבן די קאָזאַקן, אַז זיי זאָלן אויסנאַרן די ייִדן — זיי זאָלן מאַכן פאַנעס פוילישע און אָנטאָן אַ טייל קאָזאַקן אין אַזוינע קליידער ווי די פוילישע סאָלדאַטן. ווען די איבערגעטאָנענע קאָזאַקן זענען צוגעגאַנגען צו דער שטאָט, האָבן די גוים אײַנגעשמועסט די ייִדן, אַז דאָס פוילישע חיל גייט דאָס באַפרײַען די שטאָט פון די קאָזאַקנס הענט און מען האָט אויפגעעפנט די טויערן. תיכף האָבן זיך די קאָזאַקן צוזאַמען מיט די שטאָט-לײַט אַ לאָז געטאָן אויף די ייִדן און עס איז אַוועק אין שטאָט טײַכן בלוט. מען האָט קינדער און גרויסע אַרויפגעשטעקט אויף שפּיזן און פאַמעלעך געבראָטן זיי, ווײַבער און מיידלעך האָט מען געשענדט און דערנאָך געהרגעט, און זייער פיל פרויען האָבן זיך אַרײַנגעוואָרפן אין סאַזשלקע און זיך דערטרונקען. דאָס איז געווען כ׳ סיון, און עד-היום איז כ׳ סיון אַ תענית בײַ ייִדן אין רוסלאַנד. אַן ערך זעקס טויזנט ייִדן זענען דעמאָלט אומגעקומען. מיט אַ שבת פריִער האָט דער נעמיראָווער רב, אַ באַוווסטער מקובל, ר׳ יחיאל בן אליעזר, געזאָגט פאַר דעם עולם, מזהיר געווען, אַז אויב די רוצחים וועלן קומען זאָל מען מקדש-השם זײַן. דאָך האָבן זיך

געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן ניט געקאָנט בײַשטיין, האָבן זיך אויף אַ קורצע צײַט געשמדט און זענען דערנאָך צוריק געוואָרן ייִדן.

נאָר עס זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן העלדיש באַגעגנט זייער טויט. מען דערציילט אויף צוויי זייער שיינע ייִדישע מיידלעך וואָס צוויי קאָזאַקישע אָפיצירן האָבן זיי געלאָזט לעבן, כּדי חתונה האָבן מיט זיי. איין מיידל האָט געזאָגט איר חתן, דאָס זי פאַרלאַנגט חתונה האָבן אין קלויסטער וואָס שטייט אויף יענער זײַט טײַך. דער חתן איז מיט איר געפאָרן אַהין, נאָר אין וועג איז זי פּלוצלונג אַרויסגע־שפּרונגען פונעם שיפעלע און דערטרונקען געוואָרן. די צווייטע האָט אײַנגעשמועסט איר חתן, דאָס זי ווייסט אַ שפּרוך, וואָס קיין קויל נעמט ניט יענעם ווער עס ווייסט דאָס. זי האָט אים געלערנט דעם שפּרוך, נאָר דער קאָזאַק האָט עפּעס ניט געגלייבט צי דאָס קען באמת העלפן. דעמאָלט האָט דאָס מיידל געזאָגט צום קאָזאַק, דאָס ער קען פּרובירן און שיסן אין איר, צילן זיך אין האַרצן. דער חתן האָט אויס־געשאָסן און דאָס מיידל איז געפאַלן טויט...

נאָר ייִדן האָבן געוואָלט ווײַזן זייער גבורה ניט נאָר מיט קאָנען שטאַרבן אַליין. מען האָט זיך גענומען פּרובירן, טאָמער קען מען זיך פאַרטיידיקן קעגן דעם שרעקלעכן שונא. ווען עס איז געפאַלן נעמיראָוו, האָבן זיך ייִדן פאַרשפאַרט אין טולטשין, אויך אין פּאָדאָליע. אין טולטשין איז געווען אַ רעכטע פעסטונג מיט זעקס הונדערט מאַן מיליִ־טער. אויסער דעם זענען דאָרטן געווען ביז צוויי טויזנט ייִדן, צווישן זיי פיל יונגע, געזונטע, וואָס האָבן פעסט באַשלאָסן מלחמה צו האַלטן מיט די קאָזאַקן, בילּיק זיך ניט איבערגעבן דעם שונא אין די הענט. די ייִדן מיט די פּאָליאַקן האָבן געמאַכט איין האַנט, געשוואָרן איינע די אַנדערע, מען זאָל שטיין ביידע צוזאַמען קעגן דעם שונא ביזן לעצטן טראָפּן בלוט, באַשיצן די שטאָט און די פעסטונג. די קאָזאַקן זענען נאָר געווען פּראָסטע רוצחים, אָבער זיי האָבן ניט געוווסט ווי מען באַדאַרף באַלאַגערן פעסטונגען, זיי האָבן זייער ווייניק פאַרשטאַנען די טאַקטיק פון אַ מלחמה. אָבער צווישן די פּאָליאַקן זענען געווען גע־לערנטע אָפיצירן, און עס פלעגט טרעפן גאַנץ אָפט, אַז די ייִדן פלעגן

אַרויסגיין פון שטאָט און אָנפאַלן אויף די קאָזאַקן, פאַרטרײַבן זיי גאַנץ ווײַט און צוריק אומקערן זיך אין פעסטונג. די קאָזאַקן האָבן אַפילו שוין געהאַט האַרמאַטן, וואָס זיי האָבן אָפּגענומען אין די געפעכטן בײַ דעם פוילישן חיל, און זיי האָבן באָמבאַרדירט די שטאָט און געצונדן זי; נאָר די ייִדן פלעגן אַרויסקריכן און צעטרײַבן די הײַדאַמאַקעס, און די שטאָט האָט זיך געהאַלטן, ניט אונטערגעגעבן זיך.

די לאַגע איז געוואָרן לאַנגווײַליק סײַ די קאָזאַקן וואָס האָבן באַלאַגערט, סײַ די פּאָליאַקן וואָס זענען געווען אין פעסטונג פאַר־שלאָסן. דער רוסישער היסטאָריקער קאָסטאָמאַראָוו דערציילט, אַז די פּאָליאַקן האָבן געשיקט בעטן בײַ די קאָזאַקן, זיי זאָלן צונעמען זיך די ייִדן און דאָס גאַנצע גוטס פון שטאָט, נאָר די פּאָליאַקן זאָלן זיי ניט רירן. אַנדערע שרײַבן, אַז ניט די פּאָליאַקן, נאָר די קאָזאַקן האָבן געשיקט אַ בריוו צו די פּאָליאַקן און פאָרגעלייגט זיי, דאָס זיי זאָלן זיי אַרויסגעבן די ייִדן און זייער האָב־און־גוטס, דאַן וועלן זיי די פּאָ־ליאַקן ניט רירן. ווי די מעשה איז געווען, נאָר די פּאָליאַקן האָבן מסכים געווען איבערצוגעבן די ייִדן אין די קאָזאַקנס בלוטיקע הענט, ניט קוקנדיק אויף דער שבועה וואָס זיי האָבן געשוואָרן. די פּאָליאַקן האָבן געשיקט נאָך די ייִדן און געפּרובירט מיט הינטערגעענג, מיט פאַלשקייט, אַז די קאָזאַקן זענען מושווה אָפּצוטרעטן פון דער שטאָט ווען די ייִדן וועלן זיי אָפּגעבן זייער גוטס. די ייִדן האָבן גלײַך אײַנגעשטימט, געבראַכט זייער גאַנץ פאַרמעגן אין פעסטונג. נאָר ווי זיי זענען געקומען אין פעסטונג, האָבן די פּאָליאַקן געפאָדערט, אַז די ייִדן זאָלן אויך זייער געווער איבערגעבן. די ייִדן האָבן גלײַך פאַרשטאַנען די מעשה, די פאַלשקייט פון די פּאָליאַקן; זיי האָבן זיך גלײַך געוואָלט אָפּרעכענען מיט די פּאָליאַקן, בפרט אַז ייִדן זענען געווען אַ סך מער, אַלע באַוואָפנט און גענוג שטאַרק; זיי וואָלטן זיך ספּראַווען מיט זיי. נאָר דער ראש־ישיבה, איינער אַ ר׳ אהרן, האָט זיך אָנגעהויבן צו בעטן בײַ די ייִדישע יונגעלײַט, זיי זאָלן ניט גיין קעגן די פוילישע פּריצים. „מיר זענען — זאָגט דער ראש־ישיבה — אין גלות, אונדזערע ברידער זיצן צעזייט און צעשפּרייט אין די שטעטלעך

18) אין מאַמע־לשון.

בײַ די פּריצים. ווען מען וועט דערהערן, דאָס מיר, טולטשינער ייִדן, האָבן אויסגעהרגעט די פּאָליאַקן, וועלן אַלע פּאָליאַקן אויפשטיין קעגן אַלע ייִדן און קיינער וועט אויף אונדזערע ברידער קיין רחמנות ניט האָבן. מיר זענען ניט בעסער פון נעמיראָווער ייִדן. און טאָמער וועט דער אייבערשטער רחמנות האָבן און די קאָזאַקן וועלן אונדז שענקען דאָס לעבן". די ייִדן האָבן געפאָלגט דעם ראש־ישיבה און האָבן אָפּגעגעבן די פּאָליאַקן זייער געווער. דאַן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו די פּאָ־ליאַקן די ווײַבער און די קינדער, געקושט זיי די פיס זיי זאָלן אויף זיי רחמנות האָבן און ניט איבערגעבן דעם שרעקלעכן שונא. נאָר די ייִדן זענען שוין געווען ניט באַוואָפנט, ס'איז ניט געווען שוין פאַר זיי וואָס מורא צו האָבן, און די פּאָליאַקן האָבן אַלע ייִדן אַרויסגעטריבן פון פעסטונג...

ז

עס איז פאָרגעקומען עטוואָס מוראדיקס...

די ייִדן זענען אַרויס פון טולטשין און האָבן געשאָלטן די פּאָליאַקן, דאָס גאָט, דער אל נקמות, זאָל ניט שווײַגן די פאַלשע שבועה און זאָל זיך מיט זיי אָפּרעכענען. ווי ווילדע הונגעריקע וועלף האָבן זיך די קאָזאַקן אַ לאָז געטאָן אויף די ייִדן, געהרגעט אָן רחמנות דרײַ טעג נאָכאַנאַנד. די ייִדן האָבן געזען, אַז עס איז ניטאָ וואָס אָנצוּווערן, האָבן זיי זיך באַוואָפנט מיט שטעקנס און מיט שטיינער — אַפילו ווײַבער האָבן זיך אויך געשלאָגן — און ביזן לעצטן טראָפּן בלוט האָבן זיי זיך געהאַלטן קעגן שונא. ניט ביליק האָבן זיי פאַרקויפט זייער לעבן. די הײַדאַמאַקעס האָבן אַלץ פאָרגעלייגט די ייִדן, זיי זאָלן זיך שמדן, נאָר דרײַ רבנים, ר' אליעזר, ר' שלמה און ר' חיים, זענען געגאַנגען גלײַך מיט דעם גאַנצן עולם, געשלאָגן זיך און מזהיר געווען, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן קויפן זײַן לעבן פאַר דער אמונה. די קאָזאַקן האָבן אַרויסגעשטעלט אַ פאָן און האָבן מודיע

געווען, אַז ווער עס וועט זיך שטעלן אונטער דער פאָן, איז אַ סימן דאָס ער איז מסכּים צו שמדן זיך און ער בלייבט לעבן; קיינער איז ניט צוגעגאַנגען. די קאָזאַקן האָבן זיך געבאָדן אין טייכן יידיש בלוט: פופצן הונדערט יידן האָט מען דערהרגעט מיט אַלע מיתה-משונות וואָס אַ קאָזאַקס האַרץ קען נאָר אויסטראַכטן. זיי האָבן נאָר איבערגעלאָזט מיט אַ כיוון לעבעדיקערהייט צען רבנים, כּדי זיי זאָלן נעמען פאַר זיי אַ גרויסן פדיון-שבוים ביי יידן אין אַנדערע שטעט. די איבעריקע האָט מען אַלע אויסגעהרגעט, און די פּאָליאַקן האָבן דאָס קאַלטבלוטיק צוגעזען, גאָר פאַרגעסן די שבועה וואָס זיי האָבן געשוואָרן די יידן...

נאָר די נקמה פאַר זייער פאַלשער שבועה האָט ניט פאַרשפעטיקט. אויף טולטשין איז דאָס געווען אָנגעפאַלן דער אַטאַמאַן גאַנזשאַ. ער האָט עס אָפּגעמאַכט מיט די פּאָליאַקן, דאָס זיי זאָלן אים אַרויסגעבן די יידן מיט זייער גוטס. אַז דער גאַנזשאַ האָט זיך גענוג אָנגעטרונקען מיט יידיש בלוט און איז זיך אַוועק ווייטער, האָט ער זיך באַגעגנט מיט אַן אַנדער אַטאַמאַן, אָסטאַפּ. דער אָסטאַפּ האָט געבעטן ביי גאַנזשאַן אַ חלק פון דעם גוטס, וואָס ער האָט אָנגערויבט ביי די טולטשינער יידן. גאַנזשאַ האָט אים ניט געגעבן. דעמאָלט איז אָסטאַפּ אַוועק קיין טולטשין, אָנגעפאַלן אויף די פּוילישע פּריצים פּלוצלונג און אָנגעצונדן דעם קעלער מיט פּולווער. די פּוילישע פּריצים האָבן גערעכנט אַז זיי זענען גאָר זיכער, וואָרעם זיי האָבן דאָך געמאַכט בלאַט מיט די קאָזאַקן. זייער שמחה איז אָבער געווען נאָר אויף אַ ווײַלע. פּאָליאַקן אַליין איז געווען ניט פיל, און די אויסגעצייכנטע יונגע יידישע גבורים זענען שוין געווען דערהרגעטע... ווי וועלף האָבן זיך אָסטאַפּס באַנדעס אַרײַנגעוואָרפן אין שטאָט, אויסגעהרגעט אַלע פּוילישע פּריצים. דעם קאָמענדאַנט פון שטאָט, אַ גרויסן דיקן פּריץ טשעטווערטינסקי, האָבן די קאָזאַקן מיט אַ זעג איבערגעזעגט אויף דער העלפט. וואָס די פּאָליאַקן האָבן זיך ניט צעבעטן ביי די קאָזאַקן, וואָס זיי האָבן זיי ניט דערמאָנט די שבועה וועלכע מען האָט זיי געשוואָרן, אַז מען וועט זיי ניט רירן דערפאַר וואָס זיי האָבן די יידן אַרויס-

געגעבן, — עס האָט ניט געהאָלפן. די קאָזאַקן האָבן געזאָגט, דאָס עס איז ניטאָ קיין רחמנות אויף די וואָס היטן אַליין ניט זייער שבועה. „איר האָט אויסגענאַרט די ייִדן — האָבן זיי געזאָגט — האָט אײַך דעם ביטערן סוף!"

די טולטשינער מעשה האָט אָנגעמאַכט אַ רעש סײַ צווישן ייִדן, סײַ צווישן פּאָליאַקן. די פּאָליאַקן האָבן באַשײַנפּערלעך געזען, אַז די טולטשינער פּריצים האָבן געטאָן ניט אָרנטלעך און זיי האָבן גערעכנט, דאָס יענע זענען טאַקע דערפֿאַר געשטראָפֿט געוואָרן. אַזאַ פֿאַקט האָט שוין מער ניט פּאַסירט. די פּאָליאַקן האָבן זיך איבערצײַגט, דאָס ווען זיי ווילן זיך ראַטעווען פֿון די קאָזאַקן מוזן זיי זײַן גאַנץ מיט די ייִדן. פֿיל מאָל האָט זיך דערנאָך געטראָפֿן, דאָס די קאָזאַקן פֿלעגן בעטן די פּאָליאַקן, זיי זאָלן זיי אַרויסגעבן די ייִדן, נאָר מען פֿלעגט זיי שוין מער ניט גלייבן. דאָס טולטשינער בלוט, דאָס ייִדישע בלוט וואָס איז דערנאָך באַגאָסן געוואָרן אויך מיט פּויליש בלוט, איז געווען ווירקלעכע דם־ברית, — די זיכערקייט, וואָס ייִדן און פּאָליאַקן האָבן צווישן זיך געשלאָסן דעמאָלט. די פּאָליאַקן האָבן שוין געשטיצט די ייִדן ווי נאָר זיי האָבן געקענט. מעגלעך, אַז דער טולטשינער ראָש־ישיבה איז גע־רעכט געווען: ווען ייִדן וואָלטן אויסגעהרגעט די פּאָליאַקן, וואָלט עס אפֿשר דעם כּלל־ישראל, די איבעריקע ייִדן געווען אַ גרויסע רעה.
די טולטשינער מעשה איז געווען אַ גוטע לערע, מען האָט זי גוט געדענקט. דאָס איז געווען איינער פֿון די גרעסטע דראַמאַטישע מאָמענטן אין דער געשיכטע פֿון כמעלניצקיס צײַטן.

ח

די טולטשינער הריגה איז געווען פֿרײַטאָג דעם 4טן תּמוז. עס איז אַ סברה, דאָס אין דעם זעלבן טאָג איז געווען נאָך אַ גרויסע הריגה גאַנץ ווײַט פֿון טולטשין, — אין האָמעל. איינער פֿון כמעלניצקיס אַטאַ־אַטאַמאַנעס, האָדקי, האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ באַנדע און האָט

חרוב געמאַכט האָמעל, טשערניגאָוו און סטאַראָדוב. אין טשערניגאָוו האָבן די קאָזאַקן דערהרגעט אַן ערך צוויי טויזנט ייִדן, אין סטאַראָ־דוב — צוועלף הונדערט, און אין האָמעל האָבן די הײַדאַמאַקעס אויסגעטאָן אַלע ייִדן נאַקעט, געבראַכט זיי און אַנידערגעשטעלט צווישן בית-עלמין און צווישן דעם קלויסטער און געבעטן די ייִדן, זיי זאָלן זיך שמדן. די קאָזאַקן האָבן זיך געפּרוּווט מיט גוטן: „צו וואָס באַ־דאַרפט איר אַלע דערהרגעט ווערן? שמדט זיך בעסער און קומט מיט אונדז". נאָר די ייִדן האָבן אַ געשריי געטאָן: „שמע ישראל!" — און כמעט אַלע זענען געפאַלן אויף דעם בית = עולם. מען זאָגט, אַז נאָר צוויי פאַקטוירים זענען אַריבער פון בית־עולם צום קלויסטער. עס גייט אין האָמעל נאָך הײַנט אַ לעגענדע, דאָס איין מיידל האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן צווישן די געטויטע און אַזוי אָפּגעלעגן ביז נאַכט. שפּעט אין דער פינצטער איז זי אויפגעשטאַנען, שטילערהייט אַנטלאָפן קיין זשלאָבין. דאָרטן האָט זי חתונה געהאַט, נאָר זי האָט אויסגערעדט מיט איר יונגן מאַן, דאָס ער מוז מיט איר פאָרן קיין האָמעל באַזעצן זיך. זיי האָבן זיך טאַקע באַזעצט אין האָמעל, געגרינדעט דאָרטן פון דאָס נײַ אַ ייִדישן ישוב, און די ערשטע ייִדישע פאַמיליע איז געווען אָט פון דעם מיידל — די פאַמיליע „באַבושקין", אויף דעם נאָמען פון דער באָבען. די פאַמיליע עקסיסטירט נאָך אויך הײַנט אין האָמעל; עס איז אויך פאַראַן דאָרטן „באַבושקינס בית־המדרש", טאַקע האַרט נעבן דעם אַלטן בית־עולם וואָס האָט אײַנגענומען אין זיך דאָס טײַערע בלוט פון אַזוי פיל קדושים.

נאָך ערגער איז געווען אין פּולנאה, — אָדער ווי מען רופט עס אויף רוסיש פּאָלאָנאָיע — אַ שטאָט אַ גרויסע, וואָס איז געלעגן צווישן וואָלין און פּאָדאָליע. די שטאָט איז געווען גוט באַפעסטיקט, פיל בריות פּריצים זענען דאָרטן געווען, אַן ערך צוויי טויזנט מאַן פּויליש חיל און אַ צוועלף טויזנט ייִדן, אויך בריות וואָס האָבן געטויגט צו דער מלחמה. דער פּוילישער קאָמאַנדיר ווישניעוויעצקי האָט גערעכנט, אַז די איבעריקע קאָמאַנדירן וועלן געוויס אָפּהיטן די שטאָט. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, דאָס קריוואָנאָס, דער באַוווסטער אַטאַמאַן און

כמעלניצקיס רעכטע האַנט, האָט אײַנגענומען פולנאה. די הײַדאַמאַקעס וואָס אין שטאָט האָבן אויסגענאַרט און די שטאָט איבערגעגעבן די קאָזאַקן. די פריצים האָבן געוואָלט אַנטלויפן, לאָזן ווידער די ייִדן גאַנץ אַליין; אָבער די ייִדן האָבן זיי ניט אַרויסגעלאָזט, זיי האָבן גערעכנט, דאָס צוליב די פריצים וועט קומען דאָס פוילישע חיל ראַטעווען די שטאָט. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן; קריוואָנאָס האָט די שטאָט אײַנגענומען און האָט אַן ערך צען טויזנט ייִדן אויסגעהרגעט. אין פאָלאָנאָיע איז אומגעקומען דער באַוווסטער מקובל רבי שמשון אָסטראָפאָלער. ווען ער האָט דערזען, אַז די קהלה זײַנע איז פאַרפאַלן, האָט ער צוזאַמענגעקליבן דרײַ הונדערט פון זײַנע תלמידים, אַוועק מיט זיי אין בית-המדרש און זיך אָנגעטאָן אַלע אין תכריכים. אַז די קאָזאַקן זענען אויף זיי אָנגעפאַלן, האָבן זיי אַפילו פון זייערע תפלות ניט מפסיק געווען, געשטעלט די העלדזער: נעמט און קוילעט... ס'זענען, פאַרקערט, געווען אויך עטלעכע הונדערט, וואָס האָבן ניט געקאָנט בײַשטיין דעם שווערן נסיון און האָבן כלומרשט אָנגענומען דעם פרעמדן גלויבן. פיל הונדערטער זענען אָנגעקומען צו די טאָטערן וואָס האָבן זיי פאַרקויפט פאַר קנעכט אין טערקײַ.

דאָס זעלבע איז אויך געווען אין זאַסלאַוו, ווו ס'זענען אומגעקומען אַ צוויי הונדערט ייִדן, אין אוסטראַה — אַן ערך זעקס הונדערט, און אין אַלט-קאָנסטאַנטין — אַרום דרײַ טויזנט ייִדן. אין וואָלין און פאָדאָליע האָט געאַרבעט איבערהויפט קריוואָנאָס מיט די קליינע באַנדעס וואָס האָבן זיך געבילדעט פון זײַן אַרמיי. נאָר מער ווי אַלע האָט געליטן די שטאָט באַר, אין מאָהליוו-פאָדאָליער געגנט. די רוסישע היסטאָריקער דערציילן פון דער שטאָט גאָר שרעקלעכס. כמעלניצקי האָט געהייסן קריוואָנאָסן, ער זאָל אײַננעמען די שטאָט, כדי ער זאָל קענען זיך וואַרפן אויף גאַליציע, וואָס הייסט אויף רוסיש „רויט-רוסלאַנד“ (Червонная Русь). אַן ערך פופצן טויזנט ייִדן זענען דערהרגעט געוואָרן אין באַר, און די קאָזאַקן האָבן לעבעדיקערהייט פון ייִדן די הויט געשונדן, אָנגעטאָן זיי שרעקלעכע פײַן. די קאָזאַקן מיט די טאָטערן זענען דורכגעגאַנגען גאַנץ וואָלין און פאָדאָליע, גע-

קומען צו ליטע און פוילן פון איין זײַט, און צו גאַליציע פון דער אַנדערער זײַט. דער גאַנצער וועג זייערער איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט, און קיין איין שטאָט אויף דעם גרויסן וועג איז ניט גאַנץ געבליבן. עס האָט זיך געצויגן אַ שלאַכט־פעלד פון בראָד, דובנע, קרעמענעץ און אוסטראה, ביז בריסק, פינסק, קאָברין, לובלין און זאַמאָשטש. אויף דער גאַנצער געגנט האָט זיך אויסגעגאָסן אַ ים צרות און אַלע יידישע קהלות זענען חרוב געוואָרן. עס זענען אויך חרוב געוואָרן די קאַראַימער מיט זייערע קהלות, דען דער קאָזאַק האָט ניט געמאַכט קיין גרויסע חקירות און האָט געהרגעט יעדערן — נאָר ניט קיין קאָזאַק, נאָר ניט קיין רוסינער. מען האָט געהאַנגען אויף תליות מיט אַ כיון דרײַען מיט אַ מאָל: אַ ייִדן, אַ פּאָליאַק און אַ הונט, וואָרעם די קאָזאַקן האָבן געזאָגט: „זשיד, פאָליאַק אי סאָבאַקאַ — ווסיאַ וויעראַ אָדינאַקאַ" (אַ ייִד, אַ פּאָליאַק און אַ הונט — אַלע האָבן איין גלויבן). און ווען זיי האָבן נאָר געכאַפּט פּאָליאַקן, באַזונדערס קאַטוילישע גלחים, פלעגן זיי זיך אָן זיי שרעקלעך נוקם זיין.

ט

די פוילישע מלוכה האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז קיין קליייניקייט ניט און האָט זיך גענומען ערנסט אײַנשטילן דעם בונט. נאָר באַלד נאָך די ערשטע געפעכטן ווו די קאָזאַקן האָבן גוט געמאַכט, האָט מען געזען, דאָס אַנטקעגן די קאָזאַקן מוז מען פירן אַן אמתע מלחמה, ניט באַגיין זיך מיט עפּעס קליייניקייטן; עס וועט ניט העלפן קיין באַבסקע סגולות. די טבע איז, דאָס עס גלייבט זיך ניט, אַז דער אינעווייניקסטער בונט איז גרויס, אַז די רעוואָלוציע איזווירקלעך טאַקע שטאַרק. עס דוכט זיך, דאָס עס איז אַלץ גוזמאדיק און מען נעמט ניט אָן קיין שטרענגע מיטלען ביז צום סוף, ביז עס טרעפט, דאָס עס איז שוין שפּעט. אויך מיט הונדערט און צוואַנציק יאָר שפּעטער, ווען אין רוסלאַנד איז געווען דער בונט פון די יאַיִקער קאָזאַקן מיט

פּוגאַטשאָוון, האָט די רוסישע מלוכה ניט געהאַלטן דערפון, און ערשט צום סוף האָט זי זיך געכאַפּט און געשיקט דעם באַוווּסטן סוּוואָראָוון קעגן זיי. אין פּוילן איז דעמאָלט קיין מלך נאָך ניט געווען און יעדער אָפיציר איז זיך געווען אַ קאָמאַנדיר, ניט געפרעגט אויף די איבעריקע, און די קאָזאַקן פלעגן מיט זיי גיך מאַכן אַ טאָלק. עס האָט זיך נאָר אויסגעצייכנט דער פירשט ווישניעוויעצקי פון לובען, וואָס ער איז דאָרט שטענדיק געזעסן. די מלוכה-לײַט, זיצנדיק זיך אין וואַרשע האָבן געהאַט אַ שוואַכן באַגריף פון דער גרויסער באַוועגונג, אָבער ווישניעוויעצקי אין לובען, פּאָלטאַווער גובערניע, אין רעכטן אוקראַינע, האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דאָס פײַער קאָן אַרומנעמען דאָס גאַנצע לאַנד. ווישניעוויעצקי האָט פאַרזאָגט אַלע פּריצים, אַז מען זאָל מיט כמעלניצקין אין קיין שום משא-ומתן ניט אַרײַן, נאָר מען זאָל אַלע צוזאַמען זען מאַכן אַן עק מיט די קאָזאַקן. ער האָט צוזאַמענגעקליבן אַן אַרמיי פון עטלעכע טויזנט מאַן, גוט געלערנט זיי און האָט זיך געלאָזט קעגן די קאָזאַקן. די ווילדע באַנדעס האָבן גלײַך געפילט אַז מיט דעם רעגולערן חיל קאָנען זיי גאָרניט מאַכן, און די קאָזאַקן האָבן שטאַרק פחד געקראָגן פאַר דעם פירשט ווישניעוויעצקי, געציטערט פאַר זײַן נאָמען. ווישניעוויעצקי האָט אויך אָפּגעהיט די ייִדן, גענומען זיי מיט זיך אין לאַגער, ניט געלאָזט זיי אָנרירן. פון ווישניעוויעצקין פלעגן די קאָזאַקן אַנטלויפן, און ער פלעגט זיי ניט לאָזן רוען, נאָכיאָגן זיי טריט בײַ טריט.

אָבער וואָס קאָן טאָן איינער, ווען די גאַנצע מלוכה איז פויל? די מלוכה איז דעמאָלט געווען אין פּוילן בײַ די גלחים אין די הענט, וואָרעם אַזוי איז געווען דער דין אין דער פּוילישער קאָנסטיטוציע: ווען עס שטאַרבט אַ קיניג, איז ביז מען קלײַבט אויס אַ נײַעם באַדאַרפן פירן די מלוכה די גײַסטלעכע. דער פירשט ווישניעוויעצקי האָט אין וואַרשע מסתמא געהאַט קליינע צדדים, און מען האָט ניט אים איבערגעגעבן אײַנשטילן דעם בונט פון די קאָזאַקן, נאָר דרײַ אַנדערע — עפּעס לא-יוצלחס, פון וועלכע די קאָזאַקן האָבן געלאַכט. די פּוילישע מלוכה האָט אַלץ געמיינט אויסקומען מיט אָפּשפּרעכענישן:

די קאָזאַקן האָבן געהאַט אַ שווערד, געבראַכט פון אַפאָנער מאָנאַסטיר, — בו, האָבן די פאָליאַקן געקראָגן אַ גאַרטל, געבראַכט אַזש גאָר פון ירושלים, פון הייליקן קבר. נאָר מיר ווייסן שוין אַפילו פון דער מלחמה צווישן יאַפּאַן מיט רוסלאַנד ווי עס העלפן הייליקע בילדער מיט די איבעריקע פרומע סגולות. דער פירשט ווישניעוויצקי האָט פראָסט שטאַרק געשלאָגן, באַוויזן זיי זײַן האַרבע שווערד, און פאַר דעם האָבן זיי מורא געהאַט. ווי ער האָט נאָר דערהערט מעשה נעמיראָוו, וואָס האָט געהערט צו אים טאַקע, איז ווישניעוויצקי געקומען און האָט זיך אָרנטלעך צערעכנט מיט די קאָזאַקן פאַר דעם יידישן בלוט, און נעבן סלוטשי האָט ער געמאַכט אַ תל פון קריוואָנאָסן. טויזנטער זענען געפאַלן פון די הײַדאַמאַקעס, נאָר אַזוי ווי דאָס איז דאָך ניט געווען קיין רעגולער חיל, נאָר פראָסטע פויערים, האָבן זיך באַלד צונויפגעקליבן אַנדערע אָנשטאָט די געפאַלענע. אויסערדעם האָט ווישניעוויעצקי ניט געקענט מאַכן אַליין מיט די קאָזאַקן, ווײַל די איבעריקע פוילישע קאָמאַנדירן, באַזונדערס דאָמיניק זאַסלאַווסקי, איז געווען אַ שונא ווישניעוויעצקין. צווישן די פוילישע קאָמאַנדירן איז ניט געווען קיין אַחדות און די קאָזאַקן האָבן דאָס אויסגענוצט. כמעלניצקי האָט גוט געקענט די פאָליאַקן און זייער כאַראַקטער. ער האָט געוווּסט מיט וואָס מען קען זיי שרעקן. נעבן קאָנסטאַנטין האָבן זיך די פוילישע קאָמאַנדירן צוזאַמענגעקליבן און האָבן די קאָזאַקן גוט געשלאָגן; נאָר כמעלניצקי האָט מיט אַ כיון געלאָזט מען זאָל כאַפּן אַ רוסישן גלח, וועלכער האָט דערציילט די פאָליאַקן, אַז עס גייען פערציק טויזנט טאָטערן צו הילף די קאָזאַקן. די פאָליאַקן האָבן זיך דערשראָקן און בײַנאַכט געמאַכט פליטה, און כמעלניצקי האָט זיי נאָכגעיאָגט און געמאַכט אַ תל פון דעם גאַנצן פוילישן חיל; עס איז געבליבן נאָר דער פירשט ווישניעוויעצקי מיט אַ קליינער צאָל, וועלכע זענען אַנטלאָפן קיין זבאַראַזש, אין גאַליציע. די מלחמה האָט געדויערט דרײַ טעג, און די קאָזאַקן האָבן נאָכגעיאָגט די פאָליאַקן אויף אַלע טראַקטן, דורכגעטריבן גאַנץ וואָלין און פאָדאָליע, ביז סאַמע ליטע און גרויס-פוילן.

כמעלניצקי האָט געלאָזט די קליינע באַנדעס, זיי זאָלן ראַבעווען די שטעט אין ליטע און אין פוילן, און אַליין האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין רויט-רוסלאַנד און גאַליציע. ער איז געקומען צו דער הויפּט-שטאָט, צו לעמבערג, — ער מיט זיינע שותּפים, די טאָטערן, — און האָט זי באַלאַגערט. אין שטאָט זענען געווען פיל רוסינער, וועלכע זענען פאַרשטייט זיך געווען שטילערהייט יד-אחת מיט כמעלניצקין. נאָר די פּאָליאַקן האָבן געהיט די שטאָט. עס איז געוואָרן די קאָזאַקן און די טאָטערן לאַנגווייליק צו זיצן און באַלאַגערן, לכן האָבן זיי געבעטן, מען זאָל זיי געבן געלט, און זיי וועלן רויִק לאָזן. דאָס געלט האָט מען גענומען נאָר ביי די ייִדן. אַזוי איז געווען דער יושר פון די שטאָט-בעלי-בתּים. באמת האָט כמעלניצקי געבעטן, מען זאָל אים אַוועקגעבן די ייִדן מיט זייערע ווייבער און קינדער און מיט זייער גוטס; נאָר די שטאָט-לייט האָבן געזאָגט, אַז זיי קענען דאָס ניט טאָן. ניט פון רחמנות וועגן און ניט דערפאַר ווייל זיי האָבן געזשאַלעוועט, אַז כמעלניצקי זאָל אויסהרגענען די ייִדן און פאַרקויפן זיי פאַר קנעכט; זיי האָבן געגעבן אַן אַנדער טעם: די ייִדן האָבן אין לעמבערג געהערט צום מלך, דאָס איז געווען זיין אייגנטום, און די בעלי-בתּים האָבן געזאָגט, אַז זיי קאָנען ניט אַוועקגעבן דעם מלכס אייגנטום... נאָר אַזוי צי אַזוי, דאָס געלט האָבן אין גאַנצן געגעבן די ייִדן, און די לעמבערגער ייִדישע קהלה איז געוואָרן דעמאָלט שרעקלעך אָרעם. עס פאַרשטייט זיך, דאָס פיל זענען אויך אומגעקומען פון הונגער און פון צרות.

י

און מיט דער פּוילישער מלוכה האָט כמעלניצקי די גאַנצע צייט נאָך געשפּילט אין קעצעלע-מייזעלע; דאַכט זיך ער האַלט מלחמה, נאָר דאָך רעכנט ער זיך פאַר אַ פּוילישן אונטערטאַן, און ווען די קאָזאַקן זיינע האָבן אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ העטמאַן, האָט ער זיך

אָפּגעזאָגט, וואָרעם מאַכן אים פאַר אַ העטמאַן קאָן נאָר דער פּוילישער קיניג. לכן איז כמעלניצקי פון לעמבערג אַוועק נעענטער צו וואַרשע, כּדי ער זאָל זײַן ניט ווײַט פון דער הויפּטשטאָט בעת מען וועט אויסקלײַבן אַ נײַעם קיניג. נאָך וולאַדיסלאַוו דעם פערטן זענען געבליבן צוויי יורשים, — צוויי זין סיגיזמונד דעם דריטנס. די צוויי ברידער האָבן ווי די מאָדע איז ביידע געוואָלט ווערן קיניג. די ברידער זענען ביידע געווען גײַסטלעכע, נאָר מלוכה איז ניט קיין שלעכטע זאַך. אויסערדעם איז נאָך געווען אַ מעשה ווײַבל אויך; עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז ווער פון די ברידער עס וועט אויסגעקליבן ווערן פאַר אַ קיניג, מוז זיך אָפּזאָגן פון גײַסטלעכקייט — אויס גלח — און חתונה האָבן אויף דער אַלמנה פון וולאַדיסלאַוון. און די אַלמנה איז געווען אַ זעלטענע שיינהייט, און ביידע ברידער האָט זיך געגלוסט דאָס ווײַבל אפשר נאָך מער ווי די מלוכה אין דעם חרובן אומגליקלעכן פּוילן. כמעלניצקי איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז יאַן קאַזימיר, איינער פון די ברידער זאָל ווערן קיניג, און ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז עס וועט ניט שאָדן זיך אַ רוק טאָן נאָענט צו וואַרשע.

ער האָט זיך גערוקט דורך וואָלין און מזרח-פּוילן, און אויפן וועג האָט ער חרוב געמאַכט די שטאָט נאַראָל. אין דער שטאָט האָט כמעלניצקי באַוויזן די פּאָליאַקן, וואָס פאַר אַ ווילדע חיה ער איז, ווי גערן ער פאַרגיסט מענטשלעך בלוט. אין נאַראָל האָט מען אויסגעהרגעט ניט מער און ניט ווייניקער ווי פינף און פערציק טויזנט מענטשן, צווישן זיי צוועלף טויזנט יידן. הונדערטער יידן האָבן זיך פאַרשלאָסן אין שול, און די קאָזאַקן האָבן די טירן צעבראַכן, אַלעמען אויסגעקוילעט און די שול פאַרברענט. עס זענען געווען גאַנצע בערג מיט הרוגים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך באַהאַלטן פיל לעבעדיקע, וואָס זענען געלעגן אין שרעק און אין הונגער עטלעכע טעג. פון גרויס הונגער האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן פון די טויטע אָפּגעשניטן שטיקלעך פלייש, געבראָטן עס און געגעסן, כאָטש צו שטילן דעם הונגער...

כמעט אַלע שטעט, וואָס רעכענען זיך הײַנט אין גראָדנער און לובלינער

גובערניעס, זענען אומגעקומען. דאָס פײַער האָט געבריענט אין דער גאַנצער געגנט פון וואָלין ביז לובלין. אין קרעמענעץ האָט אַ קאָזאַק געפונען אַ חלף פון אַ שוחט, האָט ער צוזאַמענגעקליבן עטלעכע הונדערט יידישע קליינע קינדער און האָט זיי צעקוילעט ווי עופות, געפרעגט בײַ זײַנע חברים אויב ער קוילעט כשר אָדער טריף און האָט די געקוילעטע געוואָרפן פאַר די הינט...

עפּעס אייניקע חדשים איז שטילער געוואָרן. מען האָט אויסגע־קליבן אין נאָוועמבער אַ נײַעם מלך, דעם וואָס כמעלניצקי האָט געוואָלט, און די רציחות האָבן כּלומרשט אויפגעהערט אַ ווײַלע. אפשר איז געוואָרן ווינטער און כמעלניצקי האָט ניט געקאָנט פירן אין פרעסט אַ מלחמה, און אפשר דערפאַר וואָס כמעלניצקי האָט געוואָלט באַווײַזן, אַז קעגן דעם נײַעם מלך וויל ער זיך ניט בונטעווען. כמעלניצקי האָט זיך געמאַכט, אַז דעם נײַעם קיניג וועט ער פאָלגן און האָט אָנגעהויבן פירן אַ משא־ומתן וועגן אַ שלום צווישן די קאָזאַק מיט פוילן. כמעלניצקי איז זיך אַוועק מיט זײַן עולם קיין אוקראַיִנע, באַקומען אומעטום גרויס כּבוד פון זײַנע רוסינער. נאָר קליינע באַנדעס פון הײַדאַמאַקעס, פּראָסטע פּויערים, זענען זיך געבליבן און האָבן זיך גע־ראַבעוועט און געהרגעט ווו זיי האָבן נאָר געקאָנט. עס האָבן דעמאָלט געליטן אוסטראָה, זאַסלאַוו און קאָרעץ, און יידן זענען אַנטלאָפן קיין דובנע און קיין קרעמענעץ. אין ליטע איז מען אַנטלאָפן קיין ביכאָוו און בערעזינאַ. מען איז אַנטלאָפן; מען האָט גערעכנט, אַז דאָס זענען קליינע באַנדעס, אָבער אַז כמעלניצקי אַליין וועט שוין מער ניט רירן; דען מען האָט געוווסט, אַז די פּאָליאַקן האָבן שרעקלעך פּחד פאַר כמעלניצקיס נאָמען און אַז אויך אַ קיניג האָבן זיי אויסגעקליבן נאָר דעם, וואָס די קאָזאַקן, וועלכע זענען געשטאַנען אונטער וואַרשע האָבן געהייסן. מען האָט פאַרשטאַנען, אַז דער נײַער מלך וועט מוסכם ווערן אויף אַלע תּנאים, וואָס כמעלניצקי וועט אים פאָרלייגן.

נאָר אַפּנים, אַז דער טײַך צרות, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אויף יידן איז נאָך ווייניק; קנאַפּ, ווײַזט אויס, איז געווען דער שנת

ת״ח, דאָס פאַרגאַנגענע יאָר. עס איז געקומען דער פרילינג. דער זומער-לעב פון דעם נײַעם יאָר, און די גרויסע בלוט-חתונה האָט זיך ווײַטער געשפּילט...

יא

עס איז געקומען דער פרילינג פון יאָר ת״ט, און —

„קרא ד׳ לאביב ולטבח גם יחד״, זאָגט דער באַרימטער ייִדישער משורר ביאַליק אין זײַן „משא נמירוב״. דער פרײלעכער זון, דעם לעבעדיקן פרישן פרילינגס-ווינטעלע איז אָפּנים אַ קנאַפּע דאגה וואָס מען פאַרגיסט מענטשלעך בלוט. די זון טריקנט עס אויס, גלײַך ווי דאָס איז עפּעס פּראָסט וואַסער, און דער ווינט ברענגט פון פינצטערן וואַלד און פון ווײַטן סטעפּ אַנדערע ריחות, גוטע געזונטע ריחות, מיט וועלכע ער פאַרטרײַבט דעם סמראָד פון די שרפות און דעם שווערן גערוך פון אַ מענטשלעכער שחיטה...

— אָ-אָ-אָ!...

נאָר מען מוז שרײַבן ווײַטער.

פון דעם שלום מיט כמעלניצקין האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט. ער האָט געפירט די פוילישע דעלעגאַטן דרײַ חדשים צײַט, און צום סוף האָט כמעלניצקי פון זײַן הויפּט-שטאָט, פון טשיגירין, פאַרגעלייגט אַזעלכע תנאים וואָס די פּאָליאַקן האָבן ניט געקאָנט אָננעמען. ער האָט אויך צווישן אַנדערע פונקטן אויסגערעדט, אַז אַלע ייִדן מוזן באַלד אַרויספאָרן פון גאַנץ אוקראַיִנע. בכלל האָט כמעלניצקי אויס-גערעדט פאַר זײַן אוקראַיִנע אַ פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע, געמאַכט פּוילן פאַר אויס פּריץ אין אוקראַיִנע. אויף אַזעלכע תנאים איז דער פּוילישער סיים ניט מסכים געווען, און אין פרילינג האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די מלחמות. ווידער זענען די טאָטערן צוגעשטאַנען צו די קאָזאַקן. די צאָל פון די קאָזאַקן איז איצט געוואָרן שטאַרק פאַרגרעסערט, וואָרעם יעדער פּויער, יעדער בעל-מלאָכה האָט אַלץ געוואָרפן און געגאַנגען

אין קאָזאַקן. מען האָט געזען, אַז אין פאָריקן יאָר זענען אַלע קאָזאַקן רייך געוואָרן פון די פיל גוטס וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט ביי די ייִדן און די פּאָליאַקן; נו, האָט יעדער זיי מקנא געווען און איז אויך אַוועק צו די קאָזאַקן, טאָמער וועט אים אָנקומען עפּעס אַ פעטער חלק פון דעם ייִדישן ביסל גוטס וואָס איז נאָך אויסן געבליבן... מען האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף צפון-אוקראַיִנע, און פיל באַנדעס זענען אָנגעפאַלן, דורך האָמעל, אויף מאָהליווער גובערניע; נאָר פּוילן האָט אויך צוגעגרייט אַ גרויסן חיל, און דער קיניג אַליין איז אַרויס אויף מלחמה. שיר-שיר האָבן די טאָטערן ניט געכאַפּט דעם מלך אין געפאַנגענשאַפט, נאָר דאָס האָט שוין כמעלניצקי ניט דערלאָזן, ער האָט ניט געוואָלט, אַז די טאָטערן זאָל אָנקומען אַ קריסטלעכער מלך אין די הענט. דער כאַן איז דערפאַר ברוגז געוואָרן אויף כמעלניצקין און אים אויף צו-להכעיס האָט ער געמאַכט שלום מיט די פּאָליאַקן. עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז ייִדן זאָל מען פאַרבאָטן גאַנץ אוקראַיִנע און פיל שטעט אויך אין פּאָדאָליע, גאַנץ קיִעווער גובערניע און אַ גרויסן טייל פון ווייסרוסלאַנד און דרום-ליטע. די באַנדעס האָבן זיך דערווייל צעראַבעוועט פיל שטעט, און אויך די טאָטערן האָבן צוריקוועגס קיין קרים חרוב געמאַכט די גאַנצע געגנט, און ייִדן האָבן, ווי דער סדר איז, שרעקלעך געליטן.

דער שלום האָט ניט לאַנג געדויערט, און צווישן די פּאָליאַקן מיט די קאָזאַקן האָט זיך ווידער אָנגעצונדן די מלחמה. דאָסמאָל האָט די קאָזאַקן ניט אָפּגעגאָלטן. פּוילן האָט זיך פאַרבונדן מיט מאָסקווע, דאָס הייסט מיט רוסלאַנד, און אויסערדעם האָט נאָך פּוילן געדונגען נאָך חיל אין אייראָפּע, און דער פירשט ווישניעוויעצקי איז געווען דער הויפּט-קאָמאַנדיר. פון די קאָזאַקן איז געוואָרן אַ באַרג אַש, און די טאָטערן האָבן גענומען אין געפאַנגענשאַפט כמעלניצקין, פאַרוואָס ער האָט זיי איינגעשמועסט צו גיין קעגן פּוילן. כמעלניצקי האָט זיך קוים-קוים אויסגעקויפט מיט געלט. באַלד איז געשטאָרבן, אָדער מען האָט אים פאַרסמט, דער פירשט ווישניעוויעצקי, און כמעלניצקי האָט ווידער איינגעשמועסט די קאָזאַקן צו גיין קעגן פּוילן; נאָר ער האָט

ניט אויסגעפירט, וואָרעם דערוויַיל האָט ראַדזיוויל געגומען קיִעוו און די קאָזאַקן האָבן געמוזט מאַכן אַ נײַעם שלום, אַ פיל ערגערן ווי פריִער. אויך האָבן די פּאָליאַקן אויסגערעדט, אַז די אַלע ייִדן וואָס האָבן ביז די מלחמות געווינט אין אוקראַיִנע קאָנען זיך צוריק באַזעצן ווי פריִער. עס פאַרשטייט זיך, אַז ניט כמעלניצקי ניט די קאָזאַקן זענען געווען צופרידן מיט דעם שלום. כמעלניצקי האָט ווידער געקליגט זיך, גערעדט מיט אַלע צדדים, פּרובירט אײַנשמועסן מאָסקווע אָדער אַפילו דעם טערקישן סולטאַן, מען זאָל גיין קעגן פּוילן. כמעלניצקי האָט געפּראַוועט דיפּלאָמאַטיע, געפירט צווישן אַלע מלכים רכילותן, טאָמער וועט אים אָפּגיילטן, נאָר עס האָט ניט געהאָלפן; ער האָט געמוזט נעמען זײַנע אַלטע שותפים, די קרימער טאָטערן, און האָט זיך ווידער, צוויי יאָר נאָך דעם לעצטן שלום, אַוועקגעלאָזט קיין פּוילן, קיין גאַליציע. עס האָבן זיך שוין אַרײַנגעמישט אַנדערע אייראָפּעיִשע מלוכות אין דער מלחמה און כמעלניצקי האָט געזען, אַז ער וועט גאָרניט מאַכן מיט פּוילן. כמעלניצקי האָט גאָר געוואָלט אַוועקגעבן אוקראַיִנע דעם טערקישן סולטאַן, נאָר די קאָזאַקן זענען ניט מסכים געווען. דאַן איז בײַ די קאָזאַקן געבליבן, זיי זאָלן זיך איבערגעבן מאָסקווע. דער רוסישער צאַר אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש האָט צוגענומען זיך אוקראַיִנע מיט די קאָזאַקן.

דעמאָלט האָט זיך פאַר ייִדן אָנגעהויבן אַ נײַע סדרה פון צרות.

יב

עס פאַרשטייט זיך, אַז פּוילן איז מיטן גוטן ווילן ניט מסכים געווען, דאָס די זאָל פאַרלירן אַ גרויס שטיק לאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסע מלחמה, איצט שוין צווישן די קאָזאַקן מיט רוסלאַנד פון איין צד, און די פּאָליאַקן פון דער צווייטער זײַט. די קאָזאַקן האָבן זיך באַדאַרפט פאַראייניקן מיט מאָסקווער חיל אין ווײַסרוסלאַנד, און די מלחמה האָט געדויערט בערך צוויי יאָר.

אָט דעמאָלט האָבן די ייִדן אין ווײַסרוסלאַנד געליטן די אייגענע צרות, וואָס עס האָבן מיט עטלעכע יאָר צוריק איבערגעלעבט די אוקראַיִנער ייִדן. בײַ אַלעקסיי מיכאַילאָוויטשן האָבן מאָהליווער רוסן געבעטן, דאָס ער זאָל אַלע ייִדן אַרויסטרײַבן און די ייִדישע הײַזער זאָל ער אַוועקשענקען זיי, די רוסישע מיעשטשאַנעס און דעם מאַגיסטראַט. אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש האָט זיי דאָס מבטיח געווען. ייִדיש גוטס איז דאָך אַלעמאָל און בײַ אַלעמען הפקר. אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש איז אַוועק אויף סמאָלענסק, און דער רוסישער קאָמאַנדיר פּאָקלאָנסקי האָט גענומען טרײַבן די ייִדן פון מאָהליוו. דערווײַל אָבער האָט ער דערהערט, דאָס ראַדזיוויל, דער פּוילישער קאָמאַנדיר גייט אויף מאָהליוו. דעם רוסישן קאָמאַנדיר האָט ניט געשמעקט, דאָס ייִדן זאָלן זיך געפינען אין דער שטאָט, — האָט ער פאָרגעלייגט די ייִדן, דאָס זיי זאָלן גיין צו ראַדזיווילן, און ער זאָל זיי געבן חיל אָפּצוהיטן זיי אין וועג כלומרשט, ביז זיי וועלן קומען צום פּוילישן חיל. נאָר ווי די ייִדן זענען אַרויס פון דער שטאָט, האָבן זיי די רוסישע סאָלדאַטן אַלעמען דערהרגעט. די ייִדן וואָס זענען געבליבן אין שטאָט האָבן זיך געמוזט דערווײַל אויסשמדן, ביזוואַנען די פּאָליאַקן האָבן צוריק די שטאָט אָפּגענומען. אין מאָהליוו=דניעפּער עקסיסטירן נאָך הײַנט היסטאָרישע לעגענדעס וועגן דער הריגה. מען זאָגט, דאָס די הריגה איז געווען אין פּעטשערסק, דאָרט ווו הײַנט איז דעם אַרכיערייס זומער-וווינונג. אין דער קאַלטער שול אין מאָהליוו פלעגט מען נאָך מיט אייניקע צענדלינג יאָר צוריק מאַכן אל=מלא=רחמים די קדושים וואָס זענען דעמאָלט אומגעקומען פון די רוסישע הענט.

די מאָהליווער געשיכטע האָט באַוויזן ייִדן, דאָס מאָסקווער חיל איז ניט בעסער ווי די געוויינטלעכע קאָזאַקן. דערום האָבן זיך די ייִדן נעבעך געפּרוווט אויף דאָס לעצטע מיטל — ניט ביליק אַוועקגעבן זיך דעם שונא אין די הענט. וויטעבסקער ייִדן האָבן זיך באַוואָפנט, זיך געשטעלט גלײַך מיט דעם שטאָט=גאַרניזאָן און מלחמה געהאַלטן קעגן דעם רוסישן חיל. נאָר עס איז אונטערגעקומען אַליין אַלעקסיי מיט דעם גרויסן חיל און עס פאַרשטייט זיך, דאָס די ייִדן מיט זייער

געווער און אַפילו צוזאַמען מיט דעם שטיק פּוילישן גאַרניזאָן האָבן ניט געקאָנט בײַשטיין קעגן די מאָסקאָוויטער. אַלעקסיי האָט זיך נוקם געווען אָן די וויטעבסקער ייִדן — פיל געהרגעט, אַלץ צעראַבעוועט, און די איבעריקע האָבן זיך אָדער געשמדט, אָדער מען האָט זיי פאַר־טריבן אין געפאַנגענשאַפט קיין פּסקאָוו, נאָווגאָראָד און קאַזאַן. די זעלבע זאַך האָט זיך געטראָפן אין גאַנץ ליטע און אַפילו אין זאַמוט. עס זענען חרוב געוואָרן ייִדישע קהלות אין פּאָלאָצק, מינסק און קאָוונע. אומעטום זענען אַרומגעלאָפן באַנדעס קאָזאַקן און האָבן אויסגעהרגעט ייִדן ווו זיי האָבן נאָר געקאָנט. די קאָזאַקן האָבן אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף די פּאָליאַקן: חיל מיט חיל קאָנען האַלטן מלחמה; אָבער חיל מיט באַנדעס רוצחים, וועלכע אַנטלויפן געשווינד און ווי אַ שטורעמווינט קומען זיי ווידער און מאַכן פּוסט און וויסט פון אַלץ, — מיט די איז זייער שווער צו פירן אַ מלחמה. דעריבער, אַז ראַדזיוויל, וועלכער איז געווען אין ווילנע האָט דערהערט, דאָס די קאָזאַקן טרעטן צו צו ווילנע, האָט ער געמאַכט דעם גרויסן ויברח מיט זײַן גאַנצן חיל. דאָס איז געווען זומער, אין תּמוז תּט"ו. מיט דעם חיל זענען אויך אַנטלאָפן פיל שטאָטלײַט. ווער עס האָט נאָר געקאָנט באַקומען עפּעס אַ פור, אַ פערדל, אַ וועגעלע, — האָט ער גע־כאַפּט ווײַב און קינד, עפּעס פון זײַן גוטס און איז געלאָפן. אָרעמע און די וואָס האָבן ניט געהאַט קיין פורן, האָבן זיך געלאָזט צופוס, אַבי נאָר ראַטעווען דאָס לעבן. נאָר עס איז שוין געווען אַ ביסל צו שפּעט... גיכער ווי אַ שטורעמווינט פלעגן די שדים אָנפאַלן אויף אַ שטאָט, און מען האָט זיך ניט אַרומגעזען, ווי כמעלניצקי מיט זײַנע ווילדע וועלף האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט אַרײַן. אין איין טאָג האָבן די קאָזאַקן אויסגעהרגעט עפּעס אַ פינף און צוואַנציק טויזנט מענטשן... די גאַנצע שטאָט האָט מען אונטערגעצונדן און די שרפה האָט זיך געצויגן גאַנצע זיבעצן טעג, ביז עס איז שוין אין שטאָט ניט געבליבן וואָס עס זאָל ברענען... טאָמער איז געבליבן עפּעס אַ מעט מזער ייִדן אין ווילנע, וועלכע די קאָזאַקן און די מאָסקאָווי־טער האָבן ניט אויסגעהרגעט, האָט אַלעקסיי געהייסן זיי אַרויסטרײַבן

19) אין כאַמע=לשון,

פון שטאָט. דאָס זענען געווען די חסדים, וואָס אַ מאָסקווער מלך האָט באַוויזן יידן אין דער געגנט וואָס ער האָט איינגענומען. און אפשר איז דאָס טאַקע געווען אַ חסד: וואָס אַ שטייגער וואָלט מען טאָן, ווען ער הייסט זיי אַלעמען אויסקוילען אָדער דערטרינקען, ווי איוואַן דער שרעקלעכער האָט געהייסן טאָן מיט די פּאָלאָצקער יידן?...

יג

אַלע פאַרשטייען, דאָס ווען אַ לאַנד לעבט איבער אַזעלכע מלחמות איז דאָך וועגן פרנסה שוין ניטאָ וואָס צו ריידן. יידן, אויך די וואָס זענען געבליבן, מיט נסים ניצול געוואָרן פון דער שווערד, זענען געוואָרן דורכויס אביונים, שוואַכע, קראַנקע. פון די מלחמות איז נאָך געוואָרן גרויסע מאָרדן — פעסט, כאָלערע אָדער אַנדערע חולאתן — אין דער וועלט, און טויזנטער יידן זענען צעשטאָרבן פון הונגער און פון פאַרשיידענע קראַנקייטן.

נאָר גאָט האָט נאָך געהאַט פאַר יידן נאָך אַ פּעקל צרות, וועלכן אים האָט זיך געגלוסט אויסשיטן אויף די פּוילישע יידן.

מיט פּוילן האָט פאַרפירט אַ מלחמה, אויסער מאָסקווע, אויך שוועדן. קאַרל דער צענטער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די מדינות וואָס פון מערב- און צפון-זייט און האָט זיי מיט גאַנץ ווייניק מאַטערניש איינגענומען. פּוילן איז שוין געווען שוואַך און קאַרל איז געווען שטאַרק. יאַן-קאַזימיר, דער פּוילישער מלך, האָט געמוזט נעבעך אַנטלויפן צום דייטשן קיניג. און אָט די מלחמה צווישן שוועדן מיט פּוילן האָט זיך אויסגעלאָזט אויף די יידנס קעפּ... קאַרל איז געווען ניט קיין שלעכטער מענטש און צו יידן האָט ער גאָרניט געהאַט. ער האָט געוווסט, דאָס יידן האָבן די לעצטע יאָרן זייער פיל געליטן און ער האָט אויף זיי פראַסט רחמנות געהאַט. אַז ער האָט פאַרנומען פּויזן און האָט דאָרט געטראָפן אַ פּאָר טויזנט יידישע בעלי-בתים, איז ער זיך מיט זיי באַגאַנגען אָרנטלעך. אין דאַנציק

האָט קאַרל אַלץ גענומען מיט געוואַלד; נאָר די ייִדן, וואָס האָבן שוין אַפּנים געוווּסט דאָס די שוועדן זענען צו זיי גוט, האָבן זיך קעגן אים ניט געשטעלט, און ער האָט זיי ניט גערירט. דאָס אייגענע איז אויך געווען אין קראָקע, ווו עס זענען געווען פיל ייִדן. זייער מעגלעך, דאָס ייִדן, וועלכע האָבן שוין לאַנג ניט געזען אַ פריַינדלעכע מינע פון אַ מענטשן, האָבן זיך גאַנץ גוט געהאַלטן מיט די שוועדן. דאָס האָט געוואָרפן אַ חשד אויף די ייִדן. דער הויפּט=קאָמאַנדיר בײַ די פּאָליאַקן איז דעמאָלט געווען טשאַרניעצקי, וועמען עס האָט געפעלט דער מיליטערישער טאַלענט פון דעם דוכּס ווישניעוויעצקי. דערצו איז ער נאָך געווען אַ גרויסער שונא-ישראל. מיט די קאָזאַקן אָדער מיט די שוועדן האָט טשאַרניעצקי גאָרניט געמאַכט, נאָר דערפאַר האָט ער באַוויזן גרויס בריהשאַפט קעגן ייִדן. מלחמה האַלטן מיט ייִדן, מיט שטילע אײַנוווינער זענען אַלע גבורים, שדים-מזיקים. טשאַרניעצקי האָט חרוב געמאַכט גאַנצע ייִדישע קהלות, אויסגעהרגעט פיל ייִדן אין וורעשניע, זלאָטאָווע, לובראַנץ, ראָגשניע, לענטשיץ, פּקיט, לעסלע און פּויזן. ער האָט געהרגעט הונדערטער ייִדן ניט ערגער פון די קאָזאַקן, צעשניטן שטיקערווײַז, ווען אים האָט זיך נאָר געדוכט טאָמער איז מען גוט מיט די שוועדן. עס איז געוואָרן דער מצב אַזוי, דאָס ייִדן זענען שוין אין גאַנץ פּוילן ניט געווען זיכער. סכּנות=נפשות איז ווען אַ שטאָט אָדער אַ געגנט פאַלט אַרײַן צו די קאָזאַקן אין די הענט. גאַנצע שײַקעס פּויערים, וואָס האָבן געוואָרפן זייערע פּריצים און געלאָזט זיך אין דער וועלט אויף גזילה און רציחה האָבן זיך שטענדיק אַרומגעדרייט און אָנגעפאַלן אויף שטעט און אַלץ טאָקע באַגזלט, באַרצחעט דעם ייִדן. ניט פיל בעסער זענען געווען די מאָסקאָוויטער — דאָס רוסישע חיל. קיין סך ייִדן האָבן די רוסן קיין מאָל ניט געהאַט, זיי זענען ניט געווען אין טיף רוסלאַנד, — הײַנט פאַרוואָס זאָל מען ניט אויסקוילען ייִדן, וועלכע האָבן דאָך אויף זיך אַ גאַנץ אַלטן, אייביק נײַעם חטא — זיי זענען ייִדן, גלייבן ניט אין דעם נוצרי, האָבן געהאַנגען זייער גאָט?... מאָסקווע פלעגט נאָך רודף זײַן ייִדן כּלומרשט מיט אַן אויסרייד: די קריסטלעכע באַפעלקערונג פון די שטעט, די מיעשטשאַנעס, פאָדערן

מען זאָל ייִדן אַרויסטרײַבן... די מאָסקווער מלוכה טוט דאָך שטענדיק נאָר וואָס דאָס פאָלק ווינטשט... די איינציקע זענען געווען פריִער, אין דעם אָנהייב פון די בונטן, נאָר די פּאָליאַקן, וואָס פלעגן פאַרטיידיקן ייִדן. ערשטנס טאָקע ווײַל די ייִדן האָבן זייער פיל נוצן געבראַכט דעם לאַנד, ווו עס זענען ניט געווען קיין סוחרים, קיין פאַרמיטלער צווישן דעם פריץ און צווישן דעם פויער; צווייטנס האָט דער פּאָליאַק גאַנץ גוט געוווסט, דאָס אייגנטלעך איז דער בונט פון די קאָזאַקן ניט קעגן דעם ייִדן, נאָר איבערהויפּט קעגן דער פּוילישער מלוכה, און ווען דער קאָזאַק נעמט אײַן וועט ער מאַכן אַ תּל פון אים, פון פּאָליאַק. ממילא איז ער דאָך מיט דעם ייִדן אין איין צרה, נאָך אפשר אין אַ גרעסערן אומגליק ווי די ייִדן. דערום האָט ער זיך אײַנגעשטעלט פאַר דעם ייִדן. דאָס איז געווען צום אָנהייב אין די בונטן. צולעצט אָבער, ווען שוועדן איז אויך אַרויסגעטראָטן קעגן פּוילן, האָבן שוין די פּאָליאַקן געזען, דאָס עס איז אַ סוף מיט זייער גאַנצער מלוכה; פון פּוילן ווערט אַ חורבן, די פּוילישע מלוכה מיט איר גאַנצער גרויסקייט זינקט אין דער ערד... און עס איז טאַקע אַזוי געווען: מאָסקווע, שוועדן, טערקן, טאָטערן, — אַלע האָבן געריסן, געפּליקט פּוילן. אין אַזאַ צײַט ווערט אַ פאָלק ווי אַ ווילדע חיה, רײַסט און בײַסט וועמען עס קאָן, אייגענע אָדער פרעמדע, שונאים און גוטע פרײַנד. און עס איז קיין ווונדער ניט, אַז די פּאָליאַקן האָבן געזוכט וועמען זיי זאָלן באַשולדיקן אין זייער אומגליק. און ייִדן זענען ווידער אויך בײַ די פּאָליאַקן געוואָרן דאָס כפּרה־הינדל...

יד

זיבן פינצטערע יאָר איז געלעגן די שוואַרצע כמאַרע אויף די ייִדן אין פּוילן. אין די זיבן אומגליקלעכע יאָר זענען פאַרגעסן געוואָרן די גוטע פעטע יאָרן, וואָס ייִדן האָבן געלעבט אין פּוילן. עס איז ניט

געבליבן פון זיי קיין זכר. עס זענען אין די גזירות אומגעקומען צום קנאַפּסטן אַ דרײַ הונדערט טויזנט ייִדן, עס זענען חרוב געוואָרן מער ווי דרײַ הונדערט ייִדישע קהלות... פּוילישע ייִדן האָבן זיך צעזייט און צעשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט, אויף אַלע וועגן און שטעגן, אַנטלאָפן פון דעם ביטערן טויט און געזוכט אַ שטיקל טרוקן ברויט... ייִדן זענען אַוועק פאַר פּראָסטע באַטראַקעס אין די קאַטוילישע מאָנאַסטירן אין דײַטשלאַנד, האָבן זיך אַרומגעשלעפּט און געבלאָנדזשעט אין גאַנץ מערב־אייראָפּע, געזוכט ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן, מיט וואָס דעם הונגער צו שטילן... פיל האָבן ניט געוווּסט, ווו זענען אַהינגעקומען זייערע הויזגעזינדן, זיי האָבן אין סכנות־נפשות ניט געוווּסט, צי זייערע מאַנען, ווײַבער און קינדער זענען לעבעדיק געבליבן, אָדער חלילה אומגעקומען; זיי האָבן ניט געוווּסט ווו און ווי זוכט מען זיי... הונדערטער, טויזנטער קינדער זענען געבליבן אָן עלטערן, מען האָט ניט געוווּסט ווער זיי זענען. די רבנים האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן, מען האָט געמאַכט פאַרשיידענע תּקנות, מען האָט פיל קינדער אויפגעשריבן קמיעות ווער זיי זענען, ווער זענען געווען זייערע עלטערן, אויפגעהאַנגען זיי די רשימהלעך אויף די העלדזער, — זיי זאָלן עטוואָס וויסן ווער זענען געווען זייערע עלטערן, זיי זאָלן ניט חתונה האָבן אויף שוועסטער. רבנים האָבן געמוזט פאַר־גרינגערן די דינים קעגן עגונות, וואָרעם כמעט יעדער ייִד וואָס האָט געפעלט, איז געווען אין דער חזקה, דאָס ער איז דערהרגעט געוואָרן...

די צרות זענען געווען גרויס, וואָרעם זיי האָבן די גאַנצע זיבן יאָר ניט אויפגעהערט. ווען די רוצחים האָבן חרוב געמאַכט וועלכע עס איז שטאָט, פלעגן דאָך דערנאָך די ייִדן, די געבליבענע אָדער פון אַנדערע שטעטלעך, ווידער זיך דאָרטן באַזעצן. עס פלעגט קומען פּויליש חיל און ייִדן פלעגן רעכענען, דאָס זיי זענען שוין זיכער, אָדער גלאַט מען טראַכט זיך: לא תקום פעמים צרה, גאָט האָט שוין איין מאָל זײַן כעס אויסגעגאָסן און דאָס אומגליק וועט שוין מער ניט זײַן. באמת אָבער איז געווען גאַנץ אָפּט, דאָס יעדע קהילה האָט

געליטן פיל מאָל: דאָס קומט די באַנדע, דאָס קומט די צווייטע. ייִדן האָבן ניט געהאַט וווהין צו אַנטלויפן, בפרט אַז אין אוקראַיִנע איז געווען גוטע פרנסה. אין גאַנץ מערב-אייראָפּע איז דעמאָלט געווען ייִדן זייער ביטער. און אין פּוילן האָט זיך דעם ייִדן געלעבט, קיין חיות ניט, מיט תורה, מיט אַ שפע פון פרנסה, מיט אַ שטיקעלע אויטאָנאָמיע פאַר די ייִדישע כּלל-זאַכן. עס האָט זיך דעריבער ניט געוואָלט וואַרפן פּוילן, פאַרלאָזן דאָס לאַנד. און ווען מען האָט נאָר גערעכנט כאָטש עטוואָס, אַז די צרה איז שוין דורך, אַז מען קאָן זײַן עטוואָס רויִקער, — איז מען זיך ווידער געקומען אין די צערויִנירטע שטעטלעך, טאָמער וועט מען לעבן. דערפאַר זענען די הריגות געווען אַזוי גרויס און אַזוי פיל, וואָרעם אין יעדער שטאָט זענען געווען פּאָגראָמען ניט איין מאָל, נאָר צו עטלעכע מאָל...

די פּוילישע ייִדן האָבן זיך פונאַנדערגעשלעפּט איבער דער וועלט און האָבן געבראַכט קיין מערב-אייראָפּע די ריַיכקייט, וואָס ניט די קאָזאַקן און ניט די פּאָליאַקן האָבן בײַ זיי ניט געקאָנט אָפּנעמען, — זיי האָבן געבראַכט מיט זיך קיין אייראָפּע די תּורה און די לומדות, מיט וועלכע די פּוילישע און איבערהויפּט די ליטווישע ייִדן האָבן זיך אויך דעמאָלט אויסגעצייכנט. צווישן די אָרעמע, עלנטע און אומגליקלעכע וואַנדער-ייִדן האָבן זיך געפונען גרויסע גאונים, וועלכע זענען געוואָרן רבנים אין די גרעסטע ייִדישע קהלות אין אייראָפּע. דער פּוילישער ייִד איז טאַקע געווען אָרעם און עלנט און דער אייראָפּעיִשער ייִד האָט אויף אים געקוקט מיט רחמנות, נאָר גרויסע ווילנער זענען געווען די ליטוואַקעס, און ווען אַ קהלה האָט געוווּנטשן אַ רעכטן רבֿ, אָדער ווען אַ ייִד האָט געוואָלט מאַכן זײַן זון פאַר אַ למדן, האָט מען געמוזט אָנקומען צו די פּוילישע ייִדן. דער „שערי אפרים“, דער באַוווסטער פוסק בײַ ייִדן רבי שבתי כהן (דער ש״ך) האָבן פאַרנומען אין מעהרן די גרעסטע רבנישע ערטער. רבי משה רבקהש איז געוואָרן רבֿ אין אַמסטערדאַם, און רבי שמואל-אהרן קאַידענאָווער איז שפּעטער געוואָרן רבֿ אין פראַנקפורט-אַם-מאַין, רבי משה דער ווילנער האָט פאַרנומען די רבנות-שטעל אין מעץ. די אַלע פּוילישע רבנים האָבן

געבראַכט קיין אייראָפּע זייער גרויסע לומדות אין גמרא, זייער שטאַרקע בריהשאַפט אין פּלפּול און שאַרפקייט, און אַפילו פּסוק און יידישע גראַמאַטיק האָבן אויך פּוילישע יידישע געלערנטע געקענט. די גרויסע ישיבות וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין גרויס-פּוילן און אין דייטשלאַנד אין אַכצענטן יאָרהונדערט וואָלטן געוויס ניט זיין, ווען די פּוילישע אַנטלאָפענע יידן וואָלטן ניט פאַרשפּרייט אַזוי פלייסיק די תורה אין דער וועלט. די דייטשע יידן האָבן פריער ניט געהאַט קיין ישיבות, זיי זענען אויך ניט געווען אָרגאַניזירט אין זייערע כלל-אינ־טערעסן, ווי עס איז שוין לאַנג געווען אין פּוילן און אין ליטע, ווי עס זענען געווען „ועד ארבע ארצות” און „ועד מדינת ליטע” און ווי דאָס יידישע געמיינדע-לעבן איז געווען מיט אַ גאַנץ פיינעם סדר. דייטשע יידן האָבן זיך פיל אָפּגעלערנט פון די פּוילישע און מען קאָן זאָגן, אַז די יידישע עמיגראַנטן האָבן זייערע ברידער אין דייטשלאַנד און אונגאַרן גאַנץ אָרנטלעך באַצאָלט פאַר דעם הכנסת-אורחים, וואָס מען האָט זיי באַוויזן.

טו

יידן זענען פון אייביק אָן אַ „גוי אחד”, איין פאָלק, און ווען עס איז שלעכט ווי-ניט-ווי ערגעץ יידן, — גלייך פילן דאָס אונדזערע ברידער אין דער גאַנצער וועלט. דאָס איז אפשר נאָך דאָס שטיקעלע גליק פון יידן, וואָס זיי זענען צעשפּרייט אויף דער גאַנצער וועלט; אין איין אָרט ליידן מיר, און אין דעם צווייטן זיצן זיך יידן רויק און קאָנען העלפן זייערע ברידער, וועלכע עס האָט אַן אומגליק געשען.

דאָס זעלבע איז געווען אין גזירת ת”ח, בעת עס זענען אויף די יידן אין פּוילן אַרויפגעקראָכן די אומגליקלעכע, אייביק פאַרשאָלטענע כמעלניצקיס ציינטן. עס האָבן זיך געפונען אַחים לצרה, געפונען זיך גוטע ברידער וואָס האָבן געפילט זייער חוב צו העלפן מיט וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט.

יִדן אין מערב-אייראָפּע האָבן דאַן אַפּנים ווייניק געקאָנט העלפן. היינטיקע צײַטן נאָך אַ פּאָגראָם אין די ייִדישע שטעט באַדאַרף מען האָבן געלט-שטיצע, און די ייִדישע געמיינדעס אין מערב-אייראָפּע זעען שאַפן די נייטיקע סומעס געלט. דעמאָלט איז געווען די לאַגע גאַנץ אַנדערש. די ייִדישע געמיינדעס וועלכע זענען חרוב געוואָרן, זענען פולשטענדיק אומגעקומען, חרוב געוואָרן ביז צום גרונט, און קיין געלט אויף אָפּלעבן זיי האָט מען ניט געברויכט. די ייִדישע באַפעלקערונג אין די חרוב געוואָרענע שטעט איז אין גאַנצן אומגעקומען; אַ קליינע צאָל ייִדן, וועלכע האָבן זיך דאָס לעבן געראַטעוועט, זענען אַנטלאָפן אָדער זענען געגאַנגען אין געפאַנגענשאַפט צו די טאָטערן, און אין יעדן פאַל איז מען די געמיינדע ווידער בויען ניט אין שטאַנד געווען דעמאָלט צו העלפן די ייִדן. אויסער דעם דוכט אונדז, דאָס די ייִדישע געמיינדעס אין מערב-אייראָפּע זענען גאָרניט אין שטאַנד געווען דעמאָלט צו העלפן די ייִדן אין פוילן מיט עטוואָס וויכטיקס. די ייִדן אין מערב-אייראָפּע זענען דעמאָלט נעבעך געווען אָרעם און אונטערדריקט פון שלעכטע באַגרענעצנדיקע געזעצן פיל מער, גאָר ניט אין אַ ערך מער, ווי איצט די ייִדן אין רוסלאַנד. קוים-קוים האָבן זיי, די דײַטשע, עסטרײַכישע און פראַנצויזישע ייִדן, זייער אייגן שטעטל דעמאָלט באַשטאַנען; וועגן העלפן אַנדערע איז גאָר קיין רייד ניט געווען.

דערפאַר אָבער האָבן זייער פיל געטאָן די טערקישע ייִדן און איבערהויפּט די ספרדישע ייִדן אין דער גאַנצער וועלט, אויך אַפילו אין אייראָפּע. די הויפּט-הילף איז דעמאָלט באַשטאַנען אין „פּדיון-שבוים“, אין אויסקויפן בײַ די טאָטערן ייִדישע געפאַנגענע. די טאָטערן האָבן געבראַכט די ייִדן, וועלכע זיי האָבן געפאַנגען אין פוילן, קיין טערקײַ און דאָרטן אויף די שקלאַפן-מערק זיי פאַרקויפט פאַר קנעכט. דאָ איז געווען אַ גרויסע אַרבעט פאַר אונדזערע ברידער אין דער טערקײַ: אומעטום אין די שטעט ווו עס איז געגאַנגען דער האַנדל פון קנעכט זען אויסקויפן ייִדישע קינדער, דאָס זיי זאָלן קיין אייביקע קנעכט ניט בלײַבן. אין סטאַמבול (קאָנסטאַנטינאָפּאָל) האָט

זיך דעמאָלט געבילדעט אַ הויפּט-קאָמיטעט, און אין דער שטאָט סטאַמבול אַליין האָט מען אויסגעקויפט ביז צוואַנציק טויזנט יידן. אַזוי האָט מען געטאָן דעמאָלט אין גאַנץ טערקײַ, איבערהויפּט אין סאַלאָניקי, וועלכע איז שוין אויך דעמאָלט געווען אַ גרויסע יידישע געמיינדע. אין אַלע יידישע קהלות אין איראָפּע ווו יידן זענען געווען ניט זייער אונטערדריקט, למשל אין רוים און איבערהויפּט אין איטאַליע, אין ווענעדיג און ליוואָרנאָ האָט מען געזאַמלט גרויסע סומעס געלט און געשיקט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אויף פּדיון שבוים.

די יידישע שבוים זענען געווען פול אין גאַנצן אָריענט. ניט נאָר אין דער טערקײַ, נאָר אויך אין אַפריקע; מען האָט זיי פאַרפירט קיין מצרים, קיין אַלזשיר און מאַראָקאָ. אומעטום האָט מען זיי אויסגעלייזט, צוגענומען זיי מיט גרויס רחמנות און געזען טאָן זיי גוטס. דאָס יידישע האַרץ האָט זיך גלײַך אויפגעוועקט, מען האָט ניט געברויכט פיל קלאַפּן... דערצו זענען נאָך די פוילישע יידן געווען אין גרויס חשיבות בײַ אונדזערע ברידער, ווײַל זיי זענען געווען גרויסע לומדים. ניט מיט פוסטע הענט זענען געקומען פוילישע יידן אין דער פרעמד, נאָר מיט תורה און יידישקייט. אַזעלכע יידן האָבן זיך די יידישע געמיינדעס גערעכנט פאַר אַ גליק אויסצולייזן, ראַטעווען זיי פון דער שענדלעכער שקלאַפערײַ. איבערהויפּט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער צדקה די איטאַליענער יידן. אין ליוואָרנאָ האָבן זיך יידן מתחיב געווען אָוועקצוגעבן 25 פּראָצענט פון זייער פּרנסה יערלעך אויף פּדיון שבוים. מען האָט פאַרלאָזן אַלע צדקות, — מען האָט אַפילו אויף ארץ-ישראל אויפגעהערט דעמאָלט צו שיקן, — און דאָס גאַנצע געלט געגעבן אויף אויסקויפן די אומגליקלעכע ברידער פון געפאַנגענשאַפט. די אויסדערלייזטע יידן האָבן זיך באַזעצט אין זייערע נײַע לענדער, זיך גענומען ווידער בויען זייערע שוואַכע נעסטן אויף די נײַער ערטער...

דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די יידן וועלכע זענען געבליבן אין איראָפּע, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין דאַנציק און פון דאָרטן קיין האַמבורג און איטאַליע, אָדער וואָס האָבן זיך פונאַנדערגעשלעפּט

איבער דײַטשלאַנד און בעהמען. זייערע ברידער האָבן זיי ניט פאַר־לאָזן אין דער שלעכטער צײַט, און דער שארית ישראל, דאָס ביסל יידן וואָס זענען לעבעדיק געבליבן, האָט צוגעשפּאַרט זײַן שוואַכן, צעווייטאָגטן קאָפּ צו אַ נײַעם ערטל...

*

אָט אַזוי האָט זיך פּאַסירט מיט יידן אין „כמעלניצקיס צײַטן", וועלכע האָבן געדויערט, ווי מיר האָבן געזען, שיינע עטלעכע יאָר. מיר ווייסן הײַנט, דאָס אויף די זעלבע ערטער ווו דעמאָלט האָט זיך געגאָסן יידיש בלוט, ווו האָט מען אויסגעראָטן דעם יידן מיט אַ העלישן פײַער, איז הײַנט ווידער פאַראַן אַ גרויסע יידישע באַ־פעלקערונג, אפשר דער גרעסטער טייל יידן פון דער וועלט. נאָך מער: די יידן וואָס זיצן הײַנט אין אוקראַינע און איבערהויפּט אין דער געגנט ווו כמעלניצקי האָט אַזוי פיל צרות אָנגעטאָן יידן, — זיי זענען עקאָנאָמיש פעסטער און רײַכער פון אַלע יידן אין רוסלאַנד. די שנאה צו די יידן בײַ די קאָזאַקן איז אַפילו געווען גרויס, אָבער די עקאָנאָמישע סבות זענען גרעסער און שטאַרקער ווי אַ נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע פײַנטשאַפט. די פּאָליטיש־עקאָנאָמישע סבות, מחמת וועלכע עס האָט געפעלט יידן אין דער אוקראַינע האָבן געבראַכט, דאָס די יידן האָבן זיך ווידער געמוזט באַזעצן אין אוקראַינע. די זעלבע קאָזאַקן, וועלכע האָבן אויסגערעדט אין זייערע פּריווילעגיעס, דאָס יידן זאָלן זיך אין אוקראַינע ניט געפינען, האָבן דערנאָך אַליין געפּאָדערט, דאָס מען זאָל יידן ערלויבן ביסלעכווײַז באַזעצן זיך אין זייערע שטעט און דערפער. דער קאָזאַק האָט געפילט, אַז אַ מאַרק אָן אַ יידן האָט קיין עקאָנאָמישע באַדײַטונג ניט; ער האָט דעריבער געבעטן, געזוכט צו זיך יידן. דער קאָזאַק איז געווען רײַך מיט זײַן פיזישער קראַפט און מיט זײַן גוטער ערד. אָבער אים האָט אין גאַנצן געפעלט קולטור, אין גאַנצן איז ער, דער ווילדער, אייביק שכורער, געווען אויסגעשלאָסן פון דער ציוויליזירטער וועלט. און דער ייד איז

געוועזן דער איינציקער וואָס האָט אים צוזאַמענגעבונדן מיט דער וועלט. דורך דעם ייִדן האָט ער פאַרקויפט זײַנע פּראָדוקטן, וואָס עס האָט אים געגעבן דאָס פּרוכטבאַרע לאַנד; דורך דעם ייִדן האָט ער באַקומען אַלע סחורות, באַקאַליי און מאַנופאַקטור, אָן וועלכע אַפילו אַ נידעריק-קולטורעלער מענטש קאָן אויך ניט אויסקומען. די עקאָנאָמישע לאַגע פון אוקראַיִנע און גאַנץ קליין-רוסלאַנד איז געווען דעמאָלט, באַלד טאַקע נאָך „כמעלניצקיס צײַטן“ אַזאַ, דאָס ייִדן, די מפורסמים אין דעם וועלט-האַנדל, די בעסטע און פלינקסטע פאַרמיטלער, — דאָס ייִדן האָבן געמוזט אַהינצו צוריקקומען, ווידער זיך באַזעצן און פאַר-נעמען אַ שטאַרקע עקאָנאָמישע פּאָזיציע.

די פּאָזיציע איז געווען ווירקלעך שטאַרק. אין דעם נײַנצענטן יאָרהונדערט זענען צענדליגער טויזנטער דעסיאַטינעס ערד אין די וויסטע סטעפּעס פון נײַ-רוסלאַנד באַזעצט געוואָרן מיט ייִדן פון דער ליטע. דאָס האָט אין קיין אופן ניט אָפּגעשוואַכט די ייִדישע לאַגע אין יענער געגנט. און ווען די לעצטע פערציק יאָר האָבן זיך אין יענער געגנט שטאַרק אַנטוויקלט די געשעפטן מיט אײַזן און שטיינקוילן און איבערהויפּט די גרויסע עסקים פון מעטאַלורגיע, — זענען ייִדן דערבײַ ניט געשטאַנען פון ווײַטן. בײַ די קאָזאַקן האָט זיך ווידער אויפגע-וועקט די אַלטע שנאה קעגן ייִדן, און ייִדן איז פאַרבאָטן געוואָרן צו געפינען זיך אויף זייער ערד.

די רײַכקייט פונעם לאַנד איז ניט געבליבן בײַ די ייִדן, אָבער אויך ניט בײַ די דאָרטיקע רוטענער. עס זענען געקומען אויסלענדער אָדער די אַלטע בעלי-בתּים – פּאָליאַקן, און דאָס רײַכטום פון דעם לאַנד איז אַריבער צו זיי. דאָך אָבער, ווען וועמען עס איז איז נייטיק געווען, דאָס די קאָזאַקן און איבערהויפּט די רוסן פון אוקראַיִנע זאָלן אויסלאָזן צו וועמען עס איז זייער כּעס, האָט מען זיי אָנגערייצט, אויפגעהעצט אויף די ייִדן. מען געפינט פאַר נייטיק און פאַר גאַנץ גלײַך אויסצונוצן די אַלטע נאַציאָנאַלע פײַנטשאַפט פון די קריסטן קעגן ייִדן, זיי זאָלן זייער בייזן צאָרן שטילן אין ייִדיש בלוט. דאָס איז אפשר „פּאָליטיק“, אין דעם באַוווסטן פּאָלשן זין, אָבער די עקאָנאָמישע לאַגע פון דעם לאַנד

לײַדט זײער דערפֿון. אַזוי איז דאָס געװען בעת די פּאָגראָמען מיט עטלעכע און צװאַנציק יאָר צוריק, און נאָך שטאַרקער זעט מען דאָס בײַ הײַנטיקע פּאָגראָמען. די „פּאָליטישע" פּאָגראָמען װאָס מען מאַכט אין אַלע ייִדישע שטעט, איבערהױפּט אין די װוּ עס געפֿינען זיך כמעלניצקיס אײניקלעך, רוּיִנירן, זענען אין גאַנצן מהרס דעם עקאָנאָ-מישן מצב פֿון דעם לאַנד. ניט ייִדן אַלײן זענען געװאָרן אָרעם, נאָר אױך דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע באַפֿעלקערונג; עס האָט ניט געלױנט צו מאַכן פּאָגראָמען אַפֿילו די װאָס האָבן זײ געמאַכט. אַז מען באַדאַכט זיך אַ ביסל, װען מען באַטראַכט די לאַגע גוט, כאַפּן זיך אױך די קריסטן, דאָס די פּאָגראָמען האָט מען ניט באַדאַרפֿט.

און די עקאָנאָמישע פֿאַקטאָרן, װעלכע זענען אַנטקעגן די פּאָ-גראָמען זענען, זאָגן מיר נאָך אַ מאָל, פֿיל שטאַרקער װי די אומזיסטע שנאה, װי די „פּאָליטיק" װאָס עס לױנט צו שפּילן דער רעאַקציע. און װען די גאַנצע באַפֿעלקערונג װעט דאָס פֿאַרשטײן — און דאָס װעט דאָך יאָ אַמאָל זײַן, — דאַן װעלן פּאָגראָמען אױפֿהערן. און ערשט דאַן װעלן מיר קאָנען דערמאָנען אין פֿרײדן „כמעלניצקיס צײַטן", װעלכע װעלן זיך שױן מער ניט אומקערן.

אינהאַלט

זײַט

מעשהלעך פון מײַנע אַמאָליקע יאָרן

(די צוקונפט, ניו־יאָרק 1927) 1

דעם זיידנס סוכּה

(דער יוד, קראָקע 1902) 41

חנוכּה־מעשיות

(דער יוד, קראָקע 1902) 50

קאַרטיאָזשניקעס

(דער פרײַנד, פּעטערבורג 1903, חנוכּה־בײַלאַגע) 58

אַ מלחמה־מעשה

(דער פרײַנד, פּעטערבורג 1904) 67

פעליעטאָנען

געפונענע בריוולעך פון דער אָדעסער אַסיפה

(דער יוד, קראָקע 1901) 76

זייט

אַ פּעקל מעשיות (דער יוד, קראָקע 1902):

הקדמה	88
וויפל ערד באַדאַרף אַ מענטש	94
שבעה נאָך אַ יידענע	103
די גרויסע מחלוקת	112
שלעכט און גוט (דער פריינד, פּעטערבורג 1903)	123
אַ געוויינטלעכער פרימאָרגן (דער פריינד, פּעטערבורג 1903)	137
ווי ליפּע דער פּאַקן-טרעגער האָט געכאַפּט אַ קאָזאַק און איז געפאָרן ריטנדיק אום שבת (דער פריינד /א"ג דאָס לעבן/ פּעטערבורג 1906)	144
אין די דאָזיקע טעג (דער פריינד, פּעטערבורג 1905)	156
קהלשע געשעפטן (דער פריינד /א"ג דאָס לעבן/, פּעטערבורג, 1906)	162
מינסקער בית-עולם (דער פריינד, פּעטערבורג 1905)	168
כלומרשט חנוכה (דער יוד, קראָקע 1901)	174
אַ פּירוש אויף דער מגילה (דער פריינד, פּעטערבורג 1903)	182

זייט

אַרטיקלען

יידישע כלל־אַסיפות
(דאָס לעבן /חודש־זשורנאל/, פּעטערבורג 1905) 189

דניאל מאָרדאָווצעוו
(דאָס לעבן /חודש־זשורנאל/, פּעטערבורג 1905) 237

כמעלניצקיס צייטן
(דער פרייַנד /א"נ דאָס לעבן/, פּעטערבורג 1906) 256